STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07408

ZUN UN VOLKNS

Joseph Weiss

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ווייס

זון און וואָלקנס

געווידמעט צו מיינע קינדער:

דוד

משה

מעי

בוך־קאָמיטעט:

סירולניק — פאָרזיצער
לין — רעקאָרדינג סעקרעטאַר
סווערדלאָוו און גאָלדשטיין פינאַנץ־קאָמיטע

•

ערן־מיטגלידער:

לאה און העררי גאָלדפאַרב
חברים סווערדלאָוו
יוסף קאַראַבעלאָ
נחמן קרופין
חברים באַרש
א. אַשענבערג
שלמה און מערי הימל
חברים קאַטץ
דאָרע ביירעק
חברים מעלאַמידאָוו
דר. קאַראַבעלניק
ליבי בערמאַן
חברים ראָזין
אוזרא סטיין
מרים ריטוש
לילי און חיים גאָלוב

יוסף ווייס

זון און וואָלקנס

דערציילונגען

אַרויסגעגעבן פון

בעי סיטיס בוך־קאָמיטעט אין וועניס, קאַליפאָרניע
יידישער קולטור־קלוב • י. ל. פרץ לייען־קרייז
עמאַ לאַזאַרוס פרויען־אָרגאַניזאַציע

לאָס אַנדזשעלעס, 1962

JOSEPH WEISS

ZUN UN VOLKNS

(Sun and Clouds)

SHORT STORIES

Copyright, 1962
by Joseph Weiss

Published by BAY CITIES BOOK COMMITTEE
508 Altair Place
Venice, Calif.

Pdinted in the N. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 W. 25th Street, New York City
166

אינהאַלט

	זייט
קינדער	7
שרה און איר הויזגעזינד	17
האַרווי	23
נומערן	32
אייניקלעך	60
אויפגעגעבן...	71
אַ פאָרוואורף	83
פאַלמען־ביימער	92
אַ קליינע טראַגעדיע...	104
די צווייטע יוגנט	110
היטלערס האַנט	119
אין די הויכע הימלען	128
דער זעלבער ווין	142
איבערגעבעטן	155
אַ געבוירנטאָג	162
אַ אומגליקס־פאַל	169
די לאַנגע האַנט	178
דעם טייוולס בערג	186
די גאָלדענע חתונה	199

זייט

די שטייג — — — — — — — — — — — — — — — — 211

ווייסע בערן — — — — — — — — — — — — — — — 223

אין וועג — — — — — — — — — — — — — — — — 233

אין אַן אַנדער וועלט... — — — — — — — — — — — 247

די טרייסט — — — — — — — — — — — — — — — 251

אָפּגעברענט — — — — — — — — — — — — — — — 259

אַ פאַרלוירענער פרייגט — — — — — — — — — — — 268

קינדער

דעני האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין עטלעכע הייזער ווייטער פונעם פענצטער מיט דער מעלדונג „אַפּאַרטמענט צו פאַרדינגען".

— הער זיך איין, נעלי — האָט ער געזאָגט צו דער פרוי וואָס האָט געהאַלטן אַרום זיך זייערע פיר קינדער, — וואַרט דאָ אויף מיר, איך גיי זיך פרעגן פאַר דער דירה. און איר — האָט ער געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויפן קליינוואַרג — זיצט שטיל, מען זאָל אייך ניט זען און ניט הערן — פאַרשטאַנען ?!

די קינדער האָבן אומעטיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּלעך.

דעני האָט געעפנט די טיר פון אויטאָמאָביל וואָס האָט פון אַלטקייט אַ קרעכץ געטאָן, נאָך אַמאָל אָנגעזאָגט די קינדער צו זיצן שטיל און איז אַוועקגעגאַנגען.

ס'איז געווען אַ נעפּלדיקער פאַרמיטאָג, וואָס האָט אויסגעזען ווי נאַכט, צוליב די ליכט וואָס האָט געברענט אין די געשעפטן. די גרויע לופט איז געווען קאַלט און בייסיק. מענטשן האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן מיט זייערע האַלב־אָנגעצונדענע ליכט געגלאָצט ווי מיט פאַרגלייזטע אויגן, און דערמאָנט דעם טויט וואָס לויערט אין די גאַסן...

אַזוי שנעל ווי דער פאָטער איז אַוועק האָבן זיך די קינדער אַ שפּאַר געטאָן מיט די קעפּ צו די פענצטער.

— זיצט איין! — האָט זיי די מוטער צוריקגעשלעפּט — איר האָט שוין פאַרגעסן וואָס דער פאַ האָט אייך אָנגעזאָגט? זיצט! — האָט זי זיי מיט אַלע כוחות געפּרואווט האַלטן אַרום זיך, און זיי האָבן זיך געריסן ווי פייגל פון אַ שטייג.

— פאַרוואָס טאָר איך ניט אַרויסקוקן? — האָט דער זעקס־יעריקער בערי פּראָטעסטירט.

— ווייל אַזוי! און הער מיר אויף פרעגן פראַגעס, דו הערסט? —

מיט אים האָט זי זיך מער געראַנגלט ווי מיט די אַנדערע קינדער, זי שלעפּט אים אַראָפּ און ער שפּרינגט אַרויף, איינמאָל, צוויי מאָל, ביז דאָס בלוט האָט אין איר אַ קאָך געטאָן און זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש, אַז ער האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן. זי האָט זיך געקילט אַ ביסל דאָס האַרץ, און געשריען: „איך וואָרן דיך! כ׳וועל דערציילן דעם טאַטן, אַז דו ווילסט מיך ניט הערן, אַז דו מאַכסט מיר דעם טויט, וועט ער דיר דערלאַנגען מיטן פּאַסיק אַז דו וועסט האָבן צו געדענקען!"

— פאַרוואָס קומט מיר זאָלסט מיך שלאָגן?! — האָט בערי וויינענ־דיק פּראָטעסטירט און זיך געהאַלטן ביי דער באַק.

— ווייל דו האָסט עס פאַרדינט! ווייל דו טוסט מיר אין דער גאַל אַריין, די אַנדערע קינדער פאַרקוקן זיך אויף דיר און ווערן אויך שלעכט. דו האָסט זיך פאַרנומען אויף מיין לעבן און וועסט מיך אין דער ערד אַריינטרייבן — האָט זיך איר קול איבערגעבראָכן און אַ ציטער געטאָן, ווייל זי האָט דאָך געקאָנט אים אַן אויג אַרויסהאַקן מיט איר שווערער האַנט. אַז נעליס נערוון צעציטערן זיך ווערט איר האַנט ווילד, טוט זיך אַ ריס און זי קאָן איר ניט צוריקהאַלטן...

— איך האָב גאָרניט געטאָן! — האָט בערי געוויגט דעם קאָפּ, ווי עס וואָלט אים שווער געווען אַראָפּצושלינגען די עוולה.

— האָסט יאָ געטאָן! דו ביסט אַלעמאָל דער ערשטער מיך ניט צו פאָלגן, איך זאָג דיר זיץ, און דו שפּרינגסט דווקא צום פענצטער. מען וועט דערזען אַ מאַשין מיט קינדער וועט מען אונדז ניט וועלן פאַר־דינגען קיין דירה, צוליב דיר וועלן מיר דאַרפן וואוינען אין גאַס!...

בערי האָט אַלץ געוויגט דעם קאָפּ און זיך געשטיקט פון געוויין, ביז נעליס אויגן זיינען פייכט געוואָרן... זי האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך און געקושט די געפּאַטשטע באַק, ער האָט זיך געריסן פון איר... די קינדער האָבן פאַרזאָרגט געקוקט אויפן גרויסן ברודער און געווען צו־פרידן וואָס די מאַמע בעט אים איבער.

דעני האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר פון הויז וואו ס׳איז געווען די מעלדונג, „אַפּאַרטמענט צו פאַרדינגען". ס׳איז אַרויסגעקומען אַ גרוילעכע פרוי מיט זייער אַ פריינטלעכן שמייכל.

— קאָן איך זען די וואוינונג?

— געוויס, קומט אַריין — האָט זי ברייט געעפנט די טיר פאַר אים. דעני האָט באַקוקט די צימערן און זיי זיינען אים זייער געפעלן.

— די זון קומט דאָ צו אַ גאַנצן טאָג. ס׳איז נאָענט צו אַ באָס און אַ סטריטקאַר, און ניט ווייט איז אַ שפּייזמאַרק — האָט די פרוי געזאָגט.

— יאָ, איך האָב באַמערקט — האָט ער צוגעגעבן, און געפּרוּווט, ניט אַרויסווייזן ווי שטאַרק די וואוינונג געפעלט אים. שוין וואָכן ווי זיי ברעכן פּיס, זוכן אַרום אַ דירה, אַז זיי ווערן מיד, פאָרן זיי אַרום אין אַלטן אויטאָמאָביל, ברענען אויס גוטן גאַז און אויל. וואו מען דערהערט קינדער, גיט מען באַלד אָן פאַרשיידענע תירוצים ניט צו פאַרדינגען, ביז דעני האָט פאַרביטערטער געזאָגט צום ווייב:

— הער זיך איין, נעלי, אויב מיר וועלן ווייטער אָנגיין מיטן אמת וועט אונדז אויסקומען צו וואוינען אין גאַס, ווייל אַזוי שנעל ווי דו זאָגסט נאָר אַרויס דאָס וואָרט קינדער, ווערן זייערע פּנימער פאַרקרומט ווי דו וואָלסט דערמאָנט אַ פּעסט.

— וואָס קאָנסטו טאָן, אַז מיר האָבן פּאָרט קינדער, און דערצו נאָך שיינע, געראָטענע קינדער, זיי זאָלן געזונט זיין, אַז איך גיי מיט זיי אַרויס אין גאַס קוקן מענטשן נאָך, און מען באַוואונדערט זיי... קאָנסט דאָך ניט זאָגן, אַז מיר האָבן ניט קיין קינדער!

— פאַר וואָס קאָן איך ניט? אַז איך וויל קאָן איך.

— ביסט משוגע געוואָרן?

— ניין, אוודאי, זאָגן אַז מיר האָבן אינגאַנצן ניט קיין קינדער איז אַ צו גרויסער ליגן — האָבן מיר איין קינד, איין קינד איז שוין ניט געפערלעך, מיט איין קינד וועט מען נאָך פאַרדינגען.

— און וואו וועסטו אַהינטאָן די אַנדערע?! — האָבן אירע צע־שראָקענע, מאַמעדיקע אויגן אַ בליץ געטאָן.

— די אַנדערע? נאַרעלע, מיר וועלן זיי קיינעם ניט אַוועקשענקען, אַז מיר וועלן זיך שוין האָבן אַריינגעקליבן ערגעץ, אַריינגעשטעלט אַ פוס... וועלן מיר די אַנדערע קינדער איינציקווייז אַריינבנעמען.

— אַריינשמוגלען מיינסטו, ווי זיי וואָלטן געווען גנבישע סחורה?!

— האָט זי געצאָרנט — דעני, ס׳געפעלט מיר ניט!

— ס׳געפעלט מיר אויך ניט. אַז מען קאָן ניט אויפן גלייכן וועג, גייט מען מיטן קרומען, מיר מוזן דאָך ערגעץ וואוינען, און צו קויפן אַן אייגן הויז פעלט מיר נאָך עפּעס צו די ערשטע צען טויזנט דאָלער...

— דיר איז לייכט זיך אָפּצורעדן, ביסט אַ טאַטע, אָבער ווי אַזוי קאָן אַ מאַמע דאָס גאָר ברענגען אויף אירע ליפּן, — פאַרלייקענען אירע קינדער! איך האָב אויף זיי בלוט פאַרגאָסן, זיי זיינען ניט קיין ממזרים!...

— האָבן זיך אירע אויגן פאַרוואָלקנט און טראָפּנס טרערן האָבן אָנגעהויבן פאַלן.

— דעני! — האָט זי זיך געטאָן אַ צאַפּל.

— וואָס איז?

— אַ, דעני! איך האָב דיר מורא געהאַט אויסצוזאָגן, כ׳שטיק זיך מיט דעם עטלעכע טעג!

— וואָס איז? — האָט ער זיך דערשראָקן.

— איך בין שוין ווידער „פאַרהאַקט”, אַ ניי אומגליק!

דעני איז בלאַס געוואָרן און אויסגעשטעלט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, ווי „דאָס” וואָלט שוין געווען „צופּיל”.

— ביסט זיכער?

— זיכער, האָסט מיך ווידער אַריינגעפירט אין אַן אומגליק! וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן?! — האָט זי זיך צעוויינט. ער האָט געגלעט אירע געלע לאָקן וואָס האָבן געציטערט אויף אירע פולע קיילעכדיקע אַקסלען. ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, טרייסטן, האָט זי זיך ניט געלאָזט...

— וואָס האָט איר אייך פאַרטראַכט? — האָט די פריינטלעכע פרוי געפרעגט.

— איך — טראַכט ווי אַזוי דאָ איינצושטעלן אונדזערע זאַכן. ווען דענקט איר קאָן מען זיך אַריינציען?

— אַנטשולדיקט, מעג איך אייך פרעגן וויפל איר זענט אין דער פאַמיליע?

— די פאַמיליע?... — האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ — אַ, איר מיינט צי מיר זיינען בלויז אַ פּאַרפּאָלק, אָדער —

— איך מיין צי איר האָט קינדער?

— קינדער? יאָ... מיר האָבן איין קינד.

— זאָל עס אייך זיין געזונט און שטאַרק, אַנטשולדיקט וואָס איך פרעג, ווייל מיר האָבן שוין געהאַט אַ סך צרות פון פאַמיליעס מיט קינדער, דערפאַר טאַקע זיינען מיר פאַרזיכטיק. קינדער, זאָלן געזונט זיין, מאַכן אַ תל פון אַ הויז, שיילן אָפּ די ווענט, פאַרשטאָפּן די „פּלאָמבינג” — פאַר אַ פאַמיליע מיט קינדער איז די בעסטע זאַך אַן אייגענע היים.

— איך דענק אויך אַזוי. דערוויל אָבער קענען מיר קיין אייגענע היים ניט קויפן. און מיין מיידעלע איז ניט פון די קינדער, זי איז אַ שטילע טויב, מען הערט זי ניט און מען זעט זי ניט...

— זאָל זי אייך זיין געזונט און שטאַרק, נאָר אײדער איך גיי פאַרדינגען מיט אַ קינד, מוז איך פריער איבעררעדן מיט מיין מאַן. און ס׳איז נאָך גוט וואָס איר זייט אַן אָרענטלעכער מענטש און זאָגט אויס דעם אמת. פאַראַן אַזעלכע, ווי זאָל איך זיי אָנרופן? ליגנערס, שווינדלערס, וואָס נאַרן אָפּ... זאָגן זיי האָבן ניט קיין קינדער, גנבענען זיך אַריין און דערנאָך קומט אָן מיטן טויט איידער מען ווערט פטור פון זיי.

— וואָס מיינט איר? — איז דעני צעטומלט געוואָרן און אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער, אפשר האָט זי דערזען זיין פרוי מיט די קינדער אין דער מאַשין... נאָר דאָס איז ניט מעגלעך, די מאַשין שטייט עטלעכע הייזער אָפּגערוקט און דער נעפּל פאַרשטעלט איר.

— וואָס איך מיין? כ׳וועל אייך זאָגן וואָס איך מיין: פאַראַיאָרן קומט אַריין אַ פּאָרפאָלק, זיי האָבן דווקא אויסגעזען אָרנטלעכע, אָנשטענדיקע מענטשן, און ווילן דינגען אַן אַפּאַרטמענט. פרעג איך זיי, „איר זיינט צוויי מענטשן אָדער איר האָט קינדער?" זאָגט דער מאַן, „מיר זיינען צוויי מענטשן". פאַרדינג איך די וואוינונג, זיי ציען זיך אַריין און ס׳איז שאַ־שטיל. איך זאָג נאָך צו מיין מאַן: מיר האָבן אַריינגעקראָגן זייער אַ פיין פּאָרפאָלק, צוויי מענטשן, מען זעט זיי ניט און מען הערט זיי ניט. איינמאָל, איך גיב אַ קוק, אַ מיידעלע טאַנצט אויף אַ שטריק. טוט מיר שוין אַ קלאַפּ אין האַרץ. וואָס איז "דאָס?" — פרעג איך דעם מאַן — איר האָט דאָך געזאָגט אַז איר האָט ניט קיין קינדער? — ענטפערט ער מיר: „דאָס איז מיין שוועסטערס מיידעלע, געקומען צוגאַסט".

— אין אַ טאָג אַרום, — רעדט די פרוי ווייטער, — אַ ייִנגל קלאַפּט מיט אַ לעפל אין אַ בלעך. ווערט מיר שוין פינצטער אין די אויגן... און „דער" ווער איז? פרעג איך. „דער, זאָגט שוין זי, איז מיין מאַנס שוועסטערס ייִנגל, זי ליגט אין קימפּעט מיט אַ צווילינג... ער טשעפּעט ניט קיינעם אַז מען טשעפּעט אים ניט". נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ אומפאַרשעמטקייט? דאָס האָט נאָך געהאַט אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן און מיר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין — אפשר פינף קינדער אַריינגעשמוגלט, די גנבטע! די געשרייען מיט די גוואַלדן זיינען געגאַנגען ביז צום זיבעטן הימל. דאָס הויז האָט געציטערט. אַז דאָס זיינען גאָרניט געווען קיין קינדער נאָר שדים, איך האָב נאָך אַזעלכעס אין מיין לעבן ניט געזען. טענה איך צו זיי: „איר האָט דאָך געזאָגט אַז איר זיינט צוויי מענטשן". ענטפערט זי: וואָדען, מיר זיינען ניט קיין מענטשן?" און

שמייכלט. מיר רינט ס׳בלוט פון האַרץ און זי שמייכלט. ליגנערס, שווינדלערס! שריי איך שוין אויס, איר האָט דאָך אפשר אַ האַלבן טוץ קינדער אַריינגעפּאַקט אין דעם קליינעם אַפּאַרטמענט, זיי וועלן דאָך מיר די „פּראָפּערטי״ צעטראָגן! רופט זיך שוין אָן דער מאַן: „איר גיט זיי ניט עסן, ציילט זיך די ציין אין מויל״... מיין ליבער פריינט! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַז מיר האָבן דאָס איבערגעלעבט זיינען מיר שטאַרקער פון אייזן. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? אָנהייבן זיך מיט „קאָרטס״ מיט „לאָיערס״ וועט עס אונדז אויפעסן. איין אויסוועג איז געבליבן, פאַרביטערן זיי אַזוי דאָס לעבן זיי זאָלן מוזן אַליין אַנטלויפן, און זיי זיינען אַנטלאָפן... פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס מען איז פאַרזיכטיק?

— איך פאַרשטיי שוין — האָט דעני אויסגעשפּיגן ס׳לעצטע שטיקל פּאַפּיראָס לעבן אירע פיס און אַוועק אָן אַ גוטן טאָג...

ער האָט זיך געלאָזט מיט פאַרהאַקטע ציין צו דער מאַשין וואו זיין פרוי און קינדער האָבן געוואַרט אויף אים. דער נעפּל איז געוואָרן גע־דיכטער, טונקעלער. וואו טוט מען זיך אַהין? האָט ער פאַרצווייפלט גע־טראַכט. און דאָ האָט אים נאָך נעלי אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה, אַז זי איז ווידער אין אַנדערע אומשטענדן און די פריינטלעכע פרוי קראַקעט אים נאָך אַלץ אין די אויערן אַריין אַז מ׳האָט זי באַגנבעט... פליט אויף אַ בעזים מיט אַרויסגעשטשירעטע ציין און שרייט: קינדער! קינדער!

ער פאַרשנעלערט די טריט, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון איר, אַנטלויפן פון אַלץ און פון אַלעמען... אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט, קיינער זאָל ניט וויסן וואו ער איז אַהינגעקומען... האָט ער אָבער ליב די קינדער, איז שטאַרק צוגעבונדן צו זיי, דאָס פיר־יאָריקע מיידעלע וויקלט די הענט־לעך אַרום זיין האַלדז און רופט אים „דעדי סוויטהאַרט״. און נעלין האָט ער דאָך אוודאי ליב. די לעצטע צייט איז זי געוואָרן דיקער, ער ווייס ניט פון וועלכע גליקן... אים דאַכט זיך, אַז ס׳פּאַסט איר, זי זעט אויס פרויענ־לעכער, ווער רעדט אַז זי „טוט זיך אָן״, פאַרריכט אַ ביסל ס׳פּנים — איז זי דאָך אַ קעניגין...

וואו איז ער דאָ ערגעץ? ער דערקענט ניט די גאַס און זעט ניט זיין מאַשין. ס׳פאַלט שוין טאַקע צו די נאַכט? אין נעפּל ווערן די אויגן פאַרבלענט פון די העלע ליכט אין די שויפענצטער, אַז מען זעט כמעט ניט וואו צו גיין. ווייזט אויס, אַז ער איז אַוועק אין דער פאַרקערטער ריכ־טונג און זיך פאַרדרייט. די פרוי מיטן ליבן שמייכל האָט אים פאַרהאַקט

דעם קאָפּ און אויפגערעגט, באַליידיקט... מיט אירע זידלערייען אויפן פּאַרפאָלק וואָס האָט זיך צו איר אַריינגעגנבעט מיט די קינדער...

אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון וואַנען ער איז געקומען, האָט ער ווידער דערזען דאָס פענצטער מיט דער מעלדונג „אַפּאַרטמענט צו פאַרדינגען".

ס'האָט אים גענומען אַ שטיק צייט ביז ער האָט דערטאַפּט די צעבויגענע זייטן פון זיין אַלטער מאַשין, אָבער נעלי מיט די קינדער זיינען שוין דאָרט ניט געווען, זי איז ווייזט אויס מיד געוואָרן וואַרטנדיק און געגאַנגען עפּעס איינקויפן. ווער ווייסט ווי לאַנג ווי וועט זיך זאַמען. אַז זי גייט איינקויפן נעמט איר אַ שטיק צייט: קלייבט איבער, ספּעקולירט, זוכט וואו ביליקער, וועט לויפן ווי ווייט איינצוברענגען אַ פּעני, קיינער קאָן ניט אַזוי „אויסציען" דעם דאָלער ווי זי. אַ שווער לעבן האָט זי ביי אים. דאָס שענסטע שטיקל צייט, דערמאָנט ער זיך, איז ביי זיי געווען באַלד נאָך דער חתונה, זינט אָבער די קינדער האָבן אָנגעהויבן קומען אויף דער וועלט, גייט זיי פון שלעכט צו ערגער, אַזוי ווי די אומשולדיקע קינדער וואָלטן אַ קללה געבראַכט מיט זיך... און וואָס מער ס'קומט צו אַ קינד, אַלץ ענגער ווערט דער שטריק אויף זייער האַלדז פאַרצויגן. ער האָט געזוכט אַ פּאַפּיראָס אין קעשענע. ס'איז אים געווען שווער אויפן האַרצן און טרוקן אין מויל. און נעלי איז נאָך אַלץ ניטאָ, וואו האָט זי געקאָנט אַהינקומען? אין אַזאַ נעפּל איז לייכט צו פאַרבלאָנדזשען, דערצו נאָך אין אַ פרעמדער געגנט וואו זי איז ניט באַקאַנט. און אפשר האָט עפּעס געטראָפן מיט זיי? פריער איז פאַרבייגעפלויגן אַן אַמבולאַנס און צעשניטן די לופט מיט אַ דראָענדיקן פייפן, מיט אַן אָנזאָג פון אומגליק! ווער ווייסט? קינדער האָבן דאָך ליב צו לויפן אונטער די רעדער... האָבן זיך צעשפּילט זיינע נערוון.

ער איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי נערוועז. די לעצטע יאָרן האָבן אים געגעבן שווערע קלעפּ, אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ. ער וואָלט באַדאַרפט עפּעס, וואָס זאָל אים געבן קוראַזש, אַ האַנט וואָס זאָל זיך אויסשטרעקן צו אים... איז אָט... פון אַהעל־באַלויכטן פענצטער שמייכלען צו אים פלעשער בראַנפן, שעפּטשען אים דאַכט זיך אין אויער אַריין: דו נאַר איינער, נעם אַ שנאַפּס און דו וועסט פאַרגעסן אין אַלע צרות. די פלעשער און פלעשלעך לאָקן, שעמערירן אין פאַרשיידענע קאָלירן, פאַרשיידענע פאָרמען און פאַזעס: נידעריק־בייכיקע, הויכברוסטיקע, שלאַנקע, דיקע,

און פלאַטשיקע פאַר דער בוזעם־קעשענע — בוזעם־פריינט. באַמאָלטע, באַקלעפּטע מיט פאַרשיידענע קאָלירטע „לעיבלס״. ציען זיי, רייצן מיט האַרבן פאַרשיכורדיקן ריח, וואָס דרינגט אַרויס פון דינעם גלאָז, ווי דאָס לייב ביי לויזע פּרויען פון דורכזיכטיקע טולן. יאָ, ער וואָלט באַדאַרפט אַ „טרונק״, נאָר ער האָט געציילטע עטלעכע דאָלער, זיי זיינען זייער געענגט, מילך פאַר די קינדער איז בילכער, זאָגט בעלי, און זי איז גערעכט. ער האָט איר צוגעזאָגט ניט צו טרינקען, ער האָט איר געמוזט שווערן און וועט ניט ברעכן זיין וואָרט... טוט ער אַ שפּיי און הייבט אָן שטעלן שנעלערע טריט, נאָר וואו ער קערט זיך — לאַכן אַרויס צו אים פלעשער בראָנפן, מאַניען, ציען, שוואַכן אָפּ זיין כוח זיך קעגנצושטעלן, ווינקען צו אים: דאָס „וואַסער״ איז גוט, גיב זיך אַ טיק אונטער און וועסט אָפּוואַשן פון זיך אַלע צרות.

ער דרייט אָוועק דעם קאָפּ, לאָזט זיך אָוועק אין אַן אַנדער גאַס, ערשט ער טוט אַ קוק, די פלעשער זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ שפּיזקראָם, ווי זיי וואָלטן אים פאַראָלפן, פאַרצוימט דעם וועג. גייט ער ווייטער, לאַכן זיי אַרויס צו אים פון אַן אַפּטייק, וואו זיי זיינען געדיכט, און בכבודיק אויסגעשטעלט, לעבן מעדיצינען וואָס היילן, לינדערן מענטשלעכע וויטיקן...

ער איז געשטאַנען לעבן דער שוועל פון אַ העל־באַלויכטן געשעפט. ווידער געציילט אין געדאַנק דאָס מאָגערע פאַרמעגן, געשלאָגן זיך מיט דער דעה: יאָ אַריינגיין — ניט אַריינגיין? אַ וויג געטאָן זיך און — אַריינגעגאַנגען.

אַרויסגעקומען איז ער מיט נערוועזע איילנדיקע טריט, שנעל אויסגעזוכט אַ געזאָלין־סטאַנציע, אַריין אין „מענער־צימער״ און געטאָן אַ טיפן זיפּ פון פלעשל, אָפּגעצויגן דעם אָטעם און געטאָן אַ זיפּ. אָפּגעווישט די ליפּן מיטן אַרבל, באַהאַלטן ס׳פלעשל אין דער בוזעם־קעשענע, אָוועק צו דער מאַשין, און דאָרט שוין געטראָפן בעלין מיט די קינדער.

— וואו זייט איר געווען אַזוי לאַנג? — האָט ער זיך געוואונדערט.

וואו ביסטו געווען? כ׳האָב שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן — איז בעלי אַרויס מיט אַ קעגן־טענה — די קינדער זיינען געוואָרן אומרואיק, ניט געוואָלט מער אייַנזיצן, בין איך דערוויל געגאַנגען מיט זיי עפּעס איינקויפן. נו, וואָס הערט זיך?

— גאָרנישט, זי דאַרף ערשט איבעררעדן מיטן מאַן.

— ווער איז דער זי?

— די „לענדלעידי", זי דאַרף זיך ערשט באַראָטן מיטן מאַן צי זי זאָל פאַרדינגען צו אַ פּאָרפּאָלק מיט איין קינד.

— מיט איין קינד צו פאַרדינגען קווענקלט זי זיך אויך?

— דאָס וואָס דו הערסט.

— זאָל זי פּלאַצן!

— זאָל זי. הערסט דאָך, מען האָט זי שוין באַשווינדלט, אַ פּאָרפּאָלק האָט געזאָגט זיי זיינען בלויז צוויי מענטשן און אַריינגעשמוגלט זיך מיט אַ כאָפּטע קינדער. אפשר האָט זי אייך געזען אין דער מאַשין?...

— ווי האָט זי אונדז געקאָנט זען פון דער ווייט אין אַ נעפּל?...

— דער טייוול ווייסט זי — האָט דעני געבלאָנדזשעט מיט דער האַנט, ניט געקאָנט אַריינטרעפן אין שליסל־לאָך אויפצומאַכן דעם מאָטאָר. דער בראַנפן האָט אים צעטומלט דעם קאָפּ, צעררייצט די בלוטן, צעבלאָזן אין אים אימפּעט, קוראַזש... שאָטנס האָבן זיך געדרייט און געבויגן אַרום דער מאַשין, די קינדער זיינען געוועזן פריילעך, געקוויקט זיך מיט די צוקערקעס וואָס די מאַמע האָט זיי געקויפט, געשטיפט און געלאַכט.

פּלוצלונג האָט עפּעס געטאָן אַ מוראדיקן קלאַפּ, דער הימל האָט זיך אַ בויג געטאָן און ניט געוואָרן, די מאַשין האָט זיך איבערגעקערט, ווינגדיק זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. פון אינווייניק האָבן זיך געטראָגן פאַרצווייפלטע געשרייען, העכער פון אַלע האָט געשריגן בערי מיט אַ קוויטשיק מיידליש קול. פון דעניס פּנים זיינען גערונען שטריפן בלוט. נעלין האָט עס צום ווינציקסטן געשאַט, די קינדער, וואָס זי האָט אַרומגעהאַלטן אַרום זיך האָבן זי באַשיצט ווי אַ פּאַנצער...

דעני האָט זיך געוואונדערט וואָס מען פירט אים אויף אַ בעטל דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר און אַלע אברים שרייען אין אים פון ווייטיק. ער האָט געוואָלט אַ ריר טאָן מיט אַ האַנט און ניט געקאָנט. דערנאָך האָט מען אים אַרויפגעלייגט אויף אַ טיש אונטער אַ סך לאָמפּן. אַוועקגעלייגט עפּעס אויף זיין פּנים און געהייסן אים ציילן, איינס, צוויי, דריי, ביז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און אָנגעהויבן פאַלן אין אַ פינצטערן אָפּגרונט...

שפּעטער האָט ער דורך די שפּעלטלעך פון די אויגן, וואָס ער האָט קוים געקאָנט אַ ביסל עפענען, דערזען ווי עמעצער אין ווייסן בייגט זיך איבער אים, ס'האָט זיך אַרום אים געוויגט אַ ווייסער שאָטן אָן אַ פּנים, מיט אַ קול וואָס קומט פון ערגעץ זייער ווייט.

— נע־לל־י, — האָט ער געפּלאָנטער מיט דער צונג וואָס האָט גע־ברענט אין זיין מויל. ער האָט אינגאַנצן געברענט, געלעגן פאַרהאַקט

אין אַ פייערדיקן אויוון איינגעהילט אין פלאַמען. ווען ער איז שוין באַלד איינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, האָט זיך דאָס פייער אָנגעהויבן אויסלעשן, די ווייטיקן האָבן אויפגעהערט. ער האָט איינגעדרימלט און דערזען ווי זיינע קינדער שוועבן אין אַ קלאָרן בלויען הימל, פאָכן צו אים מיט די פליגל וואָס איז אויסגעוואָקסן אויפן אָרט פון זייערע הענטלעך. אָבער וואו איז נעלי, האָט ער זיך געוואונדערט. „טאַטע", האָבן אים די קינדער גערופן: „קום אַרויף צו אונדז, אין הימל זיינען דאָ אַ סך שיינע וואוינונגען און מען לאָזט אַריין מיט קינדער"...

ער האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו זיי...

שרה און איר הויזגעזינד

יעדן אינדערפרי ווען מען דאַרף גיין צו דער אַרבעט, ווערט אין הויז אַ פּאַניק ווי ס'וואָלט אויסגעבראָכן אַ שרפה: שטענדיק איז מען פאַרשפּעטיקט. אַז דער זייגער צעקלינגט זיך אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט, שניידט ווי מיט מעסערלעך די פאַרשלאָפענע אויערן, טוט אַ זון אָדער אַ טאָכטער אַ טאַכטער אינסטיקטיוו אַ צי־אויס אַ האַנט און פאַרשטומט אים, דערוואַרגט אים... פּטור געוואָרן פון אים, טוליעט מען זיך איין אין וואַרעמען בעט, מען דרייט זיך צוזאַמען אין אַ קנויל, ווי מען וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן עפּעס פון אַ ביטערן שונא און מען נאַשט זשעדנע נאָך אַ ביסל געגנבעטן שלאָף.

שרה, די מאַמע, איז אָבער אויף דער וואַך, זי לאָזט ניט אָפּ, וואָרנט אַז מען וועט ווידער זיין שפּעט, מען וועט ווידער אַנטלויפן פון הויז אָן אָנבייסן, רעדט פון זיך דאָס האַרץ אַרויס, ביז זי פאַרליט דעם געדולד און הייבט אָן פון זיי אַראָפּרייסן די אויבערדעקן. ווערט אַ געשריי, מען פּראָטעסטירט, מען פאָכעט מיט די הענט, מען דריגעט מיט די פיס, מען קוקט אויף דער מאַמען מיט פאַרקרימטע, זויערע פּנימער, מען ציט זיך, מען גענעצט. אַז מען הייבט זיך אָן אויסשטוכען און מען דערזעט טאַקע ווי שפּעט ס'איז, ווערט אַן איילעניש. אַ לויפעניש, אַ כאַפּעניש, מען טרעט אָן איינער אויפן אַנדערן, מען פאַרבייט זיך מיט די קליידער, ס'ברעכט אויס צווישן שוועסטער און ברידער אַ קורץ־אָפּגעהאַקטע קריי־גערייי, און דער זייגער דערוויל נוצט כיטרע אויס די געלעגנהייט און כאַפּט אַריין, שלינגט שנעל, שנעל די מינוטן, ביז מען דערזעט מיט שרעק, אַז ס'איז שוין טאַקע גאָר שפּעט! ווער אַ געלויף, אַ פאַרשטיקט ברומעריי פון אָנגעפּאַקטע מיילער, אַ קלאַפּעריי מיט דער טיר, אַ טופּעריי אויף די שטיגן — ווי מען וואָלט דאָס הויז איינגעלייגט.

וואָלף, שרהס מאַן, דער פאָטער פון די דריי טעכטער און צווי זין, שטייט אויף פריער פון אַלעמען. ער האָט נאָך מיט אַ שעה צוריק אָפּ־געגעסן און איז אַרויס פון הויז.

אַז אַלע גייען אַוועק און שרה בלייבט אַליין, רויש איר אין קאָפּ און ס׳קלינגט איר אין די אויער. ס׳נעמט אַ שטיק צייט ביז זי קומט צו זיך און הייבט אָן פּלאַנירן איר טאָג אַרבעט: ס׳ערשטע דאַרף זי אַראָפּרוימען פון טיש דאָס אָנבייסן, וואָס זי האָט אָנגעגרייט און די קינדער האָבן ניט קעגעסן, ווייל זיי זיינען געווען פאַרשפּעטיקט. זיפצט זי, און ס׳האַרץ טוט איר ווי, וואָס זיי ווילן דאַרפן הונגערן ביז „לאָנטש". דערנאָך דאַרף זי מאַכן די בעטן, אויפראַמען ס׳הויז, וואָס זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם, ווען אַלע גייען אַוועק. זי עסט אויך עפּעס, נאָר דער ביסן באַקומט איר ניט, טראַכטנדיק, אַז ביי די קינדער ווערט דאָס האַרץ איבערחלשן ביז צוועלף אַזייגער. דערנאָך דאַרף זי גיין איינקויפן, אויסרעכענען ס׳זאָל אויסקומען וואָס ביליקער, שפּאָרעוודיקער און געשמאַקער.

זי האָט זיבן מיילער צו שפּייזן און דער יקרות ברענט! די פּרייזן שפּרינגען יעדן טאָג אַזוי הויך אַרויף, אַז דאָס בלוט קאָכט אויף אין איר. אָט נעמט זי צען דאָלער אין דער האַנט אַריין, און באַלד ווערן זיי ניט. זי גייט פון איין קראָם אין דער צווייטער, זוכט וואו ביליקער, אָבער אין ערגעץ איז ניט ביליקער, ווי אַלע קרעמער וואָלטן זיך געמאַכט איין האַנט... קרעכצט זי און זיפצט און צאַלט, טראַכט: מען עסט אַריין בלוט אין זיך. ווי לאַנג קענען זיי דאָס האַלטן אין איין אַרויפציען די פּרייזן? ס׳וועט דאָך מוזן אַמאָל פּלאַצן!... דערווייל אָבער מוז מען עסן.

פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט טוט זיך אַ לאָז אויף איר דאָס הויזגעזינד ווי הונגעריקע וועלף, אַז די אויגן גייען איר אַזש איבער פון פרייד זע־ענדיק ווי געשמאַק זיי עסן, ווי אַלץ ווערט פון טיש פאַרצוקט, ווי הנאהדיק זיי קייען, ווי פריידיק זיי רעדן און לאַכן, גרייטן זיך אַרויסצו־גיין פאַרברענגען: ווער צו אַ קאָנצערט, ווער צו אַ באַגעגעניש מיט אַ מיידל, אָדער אַ מיידל מיט אַ בחור.

אויפגערעאַמט אַ ביסל דאָס הויז, דערזעט זי אין באָד־צימער אַ הויכן קויש קויטיקע וועש מיט אַ שלעכטן שווייסיקן ריח. זי דאַרף פאַרצי־רעווען, פאַרריכטן — זי האָט אַזויפיל צו טאָן, אַז זי ווייסט ניט צו וואָס מען נעמט זיך פריער. צום ערשט מוז זי גיין איינקויפן, דאָס איז דער פיינלעכסטער טייל פונעם טאָג אַרבעט. נעכטן האָט זיך דער מאַן גע־וואונדערט: „וואָס? האָסט שוין ווידער ניט קיין געלט?!" דאָס האָט איר אַזאַ ברען געטאָן, אַז ווען זי האָט אים געוואָלט ענטפערן, איז איר

דאָס קול אַזש פאַרשטיקט געוואָרן... נאָכאַמאָל וועט זי אים וואַרפן ס׳קוישל אין פּנים אַריין: „נאַ! גיי דו איינקויפן, און פיל מיין טעם!“.

ביינאַכט צום אָונטמאָל איז שרה פאַרפּלאָמט, צעשמייכלט און זי דערלאַנגט, דערלאַנגט שנעל און געטריי, פּאַדעט אַרום, בעט מען זאָל עסן גרינס, ניט צופיל איבערזאַלצן, ניט כאַפּן, עסן געלאַסן, גוט צעקייען. אַז זי האָט שוין אַלעמען אויסגעטיילט, זעצט זי זיך אויך עסן. זי איז אָבער מיד, כאָטש זי איז די איינציקע אין הויז, וואָס גייט ניט אַרבעטן.

נאָך דער וועטשערע הייבט מען זיך אָן דינגען, ווער ס׳זאָל דער מאַמען העלפן צעוואַשן ס׳געפעס.

וואָלף דער מאַן, וואָס אַרבעט אין אַן אייזן־פאַבריק, איז אַ שווערער מענטש און אַ שווייגער, ווי דורך לאַנגע יאָרן וואָלט זיך דאָס אייזן אָפּ־געזעצט אין אים. נאָכן געשמאַקן מאָלצייט דרימלט ער איין איבער זיין צייטונג.

די זין און טעכטער זיינען צעברויזט, צעפלאַמט פון די גוטע שפּייזן, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט, רעדן שנעל־שנעל, לאַכן, שפּאַסן, דער־ציילן די געשעענישן פון טאָג, פאַררעדן זיך, און טוען זיך אַ כאַפּ — ס׳איז שפּעט! די צוויי שוועסטער האָבן זיך באַשטעלט צו טרעפן מיט בחורים, די ברידער מיט מיידלעך, אָדער מען האָט בילעטן צו אַ קאָנ־צערט. כאַפּט מען אויף זיך אַ פאַרטוך און מען וויל העלפן אין געפעס. לאָזט זי ניט: „גייט, איר זענט שפּעט. איך וועל זיך שוין אַליין אַן עצה געבן. ניין, איך וועל אייך איצט ניט לאָזן צעוואַשן ס׳געפעס. איר האָט זיך פאַררעדט און פאַרגעסן ווי שפּעט ס׳איז, טאָ גייט וואו איר דאַרפט!“.

ווערן זיי מיד זיך צו אַמפּערן מיט איר... פאַרזיכערן זיי, אַז אַ צווייט מאָל וועלן זיי איר שוין העלפן. נעמט די עלטסטע טאָכטער סילוויאַ, טוט אָן אַפּאַטיש אַ פאַרטוך און הייבט אָן אַראָפּנעמען פון טיש, מיט אַ שטומען פּראָטעסט קעגן די ייִנגערע שוועסטער און ברידער. לאָזט ניט די מאַמע: „ניין, פאַרוואָס עפּעס דו? גיי אויך אַרויס אַ ביסל, אָטעם איין פרישע לופט; מען זעט אַ מענטשן, מען טרעפט זיך מיט עמעצן, ווערט מען אויפגעלעבט“.

שרה איז באַאומרואיקט וועגן דער עלטסטער טאָכטער. אירע אויגן ווערן, דאַכט זיך, מאַט, דאָס קול לעשט זיך, זי בלייבט צו אָפט אין הויז. וואַרפט פאָר איין זון דעם אַנדערן, פאַרוואָס זיי העלפן ניט דער מאַמען.

פאַרלירט שוין שרה דאָס געדולד: „קינדער, קינדער, הערט אייך אויף דינגען! גייט געזונטערהייט וואו איר דאַרפט. כ׳וועל שוין אַליין צע־וואַשן ס׳געפעס. ביי מיר שפּילט עס ניט קיין ראָלע, און איך האָב היינט אין קיין שאַפּ ניט געאַרבעט. גייענדיק יעדן טאָג איינקויפן, האָב איך גענוג פרישע לופט"...

אַז אַלע גייען אַרויס פון הויז, זעצט זיך אָפּ אַן איינשלעפערנדיקע שטילקייט, וואָס וואָלף דער מאַן צעזעגט מיטן שנאָרכן. שרה פּרואווט אַריינקוקן אין אַ צייטונג, שטייען ניט די אותיות אויף אַן אָרט, קרימען זיך, דרייען זיך, נעמען זיך גאָר צוזאַמען און טאַנצן... זי איז מיד. די אויגן קלעפּן זיך איר, דער קאָפּ וויגט זיך, זי שפּאַרט אים אָן אויף די הענט און דרימלט איין — קומט אַריין סילוויאַ מיט אַ שיינעם הויכן בחור און שטעלט אים פאָר פאַר איר חתן. דער טאָכטערס אויגן לויכטן, די באַקן פלאַמען. שרהס האַרץ איז שטאַרק דערפרייט. דער בחור פאַרנויגט זיך מיט רעספּעקט פאַר איר. שרה וויל אים געבן די האַנט, פאַרטשעפּעט זי אַ טעלער אויפן טיש, וואָס פאַלט אַראָפּ מיט אַ בראַזגערײַ. זי שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענע און קוקט זיך צעטומלט אַרום. דעם מאַנס קאָפּ ליגט אויפן טיש. זי טוט אַזאַ מידן גענעץ, אַז די ליפּן צי־טערן איר אַזש, אירע אויגן פייכטן זיך. זי פאַרשאַרצט די אַרבל און הייבט אָן אַראָפּנעמען פון טיש.

„וואָלף!" — טאַרעט זי דעם מאַן — „גיי לייג זיך שלאָפן. ווערסט צעבראָכן אַזוי זיצנדיק". אַז ער הערט זי ניט, פירט זי אים צו צום בעט, וואו ער הייבט זיך אָן פאַרשלאָפנערהייט אויסטאָן. זי הייבט ווידער אָן אַראָפּנעמען פון טיש. דריי מאָל אַ טאָג וואַשט זי געפעס. וויפל צע־וואַשט זי אַ וואָך, אַ יאָר, און דורך די אַלע יאָרן?

זי איז פאַרזונקען אין אַ הויכן באַרג געפעס, אַז מען זעט זי שוין באַלד ניט אַרויס... די הויט פון אירע פינגער איז אויפגעגעסן פון די האַרבע שטאָפן, וואָס זי טוט אַריין אין וואַסער. זי וואַשט איצט מעכאַניש די פאַרקלעפּטע טעלער און טעפּ. דאָס אָפּעסן נעמט אַ קורצע צייט, אָבער דאָס איינקויפן, דאָס שלעפּן די פּעק אין הויז אַריין, דאָס קאָכן, דאָס דערלאַנגען און צעוואַשן נעמט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אַז אַ סך מאָל דאַכט זיך איר, אַט פאַלט זי פון די פיס און ניטאָ ווער ס׳זאָל איר העלפן: די קינדער און דער מאַן אַרבעטן שווער, מוזן זיי האָבן אַביסל אָפּרו.

דער אמת איז, אַז זי דאַרף ניט לויפן אינדערפרי קלינגען אַ זייגער

אין אַ פאַבריק אָדער אָפיס, האָט ניט קיין באַלעבאָס, קיין פאָרמאַן איבער זיך, זי איז אַ פרייער מענטש... איי, זי איז אויך מיד און די פיס ווערן אַלעמאָל שוואַכער אונטער איר? וועט זי, ווען איר צייט וועט קומען, אויך רוען... לאַנג, וועט זי רוען.

שרה שיילט קאַרטאָפל. ס׳איז שוין שפעט. זי האָט זיך געקריגט מיט די קרעמער פאַרוואָס זיי שינדן די הויט, און זי האָט פאַרלוירן צייט... באַלד קומען די קינדער און דער מאַן פון דער אַרבעט, און זי האָט אַ קאָפּ־ווייטיק, פילט בכלל ניט גוט, ס׳האַרץ הייבט איר אָפּטמאָל אָן קלאַפּן. פון נערוועזיטעט ציטערן איר די הענט, זי איז פאַרביטערט אויף דער גאַנצער וועלט, אַ טרער וואַרגט זי. ס׳מעסער טוט זיך אַ גליטש, פון אַ פינגער רינט בלוט, אַז ס׳פאַרקלעמט איר אַזש ביים האַרץ. זי קוקט מיט פייכטע אויגן אויף דער פאַרבלטיקטער קאַרטאָפל...

און דער וועקזייגער אין קיך טיקעט אויס: „שפעט, שפעט! שנע־לער, שנעלער!“, ווי ער וואָלט געווען איר פאָרמאַן... פאַרבינדט זי אין איילעניש דעם פינגער און שיילט ווידער. אַז די קאַרטאָפל האָבן שוין אַרומגעטאַנצט אין זודיקן טאָפּ, האָט זי שנעל אָנגעהויבן גרייטן צום טיש.

צומאָרגנס איז איר דער פינגער געווען געשוואָלן. זי האָט אים גע־ווייקט אין הייס וואַסער, אָנגעשמירט עפעס, פאַרבונדן און ווידער געטאָן די הויז־אַרבעט. דאָס געשווילעכץ איז אָבער געוואַקסן, די גאַנצע האַנט ביז צום אַקסל האָט איר געצויגן, דער פינגער איז געווען האַרט, גלאָזיק און האָט פאַרשפרייט אַ ווייטיק איבערן גאַנצן קערפּער. דעם דריטן טאָג האָט זי שוין גאָרניט געקענט טאָן מיט דער האַנט. אַז דער מאַן מיט די קינדער זיינען געקומען פון דער אַרבעט, איז דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לאַנגע צייט ניט געווען גרייט קיין וועטשערע. זיי האָבן געקוקט געפּלעפט אויף איר פאַרבונדענער האַנט. ביז די טעכטער האָבן פאַר־שאַרצט די אַרבל, די זין האָבן צוגעהאָלפן, אפילו וואָלף דער פאָטער האָט אויך עפעס געטאָן, און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז פאַרטיק געוואָרן אַ מאָלצייט... נאָכן עסן האָבן אַלע צוזאַמען אין עטלעכע מינוט צעוואַשן ס׳געפעס...

אינדערפרי האָט מען שרהן צוגעטראָגן אויף אַ טאַץ אָנבייסן אין בעט אַריין ווי פאַר אַ מיליאָנערקע... דאָס געשווילעכץ איז אָבער ניט אָפּגעגאַנגען. מען האָט זי גענומען צו אַ דאָקטער און ער האָט געזאָגט,

אַז אין דע וואונד האָט זיך אַריינגעכאַפּט שמוץ, ער האָט איר געמאַכט אַן איינשפּריצונג און איר געהייסן ליגן אין בעט, ווייל זי איז סיי־ווי אָפּגעשוואַכט און דאַרף רו.

די קינדער האָבן איינגעקויפּט, געקאָכט, געטראָגן די טאַץ אין בעט אַריין, און דאָס עסן האָט געהאַט טויזנט טעמען... זי האָט גערוט, גערוט, פאַרמאַכט די אויגן און גליקלעך געשמייכלט. דער פינגער האָט טאַקע געשטאָכן, געפּיקט, געפּיקט. נאָר דאָס פאַרגעניגן פון רוען איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער ווייטיק איז אין דעם פאַרלוירן געוואָרן.

האַרווי

האַרווי האָט געהערט זיינע עלטערן זאָגן, אַז ס'איז אַ שלעכטע צייט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, ווי אַזוי איז די צייט שלעכט, אַז אינדרויסן שייַנט די זון, דער הימל איז הויך, ברייט און בלוי, יינגלעך שפּילן אין „באָל" (פּילקע), שרייען, ליאַרעמען וויפל זייער האַרץ גלוסט; מען הענגט זיך נאָך אויף וועגענער, מען קריכט אויף פּאַרקנס, מען לויפט אַרום ווי הירזשנדיקע, שפּרינגענדיקע, טאַנצענ־דיקע פערדלעך. אַמאָל צעשפּרייט ער די הענט און פליט ווי אַ פויגל מיט צעפּאָכעטע פליגל, און רירט אפילו ניט אָן די ערד. אָט וועט ער אַרויפפליען העכער און העכער און זיך אויסמישן מיט די טויבן אין בלויען הימל. — איז דאָס אַ שלעכטע צייט?

זיין פאָטער דזשאַן איז אַ הויכער אַטלעטישער מאַן. ער קאָן גוט שפּילן אין באָל, ער איז אַ גוטער שווימער און אַ טענצער. האַרווי האָט געהערט מענטשן זאָגן, אַז ער האָט גאָלדענע הענט, ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס ער זאָל ניט קענען מאַכן, און דאָך דרייט ער זיך אַרום אַ פאַרזאָרגטער, אַ טרויעריקער און טוט גאָרניט, רעדט זעלטנס אויס אַ וואָרט און רויּ־כערט אַ פּאַפּיראָס ביז צום לעצטן ברעקל, ביז עס בריט אים אָפּ די פינגער.

אַ סך זאַכן זיינען פאַר האַרווין ניט קלאָר און באַאומרואיקן אים: אָט, לעצטנס, זיינען געקומען צוויי שלעכטע מענטשן און צוגענומען די טעלעוויזיע פון הויז, אַריינגעלייגט זי אין אַ וואָגן און אַוועקגעפאָרן מי ט איר. און דער טאַטע זיינער, וואָס ער באַרימט זיך מיט אים פאַר די יינגלעך, אַז ער איז אַ שטאַרקער, אַז ער האָט גרויסע האַרטע מוסקולן ווי אייזערנע געוויכטן (האַרווי האָט זיי ניט איינמאָל אָנגעטאַפּט און באַ־וואונדערט), האָט געשוויגן און זיי געלאָזט און געשטאַנען אין אַ ווינקל ווי אַ טרוס.

מיט איין קלאַפּ פון זיין האַרטער, האַמערדיקער פויסט וואָלט ער דאָך די צוויי קליינע, נישטיקע מענטשעלעך אויסגעצויגן! פאַרוואָס האָט ער זיי געלאָזט צונעמען די טעלעוועזיע?

די מאַמע האָט מיט פייכטע אויגן פאַרריכט אַ העמד און זיך גע־

מאַכט ניט זעענדיק וואָס זיי טוען. ווען די מענער האָבן אַ כאַפּ געטאָן די טעלעוויזיע, האָט זיך ביי האַרווין עפּעס אָפּגעריסן אין האַרץ. די לידיקע וואַנט האָט אויף אים אַ פינצטערן גלאָץ געטאָן; אויף דעם טונקעלן אָרט זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן זיינע באַליבטע פּראָגראַמען פון צויבער־מעשיות, וואָס מען ווייזט אַמאָל פאַר קינדער, געשיכטעס וועגן קלוגע, געטרייע הינט, וואָס ראַטעווען מענטשן, און „באַל־געימס״.

— פּאַ, לאָז ניט צונעמען אונדזער טעלעוויזיע! — האָט זיך אַרויס־געריסן אַ געשריי פון אים, ווען זיי האָבן זי אַ כאַפּ געטאָן. און אַז דער פּאָטער איז אַלץ געשטאַנען ווי אַ געליימטער, האָט ער אַליין אָנגעכאַפּט איינעם פון די מענער ביי דער פּאָלע, שרייענדיק: — איך וועל ניט לאָזן, דאָס איז ניט אייער טעלעוויזיע! — אַז דער מאַן האָט האַסטיק אָפּגעוואָרפן זיין האַנט פון זיך, איז ער אומגעפאַלן און אים אָנגעכאַפּט ביי אַ פוס, וואָס יענער האָט מיט שוועריקייט אַרויסגעריסן. און דער פּאָטער האָט נאָך געשריגן אויף אים, ער זאָל זיך ניט מישן אין אַזעלכע זאַכן.

— זיי נעמען דאָך צו אונדזער טעלעוויזיע! — האָט ער מיט אַ פּאַר־שיקט קול פון טרערן געשריגן.

— זיי דאַרפן זי נעמען, מען האָט זיי געהייסן. דו ביסט נאָך צו קליין דאָס צו פאַרשטיין! און נאָך אַמאָל זאָלסטו ניט אָנכאַפּן קיינעם ביי די פיס — דו הערסט?! סיידן דו ווילסט קריגן פון מיר מיטן פּאַסיק!

האַרווי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט שוין מורא געהאַט, און דער האַלדז איז אים געווען פאַרשטיקט. ער האָט זיך באַ־האַלטן אין אַ ווינקל און שטיל געוויינט. ער וועט זיך ניט קאָנען מער באַרימען פאַר די יינגלעך מיט זיין טאַטן, אַז ער איז אַ גרויסער, אַ שטאַר־קער און האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט. ס׳האָט אים געטראָפן אַ טאָפּלט אומגליק: ער האָט אי פאַרלוירן דעם רעספּעקט פאַרן טאַטן, וואָס ער האָט ליב געהאַט, אי די טעלעוויזיע. טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף זיינע באַקן און ער האָט אפילו זיי ניט געפּרוּאווט אָפּווישן, ביז ער האָט דערפילט אויף זיך די צאַרטע הענט פון זיין מאַמען — האַרווי, מיין טייערער יינגל, וויין ניט. די צייט וועט זיך פאַרבעסערן, איך און דער פּאַ וועלן קריגן אַרבעט, וועלן מיר פאַרדינען אַ סך געלט, און קויפן אַ נייע, אַ בעסערע טעלעוויזיע. נו, גיי וואַש זיך אָפּ דאָס פּנים.

— פאַרוואָס האָט דער פּאַ געלאָזט צונעמען אונדזער טעלעוויזיע?!

— האָט ער אויפסניי אַרויסגעכליפּעט.

— נאַריש קינד! דער פּאַ האָט גאָרניט געקאָנט טאָן, מיר האָבן ניט געהאַט צו מאַכן די איינצאָלונגען, האָט די קאָמפּאַני געשיקט די מענער זיי זאָלן זי צונעמען. און ס׳איז דאָך אויך ניט די מענערס שולד. ווּעסט עלטער ווערן, ווּעסטו דאָס אַליין פאַרשטיין, און רעספּעקטירן דיין פאָטער. ער איז אַ פיינער ערנהאַפטער מאַן און אַ שווערער אַרבעטער, נאָר די צייט איז שלעכט און ס׳איז ניטאָ קיין אַרבעט. קום, מיין טייער זונעלע. וואַש זיך אַרום דאָס פּנים, און איך וועל דיר געבן עפּעס צו עסן.

אין עטלעכע אַרום זיינען געקומען אַנדערע מענער און אַרויסגענומען די וואַש־מאַשין פון הויז. דער פאָטער איז ניט געווען אין דער היים. די מאַמע האָט ווידער געהאַט פייכטע אויגן און זיי גאָרניט געזאָגט: זי האָט זיך נאָר געמאַכט ווי זי זעט ניט וואָס זיי טוען, כאָטש ער האָט פון איר ניט איינמאָל געהערט זאָגן, אַז די וואַש־מאַשין איז איר אייגענע האַנט, און אין באָד־צימער איז געלעגן אַ באַרג קויטיקע וועש.

די מאַמע האָט געשטעלט אויפן טיש אַ טעלער בעבלעך, פון וואַנען ס׳איז אַרויס אַ פאַרע, עטלעכע שטיקלעך ברויט און אַ טעפּל קאַווע.

— דזשאָן, מען טאָר ניט זיין פאַרצווייפלט. די צייט וועט זיך בעסערע, מען מוז האָבן געדולד.

— זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין געדולד, און זיך געאיילט שנעל צוצונעמען די טעלעוויזיע און די וואַש־מאַשין, וואָס מיר האָבן שוין מער ווי אַ העלפט געהאַט אויסגעצאָלט!

— דזשאָן, עס ווערט ניט פריער ליכטיק, ביז עס איז גוט פינצטער. ווּעסט זען, אַז ס׳וועט נאָך זיין גוט. זעץ זיך צום טיש. ביסט אויפגע־שטאַנען פאַרטאָג און אַרויס פון הויז אָן אָנבייסן.

אין אַ פרימאָרגן איז ווידער צוגעפאָרן אַ גרויסער וואָגן צום הויז, און עטלעכע שטאַרקע מענער האָבן אָנגעהויבן אַרויסטראָגן דאָס מעבל. און קיינער האָט זיי ווידער גאָרניט געזאָגט. דאָס לידיקע פאָדער־צימער איז געוואָרן אומגעהויער גרויס, כאָטש נעם און פאָר אַרום אין דעם מיט אַ „באַיסיקל״. און כאָטש דאָס האָט ניט קיין פאַרבינדונג, האָט עס האַרווין דערמאָנט אין יענעם טאָג, ווען ער איז שוין געווען, ווי דער פאָטער האָט געזאָגט „אַ גרויסער יונג״ און מען האָט אים דאָס ערשטע מאָל אָפּגעשוירן זיין קאָפּ האָר, וואָס איז געווען אָנגעוואָקסן ווי ביי אַ מיידל, און ער האָט זיך ניט געלאָזט, געראַנגלט זיך מיטן שערער, גע־מאַכט גוואַלדן, און אַז ער האָט דערנאָך אָנגעטאָן דאָס היטל, איז עס אים

אַראָפּגעפּאַלן איבער די אויערן — האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן, אַז די סטעליע רוקט זיך אויך אַראָפּ איבער דער ליידיקער שטוב.

די צייט איז געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז זיי האָבן זיך געמוזט אַריינ־קלייבן צו זיין פאָטערס עלטערן. ס׳איז דאָרט געווען ענג, נאָר היימלעך. הארווי האָט געפילט אַ וואַרעמקייט אין האַרץ פון דעם, וואָס דער זיידע און די באָבע האָבן אים אָפּט געגלעט איבערן קאָפּ און געקושט, און ער האָט ביי זיי אַלץ געקענט אויספירן. דער זיידע האָט ניט אויסגעקוקט אַ סך עלטער פון זיין פאָטער. ער איז געווען זייער אַ גוטמוטיקער און אים דערציילט שיינע מעשיות. יעדן פאַרטאָג איז דער זיידע אויפגע־שטאַנען מיטן טאַטן צו זוכן אַרבעט, און אַהיימגעקומען מיט גאָרניט — די שלעכטע צייט האָט זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט ענדיקן.

ערב קריסטמעס האָט די מאַמע אים מיטגענומען באַקוקן די שויפּענצטער פון די גרויסע, רייכע געשעפטן. הארווי האָט מיט אַ פּאָר־כאַפּטן אָטעם באַטראַכט די פאַרשיידענע שפּילצייגן: באַנען זיינען גע־פאָרן אויף רעלסן, זיי האָבן געקלונגען, געפייפט און אַרויסגעלאָזט אַ רויך... ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די זילבערדיק־גלאַנציקע „באַיסיקלס״, אויף וועלכע עס זיינען געפאָרן פריילעכע יינגלעך מיט פאַרפלאַמטע באַקן און צעצונדענע אויגן. איין „באַיסיקל״ איז געווען פונקט פאַר זיין גרויס. ער האָט אַ בעטנדיקן קוק געטאָן אויף דער מאַמען, נאָר זי האָט אַן אומעטיקע אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ און ס׳איז איר, דאַכט זיך, געשטאַנען אַ טרער אין אויג...

ס׳האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ דיק, שיטער שניייעלע, וואָס האָט זיך געקלעפּט אויפן פּנים. די מאַמע און ער האָבן געקלאַפּט מיט די פיס אויף דער פייכטער ערד זיי צו דערוואַרעמען. זייערע שיך זיינען געווען צעריסן, און דער שניי, וואָס איז געוואָרן געדיכטער, האָט זיך דערקליבן אין די פיס אַריין. ס׳האָט אָנגעיאָגט אַ פייכטער, בייסיקער ווינט, און זיי זיינען שנעל אַריין אינוויייניק אין גרויסן רייכן געשעפט. הארווי האָט זיך פריילעך צעשמייכלט פון דער טרוקענער וואַרעמקייט, וואָס האָט זיי אַרומגענומען. „סאַנטאַ קלאָוז״ מיט פאַרפלאַמטע, רויטע באַקן, מיט אַ גרויסער שניי־ווייסער באָרד און זילבערדיקע ברעמען, איז גע־זעסן אויף אַ שטול און געשמייכלט צו די קינדער ווי אַ ליבער, גוטער זיידע. הארווי האָט מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף אים.

— קום אַהער, יינגעלע, — האָט ער אים צוגערופן און גענומען אויף דער שויס: — וואָס וואָלסטו געוואָלט פאַר קריסטמעס ?

— אַ „באַיסיקל״! — האָט ער שנעל און מיט שרעק געענטפערט.

— אַז דו ווּעסט זיין אַ גוט, געהאָרכזאַם יינגל, וועלן דיר דיינע על־טערן קויפן אַ „באַיסיקל״.

— איך בין אַ גוט יינגל, בין איך ניט, מאַמע? — האָט ער זי געגנו־מען פאַר אַן עדות.

— ער איז אַ טייער יינגל — האָט די מאַמע באַשטעטיקט און געקוקט אַרום זיך פאַרשעמט און געפאַלן, צווישן די פיל רייכע דאַמען, וואָס דינסטן האָבן נאָכגעטראָגן זייערע איינגעקויפטע פעקלעך.

אַז זיי האָבן זיך גוט אָנגעוואַרעמט און זאַט אָנגעקוקט אויף די אַלע וואונדערלעך־שיינע זאַכן, זיינען זיי אַהיימגעגאַנגען. אין קאַלטן, ליידיקן הויז האָבן זיי געטראָפן צוויי דאַמען אין טייערע פוטער־מאַנטלען, מיט ברילּיאַנטענע רינגען אויף די פינגער. זיי האָבן עפּעס אויסגעפרעגט דער באָבען מיט זיידן, פאַרשריבן אין אַ ביכעלע. שפּעטער האָט עמעצער געבראַכט פעקלעך מיט שפּייז; מען האָט געגרייט צום טיש.

און ער האָט פיבערדיק געוואַרט אויפן „באַיסיקל״. ביינאַכט האָט זיך אים געחלומט: ער פאָרט אויפן „באַיסיקל״ איבער אַלע גאַסן, ער איז שוין אַרויס פון שטאָט, און פאָרט איבער בערג און טאָלן, אַראָפּ און אַרויף. ער טוט אַ דריק די „הענטלעך״ און פליט גאָר אַרויף הויך איבער די וואַלקנס, טיף אין בלויען הימל אַריין. דער וועג צוריק איז שוין זייער וויט, און ער איז אויבן פאַרלוירן געוואָרן. און ער איז איינער אַליין. עס כאַפּט אים אַרום אַ בענקשאַפט, וואָס שנעלער צו זיין מיט די עלטערן, מיט זיידע־באָבען. הייבט ער אָן האַסטיק צוריק אַראָפּ־לאָזן זיך און פאַלט, און כאַפּט זיך אויף מיט שרעק.

ס׳איז אַריבער דער פריילעכער יום־טוב קריסטמעס, און קיין „באַיסיקל״ האָט ער ניט געקראָגן. „סאַנטאַ קלאָוז״ האָט אים אָפּגענאַרט. נאָר די מאַמע האָט אים פאַרענטפערט: ס׳איז ניט זיין שולד, די צייט איז שלעכט. אַז די צייט וועט זיך פאַרבעסערן, וועט זי אים קויפן דאָס שענסטע „באַיסיקל״.

דערווייל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ שווערער, פראָסטיקער ווינ־טער. אין הויז איז געווען קאַלט, און האַרווי האָט געהאַט ווייטיקן אין מאָגן פון הונגער. עס האָט אויסגעזען, אַז די שלעכטע צייט וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ענדיקן.

איינמאָל, ווען ער איז אַרויס אין גאַס, האָט ער געזען ווי עס מאַרשירן סאָלדאַטן מיט מוזיק. מיידלעך שיקן זיי נאָך לופט־קושן. עס פלאַטערן

פאָנען. האַרווי איז זיי נאָכגעלאָפן אַ שטיק וועג, געפּרואווט שטעלן די טריט אַזוי ווי זיי, געהאָפט וואָס שנעלער צו ווערן אַ גרויסער און אויך ווערן אַ סאָלדאַט: אַלע וועלן אים באַוואונדערן, ווי ער מאַרשירט אַ שטאָלצער, אַ הלעדישער מיט אַן אַרויסגעשטאַרצטער ברוסט, און מען וועט אים אויך נאָכשיקן קושן. ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס עלטערע פרויען, וויזט אויס, מאַמעס פון די סאָלדאַטן, וואָס מאַר־שירן אַזוי שיין, ווי דאָס וואָלט געווען אַזאַ מין טאַנץ, קוקן זיי נאָך מיט פאַרווייינטע אויגן?

אַלע טאָג האָבן מאַרשירט סאָלדאַטן, און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ענדלעך האָט זיך די צייט פאַרבעסערט. דער טאַטע און דער זיידע האָבן טאַקע געקראָגן אַרבעט. ס'האָט ניט גענומען לאַנג, און זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַן אייגענער דירה. און פריינטלעכע מענער האָבן אַריינגעטראָגן אין הויז נייַ מעבל, דערנאָך — אַ טעלעוויזיע און אַ וואַש־מאַשין. דער פאָטער איז געוואָרן פריילעכער, אַ צוגעלאָזענער. זיי האָבן געגעסן גוטע מאָלצייטן; גענומען האַרווין אויף אַרויספאָרן אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. זונטיק האָט דער פאָטער געשפּילט מיט אים אין באַל, געשטיפט מיט אים ווי אַ חבר. שוין גאַרניט דער בייזער, שטרענגער טאַטע, וואָס מען קאָן דערוואַרטן פון אים, אומגעריכט, פאַר דער מינדסטער קלייניקייט צו קריגן אַ פּאַטש, אָדער געשלאָגן ווערן מיט זיין פּאַסיק. די מאַמע האָט אונטערטאַנצנדיק געטאָן די הויז־אַרבעט, זינגענדיק געקאָכט און געבאַקן. האַרווי האָט זיך דערמאָנט, אַז מען האָט אים צוגעזאָגט קויפן אַ „באַיסיקל". האָט ער עס איצט געמאָנט ביי זיי.

— צעגעזאָגט, דאַרף מען האַלטן וואָרט — האָט דער פאָטער ברייט און שטאָלץ געענטפערט. נאָר די מוטער האָט געפּרואווט קאַליע מאַכן:

— פאַרוואָס מוז ער דאָס האָבן אַ „באַיסיקל"?

— פאַרוואָס ניט? — האָט דער פאָטער געקוקט אויף איר מיט זיין גוטמוטיקן ליכטיקן שמייכל, און האַרווי האָט מיט פרייד געטראַכט, אַז ער האָט דעם שענסטן און בעסטן טאַטן.

— ווייל די גרעסטע אומגליקן טרעפן מיט יינגלעך, וואָס פליען ווילד מיט „באַיסיקלס" גלייך אונטער די רעדער פון אויטאָמאָבילן.

האַרווי איז געוואָרן פאַרציטערט. זיין גוטע מאַמע איז אַרויסגע־טראָטן קעגן אים ווי אַ ביטערער שונא. און זי האָט שוין באַלד באַ־ווירקט דעם פאָטער. דער שיינער שמייכל איז אַראָפּ פון זיין פּנים, און ער האָט ערנסט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם.

— איך שווער, אַז איך וועל פאָרן פאַרזיכטיק; אַז איך וועל זען מיילן־ווייט אַן אויטאָמאָביל אָנקומען, וועל איך זיך שנעל אָוועקדרייען — איך וועל גאָרניט פאָרן דאָרט וואו אויטאָמאָבילן פאָרן; איך וועל אויסזוכן שטילע ערטער. איר וועט זען, צי איך וועל האַלטן וואָרט! — האָט זיך האַרווי געצאַפּלט און געקוקט בייז אויף דער מאַמען, גע־וואונקען צו איר, זי זאָל אויפהערן קאַליע מאַכן.

— נו, אַ סך ייִנגלעך פאָרן אויף „באַיסיקלס", ניט אַלע זיינען ווילד. אַז ער האָט געשוואוירן ער וועט זיין פאַרזיכטיק, דאַרף מען האָפן, אַז ער וועט האַלטן וואָרט — האָט דער פאָטער געזאָגט.

האַרווי האָט דערקענט אין דער שרעק פון דער מוטערס אויגן, אַז זי זעט שוין ווי ער פליט צווישן אויטאָמאָבילן.

— דו גיסט אים צופיל נאָך! — האָט זי פאַרגעוואָרפן דעם פאָטער.

— ער זאָגט דאָך צו...

און מען האָט האַרווין געקויפט איינעם פון די שענסטע „באַיסיקלס", וואָס האָט געשיינט ווי זילבער און געקלונגען און געטרובעט ווי אַן אויטאָמאָביל. האַרווי האָט זיך שנעל אויסגעלערנט פאָרן און געפלויגן אויף דעם ווי אַ פויגל, וואָס מען לאָזט אַרויס פון שטייג. ס'איז געווען אַ גוטע פריילעכע צייט, די גאַסן האָבן יום־טובדיק געררוישט, די גע־שעפטן זיינען געווען געפּאַקט מיט קונים. וואו מער סאָלדאַטן עס זיינען אַוועק אין דער מלחמה, אַלץ „בעסער און פריילעכער" איז די צייט געוואָרן.

נאָר איינמאָל האָט דער פּאָסטמאַן געבראַכט אַ בריוו, און האַרוויס עלטערן זיינען ווידער געוואָרן אומעטיק, האָבן אים צוויי מאָל איבער־געלייענט און זיך ערנסט פאַרטראַכט. זיין מאַמע האָט פאַרזאָרגט געקוקט אויפן פאָטער, וואָס האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען נערוועז איבערן צימער; ער האָט ווידער געררייכערט פּאַפּיראָסן ביז דאָס לעצטע ברעקל האָט אים אָפּגעבריט די פינגער.

אין אַ שיינעם, זוניקן טאָג האָט זיך פּלוצלונג דער פאָטער געזעגנט מיט דער מוטער. זיי האָבן גאָרניט געקענט אָפּרייסן זיך איינער פון אַנדערן. דערנאָך האָט ער אַרומגענומען האַרווין, געדריקט אים צו זיין ברוסט, אָנגעזאָגט אים אַז ער זאָל זיין אַ גוט ייִנגל און הערן דער מאַמען. און ער איז האַסטיק אַרויס פון שטוב.

— וואוהין פאָרט דער טאַטע? — האָט האַרווי געפרעגט באַזאָרגט.

— דער טאַטע פאָרט ווערן אַ העלד, זונעלע. ער פאָרט באַזיגן דעם שונא פון אונדזער לאַנד.

— ווי לאַנג וועט ער זיך זאַמען?

— ווי אַמאָל... מיין טייער יינגל.

— פאַרוואָס דאַרף ער פאָרן ווערן אַ העלד? ער קאָן דאָך דאָ אויך זיין אַ העלד?

— דו ביסט נאָך צו יונג. אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו דאָס פאַרשטיין.

האַרווי האָט זיך באַרימט פאַר די יינגלעך: — מיין טאַטע איז אַוועק אין דער מלחמה ווערן אַ העלד, און וועט אַהיימקומען מיט אַ סך מעדאַלן.

אין אַ פאָר חדשים אַרום איז דער טאַטע אַהיימגעקומען אין אַ סאָל־דאַטסקן מונדיר, מיט בענדלעך אויפן אַרבל און עפּעס אַ גלאַנציק בלעכל אויף דער ברוסט, ווי אַן אָנזאָג אויף אַ מעדאַל. עס זיינען געקומען פריינט; עס איז געווען פריילעך אין הויז אַ וואָך צייט. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געזעגנט און אַוועקגעפאָרן.

די מאַמע האָט יעדן טאָג אָפּגעוואַרט דעם פאָרסטמאַן. אַז זי האָט געקראָגן אַ בריוו, האָבן אירע באַקן געפלאַמט און זי האָט געקושט האַרווין...

דערנאָך איז אַוועק אַ לענגערע צייט און קיין בריוו איז ניט געקומען.

מען האָט שוין געמיינט אַז דער שונא האָט געפאַנגען דעם טאַטן, אָדער ער איז ערגעץ פאַרלוירן געוואָרן, און מען וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן וואו ער איז אַהינגעקומען. ביז איינמאָל האָט זיך באַוויזן דער פאָסטמאַן. די מוטער האָט מיט ציטערדיקע הענט איופגעריסן דעם קאָנווערט און איז בלייך געוואָרן. באַלד אָבער האָט זיך זיך דערפרייט און אָנגעהויבן וויינען. אירע הענט זיינען איר נאָכגעהאַנגען ווי אַראָפּ־געשאָסענע פליגל. האַרווי איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער. ער איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען אַ פריילעכער, אַ צעשטיפּטער נאָכן אַרומפליען אויפן „באַיסיקל”. די מאַמע האָט אים אַרומגענומען און געשאָקלט מיטן קאָפּ: — דיין פּאַ לעבט... אויף זיינע באַקן זיינען געפאַלן אירע טרערן.

— פאַרוואָס וויינסטו, מאַמע, דער טאַטע לעבט דאָך? און פאַרוואָס קומט ער ניט אַהיים?

— ער איז קראַנק, ער ליגט אין שפּיטאָל.

— ווי לאַנג וועט ער זיין אין שפּיטאָל?

— איך ווייס ניט.

מיט אַ צייט שפּעטער איז דער טאַטע אַהיימגעקומען. די מאַמע האָט אים אַריינגעפירט אין הויז. ער האָט געטראָגן שוואַרצע ברילן און אונ־טערגעהונקען אויף אַ פוס. ער איז געווען מאָגער, איינגעשרומפּן.

— וואו איז אונדזער זון? — האָט ער געפרעגט מיט אַ קראַנק, פרעמד קול, שטייענדיק לעבן אים.

— אָט איז ער — האָט די מוטער אָנגענומען דעם פּאָטערס האַנט און צוגעטראָגן צו האַרווין.

דער פּאָטער האָט מיט קאַלטע, ציטערנדיקע פינגער געגלעט זיין קאָפּ.

— האָסט געבענקט נאָכן טאַטן?

— יאָ — האָט האַרווי געענטפערט און אַרויפגעקוקט מיט שרעק צו זיינע גרויסע, שוואַרצע ברילן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי וואָלקנס, וואָס פאַרשטעלן די זון.

דער מאַמען איז אָנגעקומען שווער אַוועקצוזעצן דעם טאַטן אויף אַ שטול.

ביינאַכט, ווען די טיר פון די עלטערנס צימער איז געווען אָפן, האָט האַרווי מיט שרעק דערזען, ווי די מאַמע טוט אויס דעם טאַטן אַ פוס, און לייגט אים אַוועק באַזונדער... האַרווי איז פאַרציטערט געוואָרן און געטראַכט, אַז דאָס חלומט זיך אים אפשר אַ ווילדער חלום. ווי אָפט ווען ער זעט אויף דער טעלעוויזיע אַ שרעק־בילד. ער איז אָבער וואַך און אַלץ אַרום איז ראַיעל.

— שלאָפסט נאָך ניט?! — האָט די מאַמע אָנגעשריגן אויף אים, אַרויסקומענדיק פון שלאָף־צימער — שוין זאָלסטו גיין אין בעט אַריין!

ער האָט זיך איינגעטוליעט אונטערן צודעק, געמאַכט זיך שלאָפנדיק, ווען די מאַמע האָט אים שפּעטער געגלעט דעם קאָפּ און געקושט דעם שטערן. ס'איז אים אָנגעקומען שווער איינצושלאָפן. ער האָט געטראַכט פונעם פאַרקריפּלטן פּאָטער, און פון די אַלע סאָלדאַטן, וואָס האָבן העל־דיש מאַרשירט מיט מוזיק צו באַזיגן דעם שונא און אַהיימגעקומען קאַ־ליקעס, און מען פירט זיי איצט אויף וועגעלעך איבער די גאַסן. און ווער איז דער שונא? און פאַרוואָס איז ער אַ שונא? אַ סך, אַ סך זאַכן זיינען אים ניט קלאָר. ער האָפט וואָס שנעלער אויפצוואַקסן און דאָס אַלץ פאַרשטיין...

נומערן

יאַנקעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ צעשראָקענעם אויסגעשריי און אויפגעוועקט רחלען, זיין מוטער, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט.

— ווי איז מיר! וואָס איז דיר, יאַנקעלע? פאַרוואָס האָסטו אַזוי געשריגן?

— ס׳האָט זיך מיר עפּעס געחלומט!

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

— אַ שלעכטער חלום!

— אַ שלעכטער חלום גייט אויס צום גוטן. לייג זיך צוריק שלאָפן. ס׳איז נאָך זייער פרי.

יאַנקעלע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אויפן הימל, די שטערן זיינען שוין געווען בלאַס און זיך אָנגעהויבן לעשן. ערגעץ האָט אַ מילך־וואָגן געקלונגען מיט פלעשער, ווי גלעזערנע גלאָקן. ער וואָלט אויך געוואָלט צוריק איינשלאָפן, ווי די מאַמע, און ניט געקענט, ווייל אַזוי שנעל ווי ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, איז אויסגעוואָקסן דער דייטשישער סאָלדאַט מיט דער אָנגעצילטער ביקס, וואָס האָט אים פריער, אין חלום, אַ קויל אין האַרץ אַריינגעשאָסן, ווען ער האָט פרובירט אַריבערקריכן די געטאָ־וואַנט צו דער אַרישער זייט, אויסצובעטן ביי גוטע קריסטן אַ שטיקל ברויט,אָדער עטלעכע קאַרטאָפל פאַר זייער הויזגעזינד, וואָס גייט אויס פון הונגער. ער פילט נאָך איצט דעם ווייטיק פון דער קויל, וואָס האָט אים אַ ברען געטאָן ווי אַ שטיק פייער, אַזוי ווי מען וואָלט אים ניט געשאָסן אין חלום, נאָר אויף דער וואָר.

די מאַמע ציט אָפּ דעם אָטעם, זיפצט אָפּ אין שלאָף. ס׳פאַרדריסט אים, וואָס ער האָט זי אויפגעוועקט. זי אַרבעט שווער אין דעם אַמעריקאַנער שאָפּ און איז שטענדיק מיד. ער פאַרמאַכט די אויגן און וויל איינשלאָפן, וואַקס ווידער אויס דער דייטשישער סאָלדאַט מיט דער ביקס און וויל אים ווידער שיסן, מוז ער דאָך, טראַכט ער, האַלב־פאַר־

שלאָפן, זיין וואך, ווייל דער נאַצי לויערט אויף אים און ס'ווייזט זיך אים ווידער אויס, אַז דאָס איז וואָר און ניט קיין חלום, ביז ער עפנט ווידער די אויגן און זיין קאָפּ הייבט זיך אָן אויסלייטערן. דער ווייטיק פון דער קויל פאַרגייט, און ער דערמאָנט זיך מיט פרייד, אַז ער איז דאָך אין אַמעריקע, און ער גייט שוין אין סקול און קריגט גוטע צייכנס פון די לערערס. נאָר מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ קלאַס מיט קליינע קינדער, וואָס לאַכן פון אים. די עלטערע יינגלעך פון די העכערע קלאַסן, לצעווען אויך אַפּ, וואָס ער לערנט זיך צוזאַמען מיט די סאַמע אָנפאַנגער. ער וואָלט זיי געוויזן אַ לצעווען! און אַז זיי זיינען גרויסע יונגען, איז וואָס? וועט ער זי דערשרעקן פאַר זיי? ביי די דייטשן איז די שרעק אין אים פאַרקילט, אָפּגעשטאַרבן געוואָרן, ער איז דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע געפאַרן, ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט צו זיי. יעדער שעה, יעדן טאָג האָט ער געזען דעם טויט פאַר די אויגן: אין די גאַסן זיינען געלעגן אַ סך טויטע יידן און די לעבעדיקע האָבן אויך אויסגעקוקט ווי טויטע. ווען ער וואָלט געווען אַ דערשראָקענער, וואָלט זייער הויזגע־זינד שוין פון לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער און ער וואָלט ניט געווען איצט מיט זיין מאַמען אין אַמעריקע. כאָטש די עלטערן האָבן אים ניט געלאָזט, פלעגט ער זיך אַרויסגנבענען פון שטוב, דורכקריכן דורכן ענגסטן לאָך פון דער געטאָ־וואַנט צו דער אַרישער זייט, און פון דאָרט ברענגען אַ שטיקל בדויט, אַ ציבעלע, אַ קאַרטאָפל, וואָס האָט זיי דער־האַלטן ביים לעבן.

ניט איינמאָל האָבן די דייטשישע סאָלדאַטן געשאָסן אויף אים, נאָר ער האָט זיך אַזוי פלינק, זיגזאַגיש געדרייט אין אַלע זייטן, געפלויגן ווי אַ בליץ, און זיי האָבן אים ניט געטראָפן, — אָ, ער האָט שוין פאַר קיינעם ניט קיין מורא! ער וואָלט זיי, די גרויסע יונגען אין סקול, וואָס טייל פון זיי זיינען אודאי אַנטיסעמיטן — געוויזן וואָס עס מיינט אָפּלאַכן פון אים! נאָר ער האָט נאָך ניט גענוג כוח זיי צו דערלאַנגען, ווי עס קומט זיי. ער האָט שוין איינמאָל געהאַט אַ „פאַיט" מיט איינעם, איז ער שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן און זיך געשלעפּט אַהיים מיט „בלויע אויגן". זיי האָבן גרויסע, האַרטע מוסקולן און אייזערנע פויסטן. זיינע הענט זיינען דאַרע, בלייכע, אויסגעצערטע פון הונגער, און פאַר זיינע יאָרן איז ער קליינגעוויקסיק, ווייל ווען די דייטשן זיינען אַריין אין ווילנע, האָבן יידישע קינדער אויפגעהערט צו וואַקסן. איצט אָבער, קומט ער ביסלעכווייז צו זיך. די מאַמע אַרבעט דאָ אין אַ שאַפּ און

פאַרדינט דאָלאַרן, עסן זיי צו דער זאַט און שטעלן זיך צוריק אויף די פיס.

די מאַמע איז נאָך אַלץ פאַרטרויערט און טוט קיינמאָל ניט קיין שמייכל. זי הערט ניט אויף צו וויינען אויף זיין ברודערל, וואָס היטלער האָט פאַרברענט,און אויף זיין טאַטן, וואָס איז געפאַלן ווי אַ העלד אין אויפשטאַנד פון דער ווילנער געטאָ. איצט וויל זי נאָר, אַז ער, יאַנקעלע, זאָל אויסוואַקסן אַ געזונטער און געלערנטער מענטשן, ער זאָל ווערן אַ דאָקטער אָדער אַ לאַיער. אַ דאָקטער, ווייסט ער ניט, ער האָט פיינט צו זען בלוט און טויטע, נאָר אַ לאַיער, ס׳הייסט אַן אַדוואָקאַט, וואָלט ער יאָ געוואָלט זיין, ווייל אַן אַדוואָקאַט, זאָגט מען, קאָן אַמאָל ווערן אַ ריטכער, און אַז ער וועט זיין אַ ריכטער, וועט ער פאַרמשפטן אַלע נאַציס און וועט אַליין עדות זאָגן, וואָס זיי האָבן געטאָן צו די יידן.

די קרובים, וואָס האָבן זיי געבראַכט קיין אַמעריקע, זאָגן, אַז ער האָט אַן אַלטן קאָפּ אויף זיך, און זיי זיינען גערעכט, ווייל אין דער געטאָ זיינען קינדער שנעל אַלט געוואָרן, אַלט און שוואַך. דאָ, אָבער, ווערט ער מיט יעדן טאָג קרעפטיקער, „יינגער" און פריילעכער, אַזוי ווי אַ יינגל דאַרף זיין. יאַנקעלע ווערט מיד פון טראַכטן. ער פאַרמאַכט די אויגן, און אַז ער זעט ניט מער דעם דייטש מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס אויף אים, שלאָפט ער איין.

ווען ער כאַפּט זיך אויף, איז דאָס צימער פול מיט זון. די מאַמע האָט שוין גרייט אַ געשמאַקן מאָלצייט פאַר אים אויפן טיש, וואָס אין דער געטאָ האָט מען דאָס נאָר געקענט זען אין חלום.

— שטיי אויף, יאַנקעלע, ס׳איז שוין שפּעט. היינט איז זייער אַ הייסער טאָג, וועלן מיר גיין שפּאַצירן צום ים.

ער האָט געגעסן מיט אַ שאַרפן אַפּעטיט די געפּרעגלטע אייער, מיט די פרישע זעמל מיט פּוטער און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז מילך. די בלויע אָדערלעך אין זיינע שלייפן האָבן געצוקט, ווי דאָס בלוט וואָלט אָנגעהויבן אין זיי צוריקשטראָמען. אין זיינע שוואַרצע, שפּיגלדיקע אויגן האָט די זון געצונדן גאָלדענע פונקען.

פון ים האָט זיך געטראָגן פריילעכע אויסגעשרייען און געלעכטערס, מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך געבאָדן אין די זונצעבליכטע כוואַ־ליעס, וואָס האָבן אין יאַנקעלעס אויגן אויסגעקוקט ווי זילבערנע פליגל אויף זייער אַקסלען. די כוואַליעס האָבן זיך נאָר געריסן צום ברעג אָפּצוטאָן שפּיצלעך: אָט האָבן זיי אָפּגעשפּריצט אַ פאַרליבט פּאָרל,

וואָס האָט זיך סודותדיק געשושקעט. דאָס מיידל איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ קוויטש און געלעכטער. דער בחור איז געשטאַנען, ווי אַן אָפּגעצוואָגענער האָן, און נאַריש געשמייכלט. יאַנקעלע האָט געלאַכט, קוקנדיק אויף זיי און אָנגעקוואָלן פון די כוואַליעס, וואָס זיינען אַזעלכע גרויסע שטיפער.

— העלאָ און אַ גוט מאָרגן אייך! — האָט זיי באַגריסט דער יידישער שרייבער, נח שולמאַן, און מיט זיין האַנט צוריקגעלייגט דאָס ביסל שיטערע גרויע האָר, וואָס דער ווינט האָט שטיפעריש אויפגעשטעלט אויף זיין האַלב־נאַקעטן קאָפּ. טאַקע אויף דער באַנק ביים ים האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערזען רחלען מיט יאַנקעלען. זיי האָבן אים אויסגעקוקט אַנדעריש ווייט און נאָענט. זיין געניט אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער מאַמען מיטן יינגל, און ער האָט געשלאָסן מיט זיי באַקאַנטשאַפט.

— וואָס מאַכט איר, פריינט שולמאַן? — האָט זיך רחל דערפרייט מיט אים, — זיצט. ווי פילט איר אין געזונט?

— אַט, ווי אויף אַ וואָגשאָל: אַמאָל אַראָפּ, אַמאָל אַרויף. און ווי פילט איר, ווי גייט עס אייך?

— מען לעבט. אַז איך דערמאָן זיך אין דעם גיהנום, פון וועלכן איך בין אַרויס, ווערט מיר גוט, נאָר איך דערפיל זיך באַלד שולדיק קעגן מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס האָבן ניט דערלעבט דאָ צו זיין מיט מיר.

— דאָס לעבן, מיין ליבער פריינט, מוז ווייטער אָנגיין. דאָס זעלבע וואָלטן אייך אויך געזאָגט אייער אומגעקומענע און טייערע. מיר, יידן, מוזן לעבן, מיר האָבן אַ גרויסן חשבון אונטערצוציען מיט דער וועלט! און וואָס מאַכסטו, יאַנקעלע?

— איך הייס שוין ניט יאַנקעלע!

— וואָס מיינסטו: דו הייסט שוין ניט יאַנקעלע?! ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָסטו מיר אַליין געזאָגט, אַז דיין נאָמען איז יאַנקעלע, און דער נאָמען האָט דיר זייער שיין געפּאַסט, יאַנקעלע, ווי אַ רבינס אַן אייניקל, מיט שיינע געקרייזלטע פּאַהלעד, ווען מען לאָזט זיי דיר וואַקסן, און שוואַרצע, יידיש־פרומע אויגן. קומסטו און דערציילסט מיר, אַז אויס! דו הייסט שוין מער ניט יאַנקעלע. ווי אַזוי דען הייסטו?

— איך הייס שוין דזשערי.

— דזשערי? ווײַ איז מיר, פאַרוואָס עפּעס דזשערי?

— די ייִנגלעך אין סקול האָבן געלאַכט פון מיר, וואָס כ׳הייס יאַנ־קעלע. זיי האָבן געזאָגט, אַז יאַנקעלע איז ניט קיין נאָמען און אָפּגע־לצעוועט. אַז כ׳האָב דאָס ניט געוואָלט לײַדן, האָבן זיי מיך אַרויסגערופן אויף אַ „פאַיט״. איין ייִנגל, וואָס קומט אַרויס פון ייִדישע עלטערן, האָט געזאָגט, אַז יאַנקעלע איז אויף ענגליש: דזשערי. הייס איך שוין דזשערי, און מען לאָזט מיך צורו.

— נו, אַזעלכע אַמעריקאַנער זשוליקעס — האָט זיך רחל פאַר־קלאָגט און געגלעט יאַנקעלען איבערן קאָפּ, — נעמען אַזאַ שיינעם, כשרן נאָמען און פאַרדאַרבן אים.

— ווילדע יונגען! — האָט שולמאַן באַדויערט — נאָר ביי מיר הייסטו נאָך אַלץ יאַנקעלע.

— אין דער ייִדישער שול, וואו איך גיי נאָך פּאָבליק סקול, רופט מיך די לערערין אויך יאַנקעלע, און זי לאַכט ניט. נאָר אַז איך פאַר־טראַכט זיך אַמאָל און הער ניט וואָס זי רעדט, הייבט זי אויף דאָס קול און רופט מיך: יעקב! און מיר געפעלט בעסער יעקב ווי יאַנקעלע. איך בין שוין ניט קיין קינד, נאָר אַ דערוואַקסן ייִנגל!

— איר האָט באַדאַרפט הערן, פריינט שולמאַן, ווי יאַנקעלע האָט פאָרגעלייענט אויף אַ שול־קאָנצערט פרצעס אַ ליד, און ווי דער עולם האָט אַפּלאָדירט — האָט זיך אַ שוואַכער שמייכל פאַרצויגן אויף רחלס ליפּן, וואָס האָבן דערביי אַ קוים־מערקאָברן ציטער געטאָן.

— איך קאָן זיך פאַרשטעלן! — האָבן שולמאַנס אויגן געלויכטן.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז איך האָב גוט אַרויסגעבראַכט די ווערטער

— האָט יאַנקעלע באַשטעטיקט.

— יאַנקעלע, די ייִדישע ווערטער קומען אַרויס ווי פּערל פון דיין מויל. הלוואי אויף אַלע ייִדישע קינדער אין אַמעריקע געזאָגט געוואָרן.

— און איר ווייסט, פריינט שולמאַן, אין איין טאָג האָט ער אויס־געלערנט דאָס ליד אויף אויסנווייניק, און דער עולם איז געווען אַנטציקט!

— איך שטעל מיך שוין פאָר, ער איז דאָך עפּעס אַ ווילנער, דעם גאונס אַן אייניקל! און ווי אַזוי לערנט ער זיך אין סקול?

— זייער גוט — האָט רחל פאַרזיכערט, — נאָר מען האָט אים גע־זעצט צווישן קליינע קינדער. שטעלט אייך פאָר, אַז אין ענגליש דאַרף ער זיי ערשט אָניאָגן.

— מאַמע, איך וועל זיי אַריבעריאָגן. די לערערין אַליין האָט מיר אַזוי געזאָגט. מיין לערערין איז מיס גרינבוים. מיר דאַכט זיך, אַז זי איז

אַ יידישע. אַמאָל, ווען קיינער זעט ניט, לייגט זי אַרויף איר האַנט אויף מיין אַקסל און גלעט מיך איבערן קאָפּ.

— רחל, טייערע, מיר וועלן נאָך האָבן נחת פון אייער זון, וואָס אַרט אייך — האָט זי נח שולמאַן פאַרזיכערט.

— און איר ווייסט, ווען ניט יאַנקעלע, וואָלטן מיר אין דער גאַנצער גענטאָ אויסגעגאַנגען פון הונגער. מיר וואָלטן איצט ניט געווען אין אַמעריקע. ער פלעגט פלינק, ווי אַ קאַץ, אַריבערקריכן די געטאָ־וואַנט און אויס־בעטן אויף דער אַרישער זייט, ביי גוטע קריסטן, אַ ביסל שפּייז, וואָס האָט אונדז דערהאַלטן ביים לעבן. ניט איינמאָל האָבן דייטשישע סאָל־דאַטן געשאָסן אויף אים, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ניט געשראָקן, מיין קליינער העלד! — האָט זי אים געטוליעט צו זיך. יאַנקעלע האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. שפּעטער אַ ביסל, דערזעענדיק פון ווייטן אַ יינגל אין אַ באָד־קאָסטיום, האָט ער אים הויך גערופן. יענער האָט זיך צעטומלט, אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ביז ער האָט אים אויך דערזען.

— מאַמע, איך לערן מיט דעם יינגל אין דער יידישער שול. ער איז מיינס אַ גוטער חבר. איך וויל מיט אים אַ ביסל אַרומגיין.

— האַלט זיך אָבער אָפּגערוקט פון די כוואַליעס, וועסט אויסגע־נעצט ווערן און זיך נאָך פאַרקילן, און גיי ניט אַוועק צו ווייט! — האָט זי אים נאָכגעשריגן.

ער איז אָבער באַלד צוריקגעקומען מיט אַ טענה צו דער מאַמען.

— מיין חבר וויל מיך לערנען שווימען, און איך האָב ניט קיין „בעידינג סוט״. אַלע יינגעלעך שווימען, און איך מוז שטיין פון ווייטן און צוקוקן!

— וועסט נאָך שווימען, וועסט שווימען, יאַנקעלע, זאָרג זיך ניט.

— איך וויל איצט שווימען!

— שוין, די מינוט, ס׳ברענט?

— האָסט מיר נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק צוגעזאָגט צו קויפן אַ „בעידינג סוט״.

— אַז איך האָב דיר צוגעזאָגט, וועל איך קויפן.

— ווען?

— קומענדיקע וואָך, ווען כ׳וועל אָפּנעמען מיין געהאַלט אין שאַפּ. אַ מאַיאָנטעק דאַרף מען האָבן צו זיי דאָ אין אַמעריקע! — האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר נחן.

— נו, איר האָט דאָך נאָך געהערט אין דער אַלטער היים, אַז דאָס איז אַ רייך לאַנד — האָט שולמאַן געזאָגט מיט אַ מיטפילנדיקן שמייכל.

— יאָ, ווי פּאַר ווערעמען. אין סקול טרעפט ער זיך מיט צעבאַלע־ווטעע יינגלעך, וואָס קומען אַרויס פון רייכע היימען, און ער פאַרקוקט זיך אויף זיי — אַנומלטן איז ער געקומען מיט אַ טענה, פאַרוואָס איך קויף אים ניט קיין „באַיסיקל״, וואָס דאַרף קאָסטן אפשר דאָס וואָס איך פאַרדין אין אַ וואָך.

— נו, ער איז נאָך יונג. אַז ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער פאַר־שטיין. אַזעלכער ווי יאַנקעלע וועט שוין גאָר פאַרשטיין— האָט שולמאַן פאַרזיכערט.

זיי האָבן שפּאַצירט. יאַנקעלע איז געלאָפן פאָראויס, אַלעמאָל פאַר־פאַלן געוואָרן. רחל איז געוואָרן אומרואיק און אים באַדאַרפט אָפּזוכן און אויסמוסרן פאַרוואָס ער פליט ווי אַ בליץ. ער האָט אָבער ניט געקענט שטעלן אַזעלכע לאַנגזאַמע טריט, ווי זי און שולמאַן. ער האָט געפּלאָ־טערט, געריסן זיך פאָראויס, ביז זי האָט אים ווידער פאַרלוירן פון בליק, געוואָרן מיד און אַהיימגעגאַנגען מיט אים. שולמאַן האָט איר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט זי קומען באַזוכן מיט זיין פרוי.

אַ גלעקל האָט געקלונגען און פון די אויפגערעסענע סקול־טירן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט ליאַרעם און געפילדער יונגע און עלטערע קינדער, ווי געדיכטע מחנות פייגל וואַלטן זיך פון שטייגן אַרויסגעריסן און אָנגעפילט דעם „סקול יאַרד״. אייניקע האָבן באַלד אָנגעהויבן שפּילן „באָל״, שניידנדיק די לופט מיט שאַרף־ קוויטשנדיקע שטימען, אָדער סתם געלאָפן, געשפרונגען ווי יונג־הירזשנדיקע פערדלעך. זייערע הונ־דערטער שטימען האָבן זיך אויסגעמישט און צוזאַמענגעשטויסן אין אַ ווילד־ברויזנדיקן אָרקעסטער. די יונגע ענערגיע, וואָס איז געוועזן גע־פּרעסט אין די קלאַס־צימערן, האָט עקספּלאָדירט, דער „יאַרד״ האָט גע־רוישט און געקאָכט, ווי אַ צעשטורעמטער ים.

יאַנקעלע האָט זיך געשטעלט לעבן אַ גרופּע יינגלעך פון זיין עלטער און אויך געשפּילט „באָל״. ער האָט שוין גאַנץ פלינק געכאַפּט און צו־ריקגעוואָרפן די פּילקע, אונטערגעטאַנצט, האַסטיק געאָטעמט. אַ שווייס איז אַרויס אויף אים, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, געוואוסט, אַז ער מוז זיך, איינגעוויינען צו די פיזישע איבונגען, אַז ער טאָר ניט בלייבן הינטערשטעליק קעגן די אַנדערע יינגלעך; ער דאַרף אויסאַר־

בעטן זיינע מוסקולן, באַטייליקן זי אין „ספּאָרטס״ — וועט ער פֿאַר דעם אויך קריגן גוטע צייכנס.

צוזאַמענעמענדיק שפּעטער זיינע סקול־ביכער, גרייט אַהיימצוגיין, איז פֿון זיי אַרויסגעפֿאַלן אַ ווייס בלעטל און אַנגעהויבן פֿליען אין ווינט. אַ יינגל האָט עס געכאַפּט און מיט פֿאַרוואונדערונג באַטראַכט די פֿרעמדע יידישע אותיות. שדימלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין זיינע אויגן: העי! וואָס צום טייוול איז דאָס?!

— דאָס איז מיינס, גיב עס מיר צוריק! — האָט זיך יאַנקעלע אַ ריס געטאָן צו אים.

— וואַרט אַ מינוט! לאָמיר זען, וואָס פֿאַר אַ לשון דאָס איז — טערקיש אָדער כינעזיש.

— גיב דאָס צוריק, ס׳איז מיינס! — האָט זיך יאַנקעלע אָנגעהויבן ראַנגלען מיט אים. יינגלעך האָבן זיך אַרומגעשטעלט.

— גיב צוריק! — האָט יאַנקעלע געשריגן.

— וואַרט, איך מוז דאָס פֿריער איבערלייענען! — האָט יענער געהאַלטן דאָס בלעטל אין דער הויך. יאַנקעלעס הענט האָבן זיך גע־שטרעקט דערצו, און עס ניט געקאָנט דערגרייכן.

— העי, דזשאָני! — האָט דער יונג, וואָס איז געווען גרעסער פֿון יאַנקעלען, געשריגן לאַכנדיק צו איינעם, וואָס האָט געטראָגן אויף דער לינקער האַנט אַ גרויסע לעדערנע הענטשקע מיט אַ גריבל אין דערמיט, וואו ס׳פּאַסט זיך אַריין אַ פּילקע און מיט דער פויסט פֿון דער רעכטער האַנט אויטאָמאַטיש אַריינגעקלאַפּט אַהין — אפֿשר וועסטו דאָס קאָנען איבערלייענען?

דער יונג האָט געכאַפּט ס׳בלעטל איבער יאַנקעלעס קאָפּ, געדרייט דאָס אין אַלע זייטן: דזשיזוס!... וואָס פֿאַר אַן אויסטערליש לשון איז דאָס?!

— ס׳מוז זיין ייד־לשון! — האָט אַ יינגל געפּרוּווט טרעפֿן.

— גיב דאָס צוריק! — האָט יאַנקעלע געשריגן מיט צעצונדענע אויגן.

— איך וועל דיר דאָס צוריקגעבן, אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט עס לייענען הויך פֿאַר אַלעמען.

יאַנקעלע האָט זיך אויף אים אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַמאָל אויפֿן געטאָ־פּאַרקן... געצויגן, געשטרעקט די הענט צום בלעטל מיטן יידישן ליד, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט אויסלערנען פֿון אויסווייניק פֿאַר אַ שול־קאָנ־

צערט. דאָס בלעטל האָט געפּלאָטערט צווישן זייערע הענט, ווי אַ צע־שראָקענע טויב, אַז יאַנקעלע האָט עס ענדלעך אָנגעכאַפּט, האָט אים דאָס יינגל דערלאַנגט מיט דער פויסט אין פּנים. אַ דין פּעדעמל בלוט האָט זיך באַוויזן אונטער יאַנקעלעס נאָז. ער האָט אָנגעהויבן צוריק דערלאַנגען מיט די דאַרע, בלאַסע הענט. יענעמס פויסטן זיינען אָבער געווען האַרטער און געקומען געדיכטער, יאַנקעלע האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען.

— שעמען מעגסטו זיך, דו „קאַאורד" (טרוס), צו שלאָגן אַ קלענער יינגל פון דיר, פאַרוואָס באַוויזטו ניט דיין העלדישקייט צו איינעם פון דיינע יאָרן?! — האָט אַ מיידל פון אַ יאָר עלף אויסגעשריגן.

דער שלעגער האָט מיט אַ שטאָלצן שמייכל אַ שטופּ געטאָן יאַנקעלען:

— גיי, באַהאַלט זיך אונטערן מיידלס פאַרטוך, גרינע חיה!

יאַנקעלע האָט אויסגעגליכט דאָס צעקנייטשטע בלעטל.

— וואָש דיר אָפּ ס׳בלוט פון דער ליפּ — האָט געזאָגט ס׳מיידל, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר אים און געהאָלפן צוזאַמענקלייבן זיינע סקול־ביכער.

יאַנקעלע, וואָס האָט פריער געהערט איר קול, האָט זי איצט צום ערשטן מאָל דערזען. זי איז געווען אין זיינע יאָרן און ניט געמאַכט, ווי אַנדערע מיידלעך, אַ „פּערדס עק" („האָרס' טעיל") פון אירע האָר, נאָר געטראָגן צוויי שוואַרצע, זיידענע צעפּ. אירע אויגן האָבן פריינטלעך, היימיש געקוקט אויף אים. ער האָט זיך געשעמט און געוואָרן אין כעס, פאַרוואָס זי פאַרשוואַרצט אים דאָס פּנים פאַר די אַנדערע יינגלעך; זיי וועלן דאָך לאַכן, וואָס אַ מיידל נעמט זיך אָן פאַר אים. ער קאָן זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין. ער דאַרף ניט איר הילף. מיט דעם „היטלער", וואָס האָט געכאַפּט זיין בלעטל מיטן יידישן ליד, וועט ער זיך שוין אַליין אָפּרעכענען, אַזוי שנעל ווי ער וועט ווערן אַ ביסל שטאַרקער.

— אַז דו וועסט אַהיימקומען, זאָלסטו צולייגן אַ שטיקל רוי פליייש צום אויג, וועט די בלויקייט אָפּגיין — האָט דאָס מיידל זיך ניט געוואָלט אָפּטשעפּען.

וואָס האָט זי זיך אָנגעזעצט אויף אים, ווי זי וואָלט געווען זיין מאַמע? זי איז דאָך נאָך אַליין ניט אויפגעוואַקסן, וואָס מיינט זי, ער איז אַ קינד? זי ווייסט גאָרניט, אַז ער האָט זיך אָקעגנגעשטעלט היטלערס סאָלדאַטן מיט ביקסן און פאַר זיי קיין מורא ניט געהאַט, טאָ פאַרוואָס האָט זי זיך אַריינגעמישט, ווען ער האָט געהאַט אַ "פאַיט" מיט דעם קליינעם נאַצי?

איצט וועלן די אַנטיסעמיטן זאָגן, אַז ער באַהאַלט זיך אונטער אַ מיידלס פאַרטוך! און מיידלעך האָט ער אַלעמען פיינט געהאַט, ער האָט זיך שטענדיק געחברט מיט יינגלעך.

זי גייט אים נאָך, אירע צעפּ וויגן זיך אין ווינט, זי קוקט אויס ווי אַ פאַרזאָרגטע קליינע מאַמע און זי רעדט ענגליש מיט אַ היימישן נאָכקלאַנג. אוודאי ניט קיין הי־געבוירענע. זי דערנענטערט זיך! ער האָט אָנגעהויבן האסטיקער שפּאַנען, ביז ער האָט זי פאַרלוירן.

עטלעכע טעג שפּעטער. ס'גלעקל קלינגט פאַר „לאָנטש" (מיטאָג). די טירן רייסן זיך אויף, מען לויפט ווי פון אַ שרפה. יאַנקעלע זעצט זיך ביי אַ טיש אין „סקול יאַרד" מיט פּעקל שפּייז, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן. ער האָט נאָך ניט אַראָפּגעשלונגען דעם ערשטן ביסן, דערזעט ער דאָס מיידל מיט די צעפּ, וואָס האָט אים פאַרשוואַרצט דאָס פּנים... זי עסט אויך איר „לאָנטש".

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז די בלויקייט פון אויג וועט אָפּ־גיין, ווען דו וועסט צולייגן אַ שטיקל רוי פלייש? — טשעפּעט זי זיך ווידער צו אים. ז

— איך האָב גאָרניט צוגעלייגט, און מיין אויג איז ניט געווען בלוי!

— ס'איז יאָ געווען בלוי און אויפגעשוואָלן!

— ס'איז ניט געווען!

— ס'איז יאָ געווען! און פאַרוואָס זאָלסטו לייקענען? ביטאָ זיך וואָס צו שעמען. דער „ברוט" האָט האַרטע, פלינקע פויסטן. ער איז אַ געניטער שלעגער!

— איך האָב זיך ניט געשראָקן פאַר גרעסערע שלעגער, איך בין זיי בייגעקומען...

— אַזאַ העלד ביסטו, אַז דו שרעקסט זיך פאַר קיינעם ניט? איך האָב גאָרניט געוואוסט.

— ווייסטו איצט. איך האָב זיך שוין צוגעוויינט צו שרעק, אַז זי שרעקט מיך מער ניט...

— ביסט אַ מאָדנע יינגל, רעדסט אַזעלכע רייד, וואָס קלעפּן זיך ניט.

— איך צווינג דיך ניט זאָלסט רעדן מיט מיר!

—איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו האָבן אַ „פאַיט" מיט דיר, וויל ער איז עלטער און שטאַרקער.

— אַז איך האָב דיך ניט געבעטן, זאָלסט זיך אָננעמען פאַר מיר!

— איך האָב זיך ניט אָנגענומען פאַר דיר, איך האָב זיך אָנגענומען

פאַר גערעכטיקייט. הלוואי וואָלט איך געווען אַ יינגל, וואָלט איך אים געוויזן ווי אַזוי צו חוזקן פון אַ בלעטל מיט יידישע אותיות.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס זיינען געווען יידישע אותיות?

— ס׳הייסט, פון וואַנען איך וויס? איך בין דאָך אַ יידיש מיידל!

— דו ביסט אַ יידיש מיידל?

— אוודאי. דו האָסט ניט די „מענטשעלעך” אין די אויגן?

— לאָמיר הערן, צי דו קענסט רעדן יידיש.

— זיכער קען איך.

— לאָמיר הערן.

— איך בין אַ יידיש מיידל, — זאָגט זי אויף יידיש.

— דו רעדסט דאָך טאַקע ווי אַ יידיש קינד! — דערפרייט ער זיך — און איך בין דאָך אַ יידיש יינגל!

— דאָס האָב איך באַלד געוואוסט, נאַרעלע, קיין קריסטלעכע יינגלעך טראָגן ניט מיט זיך קיין בלעטלעך מיט יידישע בוכשטאַבן. חוץ דעם, ביסטו טאַקע ענלעך צו אַ יידיש יינגל. ווען זיי האָבן פון דיר אָפּגעלאַכט, און דער „ברוט” האָט דיך געשלאָגן, האָט מיר פאַרקלמעט ביים האַרץ!

— וואָס האָט ער מיר געשלאָגן? ער האָט מיר קוים די פליגן אָפּ־געיאָגט. דאָס הייסט ביי דיר געשלאָגן? דו האָסט באַדאַרפט זען, ווי מען האָט ביי אונדז אין ווילנע געשלאָגן יידן!

— דו קומסט פון ווילנע, ביסטו דאָך אַ ליטוואַק?!

— לאַכסט פן אַ ליטוואַק?!

— איך לאַך ניט, נאַרעלע, כ׳טרייב שפּאַס, און ווי איז דיין יידישער נאָמען?

— ווען כ׳בין געווען אַ קליין יינגל, האָט מען מיך גערופן יאַנקעלע.

— ס׳אַ שיינער נאָמען, און ער פּאַסט דיר אויך. מיר געפעלט: יאַנקעלע, יאָסעלע, נאָר פאַרוואָס רופן זיי דיך גאָר דזשערי?

— חמורים, אַזוי ווילן זיי. און ווי איז דיין נאָמען, און פון וואַנען קומסטו?

— מיין יידישער נאָמען איז שרהלע. איך אין מאַ טאַטעשי קימען מאָ פין פוילן — פּאַלט זי איין אין איר פּויליש־וואַרשעווער דיאַלעקט — מאַן טאַטעשי האָט געקעמפט ווי אַ העלד אין אויפשטאַנד פין דע וואַר־שעווער געטאָ אין ער האָט בלאָע נימערן איינגעקריצט אין זאַן האַנט!

— מיין מוטער האָט דאָך אויף איר האַנט אויך בלויע נומערן! — האָט יאַנקעלע אויסגערופן.

אַרום זיי האָבן קינדער מיט חידוש אָנגעשפּיצט די אויערן צום פרעמדן לשון.

— זע נאָר אַזאַ זאַך! — האָט שרהלע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווי זי וואָלט געוואונען ס׳גרויסע געווינס... אירע אויגן האָבן אַ לויכט געטאָן און זי האָט פריידיק געשמייכלט, מאַכנדיק חן־גריבלעך אין די באַקן — מאַן טאַטעשי אין דאַן מאַמעשי געהערן זיך אָן ווי אייגענע, ווי משפּחה! אין די וואַיסט? מיך האָט מע מיט אַ קינצשטיק אַראָסגע־שמוגלט פון דע וואַרשעוואַ געטאָ, אַניט וואָלט מאַך היטלער פאַרברענט צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע קינדער! אין זע נאָר, די האָסטאַך גוניש געגעסן! שפּעטאַ וועסטי זאַן הינגעריק! ד מיסט עסן, יאַנקל, זאָלסט ווערן שטאַרק אין זאַך קאָנען ווערן קעגן די היגע לאָבוסעס.

— וואָס איז לאָבוסעס? — האָט יאַנקעלע, דאָס ליטוואַקל געפרעגט.

— קליינע היטלערס...

ס׳גלעקל האָט גערופן צוריק אין די קלאַסן.

פאַרנאַכט ביים אַהיימגיין האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן. יאַנקעלע האָט געטראָגן אירע סקול־ביכער, נאָכטוענדיק די אַמעריקאַנער ייִנגלעך. זי האָט געלאַכט. דער ווינט האָט געוויגט אירע צעפּ און איינעם שטי־פעריש אַרויפגעריסן. שרהלע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אונטער זיך.

— וואָס טוסטו? — האָט יאַנקעלע געלאַכט.

— כ׳האָב געמיינט, אַז דער „לאָבוס" רייסט מיר די צעפּ!

— ווער?

— דער קליינער היטלער, וואָס האָט מיט דיר געהאַט אַ „פאַיט".

ער טשעפּעט שטענדיק מאַנע צעפּ אין ער קריגט פין מיר אַ שוואַרצן אַפּשניט! וואָ סלויפּסטע אַזוי — האָט זי אים נאָכגעשפּאַנט.

— איך אייל זיך צו דער יידישער שולע.

— די לערנסט אין אַ חדר?

— ס׳איז אַ שולע. איך לייען פאַר לידער אויף קאָנצערטן.

— פון אַ ביכל?

— פון אויסווייניק.

— קאָן איך דיך אַמאָל קימע הערן?

— פאַרוואָס ניט? דו וואָלסט זיך אויך באַדאַרפט לערנען יידיש, דו רעדסט אַזוי צעצויגן און מאַכסט קאַליע דעם לשון!

— באַ אינץ אין וואַרשע רעדט מע אַזוי. מיינסט, אַז אַלע יידן

זענען ליטוואַקעס?! — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געלייגט די הענט אויף די באָקעס — כ'בין פּינקט אַזאַ יידיש קינד ווי די!

— איך זאָג ניט, אַז דו ביסט ניט קיין יידיש קינד, נאָר דו רעדסט אַזוי טשודנע יידיש. נאַדיר די ביכער, שרהלע. איך אייל מיך צו דער שולע!

— ני, גאַי, נאָר עס עפּיס אָפּ פריער, ס'האַרץ וועט דיר חלשן! — האָט זי אים נאָכגעשריגן.

שבת, שפּאַצירנדיק מיט דער מוטערביים ים, האָט יאַנקעלע אָנגעוויזן אויף שרהלען, וואָס איז זיי אַקעגנגעקומען מיט איר פאָטער: — זעסט, מאַמע, מיט דעם מיידל גיי איך צוזאַמען אין סקול. זי האָט מיר געזאָגט אַז זי איז אַ יידיש קינד און איר פאָטער האָט אויך נומערן אויף דער האַנט.

— העלאָ! — האָט זיי שרהלע באַגריסט און זיך אָפּגעשטעלט.

— טאַטעשי, דאָס איז דאָס יינגל פון פּאַבליק סקול, וואָס כ'האָב דיר פאַרציילט. ער גייט אין אַ יידישע שולע און לייענט פאַר לידער אויף קאָנצערטן. און דאָס איז זיין מאַמע, זי האָט אָך היטלערס נימערן אַף דע האַנט...

— קינדער, קינדער... אַ לעבן אויף אייך!... האָט רחל געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

— מיין נאָמען איז אהרן — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט מיט אַ בלאַסן שמייכל.

— מיין נאָמען איז רחל.

— פרייט מיך אייך צו קאָנען!

— טאַטעשי, יאַנקעלעס טאַטע האָט אָך געקעמפט ווי אַ העלד... אין דער ווילנער געטאָ!

הייסט עס, אַז מירביידע קומען פון יענער וועלט — האָט אהרן געזאָגט מיט אַ טיף־אויסגעוויטיקט קול — מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט זיך אין סקול באַקענט מיט אַ יינגל, וואָס רעדט גוט יידיש... און קומט מיט זיין מאַמען פון דער ווילנער געטאָ, וואו זיין פאָטער איז געפאַלן אין אויפשטאַנד.

— וואָס קינדער צערעדן — האָט זיך רחל פאַרענטפערט.

— ביי קינדער — וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג.

— טאַטעשי, איך וויל אַ ביסל אַרומגיין מיט יאַנקעלען.

— איך וויל שרהלען באַקענען מיט מיין חבר פון דער יידישער שולע, — האָט יאַנקעלע צוגעגעבן.

— נו גוט, גייט, נאָר פאַרגייט ניט צו ווייט, ווערט ניט פאַרלוירן!

זיי זיינען באַלד פאַרשלונגען געוואָרן אין געדיכטן עולם, טייל אין באָד־קאָסטוימען, פּירנדיק ביי די הענט קינדער מיט פאַרשמירטע פּנימער פון אייז־קרים. אַ מיידל האָט הויך געלאַכט מיט אַ קוויטש, ווען צוויי בחורים האָבן זי געהאַלטן, איינער ביי די פיס און איינער ביי די הענט, וויגנדיק זי אין דער לופט, זיך פאַרמאָסטן אַריינצוואוואַרפן אין וואַסער אַריין. יאַנקעלען און שרהלען איז דאָס זייער געפעלן, און זיי האָבן מיטגעלאַכט.

ווען די קינדער זיינען צוריקגעקומען, האָבן זיך שוין די עלטערן געהאַט אויסדערציילט אַ סך וועגן זייערע איבערלעבונגען אין נאַצי־גיהנום.

— מיין ליבער פריינט, איך האָב ניט די ווערטער אייך איבערצו־געבן, וואָס מיר האָבן אין ווילנע איבערגעלעבט, איידער און נאָך דעם, ווי מיין גאָטזעליקער מאַן איז אומגעקומען.

— ניטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך קיין ווערטער פאַר היטלערס גרויזאַמקייטן — האָט ער צוגעגעבן — סיידן אפשר מיט שווייגן קאָן מען עפּעס זאָגן...

— אַזוי ווי אין דער געטאָ, וואו מען האָט געוויינט אָן טרערן — האָט זי געפּרואווט דערגאַנצן וואָס ער מיינט.

— מיר האָבן שוין אָבער צופיל געוויינט. איצט איז היטלער טויט, כאָטש ס׳איז נאָך פאַרבליבן זיין שוואַרצער שאָטן... זיינען מיר אָבער געקומען צום לעבן — האָט אהרן געזאָגט — מיר דאַרפן איצט זיין פריי־לעך, וואָס מיר זיינען אים בייגעקומען און אויספּילן דאָס אָרט פון אונדזערע זעקס מיליאָן, וואָס ער האָט אומגעבראַכט — ניט פאַרגעסן! אוודאי טאָרן מיר ניט פאַרגעסן. מיר האָבן אויף דעם געשוואוירן. נאָר גענוג געטרויערט! זאָלן די דייטשן איצט טרויערן און וויינען, אויב זיי האָבן אַ געוויסן! מיר, קאַצעטניקעס, האָבן אַ קלוב. קומען מיר זיך צונויף פּראַווען שמחות און גייען אַ טאַנץ! — האָט אין זיינע אויגן אויפגעלויכטן אַ פלעמל, וואָס האָט זיך שוין אַמאָל געהאַלטן ביים פאַרלעשן, און האָט איצט אויפסניי געטאָן אַ לויכט אויף, פאַרציענדיק אויף רחלס פּנים אַ בלאַסן אויפגעהייטערטן שמייכל... ס׳האָט זיך איר

אויסגעוויזן, אַז זיינע רייד היילן אירע וואונדן און זי האָט אים פאַרבעטן אויף אַ גלעזל טיי. ער איז געקומען מיט שרהלען.

איר קליינע וואוינונג איז געווען ציכטיק און מיט געשמאַך איינגע־שטעלט: אַ שאַנק מיט ביכער האָט פאַרנומען דעם אויבנאַן אין הויז. אויף די ווענט — עטלעכע קאָפּיעס פון קונסט־בילדער, אַ בילד פון איר אומגעקומענעם מאַן, און אַ בילד פון זיך מיט יאַנקעלען, וואָס זי האָט שוין געצומען דאָ אין אַמעריקע. אהרן האָט פאַרזוכט די פרוכט, וואָס זי האָט געשטעלט אויפן טיש. זיין האַנט האָט נאָך עטוואָס געציטערט. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף רחלס בילד: אירע גלאַט־פאַרקאַמטע האָר, אירע גרויסע, טונקעלע, צערפולע אויגן האָבן אים דערמאָנט אין אַ הייליקער. דאָס בילד פון איר מאַן, וואָס זי האָט געבראַכט פון ווילנע, איז שוין געווען אַ ביסל אָפּגעריבן און פאַרבלאַסט, איינגעהילט אין אַ טויטלעכע שיין. זיין פּנים איז אהרנען געווען באַקאַנט: דאַכט זיך, ער האָט אים ערגעץ געזען און זיך ניט געקענט דערמאָנען וואו. ער האָט זיך פאַרטראַכט, און ס׳האָבן אויפגעלויכטן פאַר אים פאַרשיידענע געשטאַלטן.

— איך זע, אַז איר זייט פּלוצלונג אומעטיק געוואָרן. ווייזט אויס, אַז איך האָב אין אייך אויפגעוועקט טרויעריקע דעראינערונגען.

— ניין, פאַרקערט. אפילו אין אויפגעהייטערטע מאָמענטן שווימען אַמאָל אַרויס, קעגן מיין ווילן, פאַרגאַנגענע בילדער, וואָס צעשטערן דאָס מינדסטע ביסל פרייד, וואָס דערוועקט זיך אַמאָל אין מיר...

— יאָ, פאַרגאַנגענע בילדער פאַרפאָלגן מיך אויך. איך קאָן זיי גאָרניט פאַרטרייבן פון זיך, סיי ווען איך בין וואַך, און סיי ווען איך שלאָף.

— לאָמיר איינער דעם אַנדערן העלפן פאַרטרייבן די פאַרגאַנגענ־הייט — האָט ער פאַרגעשלאָגן — לאָמיר רעדן פון פריילעכע, איצטיקע זאַכן: איר ווייסט, אַז איר האָט זייער אַ פיינע דירה, ניט ווייט פון ים, און עס פילט זיך דאָ אין יעדן ווינקעלע די האַנט פון אַ גוטער באַלעבאָסטע.

— אָ, ס׳וואָלט געקענט זיין בעסער, ווען איך בין ניט אַזוי פאַר־יאָגט אין שאַפּ. אַז איך קום אַהיים, ווייס איך ניט וואָס פריער צו טאָן, און יאַנקעלע, זאָל געזונט זיין, ברענגט זיינע חברים און זיי צעטראָגן דאָס הויז — האָט זי געזאָגט, שטעלנדיק טיי מיט אייגענע געבאַקענע קיכלעך צום טיש — פאַר דעם געלט איז די דירה ניט קיין שלעכטע, נאָר שבת און זונטיק איז דאָ טומלדיק ביז שפּעט אין דער נאַכט. און איר ווייסט נאָך וואָס? מיר וואוינען דאָך אפשר צען בלאָק אַוועק פון

ים און ווען דער טומל שטילט זיך שוין ענדלעך איין, לאָזט מיך דאָס רוישן פון די כוואַליעס ניט שלאָפן. מיר דאַכט זיך, אַז אָט דערגענ־טערן זיי זיך און שלינגען מיך איין. און איר מעגט לאַכן פון מיר, אַ סך מאָל הער איך אין זייער רוישן דאָס געשריי פון ברענענדיקע יידן, דאָס וויינען און צאַפּלען זיך פון קינדער, דאָס רעווען פון דייטשן!

— אָפּגעשוואַכטע נערוון — האָט אהרן דערקלערט — מיר חלומט זיך אויך גאַנץ אָפט, אַז איך בין אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד, וואַרף פלעשער מיט ברען־שטאָף, וואָס ציבדן אונטער דייטשישע טאַנקען. איך פּרואוו אַנטלויפן פון אַ ברענענדיק הויז, געפין ניט קיין אַרויסגאַנג, און כאַפּ זיך אויף מיט שרעק און פרייד, וואָס דאָס איז שוין אַ חלום.

— מירביידע חלומען די זעלבע חלומות... האָט רחל געזאָגט אַ פאַרטראַכטע.

עס איז אַריינגעקומען דער שרייבער נח שולמאַן מיט זיין פרוי צירל.

— זעט נאָר, וואָס פאַר אַ טייערע געסט מיר האָבן! — האָט זיי רחל באַגריסט — זייט באַקאַנט: דאָס איז דער יידישער שרייבער נח שולמאַן, דאָס איז זיין ליבע פרוי צירל, און דאָס איז אהרן וויינטרויב, וואָס קומט פון דער וואַרשעווער געטאָ.

נח האָט שטאַרק געדריקט אהרנס האַנט, געקוקט אויף אים מיט פייכטע אויגן פון עקסטאַז — ס'איז פאַר מיר אַ כבוד איך צו באַגעגענען!

— ווען ער שעמט זיך ניט, נעמט ער אים אַרום און קושט זיך מיט אים

— זייער חשוב — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער פון די ליפּן און ניט געקענט געפינען ס'ריכטיקע וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן וואָס ער פילט — די וואַרשעווער געטאָ האָט דאָך פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון דער וועלט!

— פון דער גלייכגילטיק־קאַלטער וועלט — האָט רחל שטיל געזאָגט.

— ווי לאַנג זייט איר שוין פון וואַרשע? — האָט נח געפרעגט און זיך מיט דרך־ארץ געזעצט נעבן אים.

— פון וואַרשע בין איך שוין אַ יאָר.

— געוועז אין אויפשטאַנד?

— יאָ.

נח האָט געוואָלט הערן אַ סך וועגן לעבן אונטער היטלערן, נאָר אהרן האָט ניט גערן געענטפערט, ס'איז אים געווען שווער אָנצורירן די נאָך ניט פאַרהיילטע וואונדן.

יאַנקעלע און שרהלע זיינען מיט פאַרפלאָמטע פנימער געזעסן ביי

דער טעלעוויזיע. זיי האָבן מיט צעצונדענע אויגן נאָכגעקוקט די העל־דיש־פלינקע „קאָובאָיס” אויף די גאַלאָפּירנדיקע פערד, אונטער אַ האָגל פון קוילן. די מוזיק האָט הילכיק, בראַזגנדיק צוגעשפּילט.

— ניט אַזוי הויך! קינדער! — האָט זיך רחל ביי זיי געבעטן — מאַכט עס אַ ביסל שטילער. מענטשן רעדן און מען הערט ניט קיין וואָרט וואָס מען זאָגט. פריינט נח! וואָס טוט מען מיט דער טעלעוויזיע? יאַנקעלע וויל ניט אָפּטרעטן פון איר!

— אַלע אַמעריקאַנער קינדער אַזוי.

— ער איז דאָך אָבער נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער, פאַרוואָס איז ער אַזוי פאַרכאַפּט פון די שיסערייען און מאָרדן? אַזוי ווי אין אַמעריקע וואָלטן אַלע מענטשן גאָרניט געטאָן, נאָר געהאַלטן זיך אין איין אויס־קוילען! יאַנקעלע! כ׳האָב דאָך דיר געבעטן אַ ביסעלע שטילער! — האָט זי שוין אַפּרלוירן דעם געדולד — און ס׳וועט שוין זיין גענוג טעלעוויזיע פאַר היינט! געסט זיינען געקומען, דאַרף מען האָבן דרך־ארץ און זיי ניט באַפאַלן מיט גוואַלדן און שיסערייען!

— באַלד, מאַמע, ס׳וועט זיך באַלד ענדיקן!

— איר ווייסט, פריינט נח, ניט נאָר איז יאַנקעלע פאַרכאַפּט פון דער טעלעוויזיע, נאָר ער איז אויך געוואָרן פאַרקאָכט אין באַל־שפּיל.

— שפּילן באַל אויף דער לופט איז דווקא געזונט — האָט זי נח באַרואיקט — און אַ געזונטן קערפּער איז דאָ אַ געזונטער גייסט.

— ס׳איז אָבער דאָ אַ געפאַר, אַז דער קערפּער זאָל איינשלינגען דעם גייסט!

— ניט יאַנקעלע, ער האָט אַ שאַרף קעפּל און קומט פון ווילנע...

ענדלעך איז די טעלעוויזיע פאַרמאַכט געוואָרן.

שפּעטער אַ ביסל האָט צירל, נחס פרוי, געזונגען „אויפן וועג שטייט אַ בוים” מיט אַ שוואַכער אָבער זייער אָנגענעמער שטימע און אַ סך געפיל. אירע גרויע האָר און יונג־פאַרליבטע אויגן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ בונד צווישן יוגנט און עלטער. דערנאָך האָט יאַנקעלע פאָרגעלייענט פון אויסוויינייק אַ ליד פון אַ יידישן דיכטער. נח האָט געשיינט פון נחת. אַלע האָבן הויך אַפּלאָדירט. רחל האָט געטראַכט: ווען זיין פאָטער וואָלט געלעבט און דאָס געהערט... אירע ליפּן האָבן אַ קוים־מערקבאַרן צוק געטאָן... שרהלעס באַקן זיינען געוואָרן פאַר־רויטלט... — טאַטעשי! — האָט זיך זיך פּלוצלונג אָנגערופן — פּאַצייל ווי אַזוי מען האָט מיך אַרויסגעגנבעט פון דע געטאָ!...

— שרהלע, וואָס איז דיר פּלוצלונג איינגעפאַלן?!

— כ׳וויל יאַנקעלע זאָל הערן...

— דערציילט טאַקע, ס׳איז אינטערעסאַנט! איז מען צוגעשטאַנען צו אים. ער האָט געקוקט אויף שרהלען מיט פּאַראיבל. זי האָט אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ.

אַ ווייל האָבן אַלע געשוויגן.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? ווייניק האָט מען זיך שוין אָנגע־הערט פון אַזעלכע זאַכן, און ווי אַזוי קאָן מען דאָס אויסדערציילן? נעם און שעפּ אויס אַ ים! וועט זיך דען עמעצער אַמאָל דערגרונטעווען צו דעם? אין מיינע אויגן זעט דאָס איצט אויס, ניט נאָר אויסטעליש, נאָר אומגלויבלעך, ווי אַזעלכעס וואלט קיינמאָל אויף דער וואָר ניט געקענט פּאַרקומען, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ וויסטער, ווילדער חלום. איז נאָך וואָס זיך דערמאָנען אין דעם?

— מען דאַרף, מען דאַרף דאָס דערמאָנען, מען טאָר אין דעם ניט פאַרגעסן! — האָט נח געזאָגט, און די אַנדערע זיינען מסכים געווען מיט אים — דערציילט!

— אַ קינד... פאַלט איר איין זיך אַרויסצושטעלן... קינדער זיינען ניט באַשיידן, ווילן זיך אַרויסווייזן, זען אַלץ ווי אין מעשה־ביכלעך.

— טאַטעשי, דאָס איז ניט קאַ מעשה, דאָס האָט טאַקע מיט מיר געטראָפן און איך וויל, אַז יאַנקעלע זאָל דאָס הערן...

— טוט איר צוליב און דערציילט. אַ קינד האָט זיך אירע וועגן...

אהרן האָט נאָכגעגעבן:

— יענעם זומער זיינען אין דער געטאָ געווען גרויסע היצן, ס׳האָט געברענט אַ פייער, ווי אַ צולאָג צו היטלערס קרעמאַטאָריעס. מיר זיינען געווען צוזאַמענגעפּאַקט צו צען און פופצן מענטשן אין איין צימער, און דער טיפוס האָט געבושעוועט. ווען איינער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער באַלד אָנגעשטעקט אַ צווייטן. די טויטע זיינען געלעגן אין די גאַסן, ביז די פינקערט־באַגרעבער האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין וועגענער און אָפּגעפירט צום בית־עולם. מיין פרוי איז געווען איינע פון די קרבנות. פאַרן טויט האָט זי מיר מיט פאַרברענטע ליפּן אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך „האַלטן״, איך זאָל ניט אויפגעבן, ראַטעווען זיך מיט אונדזער איינציק קינד.

— און דאָ האָבן זיך די דייטשן געיאָגט נאָך קינדער, געוואָלט אַרויסרייסן דאָס יידישע פאָלק מיטן וואָרצל. די גרעסטע ברוטאַליטעט

האָבן זיי צו קינדער אַרויסגעוויזן, געכאַפּט זיי לינקס און רעכטס, אַריינגעפּאַקט אין וועגענער און מער האָט מען זיי שוין ניט אָנגעזען. שרהלען האָב איך ניט אַרויסגעלאָזט אויף דער ליכטיקער שיין. זי איז טאַקע געוואָרן בלאַסער און שוואַכער פון טאָג־צו־טאָג, און קיין טראָפּן מילך איז ניט געווען, פון פרוכט און אַ פּיצל פלייש איז שוין אָפּגערעדט. מען איז געווען גליקלעך, אַז מען האָט געהאַט דאָס שטיקל טרוקענע ברויט, וואָס האָט קוים צוזאַמענגעהאַלטן דעם גוף מיט דער נשמה. און מיר האָט ניט אויפגעהערט צו לעכערן אין קאָפּ דער געדאַנק: ווי אַזוי ראַטעוועט מען שרהלען? ביז ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך זאָל זיך ווענדן צום „קעניג פון די טויטע", צו פינקערטן, דעם אָנפירער פון די באַגרעבער, אַז ער זאָל ראַטעווען מיין קינד. ער פירט דאָך יעדן טאָג אַרויס וועגענער מיט מתים ,זאָל ער צוזאַמען מיט די טויטע אַרויסשמוגלען מיין שרהלען. איך האָב געהאַט אַ פאַרבינדונג אויף דער אַרישער זייט, וועט שוין אויפן בית־עולם עמעצער וואַרטן, און זי נעמען צו אַ פּוילישער פרוי, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

— איך בין לאַנג נאָכגעלאָפן די באַגרעבער און געדונגען זיך — ביז איינער האָט דאָס באַוויליקט צו טאָן. שטעלט אייך פאָר אַ פּאַטערס האַרץ, ווען מען לייגט אַריין זיין קינד אין אַ וואָגן מיט טויטע. צו מאַכן דאָס קורץ: אין קעסטל, אויף וועלכן ס'איז געזעסן דער טרייבער, האָט מען געמאַכט עטלעכע לעכלעך, עס זאָל אַריין לופט, און אַהין אַריינגעלייגט שרהלען. איך האָב איר אָנגעזאָגט, זי זאָל ליגן שטיל, אומבאַוועגלעך, ווי עס ליגט אַ טויטע, און זי זאָל זיך ניט שרעקן, וויל מען פירט זי צו אַ מומען, וואו עס וועט איר זיין גוט.

— איך האָב זיך ניט געשראָקן, טאַטעשי, איך האָב זיך קאָ ריר ניט געטין אין אָנגעהאַלטן דעם אָטעם. כ'האָב אָפּגענאַרט די דאַטשן... — האָט אים שרהלע איבערגעשלאָגן.

— דאָס איז אמת, ביסט אַ כוואַטסקע מיידל! — האָט איר אהרן צוגעגעבן — איז, איידער דער וואָגן האָט זיך געלאָזט צום בית־עולם, האָבן די נאַציס באַטראַכט די טויטע, צי קיין לעבעדיקער ייד האָט זיך ניט באַהאַלטן צווישן זיי. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צום קעסטל, אויף וועלכן דער טרייבער איז געזעסן און ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפּט: אפשר וועט שרהלע חלילה טאָן אַ הוסט אָדער אַ נאָס. נאָר די אינספּעקציע איז דורך, ז'ער טויטן־וואָגן האָט זיך גערירט. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט.

— טאַטעשי, כ׳בין געלעגן שטיל. אַזוי ווי דו האָסט מיר אָנגעזאָגט אין אַרויסגעקיקט דורך אַ לעכל. נאָר ווען דער וואָגן האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען, האָב איך געמאַינט, אַז די טויטע רירן זיך, האָב אַך מאַך אַ קליין ביסל דערשראָקן, פאַרמאַכט די אויגן אין ס׳האָט מאַך שוין ניש געאַרט...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, שרהלע...

— איז, פון בית־עולם האָט מען זי איבער אַ פאַרקן געגומען צו דער פוילישער גוטער פרוי, אויף דער אַרישער זייט. דערנאָך האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין געטאָ. אין דער לעצטער שלאַכט מיט די דייטשן, בין איך מיט אַ גרופע קעמפער אַנטלאָפן פון אַ ברענענדיק הויז און דורך אַ האַנט־צו־האַנט שלאַכט זיך דורכגעריסן דורך די נאַציִשע סאָלדאַטן און אַוועק צו די פאַרטיזאַנער. אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך שרהלען אָפגענומען פון דער פוילישער פרוי.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר, טאַטעשי, און אַ סך מאָל געוויינט...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, שרהלע. דו ביסט אַ טייער מיידל! — האָט זי נח געגלעט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט איבערן קאָפּ. אירע באַקן האָבן געפלאַמט. יאַנקעלע האָט געקוקט אויף איר מיט גלאַנציקע אויגן.

זיי זיינען שוין אָפּט געקומען צו רחלען פאַר אַ גלעזל טיי. אהרן פלעגט שרהלען פרעגן:

— אפשר ווילסטו גיין זען יאַנקעלען?

און רחל פלעגט פרעגן יאַנקעלען: — אפשר ווילסטו גיין זען שרהלען?...

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט רחל חתונה געהאַט מיט אהרנען. שרהלע און יאַנקעלע האָבן געהאַלטן די שטאַנגען פון דער חופה ביי אַ רב אין הויז.

שפּעטער איז געפּראַוועט געוואָרן די שמחה אין אַ זאַל מיט די קאַצעטניקעס. נח שולמאַן, דער שרייבער, האָט געטאַנצט מיט דער כלה. דאָס איז געווען אַ מין הייליקער טאַנץ, זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ ניט־ערדיש פייער. די קאַצעטניקעס, האָבן צעפלאַטערטע מיטגעטאַנצט, אַז דער דיל האָט אַזש געציטערט פון זייערע „פויקנדיקע טריט!"...

אין פּלאָנטער

דזשערי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף אין פּאַרק אויף אַ באַנק. דער האַרבסטיקער ווינט האָט אַראָפּגעריסן פֿון אים די אַלטע צייטונגען, מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעדעקט, און זיי צעבלאָזן אין אַלע זייטן. ער האָט זיך געטוליעט אין אָפּגעריסענעם רעקל, אַרומגעוויקלט די הענט אַרום זיין ציטערדיק לייב, ווי ער וואָלט זיך אין זיי געוואָלט פֿאַרשטעלן פֿון שאַרפֿן ווינט, וואָס האָט אפילו געמאַכט דיביימער ציטערן און געריסן פֿון זיי די לעצטע געלע בלעטער.

דזשערי איז מיט שנעלע האַלב־לויפֿנדיקע טריט אַרויס פֿון פּאַרק, ווי די ווינטן וואָלטן אים נאָכגעיאָגט, און איז אַריין אין ערשטן „אויטאָמאַט” וואָס ער האָט אָנגעטראָפֿן אין אַ רוישיקער גאַס. די ליבע וואַרעמקייט וואָס האָט אים אינווייניק אַרומגענומען האָט אָנגעהויבן אויפֿטייען זיינע פֿאַרפֿרוירענע ביינער. אַ שמייכל האָט זיך פֿאַרצויגן אויף זיין באַוואַקסן פּנים. דער ריח פֿון געפּרעגלטע אייער און געזאַלצן פֿלייש האָט געררייצט זיין אַפּעטיט און פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך אַ ביסל דערוואַרעמען, גייט ער אַרויס אין גאַס בעטן „דאַימס” ביי פֿאַרבייגייער. צוערשט אָבער מוז ער זיך ראַזירן און אַ ביסל אַרומוואַשן. ווען מענטשן דערזעען אים אַ קויטיקן, מיט אַ פֿאַרוואָקסן פּנים און נערוועז־הונגעריקע אויגן, דערשרעקן זיי זיך און אַנטלויפֿן...

וואַסער און זייף איז פֿריי אין „אויטאָמאַט”. האַנטוכלעך — וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט. אַ „סעיפֿטי־רעיזאָר” און אַ מעסערל האָט ער. אַ שאָד נאָר וואָס מען קאָן זיך דאָס ס׳לייב אויך ניט אַרומוואַשן, ער געדענקט שוין ניט די צייט ווען ער האָט גענומען אַ באָד.

אָפּגעראַזירט זיך האָט ער אויסגעזען מיט אַ צען יאָר ייִנגער. דערנאָך האָט ער זיך מיט וואַסער און זייף צוגעפּלאַטשעט די האָר, וואָס האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי אַרומשערן און זיך פֿאָרזיכטיק פֿאַרקאַמט, מיט אַ שריינט אין דער לינקער זייט. ער האָט נאָך טאַקע אַלץ אויסגע־

קוקט אָרעם, אָבער „אָנשטענדיק"... אַז ער וועט עמעצן אָפּשטעלן, וועט ער זאָגן, אַז ער קומט נאָר וואָס אַרויס פון שפּיטאָל און דאַרף זיך שטעלן אויף די פיס... דאָס וועט זיי אַ ריר טאָן ביים האַרץ... אַמאָל האָט ער עס געפּרואווט, און אין געוויסע פאַלן האָט עס געהאָלפן.

אַרויסקומענדיק אין גאַס האָבן אים פון אַלע זייטן אַרומגעכאַפּט ווינטן. אַזוי ווי ער איז געווען שוואַך אויף די פיס פון הונגער, האָט ער זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן. מענטשן זיינען געלאָפן איינגעבויגן, צוהאַלטנ־דיק די קאַפּעליושן אויף די קעפּ און די פּאָלעס פון די מאַנטלען. די וואָס ער האָט געוואָלט אָפּשטעלן, זיינען אים פאַרבייגעלאָפן, געמאַכט זיך ווי זיי זעען אים ניט. ער האָט פאַרקריצט די ציין. די קעלט האָט זיך, דורכן דינעם רעקל און קויטיקן העמד, צוגעכאַפּט צו זיין ציטער־דיק לייב. כדי זיך צו דערוואַרעמען, האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען, כמעט לויפן, ביז ער האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ רייכער גאַס. דער ווינט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל איינשטילן, דער הימל איז געווען טונקל, די לופט פייכט, נעפּלדיק. זיין בליק איז פּלוצלונג געפאַלן אויף אַ לימוזין מיט אַן אָפן פענצטער. אינווייניק זיינען געלעגן צוויי פּעקלעך, אַ קליינס און אַ גרויס. — „נעם" — האָט אים אַ געדאַנק אונטערגעזאָגט, — „אַזאַ געלעגנהייט מאַכט זיך זעלטן. דאָס איז אַזוי ווי פון גאָט צוגעשיקט געוואָרן... און דער נעפּל פאַרשטעלט דיך... אַז עמעצער וועט דיך פּאַרט באַמערקן און דו וועסט אַרעסטירט ווערן, איז דאָך אויך גוט, וועסט קריגן אָפּצועסן און ס'וועט דיר זיין וואַרעם.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די צוויי פּעקלעך און אָנגעהויבן שנעל אַוועקשפּאַנען. אפשר אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ווישן דעם שווייס פון פּנים. ער איז שוין געווען ווייט פון דעם לימוזין ערגעץ אין אַן אָרעמער געגנט. אָפּזוכנדיק אַ טונקעלן קאָרידאָר, איז ער אַריין אַהין און אויסגעפּאַקט די פּעקלעך. אין קליינעם פּעקל איז געלעגן אַ טייערער מענער־הוט, אַ ביסל צו ענג אויף אים. פון גרעסערן פּעקל האָט ער אַרויסגעוויקלט אַ קאָסטבאַרן העלן „קאַזש־מיר"־מאַנטל וואָס פאַרקויפט זיך אין די רייכע געשעפטן פאַר עטלעכע הונדערט דאָלער. ער האָט אים שנעל אָנגעטאָן און אַרויס אין גאַס. דער מאַנטל איז געווען אויף אים צו ברייט, נאָר לייכט ווי אַ פעדער און וואַרעם, ווי ער וואָלט געלעגן ביי אַ געליבטער פרוי אין די אָרעמס. פאַרבייגייענדיק אַ שפּיגל־געשעפט, האָט ער דערזען קעגן זיך אַ מילי־אָנער, מיט אַ הונגעריק פּנים און פאַרשאַרפטע גלאַנציקע אויגן.

די קראַמפּן פון הונגער האָבן ניט אָפּגעלאָזט, כאָטש נעם און עס דעם קאָסטבאַרן מאַנטל מיטן טייערן הוט, וואָס אין דער זיידענער טאַשמע שטעקט אַ בלויע פּעדער, ווי עפּעס אַ גראַפישער עמבלעם... און דער הונגער הערט ניט אויף נאָגן.

וואָס טוט מען איצט? איז ער געוואָרן פאַרצווייפלט, — ווי קאָן איך אין אַזעלכע רייכע קליידער גיין בעטן ביי עמעצן אַ „דאַים״? מען וועט מיינען אַז אַ וואָל־סטריט־מאַן איז משוגע געוואָרן, אַז די בערזע האָט געקראַכט און ער האָט פאַרלוירן זיינע מיליאָנען... ער קאָן אפילו ניט גיין צו דער „סאַלוועישאַן־אַרמי״ וואו מען קריגט אַמאָל אַ טעפּל קאַווע מיט נאָכט־לעגער אומזיסט פאַר אויסהערן זייערע לאַנגע דרשות. ווי אַזוי קאָן ער זיך ווייזן פאַר זיי אין אַזאַ רייכן אויסשטייער?

אָפּגייענדיק אַ שטיקל צייט, האָט ער דערהערט אַ קול לעבן זיך:

— מיסטער, איר קאָנט אפשר שפּאָרן אַ „דאַים״, איך האָב שוין עטלעכע טעג ניט געגעסן...

אויף דזשעריס פּנים האָט זיך פאַרקרומט אַ שמייכל און ער האָט אָנגעהויבן שטעלן האַסטיקערע טריט, וואַרפנדיק מיט די הענט ווי איינער וואָס וויל זיך אָפּטשעפּען פון עמעצן, אָדער עפּעס דערקלערן אויף שטום־לשון...

דער בעטלער האָט אים נאָכגעשיקט אַ קללה וואָס ער האָט דורכ־געזייעט צווישן די ציין...

דזשערי האָט באַשלאָסן, אַז די בעסטע זאַך וואָס ער קאָן טאָן איז פאַרזעצן דעם מאַנטל מיט דער הוט. זוכנדיק אַ לאָמבאַרד, האָט ער זיך איבער באַטראַכט: ווען ער וועט אויסטאָן דעם מאַנטל, און מען וועט דערזען זיין אָפּגעריסן רעקל מיט דעם קויטיקן העמד, קאָן פאַלן אַ חשד אויף אים, און מען זאָל אָפּרופן די פּאָליציי. טויג טאָקע ניט. ווייל ווי שלעכט ס׳איז אינדרויסן איז ער פאָרט אַ פרייער פויגל... אָט גייט צו ווינטער, קאָן ער כאַפּן אַ פראַכט־באַן און אַוועקפאָרן אין די וואַרעמע לענדער, קיין פלאָרידע אָדער קאַליפאָרניע און זיך וואַרעמען אויף דער זון, אַזוי ווי ער טוט עס אַלע יאָר. די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען ער קריגט אַ פּריוואַטן קונה. איז אין דעם אָפּשטעלן אַ פרעמדן מענטשן אויך דאָ אַ געפאַר, יענער זאָל קריגן אַ פאַרדאַכט.

ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, אָפּגעשוואַכט פון הונ־גער און געטראַכט פון אַן אויסוועג.

*
**

דזשאָנען איז אויך ניט געגאַנגען גוט. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ העלד מיט מעדאַלן, האָט מען אים, אין זיין שטעטל, ניט ווייט פון ניו־יאָרק, אויפגענומען מיט פּאַראַד: מוזיק האָט געשפּילט, פאָנען האָבן געפלאַטערט, מיידלעך האָבן אים געקושט. דער מעיאָר האָט געהאַלטן אַ רעדע און אים הויך געלויבט. אין דער שטעטלשער צייטונג איז געווען זיין בילד מיט באַשרייבונגען.

ביסלעכוויז אָבער, האָט זיך זיין שטערן אָנגעהויבן לעשן, ביז מען האָט אים אינגאַנצן פאַרגעסן. ער האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק און איז אָפּט געגאַנגען צו דאָקטוירים, ווייל ער איז פון דער מלחמה אהיימ־געקומען מיט צערודערטע נערוון און אַ קאַליע מאָגן. דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז ער איז שאָקירט געוואָרן... דערנאָך האָט זיך די פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, פאַרמאַכט. ער האָט אָנגעהויבן אויפעסן דאָס אָפּגעשפּאָרטע ביסל געלט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געמוזט פאַרזעצן זיין ווינטער־מאַנטל. אַ חוץ זיין קראַנקן מאָגן, צערו־דערטע נערוון און קאָשמאַרע נאַכט־חלומות, איז אים פון דער מלחמה אויך פאַרבליבן אַ רעוואָלווער, וואָס ער האָט אין אַ שלאַכט צוגענומען ביי אַ דייטשן אָפיציר, נאָכדעם ווי ער האָט אים דערשטיקט אין אַ האַנט־צו־האַנט געראַנגל.

זינט ס'האָט אים אָנגעהויבן גיין שלעכט האָט ער אָפּט געטאַפּט דעם רעוואָלווער... געשפּילט זיך מיט אים... די מלחמה־גרוילן האָבן אים פאַרטעמפּט, פאַרהאַרטעוועט, געמאַכט שרעקלאָז און געוואָגט... זעענדיק אַזוי פיל סאָלדאַטן פאַלן אויפן שלאַכט־פעלד (און טייל זיינען דאָך געפאַלן פון זיין אייגענער האַנט) האָט דאָס לעבן פון איין מענטשן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם אָנזען אין זיינע אויגן... און ער האָט באַשלאָסן: וואָס עס זאָל ניט געשען מיט אים וועט ער קיינמאָל ניט גיין בעטלען, אַ „העלד" קריכט ניט אויף די קני. אַזאַ שאַנד וויל ער ניט איבערלעבן...

ביז איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען ער איז געבליבן ביים לעצטן דאָלער, האָט ער גענומען דעם רעוואָלווער און אַרויס אין גאַס. אַרומדרייענדיק זיך אַ באַליידיקטער, אַ פאַרביטערטער, אַן אַנטוישטער... מיט שווערע פאַרצווייפלטע געדאַנקען, דערזעט ער אַ פעטן, רייך־געקליידעטן מאַן און ס'טוט אים אַ ברען: ווען ער דזשאָן האָט זיין בלוט פאַרגאָסן אויפן שלאַכט־פעלד, האָט דער־אָ, דאָ געמאַכט גאָלד, געבאָדן זיך אין וואויל־

טאָג, געהוליעט אין נאַכט־קלובן. דזשאַן האָט באַטאַפּט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און ווי לויט אַ באַפעל אין דער מלחמה, שנעל צוגעשטעלט אים צום רייכן מאַנס פּלייצע.

— זיי שטיל — האָט ער אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין — די רער פון מיין רעוואָלווער איז אָנגעשטעלט אויף דיין רוקן. שמייכל, ווי מיר וואָלטן געפּירט אַ פריינטלעכן שמועס, אַניט פּיל איך דיך אָן מיט בליי.

דזשעריס האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן. ער האָט מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן מיטן קאָפּ, אַ באַוועג טאָן מיט אַ ברעם און קוים באַוויזן צו פאַרציען אַ שמייכל אויפן צעשראָקענעם פּנים. צוקומענדיק צו אַן אָרט וואו קיינער גייט ניט פאַרביי, האָט דזשאַן געזאָגט:

— גיב אָפּ דיין געלט!...

— איך האָב ניט קיין געלט.

— ביסט אַ ליגנער! אַ מענטש וואָס טראָגט אַזעלכע קליידער דרייט זיך ניט אַרום אָן אַ ניקל אין קעשענע. נעם אַרויס דיין בייטל, דעם זייגער, אַלץ וואָס דו האָסט!

— איך האָב גאָרניט — האָט זיך דזשערי באַקלאָגט — דער מאַנטל מיטן הוט איז אויך ניט מיין.

— וועמענס דען?

— עמעצנס. כ'בין פאַרבייגעגאַנגען אַ לימוזין מיט אַן אָפענעם פענצטער און געזען צוויי פּעקלעך, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן און בין אַנטלאָפן.

— כ'גלויב דיר ניט. הייב אויף די הענט, ניט צו הויך... מאַך זיך ווי דו וואָלסט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט!

דזשערי האָט געפאָלגט. דזשאַן האָט באַטאַפּט זיינע דרויסנדיקע קעשענעס, צעעפנט דעם מאַנטל און דערזען אַ שמאַטעוואַטע רעקל מיט אַ קויטיק העמד וואָס איז ערטערוויז צעריסן.

— גיי צום טייוול! — האָט ער אים כמעט אַ שליידער געטאָן — פוצט זיך אויס ווי אַ מיליאָנער און פאַרפירט מענטשן!...

— איך האָב ניט געמיינט קיינעם צו פאַרפירן. דו האָסט געמאַכט אַ טעות. אַ מיליאָנער?... ניטאָ וועט ס'זאָל לאַכן... איך האָב שוין עטלעכע טעג ניט געגעסן, שטיי קוים אין אויף די פיס — האָט דזשערי געזאָגט מיט אַ פאַרחלשט קול. פון דער איבערגעלעבטער שרעק און

הונגער, האָבן אים די פּיס געגומען ציטערן און ער האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן צו דער ערד.

— העי! דו! האַלט זיך — האָט אים דזשאַן דערכאַפּט — נעם אָן מיין אָרעם. נאַ, פאַררויכער אַ סיגאַרעט.

דזשערי האָט זיך געקוויקט מיטן רויך און דזשאַן האָט אים צוגע־האַלטן ווי אַן אייגענעם, אומגליקלעכן ברודער...

— נו, דו פילסט בעסער? גוט, קום, דאָ ניט ווייט איז אַ רעסטאָ־ראַן, וועלן מיר עפּעס אָפּעסן. געזען אַזאַ זאַך? אַ מענטש קוקט אויס ווי אַ מיליאָנער און פאַלט פון הונגער — איצט האָב איך שוין אַלץ געזען...

אין ביליקן רעסטאָראַן איז געגאַנגען אַ פּאַרע פון בופעט וואָס איז געווען האַרט אויף דער קיך. דזשעריס האַנט האָט געציטערט האַלטנדיק דעם פליישׂ־„סענדוויטש״, וואָס ער האָט שנעל געפירט צום מויל און זשעדנע געשלונגען, פאַרטרונקען מיט קאַווע און פאַררויכערט אַ פרישן סיגאַרעט.

— יאָ, דו האָסט טאַקע געזאָגט דעם אמת — האָט דזשאַן באַשטע־טיקט — אָבער יעדער איינער וואָלט זיך געקאָנט אָפּנאַרן זעענדיק דיך פון וויטנס.

דזשערי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו יעדן וואָרט וואָס דזשאַן האָט געזאָגט. זיינע גרינע, בלאַסע אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרנעפּלט האָבן אָנגעהויבן ווערן קלאָרער, און געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט פון סיגאַרעט־רויך אַרויס. אין רעסטאָראַן איז געווען אַ פייכטע וואַרעמקייט. די טישלעך, געדיכט באַזעצט מיט מענטשן. זייערע שטימען האָבן זיך אויסגעמישט און געפּלאָסן ווי אַ ברייטער, אומאויפהערלעכער שטראָם, פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן און באַטאָנונגען.

— אַ מענטש חלשט אַוועק אינמיטן גאַס און קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים — האָט דאָס דזשאַן גאָרניט געקאָנט פאַרגעסן.

— לעצטנס האָב איך באַקומען אַ פּאַסקודנע טבע, אַז דער הונגער באַפאַלט מיך חלש איך — האָט זיך דזשערי פאַרענטפערט, און צוגעגעבן מיט אָנערקענונג: — ווען דו דערכאַפּסט מיך ניט צי איך זיך אויס אויף דער ערד — ווי אַ מלאך פון הימל ביסטו מיר אַראָפּגעקומען...

דזשאַן האָט געשמייכלט...

— צוליב די פאַרדאַמטע רייכע קליידער האָב איך ניט געקאָנט בעטן ביי קיינעם אויף אַ טעפּל קאַווע די נשמה צו דערהאַלטן, אפילו

ניט געקאָנט גיין צו דער „סאַלוועישאַן־אַרמי״, אין אַזאַ מאַלפּישן אויס־שטייער...

— באַדאַרפט פאַרזעצן.

— דאָס האָב איך טאַקע געזוכט אַ לאָמבאַרד און דערפילט די רער פון דיין רעוואָלווער אויף מיין רוקן, געמיינט אַז אָט ווער איך „אָנגע־זעטיקט״ מיט קוילן. ס׳האַרץ האָט זיך אין מיר אַזש אַ וואָרף געטאָן. אַ מאָדנע זאַך: ווי שלעכט עס זאָל עמעצן ניט זיין, וויל מען אָבער ניט שטאַרבן.

— שטאַרבן פאַרשפּעטיקט מען ניט, אָבער לעבן אויף די קני איז מיאוס...

דזשערי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

— דאָס ביסטו גערעכט — האָט ער צוגעגעבן — אַמאָל אָבער וואַרפט עס דיך פּשוט אום... טוסט זיך דעם ערשטן גליטש און דו פאַלסט שוין — ניטאָ וואָס זאָל דיך דערכאַפּן. זעלטן באַווייזט זיך אַזאַ גוטער מענטש ווי דו...

דזשאַן האָט אָנגעגרייט צו באַצאָלן דעם לעצטן דאָלער פאַר זייער מאָל־צייט, און געטראַכט אַז דאָס מזל איז קעגן אים, אפילו באַרויבן עמעצן גיט זיך אים ניט איין. האָט זיך דער־אַ באַדאַרפט אונטעררוקן און מאַכן אים צו־נאַר ?...

ס׳איז אים אָבער געוועזן וואַרעם אַרום האַרץ, זעענדיק ווי דזשערי האָט צוריק באַקומען אַ קאָליר אין פּנים, אָט, ווי אַ לאָמפּ וואָס האַלט ביים אויסגיין און לויכט צוריק אויף ווען מען גיסט אַריין אַ ביסל נאַפּט.

— נו, איצט דאַרף מען פאַרזעצן דעם מאַנטל מיטן הוט, כאָטש ס׳איז מיר אַ שאָד... נאָר דאָס איז ניט פאַר מיר, טאַקע אַ ליבע וואַרעמ־קייט, אַ מחיה צו טראָגן אַזאַ מאַנטל, אָבער ער קאָן מיך פאַרטראָגן אויף יענער וועלט אַרויס... אפשר ווייסטו וואו ס׳געפינט זיך דאָ אַ לאָמבאַרד ? איך בין ניט באַקאַנט מיט דער געגנט. געכאַפּט די צוויי פּעקלעך, בין איך געלאָפן וואו די אויגן האָבן מיך געטראָגן.

— אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך פירן דאָ וואו איך האָב פאַרזעצט מיין מאַנטל. ס׳איז אָבער אַביסל ווייט פון דאַנען, נאָר אַ שפּאַציר קאָן ניט שאַטן — האָט דזשאַן געזאָגט.

— גוט, זייער גוט ! — וועלן מיר טאַקע באַלד פּטור ווערן פון אומגליק און זיך זען מיט אַ שיינע פּאָר דאָלער — דאָס מאָל וועל איך דיך „טריטן״. ס׳איז אָבער איצט ביטער קאַלט אינדרויסן. דאַכט זיך ס׳האָגלט.

שווער צו זען דורך די פאַרלאָפענע פענצטער. איך האָב זיך שוין געענוג אָנגעוואַרעמט אין מאַנטל, איז, אַזוי ווי איך קאָן דיר מיט גאָרניט אָפּדינען פאַר דיין גוטס, וואָס דו האָסט מיר פּשוט געראַטעוועט ס׳לעבן, און אַזוי ווי דו טראָגסט בלויז אַ רעקל, וואָלט איך דיך זייער געבעטן, זאָלסט מיר טאָן נאָך אַ טובה, ס׳וועט מיך מאַכן פילן גוט. טו אָן דעם מאַנטל אויפן וועג צום לאָמבאַרד. וועסט זיך דערוואַרעמען אין אים. און נאָך אַ זאַך, אַז איך וועל אין לאָמבאַרד אויסטאָן דעם מאַנטל און זיי וועלן דערזען מיין אויסגעריבן רעקל מיט קויטיק־צעריסענעם העמד, קאָנען זיי נאָך קריגן אַ פאַרדאַכט און רופן די פּאָליציי.

דזשאַן האָט ניט געוואָלט הערן דערפון, נאָר אַז דזשערי האָט אים כמעט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן טאָן די טובה, לאָזן אים אָפּ־דאַנקען כאָטש מיט עפּעס. האָט ער זיך פאַרטראַכט... און מיט אַ שמייכל אָנגעטאָן דעם מאַנטל.

אויפן וועג צום לאָמבאַרד איז אָנגעפאָרן אַ „פּאָליס"־אויטאָמאָביל און זייביידן אַרעסטירט...

אייניקלעך

דזשעק ראָזען האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט אין זיין „ריעל עסטעיט״ אָפיס און געטראַכט, אַז ער וועט מוזן אויפגעבן די ביזנעס: שוין וואָכן ווי עס גיט זיך אים ניט איין צו פאַרקויפן אַ הויז, די אויסגאַבן דערוויל וואַקסן און ער באָדט זיך אַריין אין חובות. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט זיך דערנעענטערט צו אַן אייזערנער וואַנט אין וועלכער ער וועט צעברעכן דעם קאָפּ.

מעי, זיין ווייבל, וואָס בייט אָפּט דעם קאָליר פון אירע האָר, זיצט בייט טעלעפאָן, און רופט מענטשן, לויט נעמען, וואָס זי נעמט אַרויס פון טעלעפאָן־בוך. זי שלאָגט פאָר צו קויפן הייזער, ווילדע מציאות, און קיינער וויל ניט קויפן. קייט זי נערוועז די „גומי״ און טראַכט, אַז ס׳איז אַ שלעכטע צייט, מענטשן דריקן זיך צוזאַמען אין ענגע וואוי־נונגען, יונגע פאָרלעך קאָנען ניט חתונה האָבן, וויל זיי האָבן ניט איינ־צוצאָלן פאַר אַ הויז, אָדער כאָטש דינגען פאַר זיך אַליין אַ דירה. ביזנעס איז אין אַ שטילשטאַנד, ביזנעס איז פאַרגליווערט, אַזוי ווי די לופט אינדרויסן איז פאַרגליווערט און באַוועגט ניט קיין בלאַט אויף די עט־לעכע פאַלמען־ביימער אין פראָנט פון אָפיס, ווי די בלעטער וואָלטן געווען אויסגעהאַקט פון קופער. דער העל־בלויער הימל איבער לאָס אַנדזשעלעס קוקט אויך אויס ניט ראַיעל, נאָר ווי עפּעס אַ שיינע טעאַטער־דעקאָראַ־ציע, וואָס וועט אַזוי הענגען אין די לאַנגע זומער־חדשים, ביז ס׳וועט זיך אָנהייבן דער קאַליפאָרניער ווינטער מיט די נעפּלען און רעגנס, אַז די גאַסן וועלן פאַרפלייצט ווערן און מען וועט זיך מוזן שיפן איבער זיי.

ווען ס׳איז מעיען געוואָרן טרוקן אין האַלדז צו רופן די פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן איר אפילו ניט געוואָלט ענטפערן, האָט זי מיט אַ בייזן קלאַפּ אָוועקגעלייגט דעם טעלעפאָן, פאַרדרויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ רויטע לאָקן, ווי זי וואָלט אויסגעדריקט אַ פאַרדרוס אויף די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זי איגנאָרירט. זי האָט

פאַרזאָרגט אַריינגעקוקט אין רויך, וואָס האָט זיך ווי גרויע, געדיכטע שלענגלעך געדרייט אַרום איר. מעיען האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז דזשעקס נערוועזע טריט, היך־און־צוריק אין דעם שטילן אָפּיס, דריקן אויס אַ פאַרוואורף צו איר, באַשולדיקן זי אין אַלע צרות, כאָטש וואָס פאַרצוואוואַרפן האָט זי אים מער, ווי ער איר. נאָר זי שווייגט: זאָל ער אָנהייבן, וועט זי אים גאַרניט שולדיק בלייבן. ווען דאָס שוויגן צווישן זיי איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אויפרייס־שטאָף, אָט־אָט וועט עס עקס־פּלאָדירן, האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבן קלינגען.

— דזשעק ראָזענס „ריעל עסטעיט״ — האָט מעי מיט דערוואַרטונג אויסגעזונגען, נאָר דער שמייכל, וואָס זי האָט פאַרצויגן אויפן פּנים, איז באַלד פאַרשוואונדן. אירע אויגן אונטער די געבויגענע שמאָלינקע וויעס, ווי האַלבע לבנהלעך, זיינען פאַרטונקלט געוואָרן.

— ווער איז? — האָט דזשעק אומרואיק געפרעגט.

— דער „לענדלאָרד״, ער זאָגט, אַז מיר זיינען אים שוין שולדיק פאַר צוויי חדשים „רענט״, און ער סטראַשעט אַרויסצושטעלן.

— זאָל ער אַרויסשטעלן! ביזנעס איז סיי־ווי טויט. ער קאָן זיך האַלטן מיט זיין... אָפּיס.

— דיר איז גרינג צו זאָגן „זאָל ער אַרויסשטעלן״. דאָס מיינט, מיר זאָלן איבערלאָזן אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ אַריינגעלייגט און אַרויס מיט גאָרניט.

— אַ ברירה האָבן מיר? אַז דאָ איז אַ בית־עולם, און דאָס געלט, וואָס מיין מוטער האָט דיר אויסגעבאָרגט פאַר „רענט״ האָסטו פאַר־שפּילט אין קאָרטן!

— זע נאָר ווער ס׳וואַרפט מיר פאָר, אַז איך האָב פאַרשפּילט אין קאָרטן! עס וואָלט געפּאַסט, אַז דו פאַרשפּילסט קיינמאָל ניט. איך פאַר־שפּיל אַמאָל, דו — אַלע מאָל! — האָבן זיך אַ צינד געטאָן אירע שוואַר־צע אויגן וואָס האָבן זיך ניט געפּאַסט צו די רויטע האָר. — אַזוי שנעל ווי דו נעמסט אַ קאָרט אין דער האַנט אַריין הייבסטו דאָך באַלד אָן פאַר־לירן. גרויסער שפּילער מיינער! — איז זי שוין געווען אָנגעצויגן.

— פאַרוואָס אָבער, זאָג מיר, קאָן איך דיך ניט פאַרלירן?! — האָט עס אים שוין אַ ברען געטאָן.

— דו קאָנסט, פאַרוואָס קאָנסטו ניט? וויל נאָר אויף אַן אמת און דו וועסט מיך מער דאָ ניט אָנזען. היינט, שוין, די מינוט. איך האָב ביי דיר גאָרניט וואָס אָנצוווערן!

— איך ביי דיר אוודאי ניט! — האָט ער צוריקגעפּייערט.

— אַמאָל, דזשעק, האָסטו אַנדערש גערעדט! — האָט זי אים גע־סטראַשעט מיט אַ פינגער, און איר קול איז אַ ביסל פאַרשטיקט און פייכט געוואָרן.

— און דו האָסט אויך אַמאָל אַנדערש גערעדט, איידער דו האָסט אָנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן מיטן לאַנגן דזשעק!

— אָ, דאָס שטעכט דיך — דזשעק! זאָג איך דיר, אַז דו האָסט מיאוסע געדאַנקען, אַז דו ביסט אַ ליגנער!

— דו ביסט אַליין אַ ליגנערין!

— איך אַ ליגנערין?! — דו... — זיי האָבן זיך אָנגעהויבן „אַקעגנ־טאַנצן" ווי צוויי צערייצטע הענער. דער טעלעפאָן האָט ווידער אָנגע־הויבן קלינגען.

— דזשעק ראָזענס „ריעל עסטעיט"! — האָט זי אויסגעזונגען — וואָס? ווען?!

„היינט אינדערפרי", — האָט מען איר געענטפערט.

— ווער איז? — האָט דזשעק געפרעגט.

— דיין שוועסטער האָט טעלעפאָנירט.

— אַז וואָס?

— מען האָט דיין פאָטער נאָר וואָס גענומען אין שפּיטאָל.

— וואָס איז אים?

— אַ האַרץ־אַטאַק.

ביידע האָבן אַ וויַיל געשוויגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— איך האָב דאָך אים ערשט נעכטן געזען, ער האָט ניט אויסגע־קוקט קראַנק — האָט דזשעק גערעדט האַלב צו זיך.

— ער ליידט שוין לאַנג מיטן האַרץ — האָט אים מעי דערמאָנט — און דערפאַר האָט ער דאָך געמוזט אויפגעבן די ביזנעס — איז זי מיט איינמאָל געוואָרן רואיק און פאַרזאָרגט. נאָר פון דעם טאָן פון אירע רייד האָט אַ געניט אויער געקאָנט אַרויסטויכן אַ מין באַהאַלטענע דערוואַר־טונג... און דזשעק האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אַ האַרץ־אַטאַק קאָן זיך שלעכט ענדיקן. די מאַמע איז אויך קראַנק. דאָקטוירים האָבן זי האַלב־אויפגעגעבן. דער „אַלטער" האָט שיינע טויזנטער אין דער באַנק. ביים לעבן האָט ער אים, דעם איינציקן זון, ניט געוואָלט העלפן, אַ שווערע האַנט געהאַט. געמיינט, ער וועט עס מיטנעמען"...

— מעי, מיר פאָרן באַלד אין שפּיטאָל! — האָט דזשעק פאַרזאָרגט אויסגערופן — ווייניק צרות האָבן מיר, פעלט אונדז נאָך אַזאַ אומגליק!

— יאָ. מיר פאָרן שוין— האָט זי אין איילעניש געפּאַרבט די ליפּן.

אויפן וועג צום שפּיטל, אין זיין אָפּענעם אויטאָמאָביל, האָט דזשעק געטראַכט, אַז כאָטש ער ווינטשט, דער פאָטער זאָל שנעל געזונט ווערן, איז אָבער אַ פאַקט, אַז ווען די מוטער האָט אים געוואָלט אויסלייען פינף טויזנט דאָלער, איינצוצאָלן אויף אַ הויז, וואָס ער האָט געקאָנט קויפן פאַר העלפט געלט און דערנאָך פאַרקויפן מיט אַ גוטן פּראָפיט, האָט דער פאָטער ניט געלאָזט. און וואָס האָט ער אַליין געטאָן מיטן געלט? — גאָרניט, ס׳איז געלעגן אין דער באַנק פאַר אַ לעכערלעכן פּראָצענט. אפשר וועט אים די קרענק עפּעס לערנען, און ער וועט ווערן ווייכער, נאָכגעביקער... יעדן טאָג וועט ער קומען אין שפּיטאָל און ברענגען בלומען שאָקאָלאַד פאַר דער קראַנקען־שוועסטער; דערנאָך, ווען דער פאָטער וועט אַהיימקומען אַ געלייטערטער, וועט ער רעדן צו אים, באַ־וויזן: אַז געלט טאָר מען ניט לאָזן פאַרפרוירן ווערן — געלט דאַרף מען אַרויסשיקן ווי טויבן, כדי צוריקצוברענגען אַנדערע.

אָט פאָרט זיי אָקעגן אַ לוויה. איז אַ גוטער אָדער שלעכטער סימן? עס פאָרן־נאָך אויטאָמאָבילן מיט אָנגעצונדענע ליכט. עס זיצן דאָרט צוזאַמענגעטוליעט עלטערע מענטשן מיט פאַרוויינטע, צעקנייטשטע פּנימער. יענע יונגע פרוי אין דעם גרינעם אויטאָמאָביל זעט אויס כישודיק־שיין אין שוואַרצן קלייד. עס רייצט אַרויס איר בלענדיק ווייסער האַלדז. דאַכט זיך, אַז מעי באַמערקט, ווי ער נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון איר. פּלוצלונג האָט ער אַ האַסטיקן קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אויפן „ברעיק״ (טרעטער) צו האַמעווען די רעדער, וואָס האָבן זיך צעקוויטשעט ווי הינט, ווען מען טרעט זיי אָן אויפן עק. ווען ס׳פעלט אַ טיילכל פון אַ סעקונדע, וואָלט ער אַריינגעפאָרן אין אַ צווייטן אויטאָמאָביל.

יענער טרייבער איז געוואָרן בלאַס, אָנגעהויבן זידלען. דזשעק האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און זיך ווייטער געוואָרן.

מעי האָט דורך אַ ווינקל פון אויג אַלץ געזען און אים דאָס מאָל פאַר־שוויגן. אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— צופיל מענטשן ליידן איצט פון האַרץ־קראַנקייטן.

ער האָט ניט געהערט, וואָס זי רעדט און געפרעגט:

— דענקסטו, אַז מען דאַרף ברענגען בלומען?

— שוין?... ער איז דאָך נאָר וואָס אַריין אין שפּיטאָל.

***

אברהם ראָזען האָט פאַרזאָרגט און צעשראָקן זיך איינגעהערט צום דאָקטערס פּרעדיקן:

— נאָר ליגן רואיק, די מינדסטע אָנשטרענגונג איז ניט גוט פאַר אייך. איר האָט אוודאי איבערגעכאַפּט די מאָס... אַ האַרץ איז ווי אַ זייגער: אַז מען ציט אים צופיל אָן, פּלאַצט ער. לויפט ניט, גייט געלאַסן, ווי איר וואָלט געטראָגן אַ טייערע, פאַרצעלייענע וואַזע אין די הענט. איר האָט ניט מער ווי איין האַרץ. היט עס אָפּ.

אברהם איז טאַקע געלעגן ווי אַ סטאַטוע און זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן, ווען דזשעק און מעי זיינען מיט שטילע, דרך־ארצדיקע טריט אַריינגעקומען:

— וואָס מאַכסטו פּאַ? — האָט דזשעק שטיל געפרעגט, שטייענדיק אַ ביסל אָפּגערוקט פון אים.

אברהם האָט אַ פיר געטאָן מיט דער בלייכער האַנט אין דער לופט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „זעסט דאָך מיין זון, ס'האַרץ! איבערגעצויגן די „ספּרווזשינע". איך מוז ליגן זייער רואיק. אפילו רעדן איז מיר פאַרבאָטן". זיינע פון ווייטיק־פאַרשאַרפטע אויגן האָבן עפּעס דערזאָגט פאַר דער האַנט, וואָס האָט זיך מיד אַראָפּגעלאָזט.

דער זון און די שנור האָבן מיטפילנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ, און אויף שטום לשון אים געלאָזט וויסן, אַז זיי פאַרשטייען, און ס'איז גוט וואָס ער פאָלגט־אויס דעם דאָקטערס אָנזאָג. דערפאַר וועלן זיי טאַקע ניט שטיין לאַנג, און אים לאָזן רוען.

— איך האָב מורא, אַז ער האָלט שמאָל — האָט דזשעק געזאָגט צו מעיען, אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל.

— אַ האַרץ־אַטאַק אין די יאָרן איז געפערלעך — האָט זי צוגעגעבן.

— און דאָ איז נאָך מיין מוטער אויך קראַנק — האָט ער זיך באַקלאָגט.

— יאָ, ס'גייט אונדז פון אַלע זייטן. דערווייל האָבן מיר פאַרשלאָסן דעם אָפיס, און דווקא ווייל מיר זיינען ניטאָ, קאָן עמעצער אַריינקומען אָדער אָפּרופן אויפן טעלעפאָן.

אַריינזעצנדיק זיך אין דעם אויטאָמאָביל, האָט דזשעק פּלוצלונג אַ טראַכט געטאָן: „ווער פון זיי וועט פריער 'גיין' — דער פאָטער אָדער

די מוטער״? כאַטש מיט אַ האַלבער שעה פריער, ווען ער איז שיער ניט אַריינגעפאַרן אין אַן אויטאָמאָביל, וואָלט ער גאָר געוועזן דער ערשטער. און שולדיק וואָלט געווען די יונגע שיינע פרוי אין שוואַרצן קלייד מיטן ווייסן, צויבערלעכן האַלדז. ער איז איצט געפאָרן פאָרזיכטיק, טראַכטנדיק, אַז ער האַלט זיין לעבן און דאָס לעבן פון אַנדערע מענטשן אין זיינע הענט.

דזשעק דערמאָנט זיך, אַז פאַרן אַרויסגיין פון שפיטאָל האָט ער גע־פרעגט דער קראַנקן־שוועסטער, ווי עס האַלט מיטן פאָטער, ווי ער פילט. — בעסער — האָט זי אים געענטפער. — בעסער? — האָט זיך דזשעק געוואונדערט, מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט געמיינט אַז זי נאַרט אים אָפּ און געבעטן אים פאַרבינדן מיט דאָקטער.

—יאָ, אייער פאָטער בעסערט זיך — האָט דער דאָקטער אים פאַר־זיכערט. עס טרעפן אַזעלכע זאַכן. אין אַ וואָך־צוויי אַרום וועט ער זיין אין דער היים, איר האָט אַ געפונענעם טאָטן. אויב ער וועט זיך אָפּהיטן קאָן ער נאָך לעבן שיינע עטלעכע יאָר.

— אַ דאַנק, איך בין זייער צופרידן דאָס צו הערן!

נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער געפילט, ווי דער פאָטער וואָלט אים פאַרפירט, אָפּגענאַרט און פאַרצויגן אַ שטריק אויף זיין האַלדז...

— ווי געפעלט דיר דאָס? — זאָגט ער איצט אַהיימפאָרנדיק צו מעיען — מיין פאָטער בעסערט זיך דאָך!

— ס׳געפעלט מיר שוין גאָר, זייער פיין... — האָט זי האַסטיק געקייט די גומי און אויף איר פנים האָט זיך פאַרצויגן אַ נערוועזער שמייכל.

⁂

אברהם איז שוין געווען עטלעכע טעג אין דער היים, ווען פריער דער זון און דערנאָך איז די שנור איז אים געקומען באַזוכן.

— העלאָו, מעי, וואָס מאַכסטו?! — האָט אברהם זי פרייטלעך באַגריסט.

— פיין, — האָט זי ניט געקענט אַרויסקוועטשן די זויערקייט פון איר קול. — וואָס מאַכט איר?

— אָ, איך פיל אַ סך בעסער! — וואָס מאַכט דזשעק?

— ער איז דערשלאָגן. מען מאַכט ניט קיין לעבן. מיר האָבן אָנ־געהויבן איבערבויען אַן אַלט הויז אויף קליינע וואוינונגען, און מיר זיינען געבליבן שטיין אין דער מיט... ניט אַראָפּצושלונגען, ניט אויסצושפּייען. פּשוט, מיר ווערן דערשטיקט. דזשעק שלאָפט ניט קיין נעכט.

אברהם האָט פאַרמאַכט די טיר, וואָס איז געווען אַ ביסל אָפן אין צימער, וואו ס׳איז געלעגן זיין קראַנקע פרוי, זי זאָל ניט הערן דעם שמועס.

— איז פאַרוואָס האָט ער אָנגעהויבן אַזאַ אונטערנעמונג, ווען ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט קיין קאַפּיטאַל?

— וואָס האָט מען געקענט וויסן?... — האָט זי אים ניט אויסגעזאָגט, אַז זיין האַרץ־אַטאַקע האָט דעם זון געגעבן דעם געדאַנק צו ריזיקירן מיט אַזאַ אונטערנעמונג...

אברהם האָט געשוויגן און געטראַכט: „זי איז שוין ווידער געקומען נאָך געלט. וויפל איז דער שיעור צו צאַפּן פון די עלטערן?" ער האָט לאַנג און שווער געשוויגן.

מעי האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיין שווייגן: — איך בין געקומען אייך בעטן, איר זאָלט אונדז העלפן!

— וויניק האָב איך אייך געהאָלפן? איר ווילט צונעמען ביי מיר אַלץ וואָס איך האָב און אַריינבראָקן דאָס אין אייערע צווייפלהאַפטע ספּעקולאַציעס?

— מיר זיינען צוגעדריקט צו דער וואַנט. צו וועמען זאָלן מיר זיך ווענדן, אויב ניט צו אייך?

— צו זיך אַליין — האָט אברהם אויפגעהויבן זיין קול — ספּעקו־לירט ניט מיט פרעמד געלט. איר זענט יונג, גייט אַרבעטן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך געכאַפּט ביים האַרץ.

— אַזוי רעדט ניט קיין פאָטער! — האָט זי אויסגעשאָסן און אַרויס־געלאָפן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי ווידער געקומען, ווי זי וואָלט פאַר־געסן דעם לעצטן וויזיט.

— וואָס מאַכסטו, מעי, וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס? — האָט זיך אברהם פאַרט דערפרייט מיט איר.

— וואָס זאָל איך זאָגן?... ס׳איז אַמאָל שווער אַרויסצוזאָגן וואָס עס דריקט... וואָס מאַכט איר, ווי פילט איר אייך געזונט?

— כ׳וואָלט געמעגט פילן בעסער. נאָר אַבי ניט ערגער.

נאָך לאַנגער קווענקלעניש און דרייעניש, האָט זי ענדלעך אַרויס־געשטאַמלט:

— פֿאַ, איך האָב איבערגערעדט מיט דזשעקן — —

— אַז וואָס?

זי האָט באַנעצט מיט דער צונג די ליפּן: — אַז אונדזערע פּריינטס עלטערן האָבן ביים לעבן אַוועקגעגעבן די קינדער די „רישע"...

— אַוועקגעגעבן וואָס?

— די „רישע". פֿאַרוואָס זאָלט איר דאָס האַלטן פֿאַר אַזאַ קליינעם פּראָצענט אין דער באַנק, ווען דאָס קאָן אונדז ראַטעווען און מיר זאָלן עס אייך אומקערן מיט פּראָפֿיט?

אברהם האָט אַ קנייטש געטאָן דעם בלאַסן שטערן און מיט באַהערשטער רואיקייט געזאָגט: — דו מיינסט אוודאי „די ירושה", שיקסע... אַ יידיש קינד, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען אין „היברו", ווי דיינע עלטערן האָבן זיך באַרימט מיט דיר, וואָלט געמעגט קענען נאָכזאָגן דאָס וואָרט „ירושה".

— כ'האָב פֿאַרגעסן.

— מילא, דאָס וועל איך דיר מוחל זיין, און וועגן אייער פֿאַרלאַנג, וועל איך דאַרפֿן איבערטראַכטן. גיט מיר אַ ביסל צייט.

נאָך איר אַוועקגיין, איז אברהם לאַנג געזעסן אין פֿאַרביטערטן שווייגן מיטן קאָפּ אין די הענט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אַרומגעגאַנגען איבערן צימער מיט לאַנגזאַמע אָבלדיקע טריט, ווי מען גייט נאָך אַ לוויה. מיד געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים פֿענצטער.

אין דעם סוף־זומערדיקן הימל זיינען אַרומגעשוואומען שוואַרצע, פֿון ווינט־צעריסענע וואָלקנס, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי פֿלעדער־מייז אָדער קראָען, וואָס שאַרפֿן זייער אַפּעטיט פֿאַר פּגרים... דער קאַליפֿאָר־ניער ווינטער, האָט ער געטראַכט, רוקט זיך אָן. באַלד וועלן זיך אָנהייבן די רעגנס, גרויע נעפּלען וועלן איינהילן די שטאָט אין פֿייכטע תכריכים, כאָטש דאָ, אין דעם לאַנד פֿון גאָלדענע מאַראַנצן, דאַרף — לויט די רעקלאַמעס — אַ גאַנץ יאָר שיינען די זון, נאָר זי שיינט ניט.

שווערע פֿינצטערע געדאַנקען זיינען אַרומגעקראָכן אין זיין קאָפּ: דער זון און די שנור קענען זיך ניט דערוואַרטן אויף דער ירושה, זיי האָבן ניט קיין צייט, זיי דאַרפֿן שוין! און אוי דאַרפֿן זיי, קענען זיי

ברענען געלט, וויפל זיי וואָלטן ניט געהאַט, וואָלט פאַר זיי געווען ווייניק, אַז די ספּעקולאַציעס מיט די הייזער געראָטן אַמאָל און זיי כאַפּן אַ פּעט פאַרדינסט, צעהוליעט מען זיך, מען פאָרט פאַר אַ וואַקאַציע קיין לאָס וועגאַס, אין דער פרייליכער שטאָט, וואו מען לויפט זיך שנעל גטן, וואו מען מעג פריי „געמבלען", שפּילן אין רולעט, אין קאָרטן, פּרובירן דאָס מזל אין אַזעלכע מאַשינען, וואָס שלינגען קופּעס געלט. מ'פאַרשפּילט דעם קאָפּ. אָדער מ'זיצט אין נאַכט־קלובן און מ'שיכורט, צוהערנדיק זיך צו בי־ליקע קופּלעטן. — גיב זיי שוין די ירושה. און וואָס האָבן זיי אים געגעבן? ער האָט געבענקט נאָך אַן אייניקל, איז אַזוי אַזוי שנעל ווי די שנור איז „אַריינגעפאַלן", פאַרגאַנגען אין טראָגן, איז זי געלאָפן צו דאָקטוירים מאַכן אַבאָרטן, אָפּגעלייגט צו האָבן אַ קינד, ווען זיי וועלן זיך „אַרויפ־אַרבעטן". געלעבט אַ קראַנק לעבן. איצט ווילן זיי פאַרשאַכערן, פאַר־הוליען אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט דורך לאַנגע יאָרן. און וואָס וועט ער איבערלאָזן נאָך זיך? גאָרניט, ווי ער וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען — ער דאַרף זיך נאָך גוט באַטראַכטן וועגן דער ירושה.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער זון מיט דער שנור געקומען, און אויף אַ דיפּלאָמאַטישן שטייגער ווידער דערפירט צו דער פראַגע פון דער ירושה.

— פּאַ, עס קומט אונדז אויס אַלץ צו פאַרלירן. אויב ניט צו דיר, טאָ צו וועמען דען קענען מיר זיך ווענדן נאָך הילף?

— העלפט זיך אַליין! איר זייט שוין ניט קיין קליינע קינדער, און איר האָט קיין עין־הרע צוויי געזונטע הענט איר מוזט ניט דווקא זיין אין ביזנעס, גייט אַרבעטן! איך האָב אויך געאַרבעט.

— און דיין געלט זאָל ליגן אין דער באַנק און זשאַווערען, קיינער זאָל קיין נוץ ניט האָבן דערפון?! — האָט דער זון אַרויסגעפּלאַצט.

— ס'איז מיין געלט, און איך וועל טאָן מיט דעם ווי איך פאַרשטיי — האָט אברהם פעסט און רואיק געזאָגט.

זיי זיינען אַוועק אָן „אַ גוטן טאָג". דער קלאַפּ, וואָס דער זון האָט געטאָן מיט דער טיר, האָט אים ווי אַ מעסער אַ שטאָך געטאָן אין קראַנקן האַרץ. ער האָט שנעל געכאַפּט אַ פּילעכל אונטער דער צונג און שווער־אָטעמדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע.

— ווער איז דאָ געווען? — האָט זיין ווייב געפרעגט פון צווייטן צימער.

— קיינער ניט.

— כ'האָב געהערט אַ קלאַפּ מיט דער טיר.

— ס'האָט זיך דיר אויסגעוויזן.

די זעלבע נאַכט איז ער לאַנג אויפלעגן און ניט געקענט איינשלאָפן. ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען, גיסן, ווי די קאַליפאָרניער וואָלקנס וואָלטן שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן ס'וואַסער אין זיך און אויפגעפּלאַצט. דער ווינט האָט געוויגט און געפּאַטשט מיט די טריפנדיקע צעפּ פון די פּאַל־מען־ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען אין פראָנט פון הויז. די קאַליפאָר־ניער ערד, וואָס האָט ניין חדשים געטרוקנט, געברענט אונטער דער זון, האָט זיך דערקוויקט, אָפּגעפרישט, פריידיק אַריינגעזויגן יעדן טראָפּן, איינגעזאַפּט טיף אין זיך די פרישע זאָמען פאַר נייער בליאונג פאַרן קומענדיקן פרילינג.

אברהם האָט ליב צו הערן דעם רויש פון רעגן, ליגנדיק אין אַ וואַרעם בעט, און טראַכטן, חלומען. טראַכט ער איצט: רעליגיעזע יידן בויען שולן, תלמוד־תורהס, וואָס זאָלן בלייבן נאָך זיי. ער איז ניט פון אַלטן שניט. ער איז פאַר דער נייער יידישקייט, וועט ער לאָזן בויען אַ יידיש קולטור־הויז מיט אַ יידישער קינדער־שול, וואו עס זאָלן לערנען זיינע „גייסטיקע" אייניקלעך. ער האָט שוין לאַנג געטראַכט, געחלומט דערפון. איצט האָט ער דאָס פעסט באַשלאָסן.

די שנור וועט אים קיין אייניקל ניט געבן, אפילו יאָ, וועט עס ניט זיין זיינס. עס וועט זיין נאָך ווייטער פון אים, ווי זיין זון... און די טאָכ־טער — ווי זי וואָלט זיך אָפּגערעדט מיט דער שנור — וויל אויך קיין קינדער ניט האָבן. זי וואַרט אויך ביז זיי וועלן זיך „אַרויפאַרבעטן". און מאָדנע, אויף דער עלטער איז ער פאַרליבט געוואָרן אין קינדער... ער וואַרעמט זיך ביי אַ פרעמד פייער: גייט אַמאָל אַריין אין אַ פּאַרק און נעמט ניט אַראָפּ די פאַרליבטע אויגן פון די קליינע שטיפערס, פון וואָס זיין זון און די טאָכטער האָבן אים באַרויבט. דערפאַר וועט ער זיי אַרויס־שטעלן אַ פייג... און ניט נאָר דערפאַר אַליין: פאַר אַנדערע זאַכן אויך...

אין פּאַרק זאָפן זיינע אויערן פריידיק אין די קינדערשע שטימען די הענט ציטערן אים צו נעמען אַן „אייניקל" אויף דער שויס און זיך שפּילן דערמיט, שטיפן, שפּאַסן, קאַלערן זיך אין גראָז און אַליין צוריק יונג ווערן. דערנאָך, ווען זיי זיצן אַרום אים, דערציילן זיי שיינע מעשהלעך, צוגעפּאַסט פאַר קינדער, צו באַפּרוכפּערן זייערע יונגע געדאַנקען...

דער רעגן האָט געראַנגלט... געקלעטשקעט, געפּלאָפּלט מיט טויזנטער קינדערשע שטימעלעך, ווי זיי וואָלטן געזונגען אין אַ כאָר פאַר אים —

דאָס באַזינגען זיי דאָך זיין באַשלוס צו בויען אַ קינדער־היים, אַ יידישע קינדער־שול. אין פינצטערן צימער, פון דער שוואַרץ־גלאַנציקער נאַכט אינדרויסן, האָבן געלויכטן אַרום אים פריידיק־קינדערשע אויגן. ווען ער האָט אַ מידער מיט אַ גליקלעכן שמייכל אָנגעהויבן איינשלאָפן, איז גאָר ליכטיק געוואָרן אַרום אים, דאָס האָט די זון העל אַריינגעשטראַלט דורך די גרויסע פענצטער פונעם קולטור־הויז, וואָס ער האָט געלאָזט בויען. דאָס גרעסטע און שענסטע צימער איז טאַקע די קינדער־שול.

אַזויפיל שיינע אייניקלעך זינגען יידישע לידער, רייסן זיך צו אים, טאַנצן אַרום אים, רופן אים „זיידע״, אַז זיינע אויגן פייכטן זיך אים פון פרייד.

אויפגעגעבן...

דאָס וואָרט־צימער פון דאָקטער הובערמאַן איז געווען געפּאַקט. די צייט האָט זיך שווער און לאַנג געצויגן. מאָמענטנווייז האָבן נערוועזע פינגער אָנגעהויבן שנעל מישן די בלעטער פון זשורנאַלן, שאַפנדיק דעם איינדרוק אויף טייל פּאַציענטן מיט צעשרויפטע נערוון, אַז דער מלאך־המות פּאַכעט שוין מיט די פליגל איבער זייערע קעפּ. ס׳איז געווען אַ הייסער יולי־טאָג. דאָס טונקעלע „קעסטל״ אין פענצטער, וואָס האָט באַדאַרפט אָפּקילן די לופט, האָט שוואַך געאַרבעט, אָדער ס׳איז געווען צו קליין.

— פיו, מען פּאַקט צוזאַמען מענטשן ווי אין אַ שוויץ־באָד — האָט אַ דיקע פרוי געסאָפּעט, ווישנדיק דעם שווייס פון זיך. — וואָס איז, עס קלעקט שוין ניט דעם דאָקטער איינצופירן אַ ריכטיקע קילונג־סיסטעם?

— קען זיין ס׳איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דער מאַשין.

— איר מיינט די מאַשינקע...

— אַ גוטע קילונג־סיסטעם קאָסט גוט געלט.

— טאַקע אַ דאָקטער, נאָר געלט האָט ער אַליין ליב.

— און לעצטנס פאַרשרייבט ער נאָך אַזעלכע קאָסטבאַרע מעדיצינען!

אַנדערע פּאַציענטן האָבן זיך שטיל דערציילט פון זייערע קראַנקייטן, פון די אָפּעראַציעס וואָס זיי זיינען דורכגעגאַנגען, צייטנווייז געקוקט אויפן זייגער און ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז די מינוטן ווערן דאָ אָנגעשוואָלן, ציִען זיך שווער און קרענקלעך. אַלעמענס פּייכטע, צעהיצטע אָטעמס האָבן זיך אויסגעמישט, און שווער, פּרעסנדיק געהאַנגען אין דער לופט.

פּייוול גרינבלאַט איז אַ דאַרער, אַ ביינערדיקער. אים האָט ניט געאַרט די היץ, אויף אים האָט זיך קיין שווייס ניט אָנגענומען, נאָר ער האָט געליטן אפשר פון אַ האַלב טוץ קראַנקייטן. ער איז שוין ניט איינמאָל געשטאַנען מיט אַ פוס אויף יענער זייט און זיך אַרויסגעדרייט. היינט דאַרף ער ווידער וויסן ווי ער האַלט. דער דאָקטער דאַרף שוין

איצט האָבן דעם רעפּאָרט פון אַלע „טעסטס", וואָס מען האָט גענומען פון אים, פון זיין בלוט און פון די „עקסרעיס", וואָס האָבן „פאָטאָגראַפירט" יעדעס ווינקל אין זיין קערפּער, איבערגעדרייט אים, אַזוי צו זאָגן, פון אינווייניק אַרויס, אַז דער דאָקטער הובערמאַן וועט אים שוין קענען לייענען ווי אַן אָפן בוך.

דעם דאָקטערס טיר האָט זיך געעפנט. אַלע אויגן האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אויף איר, איז איינער אַרויס און איינער אַריין, און די בליקן פון די פּאַציענטן האָבן זיך ווידער פאַרטיפט אין די זשורנאַלן און צייטונגען.

אין פּיוולס קאָפּ האָט אַ שוואַרצער געדאַנק אַ קראַקע געטאָן: „אַזוי איז עס מיין פּריינט, מען קומט אַריין און מען גייט אַרויס... מען רוקט זיך. דו אַליין פּאַכעסט שוין אויך מיט דער נשמה, מעגסט זיך שוין פּאַקן אין וועג אַריין"...

פּיוול האָט געטאָן אַ קרומען שמייכל און געטראַכט: „זע נאָר וועמען מען סטראַשעט דאָ מיט פּאַקן זיך אין וועג אַריין". די גרויסע גליקן, וואָס איך האָב אָנצואווערן, אַז דעם גרעסטן טייל פון מיין לעבן האָב איך דאָך שוין „אריינגעכאַפּט", דאָס קען שוין אפילו דער מלאך־המות ביי מיר ניט צונעמען... איז וואָס בלייבט מיר? די פּרעס־מאַשין? דעם ווייבס שניינענדיקע צונג? דעם דאָקטער הובערמאַנס קאָסטבאַרע מעדיצינען, וואָס פּאַרטשאַדען מיך? — אַז איך מאַך־צו אַן אויג, ווער איך דאָך פּטור פון אַלע צרות. „אַזאַ געדאַנק" קען אָפּשרעקן די וואָס לעבן אין וואווילטאָג, הוליען אין נאַכט־קלובן, ווערן פּאַרווילט פון יונגע שיינע טענצערינס, — אָבער וואָס האָב איך אָנצואווערן?

פּונדעסטוועגן אַז ס'איז געקומען זיין ריי אַריינצוגיין צום דאָקטער, האָט אים געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרץ...

— העלאָו, מיסטער גרינבלאַט! — האָט אים דער דאָקטער דאָס מאָל באַגריסט מיט איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט. — ווי פילט איר?

— איך וואָלט געמעגט פילן בעסער. איך בין נאָך אַלץ אָפּגעשוואַכט און האָב ניט קיין אַפּעטיט צום עסן.

דער דאָקטער האָט אים אויף דעם ניט געענטפערט. לויט זיין גריבלען זיך מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן אין „רעפּאָרט", האָט פּיוול פאַר־שטאַנען אַז עס האַלט מיט אים שלעכט. די פּיס זיינען אים געוואָרן שוואַך און די צונג האָט אים אָנגעהויבן טרוקענען.

פאַרטיק געוואָרן מיט די פּאַפּירן, האָט דער דאָקטער מיט פאַר־

פּרעסטע ליפּן אָנגעהויבן באַטראַכטן די „עקסרעי". פּייוול האָט איינ־געבויגן דעם קאָפּ און געגנבעט אַ בליק אויף זיין שאָטנדיקן סקעלעט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט דאָרט פאַרדעכטיקע פלעקן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט צו הערן דעם „אורטייל".

דער דאָקטער, אַן אַטלעטישער מענטש אין די פערציקער, מיט רויטע פאַרבן אין די באַקן, זאַפטיקע ליפּן און שטיפערישע אויגן, האָט אָפּט ליב געהאַט צו שפּאַסן מיט די פּאַציענטן. דאָס מאָל איז ער געווען טויט־ערנסט.

— איך מוז אייך זאָגן, מיסטער גרינבלאַט, אַז אייער צושטאַנד איז געוואָרן אַ ביסל קאָמפּליצירט...

— וואָס הייסט? וואָס מיינט עס?

— ס׳מיינט, אַז אייער קראַנקייט איז אַ גאַנץ ערנסטע — האָט ער אים געלאָזט וויסן מיט אַ טאָן פון באַדויערונג און אויך אַ ביסל ווי פאַר־שולדיקט.

— ווי ערנסט איז מיין צושטאַנד?

דער דאָקטער האָט ניט געענטפערט, ווי ער וואָלט ניט געהערט וואָס ער האָט אים געפרעגט, און געוואָרפן אַ זייטיקן בליק צו דער טיר, ווי ער וואָלט שוין מיט אים פאַרטיק געווען און געטראַכט פון די פּאַציענטן, וואָס וואַרטן אויף אים.

— איך וויל הערן אָפענע רייד, דאָקטער. דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל ניט זיין. איך בין טאָקע אַ פּראָסט מענטשל, נאָר איך וויל ניט גיין ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין... און איך האָב זאַכן צו דערליי־דיקן, איידער איך „גיי אַוועק".

דער דאָקטער האָט פאַרטראַכט געשוויגן.

— וויפל צייט האָב איך?

— מען קאָן ניט אויסרעכענען געגוי.

— אָבער דאָך, אומגעפער?

— עס וועט אייך דען זיין לייכטער, אַז איר וועט וויסן?

— נו, איך זע דאָך ווי איך האַלט... וויל איך אייך זאָגן, אַז איך האָב גענוג קוראַזש צו קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין, און איר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: „הונדערט־און־איינס, איז אַלץ איינס".

— אַז איר באַשטייט דווקא —

— יאָ, איך באַשטיי!

— צום טאָג קען מען ניט אויסרעכענען...

— אָבער דאָך.
— נו, לאָמיר זאָגן אַ זעקס־אַכט חדשים.
— מער ניט.
— העכסטנס אַ יאָר.

פּייוול האָט מיט ציטערדיקע הענט פאַרדויכערט אַ פּאַפּיראָס, וואָס האָט זיך געשאָקלט צווישן די ליפּן, און איז אַרויס פון דאָקטערס אָפּיס מיט לאַנגזאַמע טריט און אַ געבויגענעם קאָפּ. ער איז שוין נאָכגעגאַנגען זיין אייגענער לוויה. עטלעכע פּאַציענטן האָבן אים נאָכגעקוקט.

די אָנגעגליטע גאַס האָט פריילעך געררויִשט. יונגע פּאָרלעך האָבן הויך געלאַכט; בריליאַנטענע אָפּשפּריצלעך פון דער צעפלאַקערטער זון האָבן געשימערט אין זיינע אויגן. ס'איז אָנגעפּאַרן אַן אויטאָמאָביל, איינגעוויקלט אין פּאַפּירענע בלומען, מיט אַ נאַר־וואָס חתונה־געהאַט פּאָרל. ס'האָבן זיי באַגלייט נאָך עטלעכע אויטאָמאָבילן, און אַלע האָבן געבלאָזן די סירענעס פאַרטויבט צו ווערן. זיי האָבן זיך שיער ניט צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ לוויה, וואָס איז אומגעריכט אַרויס פון אַ זייט־טיקער גאַס. טייל פאַרבייגער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געוואָרפן קלוגע, וויציקע באַמערקונגען... האַלב־נאַקעטע קינדער האָבן פריילעך געטאַנצט און געליאַרעמט אויף די העכסטע טענער אונטער אַ זילבער־נעם וואַסער־שטראָם, וואָס די שטאָט האָט געעפנט פאַר זיי צוליב דער גרויסער היץ.

פּייוול האָט זיך אויף דעם אַלעם ניט אומגעקוקט. דאָס איז שוין ניט געווען זיין וועלט.

ער האָט זיך ניט גערוכט, אַז דער אמת וועט אַזוי שווער פאַלן אויף אים. די שרעק פאַרן טויט האָט אים בליי־שענל אַרומגעכאַפּט און באַלד אָנגעהויבן פאַרקילן זיי בלוט, און דאָס איז דאָך אַ פאַקט, האָט ער באַ־רעכטיקט זיין שרעק, אַז מיט יעדן אויגנבליק דערנעענטערט ער זיך צום קבר, דאָס לעבן רינט שוין אויס פון אים ווי פון אַ געלעכערטער כלי. אויב ער וועט אַזוי פילן פון איצט אָן, וועט ער דאָך דאָס יאָר אויך ניט אויסלעבן. אפשר האָט ער ניט באַדאַרפט צושטיין צום דאָק־טער און דווקא פאַרלאַנגען דעם אמת? כאָטש ער האָט געזען, אַז עס האַלט ניט גוט מיט אים, וואָלט אים אַלץ גרינגער געווען אַרומצוטראָגן זיך מיט אַ שחד, אין וועלכן ס'טליעט אַ שטיקל האָפענונג, איידער מיט אַ זיכערן טויט־אורטייל און אַ באַשטימטער צייט פאַר דער „עקזעקוציע". ווי אַזוי וועט ער איצט דערציען דאָס יאָר, דאָס ביטערסטע יאָר פון זיין

לעבן? ער איז מקנא די מענטשן, וואָס גייען אין גאַס און ווערן אומ־געריכט דערהרגעט, — אַ סוף, אַן עק.

אָבער אַזאַ טויט ווי זײַנער איז דאָך שרעקלעך. ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט געלייענט אין די צײַטונגען, ווי פֿאַרברעכער לעבן פּאָרט ביזן לעצטן טאָג פֿון דער הינריכטונג און עסן נאָך אַ גוטן מאָל־צײַט, איידער זיי גייען אַוועק אויף יענער וועלט. פֿאַרוואָס זאָל ער דאָס ניט קענען באַווייזן? וואו איז זײַן מוט? און ער באַשליסט, אַז ער וועט זיך אַליין און זײַנע נאָענטע ניט פֿאַרשעמען, אַז ער וועט ניט אַוועק פֿון דער וועלט ווי אַ צעשראָקענער וואָרעם, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס קען קוקן דעם טויט אין די אויגן אַרײַן און ניט קריכן אויף די קני צום קבר.

— העלאָו, פּיוול! — האָט אים באַגריסט אַ באַקאַנטער פּרעסער

— וואָס מאַכסטו? עפּעס קוקסטו מיר אויס טויט אונטער די אויערן. פֿילסט ניט גוט?

— איך האָב אַ קאָפּווייטיק.

— מאַכסט אַ צימעס פֿון אַ קאָפּווייטיק. נעם אַ פּיל. ווייסט ווער ס'איז געשטאָרבן?

— ווער?...

— גליקשטיין, דער מאַנופֿעקטשורער.

— גליקשטיין איז געשטאָרבן?!

— געשטאָרבן און באַגראָבן.

— איך האָב געאַרבעט ביי אים. נאָך געווען אַ יונגער מענטש. ער האָט איבערגענומען די ביזנעס פֿון זײַן פֿאָטער. איך געדענק נאָך דעם אַלטן גליקשטיינען אויך.

— יונג־אַלט. אַז מען רופֿט, מוז מען גיין. ער האָט נאָך פֿאַרן טויט, הערסטו, געקויפֿט אַ גרויסע „בילדינג" אין מעדיסאָן עוועניו, געקערט אַ וועלט, געמיינט אַז ער וועט אייביק לעבן. איצט האָט ער איבערגעלאָזט אַ רייכע שיינע אלמנה, און עמעצער וועט אַרײַנכאַפּן אַ פֿעטן ביסן...

ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן, אַז דער יונגער, שיינער גליקשטיין וועט אַזוי שנעל טאָן אַ שטאַרב אַוועק? — האָט פּיוול צעטומלט גע־טראַכט, און עפּעס איז ער אויפֿגעברויזט, מונטערער געוואָרן... יענער ליגט שוין אין דער ערד, און אויף אים לייכט נאָך די זון... יענער האָט איבערגעלאָזט אַ שיינע יונגער פֿרוי, אַזאַ רייכטום, אַלע פֿאַרגעניגנס.

אים האָט געמוזט זיין שווער צו שטאַרבן, אָבער ער, פּיוול, גייט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ גרינג געמיט...

— און וואָס מאַכט דיין ווייב, די קינדער? — האָט אים דער פריינט איבערגעשלאָגן די געדאַנקען.

— אַ, זיי זיינען פיין. מיין עלטערער זון האָט דאָך מיר געשאָנקען נאָך אַן איניקל...

— קומט דיר דאָך אַ מזל־טוב!

— און וואָס הערט זיך ביי דיר אין שאָפּ, ביזי?

— פאַראַן אַרבעט.

— נו, פּיוול, איך מוז לויפן. גריס דיין ווייב און קום אַמאָל צו מיט איר. „באַי!"

— „באַי"

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, האָט פּיוול געטראַכט, אַז ער וועט איבערלעבן אַזאַ גליקשטיינען, וואָס איז זיכער באַהאַנדלט געוואָרן פון די בעסטע פּראָפעסאָרן, און דאָך האָט עס אים ניט געהאָלפן, ער ליגט שוין אין דער ערד און פּיוול דרייט זיך נאָך אַרום. אַז ער וועט נאָר אַהיימ־קומען וועט ער מאַכן אַ גוטן שנאַפּס. ניט אַזוי שלעכט פאַר אַ „מענטשל" ווי ער, וואָס דערנענטערט זיך שוין צו זעכציק. שטאַרבן מוז דאָך יעדער מענטש, האָט פּיוול פילאָזאָפירט, נאָר שלעכט, ביטער איז, ווען מען ווייסט די באַשטימטע צייט... ער איז מקנא די מענטשן, וואָס שטאַרבן אין שלאָף — אַ גרינגער טויט.

ער האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט אין די אָנגעהיצטע שטויביקע גאַסן, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז דער טומל, דער ליאַרעם, זאָל פאַרטויבן, אָפּטעמפּען אין אים די שרעק פאַרן אומפאַרמיידלעכן טויט אין אַן אויסגערעכנטער, באַשטימטער צייט. ער האָט אָנגעהויבן שטעלן האַס־טיקע, האַלב־לויפנדיקע טריט, ער וועט גאָר לויפן אַזוי לאַנג, ביז עס וועט אים אויספעלן אָטעם, ביז דאָס האַרץ וועט אים פּלאַצן און — אויס. נאָר אַז די פיס האָבן זיך אים אָנגעהויבן פּלאָנטערן, בייגן, האָט ער זיך באַזינט, אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער און אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

די סאָבוועי אין וועלכער ער איז אַהיימגעפאָרן, האָט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ לאַנגער טויטן־קאַסטן, און די אויסגעבלייכטע דרימלדיקע פּאַסאַזשירן, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט — ווי האַלבע מתים. זייערע קעפּ האָבן זיך געשאָקלט, ווי זיי וואָלטן שוין קיין כוח ניט געהאַט זיך צו האַלטן אויף די אַקסלען. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך די

פאַרשטויבטע פענצטער אין די פינצטערע טונעלן אַריין, און געפילט ווי ער וואָלט געזונקען אין אַ טיפן, שוואַרצן אָפּגרונט. צייטנווייז האָט זיך אים אויס־געוויזן, אַז ער איז בלינד געוואָרן... נאָר אָט האָט אויפגעציטערט אַ בלייך פּייערל, ווי אַ יאָרצייט־ליכטל און אים דערמאָנט, אַז זיינע אויגן זיינען נאָך גוט.

דערנאָך האָט ער געשלעפּט די פיס אויף די אָנגעהיצטע צעמענ־טענע שטיגן צו זיך אין הויז אַריין. ער האָט געמוזט זיך עטלעכע מאָל אָפּשטעלן און אָפּציען דעם אָטעם. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אויפגעשלאָסן די טיר. ער האָט ניט געטראָפן זיין ווייב, אין דער היים. פון אַן אָפן פענצטער, האַרט אויף זיינס, האָט אַ חזן אויף דער ראַדיאָ אויסגעזונגען אַ טרויעריקן ניגון. פּייוולען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס באַקלאָגט ער אים, און ס'איז אים ווידער באַפאַלן די פאַרשאָלטענע שרעק, וואָס איז גרויזאַמער ווי דער טויט, וואָס האָט זיך ליב צו שפּילן מיטן קרבן...

אין הויז איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, ווי די זון וואָלט דורכן טאָג אויסגעברענט די לופט. און פאַרוואָס דרייט ער זיך אַרום אין דער פינצטער? ווייניק פינצטער וועט אים דאָרט זיין? ער האָט געמאַכט ליכטיק און דערזען אין שפּיגל זיין בלאַס איינגעפאַלן פּנים, די טרויעריק־צעשראָקענע אויגן. גוט, וואָס ראָזע איז ניטאָ אינדערהיים, האָט ער געטראַכט, זי וואָלט באַלד עפּעס דערקענט אויף אים און גענומען אויספרעגן, וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט, און זי דאַרף דאָס וויסן, ער וויל ניט זי זאָל אים העלפן שטאַרבן. די קינדער וועט ער אויך ניט אויסזאָגן. זאָל עס קומען צו זיי אומגעריכט, הלוואי וואָלט עס צו אים אויך געקומען אומגעריכט, וואָלט ער אפשר פאַרשפּאָרט צו שטאַרבן מיט אַ סך טויטן. נו, ער וועט מאַכן אַ שנאַפּס און פּרוּאוון פאַרגעסן די וויסטע בשורה, וואָס דער שטענדיק־ליבער, שמייכלענדיקער דאָקטער הובערמאַן האָט אים אָנגעזאָגט... ווער האָט אים געצויגן ביי דער צונג, ער זאָל אים דערציילן ווי לאַנג ער האָט נאָך צו לעבן? ער האָט טאַקע פאַרלאַנגט דעם אמת, אָבער דאָס איז דאָך שוין געווען נאָך דעם ווי ער האָט דעם „אורטייל" אַרויסגעלייענט פון זיינע אויגן און פון דעם אופן ווי אַזוי ער האָט געמישט די בלעטער פון „רעפּאָרט". נאָך ווייניק וואָס ער האָט אים מיט די אַלע מעדיצינען ניט געהאָלפן, האָט ער אים נאָך באַדאַרפט מאַכן שווער דעם וועג אויף יענער וועלט אַרויס?

פּייוול האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן, האַסטיק דאָס איבער־געקערט, נאָך איינס און נאָך איינס. ביים ווייפלטן האַלט ער שוין? פאַר־

וואָס קען ער ניט צוזאַמענרעכענען? דעם חזנס קלאָגנדיקער ניגון ווערט שוואַכער און ווייטער, ווייטער. און ער ווערט פון זיך אַליין אויך ווייטער, לייכטער. ער פאַלט אויף דער סאָפע, וואָס הייבט זיך אָן וויגן און שלעפּערט אים איין.

שפּעטער, אַ סך שפּעטער, האָט דעם דאָקטערס פריילעך, לאַכנדיק פּנים זיך באַוויזן אין דער טיר... פּיוול האָט זיך אַ ריס געטאָן צו אים, געוואָלט אים דערוועַרגן, זאָל ער אויך שטאַרבן: ער איז אַ קאַלט־בלוטיקער מערדער!

עמעצער האָט אים צוריקגעהאַלטן. דאַכט זיך, ס'איז געווען ראָזע. זי האָט צוריקגעהאַלטן זיינע הענט און געשלעפּט אים ערגעץ...

צומאָרגנס איז פּיוול געבליבן אינדערהיים, געזאָגט זיין ווייב, ראָזען, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַרבעט אין שאָפּ און באַמערקט, אַז איר בלוט־דרוק הייבט זיך, אַז זי שאַרפּט זיך אָן. אַז זי פּאַרמעסט זיך אויף אים אָנצופאַלן פאַר נעכטן ביינאַכט. ער ווייסט ניט ווי אַזוי ער איז געקומען אין בעט אַריין. אירע אויגן זיינען צעצונדן, זי שאַרפּט זיך, ביז זי פּלאַצט אַרויס: — וואָס עפּעס האָסטו זיך גענומען צו שיכורן?! נאָך דאָס פעלט דיר?!

— אַ מענטש טרינקט אַמאָל אַ גלעזל בראָנפן, — האָט ער זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן.

— אַ גלעזל בראָנפן? האָסט דאָך אויסגעזשליאָקעט אַ האַלבע פלאַש!

— ס'אַ ליגן!

— דו גייסט מיך מאַכן פאַר אַ ליגנער?!

פּיוול האָט איר ניט געענטפערט. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער און געדרויכערט.

אַז זי איז מיד געוואָרן אים צו שמייסן מיט דער פייערדיקער צונג, האָט זי זיך אַ ביסל באַרואיקט און אים געפרעגט: — וואָס האָט דיר דער דאָקטער נעכטן געזאָגט?

— וואָס זאָל ער זאָגן?

— ער האָט דיר פאַרשריבן אַ נייע מעדיצין?

— ניין.

— וואָס דען?

— געזאָגט, איך דאַרף אויפפּאַסן אויף זיך און זיך גוט אויסרוען...

— דיין „סאָפּער" איז נעכטן קאַלט געוואָרן. איך וועל עס דאַרפן אַרויסוואַרפן, און קיין אָנבייסן עסטו אויך ניט. אַזוי וועסטו אויפפּאַסן אויף זיך? — האָט זיך אָנגעהויבן דער כעס לעשן אין איר, און זי איז

געוואָרן מילדער, זיין חושכדיקער אויסזען האָט איר אַ ריר געטאָן ביים האַרץ.

— איך האָב ניט קיין אַפּעטיט.

— ווי אַזוי קענסטו האָבן אַן אַפּעטיט, אַז דו האָסט אויפן ניכטערן מאָגן אָנגעהויבן רויכערן?

פּיוול האָט געכאַפּט דאָס רעקל און אַראָפּ אין גאַס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ נאָענט פּאַרקל אונטער אַ בוים, און זיך איינגעהערט צום הילכיקן גערויש פון דער אָנגעהיצטער שטאָט. פּלוצלונג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פינגער פון די פיס ווערן אים אין אַזאַ היץ פאַרקילט, אַזוי ווי זיין גוף וואָלט שוין שטיקלעכווייז אָנגעהויבן שטאַרבן. און אפשר ווייזט זיך אים דאָס אַזוי אויס, ווייל זיינע נערוון זיינען צעשפּילט, טאַנצן אויף זיין חתונה?...

אין איינעם פון יענע טעג איז ראָזע אַריינגעפאַלן אַ צעהיצטע פון גאַס. טראָפּנס שווייס האָבן זיך געגליטשט אויף איר רויט, פליישיק פּנים און גערונען פון איר גוידער.

— איך האָב נאַר־וואָס געטראָפן אַ פרוי, וואָס איר מאַן אַרבעט מיט דיר אין איין שאָפּ!

— איז וואָס?...

— איז וואָס, פרעגסטו? אַלע אַרבעטן, נאָר דיר האָט זיך פאַרגלוסט צו זיצן אין דער היים?

— ראָזע, איך בין קראַנק!

— און איך בין דאָס די געזונטע? איך דריי מיך אַרום מיט געשוואָלענע פיס. לויף איינקויפן, זוך וואו אַ פּעני ביליקער, ווייל דער יקרות ברענט. קאָך, וואַש, ראַם דאָס הויז און זעץ מיך ניט אָן אויף קיינעם!...

— ראָזע, איך בין קראַנק! — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער ביינערדיקער פויסט אין טיש, אַז דאָס געפּעס האָט גענומען ציטערן.

— אַז מען איז קראַנק, ליגט מען אין אַ שפּיטאָל!

— איך וועל ליגן, איך וועל ליגן. זאָרג זיך ניט!

— דאָס וואָס דו האָלטסט אין איין רעדן, אַז דו ביסט קראַנק, קען דעם געזונטסטן מענטשן קראַנק מאַכן. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַן, וואָס איז נאָך קיין זעכציק יאָר ניט אַלט, זאָל זיך אַוועקזעצן אין הויז און וואַרטן אויפן מלאך־המות?!...

צומאָרגנס איז ער טאַקע אַוועק צו דער אַרבעט. געטראַכט: אפשר

איז זי געדעכט, ער וועט זיך פֿאַרטאָן, פֿאַרנעמען די געדאַנקען. ווי לאַנג ער קען נאָך שטיין אויף די פֿיס, וויל ער מער ניט זיצן אינדערהיים, דאָס ווייב זאָל אים ברענען די טריט.

— העי, פּיוול! — האָט אַ פּרעסער אַרויסגעשריגן פֿון דער פּאַרע ביי אַ צווייטער פּרעס־מאַשין — כ'האָב געהערט, אַז דו מאַכסט זיך נאַריש... אַז דו ביסט קראַנק, פֿאַרוואָס ביסטו ניט געבליבן אינדערהיים?

— אינדערהיים פֿיל איך ערגער.

— מען ווערט מיד צו קוקן אויפֿן זעלבן ווייב — האַ?... איך, אַז איך ווער קראַנק, טראָג איך מיך באַלד אָפּ פֿון הויז; אַז דער מלאך־המות וועט מיך קומען זוכן, זאָל ער ניט וויסן וואו מיך צו געפֿינען...

אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג, איז פּיוולען איינמאָל געוואָרן שלעכט; געפֿילט, ער פֿאַלט אַוועק ביי דער פּרעס־מאַשין, און זיך קוים דער־שלעפּט אַהיים.

—וואָס איז דיר? האָסט היץ? דער מאָגן? — האָט אים ראָזע געפֿאָרשט.

— כ'בין קראַנק — ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער סאָפֿע און געפֿאַלן שלאָפֿן.

אַז ער האָט זיך שפּעטער אויפֿגעכאַפּט און געגעסן אַ מאָלצייט, האָט זי געהויבן מיט די אָקסלען... ער איז ווידער געבליבן אינדערהיים.

ס'איז אַוועק אַ וואָך און צוויי. זיין אַרומדרייען זיך אין הויז האָט גענומען אַרבעטן אויף אירע נערוון. ער פֿלעגט יעדן טאָג מיט ציטער־דיקע הענט אַראָפּרייסן אַ בלעטל פֿון קאַלענדאַר, און זיך פֿאַרטיפֿן אין דעם, ווי ער וואָלט פֿון דאָרט אַרויסגעלייענט אַ שרעקלעכן סוד... ראָזע האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אים; געטראַכט, אַז דאָס אַרומדרייען זיך און גאָרניט טאָן טרייבט אים צו משוגעת, און זי האָט אים ווידער אָנגעהויבן יאָדען, ברענען זיינע טריט. ביז איינמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר: ראָזע, ס'מוז נעמען אַן עק! איך האָב דיך געוואָלט שאַנעווען, נאָר אַז דו ווילסט ניט — איז ניט!

זי האָט אים פֿאַרדעכטיק אָנגעקוקט.

— איך האָב דיר ביז איצט ניט געוואָלט דערציילן.

— וואָס דערציילן?

— אַז דער דאָקטער האָט מיך אויפֿגעגעבן?

— וואָס מיינסטו „אויפֿגעגעבן"?

— איך האָב ניט מער — האָט ער געזאָגט — ווי אַ זעקס־אַכט חדשים צו לעבן, ס׳העכסטע אַ יאָר.

זי איז געוואָרן בלאַס און געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן.

דעם זעלבן טאָג איז זי אַוועק צום דאָקטער הובערמאַן און זיך קוים דערשלעפּט אַהיים.

דאָס איז שוין געווען אַן אַנדערע ראָזע: אַ צאַרטע, אַ מיטפּילנדיקע, די גוטסקייט אַליין. אַלעמאָל אַזוי: ווען ער ווערט קראַנק און ליגט אין בעט, איז זי צוקער־זיס, פּלאַטערט אַרום אים ווי אַ גוטער מלאך, ביז ער ווערט געזונט, און זי ווערט ווידער האַרט און שלעכט, און ס׳הייבן זיך ווידער אָן די אַלטע קריגערייען. דאָס מאָל האָט זי אים אָפּגעצאָלט מיט גוטסקייט פאַר אַלע פריערדיקע יאָרן. צייטנווייז האָט זי אים אַרומ־גענומען און געוויינט... די בלעטער זיינען אויפן קאַלענדאַר אַלץ גע־וואָרן ווייניקער און ווייניקער. דער זומער האָט זיך אָנגעהויבן אויסברע־נען. ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער. פּיוולען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פילט בעסער און ער איז ווידער אַוועק צו דער אַרבעט, און אַזוי איז אַריבער אַ יאָר... און נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש...

— ראָזע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער פון פרייד אין קול — וויזט אויס, אַז דער דאָקטער האָט ניט געטראָפן, ער האָט אפשר געמאַכט אַ טעות.

— אפשר? ער האָט זיכער געמאַכט אַ טעות. דו עסט קיין עין־הרע מיט אַ גוטן אַפּעטיט און שלאָפסט גוט. פאַרקערט, ביסט גאָר שטאַרקער און יינגער געוואָרן... וואָס, מיינסטו, איז אַ דאָקטער, אַ גאָט? איך האָב שוין געהערט פון אַזעלכע זאַכן. אַ דאָקטער קען אויך אַמאָל טרעפן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין. און דו מיינסט, אַז ער האָט אַזוי פיל צייט זיך אָפּצוגעבן מיט יעדן פּאַציענט? זיי אָפּיס איז דאָך שטענדיק געפּאַקט; די הויט ברענט אויף אים. זינט ער האָט אין יענער געגנט געעפנט דעם אָפּיס, איז ער רייך געוואָרן. ער איילט זיך... דו האָסט געזען, ווי שנעל ער באַטראַכט די פּאַציענטן? ער יאָגט זיך ווי אין אַ פאַבריק, און אַז מען לויפט, פאַלט מען, מאַכט מען טעותן. איך וועל אים דאָס ניט פאַרשווייגן. איך וועל גיין צו אַ לאָיער און אים אָנ־קלאָגן... ער האָט דיך געמאַכט שטאַרבן מיט אַ סך טויטן, נאָך איידער דיין צייט איז געקומען, און איך בין מיט דיר ניט איינמאָל מיטגעשטאָרבן. איך וועל אים ניט שווייגן. איך מוז אים שוין טעלעפאָנירן דעם גרויסן פּראָפעסאָר!

— העלאָו, איך וויל רעדן צו דאָקטער הובערמאַנען. דאָקטער הור־בערמאַן? הערט זיך איין! — ווער רעדט? וואָס האָט איר געזאָגט?!
— זי איז בלאַס געוואָרן און אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן: — ניין!...
— יאָ — האָט מען איר פון דאָרט געענטפערט.
— וואָס איז? — האָט זי פייוול געפרעגט.
— דער דאָקטער הובערמאַן איז געשטאָרבן...
— וואָס איך הער!! — האָט פייוול דערשטוינט און דערשראָקן אויסגערופן.
— ווער האָט זיך אויף דעם געקענט ריכטן?! — האָט ראָזע פאַר־טראַכט גערעדט, האַלב צו זיך, און זי האָט זיך געפילט אַ ביסל שולדיק, וואָס זי האָט אין האַרצן געזידלט אַ טויטן מענטשן. אַ ווייל האָבןביידע געשוויגן און זיך פאַרטראַכט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.
אין אַ זוניקן, שפּעט־האַרבסטיקן טאָג איז פייוול געגאַנגען צו דאָק־טער הובערמאַנס לוויה. ראָזע איז מיטגעגאַנגען און זיך געטוילעט צו אים. דער ראַבאַי האָט געהאַלטן אַ לאַנגן הספד. דעם דאָקטערס פּאַציענטן זיינען געווען צעשראָקן און פאַרטיפט אין זיך... אַזוי שנעל ווי מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאַסטן, זיינען זיך אַלע צעלאָפן.
— אַ שאָד, נאָך אַ גאָר אַ יונגער מענטש געווען, — האָט פייוול געזאָגט צו ראָזען — און, דאַכט זיך, ניט קיין שלעכטער דאָקטער...

אַ פּאָרוואָרף

ס'איז געווען אַ קאַלטער פאַרנאַכט, שפּעט אין האַרבסט. שאַרפע ווינטן האָבן געבויגן די איילנדיקע פאַרבייגייער, געריסן די היטלען פון די קעפּ, די פּאָלעס פון די מאַנטלען. די עלעקטרישע „ניאָן־סיינס", וואָס מען האָט אַזוי פרי אָנגעצונדן, האָבן איינגעשלונגען ס'לעצטע ביסל ליכט פון טאָג און פאַרצויגן אַ דורכזיכטיק־קאַלירטן פאַרהאַנג אונטערן הימל. די פערצנטע גאַס אין ניו־יאָרק איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן ווי אַלע מאָל אין די שעהען, ווען טויזנטער גייען און פאָרן פון דער אַרבעט. דער פאַרקער פון אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן איז געווען אַזוי געדיכט און פאַרפּלאָנטערט, אַז צייטנווייז האָט ער זיך פאַרהאַקט און ניט געקאָנט רירן פון אָרט. אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן גאַס האָבן געשפּאַנט געדיכטע שטראָמען מענטשן, ווי אין אַ מאַסן־דעמאָנ־סטראַציע.

דער שרייבער דוד פּעלדמאַן האָט מיטגעשפּאַנט, טראָגנדיק שטאָלץ אונטערן אָרעם די ערשטע עטלעכע עקזעמפּליאַרן פון זיין ניי בוך „העלע וועגן", וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַרויסגענומען פון איינבינדער. ווייסן די פאַרבייגייער, האָט ער געטראַכט, אַז דער מענטש מיט די מידע, אַ ביסל אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און גרויליך־שיטערע האָר, וואָס פלאַטערן אין ווינט, איז אַ שרייבער, וואָס טראָגט זיינע אייגענע ביכער? וויפל פון די מענטשן וואָס פּאַקן אָן די גאַסן קאָנען זיין שרייבער? פונדעסט־וועגן... גאָרנישט! שפּאַנט אַ מענטש מיט זיין „הארץ און נשמה" אונ־טערן אָרעם, און קיינעם פאַלט ניט איין אַ קוק צו טאָן אויף אים... ער איז שוין אַנדערש, ער לאָזט ניט דורך קיין מענטשן, ווי זיי וואָלטן געווען שאָטנס: ער באַטראַכט זיי, קלייבט זיי איבער... „פאָטאָגראַפירט" זיי, „קאָכט" זיי איבער אין זיך, פאָרעמט זיי אויס, לייטערט זיי. אין אַנדערע בלאָזט ער אַריין אַ נשמה... ער לאָזט ניט דורך קיין מענטשן, ווי זיי וואָלטן געווען שאָטנס.

ס'האָט אָנגעהויבן צו שנייען. מענטשן האָבן זיך געטוליעט אין

זייערע קליידער, באַהאַלטן די קעפּ צווישן די אַקסלען. וויפל ער האָט די ביכער ניט פאַרשטעלט מיט זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרנעצט ווערן. ער האָט אויפגעקנעפּלט דעם מאַנטל, אַריינלאָזנדיק דערוויל די קעלט אין זיך און באַהאַלטן די ביכער אונטער די פּאָלעס, אונטערהאַלטנדיק זיי פון דרויסן מיט ביידע הענט, ווי אַ פעטער מענטש האַלט זיך אונטער דעם בויך.

דערזעענדיק פון וויטנס די בלענדיקע „ניאָן סיינס" פון „קליינס דעפּאַרטמענט סטאָר", וואו ס'קומט שטענדיק פאָר אַן אויספאַרקויף, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין פרוי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך קויפן אַ סוועטער. ס'קומען אָן די קעלטן. דער אַלטער סוועטער איז שוין אויסגעריבן און האָט לעכער. זי האָט אים נאָך „פאַרגעוואָרפן", אַז ער האָט אַ טבע זיך אָפּצו פאַרקילן און לויפט שטענדיק אַרויס נאַקעט פון הויז.

דער שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן האַסטיקער און זיך געקלעפּט ווי נאַסע וואַטע אויף די ברעמען, אויף די אויגן. ער איז נאָך אַרויס פון הויז אָן אַ הוט... זיין שיינדל איז אפשר גערעכט, וואָס זי זאָגט, אַז ער איז אַ צעטראָגענער און זי מוז אים היטן ווי אַ קליין קינד... איי, שיינדל, שיינדל! ווי שנעל זי האָט זיך ביי אים געעלטערט... געווען אַזאַ שיין בליענדיק מיידל, האָט זי זיך באַדאַרפט פאַרליבן אין אַ יידישן שרייבער... אַ שווער לעבן האָט זי געהאַט ביי אים; געאַרבעט אין די שעפּער און געפירט אַ הויז. ער האָט זיך ניט אויסגעטויגט צו דער וועלט... געזעסן יום־ולילה און געלערנט... געשלונגען אַלטע און נייע ביכער. געשריבן, געמעקט... געלאָפן אין די רעדאַקציעס, גע־ראַנגלט זיך מיט רעדאַקטאָרן. און דער „האָנאָראַר" איז געווען אַזאַ מאָגערער, אַז ער האָט געמוזט צואַרבעטן אין אַ פאַבריק. געווען אַ פּרע־סער ביי מענער־קליידער. געפּרואווט ווערן אַ צושניידער, נאָר ער האָט לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן אַ „דזשאַב", געווען צו סענסיטיוו... ניט געקאָנט נעמען פון אַ פאַרמאַן דאָס, וואָס אַבי ווער קאָן...

די קעלט האָט זיך אָנגעהויבן דערקלייבן דורכן אָפּגעריבענעם מאַנטל אין זיינע ביינער אַריין. דעם ווינטער וועט ער זיך שוין ניט אויסדרייען אָן אַ סוועטער. דערזעענדיק אַן „אויטאָמאַט", האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט אַ הייס טעפּל קאַווע. ער איז דורכגעפרוירן. דער ווינט רייסט שטיקער. פון אינעווייניק מאַניעט אַרויס אַ ליבע וואַרעמ־

קייט און אפשר וועט ער טרעפן באַקאַנטע מענטשן... יידן, וואָס לייענען יידישע ביכער און זעען נאָך צו לייענען... ער וועט זיי ווייזן די ערשטע עקזעמפּליאַרן, וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס פון דרוק. פּריש, נאָך ניט צעעפנט...

פאַר דער טיר פון „אויטאָמאַט" האָבן אונטערגעטאַנצט פון קעלט אַ בינטל פאַרעמלאָזע מענטשן. די פּנימער — שטעקער קויטיק רוי־פלייש, דורכגעברענט פון היץ און קעלט, צעריסענע מענטשן, אָפּפאַל „בראַק", שטייען מיט געבויגענע קעפּ, מוטנע, פאַרלאָשענע אויגן און קוקן אַריין מיט טלונע אין מויל אויף די וואָס עסן. פאַרמעסטן זיך אַריינצוגיין. אַמאָל לאָזט עמעצער איבער אַ ניט־דערטרונקען טעפּל קאַווע, אַ שטיקל קוכן, וואָס מען קאָן זיך מיט דעם אונטערלעבנען ס'האַרץ — ברענט אָבער דער פאַרוואַלטער די טריט, לאָזט ניט אַריין, טרייבט אַרויס, לאָזט ניט „אַרומהענגען". אפילו די בכבודע געסט לאָזט ער אויך צו לאַנג ניט זיצן. אָפּגעגעסן — אַרויס. פאַרזיצט זיך עמעצער, הייבט ער אָן קוקן אויף אים, נעמט ניט אַראָפּ די אויגן, ביז דער גאַסט קאָן דאָס מער ניט פאַרטראָגן און גייט אַרויס. טרעפט זיך, איינער איגנאָרירט אים, זיצט, קומט ער צו און זאָגט, אַז מענטשן וואַרטן אויפן פּלאַץ. מען דערציילט אָבער, פּרוּוט דוד פעלדמאַן אויך זיין גערעכט צום צווייטן צד, אַז עטלעכע רעסטאָראַנען האָבן זיך געמוזט פאַר־מאַכן אין דער געגנט, ווייל מען האָט געלאָזט מענטשן אָפּזיצן שעהען איבער אַ טעפּל קאַווע היצנדיק זיך וועגן הויכע וועלט־ענינים...

אינעווייניק אין „אויטאָמאַט" איז שווער געווען צו געפינען אַ ליי־דיק אָרט. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט די טאַצן אין די הענט און געזוכט וואו זיך צוזושפּאַרן. דוד פעלדמאַן געדענקט אַן אינצידענט אין דעם רעסטאָראַן: אַן עלטערער מאַן, מיט אַ מיד פּנים, האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט און געפּלאָנטערט מיט די פיס, ביז די טאַץ האָט אָנ־געהויבן ציטערן אין זיינע הענט, די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן, ער איז געוואָרן רויט און פּלוצלונג אַ שליידער געטאָן די טאַץ מיט די שפּייזן אויף דער ערד. מענטשן זיינען אָפּגעשפּרונגען פונעם אָרט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ בחור אין אַ ווייס רעקל מיט אַ בעזים און צוזאַמענ־געשאַרט, אויסגעווישט, אָפּגעמעקט...

עמעצער האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ טיש. עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אָרט. דוד פעלדמאַן איז אָבער געשטאַנען נענטער

און פאַרכאַפּט. אַוועקגעלייגט די ביכער אויף דער שטול און געגאַנגען אויסבייטן אַ „קוואָדער" אויף ניקלס אַריינצוואַרפן אין שפּאַלט פון מאַשין פאַר אַ טעפּל קאַווע.

אַרומגענומען פון דער איינגענעמען וואַרעמקייט האָט זיך אַ שמייכל פאַרשפּרייט אויף זיין פּנים מיט די קלוגע קנייטשלעך. ער האָט אָנגע־הויבן זוכן באַקאַנטע מענטשן מיט זיינע שאַרפע אַריינדרינגענדיקע אויגן, וואָס באַהאַלטן אין זיך ווי אין אַ „שפּיכלער" בילדער און גע־שטאַלטן, וואָס ער האָט איינגעזאַמלט פאַר לאַנגע יאָרן... ער האָט גע־זוכט, געפאָרשט די פּנימער, וואָס האָבן געשוועבט אַרום אים... ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין טיש מיטן טעפּל קאַווע, איז איינער דאָרט געשטאַנען מיט אַ טאַץ אין די הענט און דורכגעבויערט מיט זיינע נערוועזע אויגן די ביכער, וואָס פאַרנעמען אומזיסט אַן אָרט. דערזען דוד פעלדמאַנען, צו וועמען זיי באַלאַנגען, האָט ער אויף אים געטאָן אַזאַ קוק, ווי ער וואָלט געמאַכט מיטן פינגער אַ רעדל אויפן שטערן...

טרינקענדיק די קאַווע האָט ער מיט פרייד דערזען איינעם, וואָס קומט אַמאָל צו זיינער אַ לעקציע. ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן און אָנגעוויזן אויף זיך, אַז דאָ זיצט ער... דער באַקאַנטער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די ביכער און זיך געלאָזט צו דער טיר... און ס'קאָן זיין, אַז יענער האָט אים אינגאַנצן ניט באַמערקט, אָבי זיין שרייבערשע פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך שוין און טוט אים אָן שוואַרצע ברילן....

מען זעט דאָ זעלטן אַ יידיש פּנים, האָט ער געטראַכט, זוכנדיק אַ פּאַפּיראָס אין די קעשענעס. דאָ, אַרום דער פערצנטער גאַס, האָבן דאָך אַמאָל געוואוינט אַ סך יידן. וואו זיינען זיי אַהינגעקומען? וואו באַ־האַלטן זיי זיך?... מען דאַרף זיי געפינען... ער האָט אַריינגעלייגט אין די ביכער געליען געלט, און מוז זיי פאַרקויפן, אַניט בלייבט ער דערשטיקט. מען וועט מוזן אַריינגעבן אַן אויפרוף אין דער צייטונג צו די לייענער... זען זיך מיט די פירער פון פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס מען זאָל מאַכן אונטערנעמונגען... פּשוט דערקלערן: ער טרינקט זיך, מען זאָל אים ראַטעווען...

— העלאָ, דעיוו! — האָט ער דערהערט אַ קול און דערזען אַ טאַץ לעבן זיך. פאַר אים איז געשטאַנען זיין לאַנדסמאַן איזי, אַ שמייכלדי־קער מיט אַ רויט גלאַנציק פּנים, ווי די הויט וואָלט זיך געשיילט פון אים. די האָר צוגעפּלאַטשט מיט עפּעס אַ פעט שמירעכץ, צעטיילט אין איין

זייט מיט אַ שרינט. אַ ווייס טיכעלע מיט דריי שפּיצן אין דער אויבער־שטער קעשענע פון רעקל.

— העלאָו! — האָט זיך דוד פעלדמאַן אַרומגעכאַפּט מיט אים, — וואָס מאַכט איר? האָב איך שוין אַזוי פיל יאָרן ניט געזען, כ׳האָב אייך קוים דערקענט. איר קוקט אויס זייער גוט, אָבער אַנדערש ווי אַמאָל... מילא, ס׳איז דאָך אַזוי פיל יאָרן אין דעם...

— איך האָב אייך באַלד דערקענט, דער זעלבער דעיוו, נאָר אַ ביסל גרויער.

— וואָס מאַכט אייער פרוי, די קינדער?

— מיין פרוי? שוין צייט געוועזן „אויסצוטשענדזשען״ זי פאַר צוויי יונגע, — האָט איזי אַ שמייכל געטאָן פון זיין חכמה און צוגעגעבן שוין ערנסט, — קרענקט אונטער, גייט צו דאָקטוירים.

— און די קינדער?

— אָ, די קינדער מיינע זיינען אָלרייט. איר געדענקט מיין דזשעקן? ער איז דאָך געוואָרן אַ פליער, שפּאַרט־אָן מיטן עראָפּלאַן, וואו די וועלט האָט אַן עק.

— טאַקע! — האָט זיך דוד געוואונדערט, — און וואָס מאַכט אייער צווייטער זון, ווי האָט ער געהייסן?

— סעמען מיינט איר? ער איז אַן „אינשורנס איידזשנט״, איז זייער „גוט־אָפּ״. ער האָט אָבער ניט קיין „לאָק״ צו פרויען. האָט שוין עט־לעכע מאָל חתונה געהאַט און איצט מוז ער צאָלן צו איינער „אַלימאָני״... איז, וואָס טוען אייערע קינדער, די מיסעס?

— מיינע קינדער זיינען פיין... די פרוי פילט אויך ניט מיט אַלעם... דאָס איז באמת אַ צופאַל, ווי איר האָט צווישן אַזוי פיל מענטשן געטראָפן צו מיין טיש!

— טאַקע אַ „קאָאינסידענט״, — האָט איזי געזאָגט פון טעלער אַרויס, — און וואָס שלעפּט איר אַזוי פיל ביכער מיט זיך? אַ גאַנצע „לייברערי״.

— דאָס זיינען די ערשטע עקזעמפּלאַרן פון מיין בוך „העלע וועגן״, נאָרוואָס אַרויסגענומען פון איינבינדער, פריש, נאָך ניט אפילו צעעפנט!...

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, איך געדענק שוין ניט די יאָרן ווען כ׳האָב אַמאָל געלייענט יידיש.

— וואָס איז, איר האָט זיך געשמדט, געוואָרן אַ „יענקי״?

— אַז די קינדער מיינע און די מיסעס לייענען ניט קיין יידיש.

אין הויז קומען אַריין ענגלישע „פּעיפּערס" און „מעגעזינס". און וועך האָט צייט אַזוי פיל צו לייענען? איך האָב אַ „ליקער סטאָר", „יו נאָו", אַ „דזשענטייל טרעיד". היינט איז מיין „דעי אָף", דער „פּאַרטנער" מיינער שטייט אין די ביזנעס, — ער האָט באַלעקט אַ ציגאַר און אים פאַררויכערט, — פונדעסטוועגן וועל איך קויפן ביי אייך אַ בוך. עפּעס אַ לאַנדסמאַן. וואָס איז דער פּרייז?

דוד פעלדמאַן איז געזעסן אַ דערשלאָגענער. ס'איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז און ער האָט געהערט ווי ער זאָגט אַרויס פאַרשטיקט „דריי דאָלער".

— דריי דאָלער איז דריי דאָלער. דאָך אַן אייגענער מענטש, אַ שטיקל משפחה. שרייבט עפּעס אַן אויף ענגליש, זאָלן מיינע קינדער זען!...

— אַ יידיש בוך אויטאָגראַפירט מען אויף יידיש.

— זאָל שוין זיין אויף יידיש, — האָט ער אַ צי געטאָן דעם ציגאַר און געטשאַדעט מיט געדיכטע קנוילן רויך, — כאָטש איך לייען ניט קיין יידיש, וויל איך איר זאָלט וויסן, אַז איך בין אַ יידישער „פּעטריאָט". „בעליוו מי", וואָס מיך קאָסט אָפּ „איזראַעל". — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: — איך מוז שוין לויפן! „וועל, גריסט די „פעמילי", דאָס איז מיין אַדרעס מיטן טעלעפאָן, — האָט ער אים דערלאַנגט אַ קאַרטל, — קומט אַמאָל אַריבער מיט דער מיסעס... „ביי"!

דוד האָט דערזען, אַז דער פאַרוואַלטער קוקט אויף אים, נעמט ניט אַראָפּ די אויגן, דרייט זיך אַרום און האָט שוין אָנגערירט מיטן פוס זיין שטול... האָט ער זיך אויפגעהויבן, איינגעוויקלט די ביכער אין אַן ענגלישער צייטונג, וואָס עמעצער האָט איבערגעלאָזט און אַרויס פון „אויטאָמאַט".

אינדרויסן זיינען שוין די גאַסן געווען פאַרוויסט. פון די הויכע הייזער האָט זיך געשאָטן און געדרייט דער שניי, וואָס האָט איינגעהילט די לאַמטערנעס און די איילנדיקע פאַרבייגייער. אין עטלעכע מינוט איז ער צוגעקומען צו „קליינס דעפּאַרטמענט סטאָר". אינעווייניק, איז ווי שטענדיק, געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס קומען פון אַלע עקן שטאָט כאַפּן מציאות.

דוד פעלדמאַן האָט קוים אָפּגעזוכט אַ טיש מיט סוועטערס, וואָס איז געווען באַלאַגערט פון קונים. אַריינגעשטופּט זיך און אָנגעהויבן

זוכן אַ קאָליר, וואָס זאָל אים געפעלן. קאָלירן רופן אַרויס געפילן, פירן אַריין אין אַ געוויסן געמיט־צושטאַנד. מענטשן ווייסן גאָרניט, ווי שטאַרק קאָלירן באַווירקן זיי. אפילו חיות ווערן באַווירקט פון קאָלירן... ס׳האָט זיך אָנגעהויבן וועבן ביי אים אין געדאַנק אַן אָפּהאַנדלונג וועגן קאָלירן, וועגן שרייבער און מאָלער, נאָר ער האָט געמוזט איבעררייסן דאָס טראַכטן, ער דאַרף אָנמעסטן אַ סוועטער. ווי אַזוי באַווייזט מען דאָס אָבער אין אַזאַ ענגשאַפט? קיין פאַרקויפער באַדינען דאָ ניט ווי אין די רייכע געשעפטן. דאָ איז „העלף זיך אַליין”. האָט ער אַוועקגעלייגט די ביכער לעבן זיך, אַרויפגעלייגט אויף זיי דאָס רעקל מיטן מאַנטל (אַנדערע האָבן אויך אַזוי געטאָן) און דערנאָך, מיטן אויסגעקליבענעם סוועטער אין האַנט, וואָס דער קאָליר איז אים ניט געווען אַזוי צום האַרצן, האָט ער זיך געשטעלט אין דער ריי פאַר דער קאַסירערין.

באַצאָלט, האָט ער זיך אַריינגעשטופּט אין אַ ווינקל און אַרבעטנדיק מיט די עלנבויגנס, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם סוועטער, דאָס רעקל, דעם מאַנטל און אַ צעקאָכטער, אַ דערשוויצטער אַרויס אין גאַס. אָפּ־גייענדיק עטלעכע טריט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: ער האָט פאַרגעסן די ביכער אויפן טיש, וואו ער האָט געקליבן דעם סוועטער... ער האָט זיך דערפילט שולדיק און פאַרשעמט פאַר זיך אַליין...

ווי איז דאָס טאַקע אַ מענטש אַזוי צעטראָגן? דער מינדעסטער גע־דאַנק, וואָס פאַלט אים אין קאָפּ אַריין פאַרכאַפּט אים און ער פאַרגעסט אויף וועלכער וועלט ער איז... וואָס שיינדל זאָגט אויף אים איז זי גערעכט... און אינעווייניק איז אַזוי ענג, די ביכער וועלן צעפליקט און צעריבן ווערן אונטער טויזנטער פיס. און וואָס וועט ער זאָגן שיינד־לען? ער האָט דאָך איר טעלעפאָנירט, אַז ער ברענגט די ביכער. ביי איר איז דאָך היינט אַ יום־טוב. זי האָט פאַרבעטן נאָענטע פריינט, צווישן זיי עטלעכע שרייבער. געקויפט בלומען און ליכט אָנגעצונדן... ער דערמאָנט זיך: זיי האָבן אַמאָל געגעסן אין אַ רעסטאָראַן וואו ס׳האָבן געברענט ליכט פאַר אַטמאָספערע... איז עס שיינדלען געפעלן... ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט ביכל לידער האָט זי פאַרבעטן פריינט און געצונדן ליכט. זי האָט אַ פרומע נשמה... אַ יידיש בוך איז ביי איר אַ הייליקייט. צייט היטלער האָט פאַרברענט זייער שטעטל דאַווינט זי אין יידישע ביכער. זי איז די פירלייענערין אין פרויען־לייען־קרייז, וואָס איז אפשר אַ מין המשך פון דער אַלטער ווייבערשער שול. ווי אַזוי

זאָגט מען איר, אַז ער האָט פאַרגעסן די ביכער? ער האָט זיך פאַרצווייפלט געשטופּט פון איין טיש צום צווייטן. ניט געדענקט וואו ער איז געווען... ס'איז אים באַפאַלן אַ פּאַניק. פּלוצלונג האָט ער דערזען, ווי אַ יונגע בלאָנדע פרוי האַלט זיינע ביכער און ווישט זיי אַרום מיט אַ ווייס טיכעלע... זי קוקט אויס ווי אַן אַמעריקאַנער געבוירענע. אירע בלאָנדגרינלעכע אויגן זיינען פאַרטרויערט...

— אַנטשולדיקט, מיס! דאָס זיינען מיינע ביכער. איך האָב זיי פאַרגעסן, איבערגעלאָזט אויפן טיש ווען כ'האָב געקליבן אַ סוועטער.

זי האָט אַן אומהיימלעכן קוק געטאָן אויף אים.

— פאַרגעסן? אַ ייד לאָזט איבער יידישע ביכער, מען זאָל זיי צעטרעטן?... און ווייסט איר, ווי ס'קומט אָן אַ יידישן שרייבער אַרויסצוגעבן אַ בוך?!

— פון וואַנען ווייסט איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס. ס'איז באַקאַנט.

— איר זייט אַ יידישע?

— נו, אַוודאי!

— איר לייענט יידיש?

— ניין. אויף יידיש בין איך שטום. צום באַדויערן, האָט מען מיך ניט געלערנט. אָבער מיין קינד שיק איך אין אַ יידישער שול.

דודס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן... ער האָט איר אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, האָט איר עמעצער אַ שטופּ געטאָן און זי איז איינגעשלונגען געוואָרן אין ים פון מענטשן... ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל... פאַרשוואונדן געוואָרן די בלאָנדע יונגע פרוי מיט דער אויסגעשניטענער יידישער צונג...

ער איז אַרויס פון געשעפט מיט ייִנגערע דרייסטערע טריט. טוליענדיק די ביכער אונטערן אָרעם האָט ער געטראַכט: די וועלט איז נאָך ניט הפקר!... ס'איז נאָך דאָ אַ דין און אַ משפּט... די קעלט האָט איצט ניט געקאָנט צוקומען צו אים: "שיינדלס סוועטער" האָט אים געוואַרעמט, און דאָס קול פון דער יונגער בלאָנדער פרוי האָט ווי מוזיק געקלונגען אין זיינע אויערן. אַריינקומענדיק אין הויז האָט ער געכאַפּט שיינדלען קושן...

— ביסט דאָך עפּעס געוואָרן זייער ראָמאַנטיש, יונגערמאַנטשיק מיינער! — האָט זי געלאַכט מיט אַן אָפּקלאַנג פון איר יונג מיידלש קול.

— שיינדל, טייערע! איך האָב זיך היינט פאַרליבט אין אַ יונגער בלאָנדער פרוי!...

— דוד!...

— שאַ! כאַפּ ניט, האָב געדולד! פריער הער מיך אויס! — אַז ער האָט איר אַלץ דערציילט, איז זי אויך פאַרליבט געוואָרן אין דער פרוי, וואָס האָט זיך באַוויזן און פאַרשוואונדן.

— נו, דוד! קאָן מען וויסן וויפל פּערל עס ליגן באַהאַלטן אין ים?...

שפּעטער, ווען מען האָט צוגעביסן, געטרונקען וויין, געזונגען לידער, און די פלעמלעך פון די ליכט האָבן זיך געשפּילט אויף די גרוילעכע קעפּ פון די געסט, האָט שיינדל געזאָגט:

— אַ שאָד, דוד, וואָס דו האָסט ניט באַוויזן צו פאַרבעטן די יונגע בלאָנדע פרוי. ווען זי איז היינט דאָ מיט אונדז, וואָלט די שמחה געווען פאַרפולט...

פאַלמען־ביימער

היימאַן האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווען דער וועק־זייגער האָט זיך פאַרטאָג גרילציק צעקלונגען. די פאַרשנייטע פענצטער האָבן אַ ביסל פאַרבלייכט די פינצטערקייט אין הויז. ער האָט אָנגעצונדן ס׳לעמפּל איבערן בעט, וואָס האָט ווי אַ בליץ אַ בלענד געטאָן אין זיינע אויגן. יאָ, ס׳איז שוין פינף אַזייגער. צייט אויפצושטיין, האָט ער האַלב־פאַרשלאָפן געטראַכט; די ערשטע קונים וועלן זיך באַלד באַווייזן אין דער שפּייז־קראָם. רות, זיין ווייב אין צווייטן בעט, האָט זיך שוין אויך אָנגעהויבן רירן.

— רות, שטייסט אויף?

— יאָ־יאָ־יאָ — האָט זי געענטפערט מיט אַן אומצופרידענעם, טרויע־ריק־אויסגעצויגענעם געגעץ, און זיך באַקלאָגט: — ס׳אַ ביטערע קעלט אין הויז.

— דער „דזשעניטאָר" איילט זיך ניט צו געבן קיין „סטים", ברענגט איין דעם „לענדלאָרד" געלט. ערשט אַרום זיבן־אַכט אַזייגער וועלן זיך די „רעדיעטאָרס" אָנהייבן דערוואַרעמען — האָט היימאַן גע־זאָגט מיט פאַרדרוס.

אונטערטאַנצנדיק מיט פאַרקרימטע פנימער פון קעלט, האָבן זיי זיך שנעל אָנגעטאָן און גיך אַרויס פון הויז. דער פראָסטיקער ווינט האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיי, געטאַנצט אַרוםביידן אַ קאַראַהאָד, אויפגעהויבן זשמעניעס זילבערנעם שניי־שטויב און שטיפעריש זיי געשאָטן אין פנים אַריין. איינגעבויגענע, שווער־כאַפּנדיק דעם אָטעם, זיינען זיי האַלב גע־גאַנגען, האַלב געלאָפן צו דער קראָם.

די ערשטע קונים האָבן זיך שוין געבלאָזן אין די פאַרפרוירענע הענט אַריין, געגענעצט מיט איבערגעריסענעם שלאָף אין די אויגן, גע־טוליעט זיך אין די שווערע מאַנטלען, אונטערגעטאַנצט, צו דערוואַרעמען די פיס, און איינגעקויפט פריש, וואַרעם געבעקס, פוטער, לאָקס און קאַווע.

די פינצטערקייט אין דרויסן האָט אָנגעהויבן אָפּגעבליאַקעוועט ווערן. וועגענער מיט מילך־פלעשער האָבן געקלונגען. רעדער פון אויטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער האָבן געסקריפּעט און זיך אַ ביסל אונטערגעגליטשט אין הויך־אָנגעפּאַלענעם שניי.

יענעם פרימאָרגן האָט היימאַן דערהאַלטן אַ בריוו פון קאַליפאָרניע:

„ליבע פריינט, היימאַן און רוט:

„מיר זיינען שוין באַלד אַ יאָר אין לאָס אַנדזשעלעס. איצט, ווען ביי אייך דאָרט איז די שטאָט פאַרשאָטן אין שניי און עס בושעווען זאַ־ווערוכעס, איז דאָ ביי אונדז זומער און מענטשן באָדן זיך אין ים. איך האָב וועגן אייך איבערגערעדט מיט מיין סערען: ווי לאַנג איז דער שיעור איר זאָלט זיך דאָרט מוטשען אין דעם וויסטן ניו־יאָרק? זומער דערשטיקט ווערן פון היץ און ווינטער צעריסן ווערן פון קעלט; שקלאַפן אין דער קראָם זיבן טעג אַ וואָך, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַ וואָרים ליגט אין כריין מיינט ער ס'איז קיין זיסערס ניטאָ. מיר האָבן דאָ געקויפט אַ הינער־פאַרם און ס'גייט אונדז גאַנץ גוט, און מיר זיינען אויף דער פרישער לופט, און מיין סערע איז פּטור געוואָרן פון איר הוסט, פון וואָס זי האָט אַלע יאָרן געליטן אין ניו־יאָרק און געמיינט אַז זי האָט שוין „קאָנסאַמפּשאַן". די מילדע לופט דאָ און די זון זיינען געוועזן פאַר איר די בעסטע מעדיצין. איך וואָלט אייך געזאָגט: פּאַקט איין די וויסטע קראָם, מיט דעם ענגן שטויביקן ניו־יאָרק, גיט אַ שפּיי... און קומט מיט אייער רוטן קיין לאָס אַנדזשעלעס. איר וועט דאָ אויפלעבן — ווי עס ווינטשט אייך אייער פריינט —

סעם גרינבערג".

מיין פרוי לאָזט אייך האַרציק געריסן.

אין בריוו איז אויך געלעגן אַ קאַרטל מיט דער קאַליפאָרניער לאַנדשאַפט: הויכע, שלאַנקע פּאַלמען־ביימער פאַררייסן די קעפּ צום בלויען הימל. אויפן קאַרטל איז דער הימל געווען אַזוי בלוי, אַז נאָר אין גן־עדן קאָן מען זיך דאָס פאָרשטעלן, גאָרניט קיין ערדישע בלויקייט; ס'האָבן נאָר געפעלט מלאכים מיט זילבערנע פליגל, וואָס זאָלן דאָרט אַרומפליען.

היימאַן איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם בילד. אַ מילדער שמייכל האָט זיך פאַרשפּרייט אויף זיין מיד ביינערדיק פּנים. איבערהויפּט האָבן אים פאַרכאַפּט די פּאַלמען־ביימער. זיי האָבן אויסגעקוקט צויבערלעך אין די אויגן פון אַ ניו־יאָרקער, ווי ער, וועלכער איז געוואוינט צו די

גרויסע, אַלטע, צוזאַמענגעדריקטע הייזער פון דער איסט־סייד, וואָס פאַר־שטעלן דעם הימל. היימאַן האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון בילד, ביז ער האָט דערהערט ווי רוט שושקעט אים אויפגערעגט אין אויער אַריין: — וואָס שטייסטו ווי אַ פאַרחושטער? די מיסעס פרידמאַן רעדט דאָך צו דיר!

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: — א. יאָ, מיסעס פרידמאַן! וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?

— איך האָב צוויי מאָל געזאָגט, אַז איך וויל אַ שמאַלץ־הערינג.

— אַ שמאַלץ־הערינג! אַוודאי, אָט שוין, מיסעס פרידמאַן!

ער איז געשטאַנען איבערן פאַס און געטאַפּט די בייכער פון פעטע גליטשיקע הערינג. פון אָפּט טונקען די הענט אין געזאַלצענעם פאַס האָט זיך ביי אים די הויט צווישן די פינגער אָנגעהויבן שיילן, ווי ער וואָלט דאָרט געהאַט ברען־וואונדן. די מיסעס פרידמאַן איז אויך געשטאַ־נען געבויגן איבערן פאַס, ווי איר שווערער בוזים וואָלט זי אַראָפּגעצ־צויגן און זי האָט געמאַכט מיט די פאַרפרעסטע ליפּן, שלינגענדיק די סלונע אין מויל.

— אָט איז אַ פעטער שמאַלץ־הערינג, מיסעס פרידמאַן. — האָט ער אויסגעגלייכט די פּלייצע און געקוקט אויף איר מיט זיין בעסטן שמייכל, ווייל מיסעס פרידמאַן איז אַ „קעש־קאַסטאָמער". זי דאַרף מען באַ־האַנדלען איידל. צו די וואָס קויפן אויף באָרג און מען פאַרשרייבט אויפן ביכל, דערלייגט מען אויך ניט, נאָר מען צערעמאָניעט זיך ניט מיט זיי, דאָס זיינען אַ מין צווייטער קלאַס „קאַסטאָמערס".

ווען ס'איז געוואָרן געראַמער אין קראָם, האָט ער געזאָגט צו רוטן אַז ס'איז געקומען אַ בריוו פון סעמען. — קענסטו זיך פאָרשטעלן, אַז איצט איז אין קאַליפאָרניע זומער? מענטשן באָדן זיך אין ים און באַקן זיך אויף דער זון? און זע־נאָר די פּאַלמען־ביימער און די בלומען!

— מען קאָן ניט עסן קיין בלומען, און דאָ וואו מען מאַכט אַ לעבן שיינט די זון — האָט זי אַ גאָס געטאָן ווי מיט קאַלט וואַסער אויף אים.

— וואָס ביסטו אַזוי אָנגעצויגן? — האָט ער זי געפרעגט גע־פּלעפּט.

— איך בין ניט אָנגעצויגן, נאָר איך האָב שוין ניט איינמאָל גע־הערט פון דיר וועגן די גליקן דאָרט!

— ווער רעדט פון גליקן? מען רעדט פון אַ לאַנד מיט אַ מילדן קלימאַט. און מען מאַכט דאָרט אויך אַ לעבן. אָט שרייבט מיר סעם,

אַז זיי האָבן געקויפט אַ הינער־פאַרם און ס׳גייט זיי גוט. סערע, וואָס האָט דאָ אַלע יאָרן געהוסט, געמיינט זי האָט שוין „קאָנסאָמפּשאָן״, פילט דאָרט אַ סך בעסער.

— אין ניו־יאָרק איז דער בעסטער קלימאַט — האָט זי איבערגעחזרט איר אַלטע טענה.

— פון וואַנען ווייסטו? ביסט שוין אַמאָל געווען ערגעץ אַנדערש?

— מיר איז דאָ גוט.

— ראַקעפעלערן געזאָגט.

— איך זוך ניט קיין רייכקייט.

— מיינסטו צו זאָגן, אַז דו ווילסט קיינמאָל ניט אָנקוקן די וועלט?

— דאָ איז מיין וועלט.

— צו ליגן באַגראָבן אין דער שפּייז־קראָם?

— ווען ס׳געפעלט ניט קאָן זיך אויסגראָבן!

די רייד צווישן זיי האָבן זיך אָנגעהיצט, די אויגן — אָנגעשאַרפט. ס׳איז אַריינגעקומען אַ קונה און ביידע האָבן אָנגעהויבן שמייכלען.

זיי האָבן גאַנץ אָפט געהאַט שאַרפע איבעררײדן וועגן ניו־יאָרק און קאַליפאָרניע. היימאַן וואָלט געוואָלט איינפּאַקן די קראָם און פאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט פיינט געקראָגן די הויכע צוזאַמענגעפּאַקטע הייזער, וואָס פּרעסן אים אויפן האַרץ, שטיקן אים אין האַלדז. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף און בענקט צו דער אָפענער וועלט. און רוט האָט ליב ניו־יאָרק; זי האָט ליב די היצן, די פּרעסט, אפילו דעם סאָבוועי האָט זי ליב. אַז זי פאָרט זיך אַדורך אין סאָבוועי ווערט זי אַ נייער מענטש. זי קען דאָס ניט דערקלערן, נאָר זי האָט עס ליב — האָבן די צוויי שטעט אָנגעמאַכט אַ בייז לעבן צווישן מאַן און ווייב.

היימאַן בענקט אויך נאָך אַ ביסל פרייע צייט, ער זאָל קענען לייענען אַ בוך, לעבן געזעלשאַפטלעך. אין די יונגע יאָרן האָט ער געוואָלט שטודירן, און ניט געהאַט די מעגלעכקייטן. געקומען קיין אַמעריקע, איז ער באַלד אַריין אין שאָפּ. ווען ער איז קראַנק געוואָרן און ניט געקאָנט מער אַרבעטן, האָבן לאַנדסלייט אַרויסגעהאָלפן, און ער האָט געקויפט די קראָם, וואָס איז אים לעצטנס שטאַרק דערעסן געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן פון פאָרן קיין קאַליפאָרניע. רוט האָט ניט געוואָלט הערן דערפון.

די צוזאַמענריידן און קריגערייען זיינען געוואָרן שאַרפער, ביז

איינמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: — אַ סוף זאָל עס נעמען, איך פאָר קיין קאַליפאָרניע!

— פאָר, ווער האַלט דיך צו? נאָר וויסן זאָלסטו, אַזוי שנעל ווי דו שטעלסט אַרויס אַ פוס פון דאַנען איז די טיר פאַר דיר פאַרמאַכט! דו קאָנסט שוין קיינמאָל מער ניט צוריקקומען צו מיר!

— איז גוט, וועל איך טאַקע ניט צוריקקומען!

— פאַרוואָס זאָלסטו צוריקקומען? ס׳פעלן שיינע ווייבלעך אין קאַליפאָרניע, וואָס זייערע מענער זיינען זיי אויך דערעסן געוואָרן און זיי לויפן זוכן נייע גליקן!

— ביסט משוגע!

— ניין, איך בין ניט משוגע, כאָטש פון אַזאַ מאַן קאָן מען משוגע ווערן! אַ מענטש וואַרפט אַוועק אַ ברויט מיט אַ מעסער און פאַרט שמעקן בלומען, קוקן אויף פאַלמען־ביימער, איז דאָס ניט קיין משוגעת?!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און די קריג האָט זיך צעפלאַקערט. גיפטיקע פיילן זיינען געפלויגן פון איינעם צום צווייטן, געצונדן און געסמט דאָס בלוט; אַלטע פאַרגעסענע עוולות, קריוודעס צו דער וועלט, וואָס זיינען אין זיי געלעגן יאָרן פאַרשטיקט, האָבן זיי איצט אויסגעלאָזט איינער צום צווייטן, אַ מבול פון רייד, הייזעריקע געשרייען — ביז עס האָט רוטן אויסגעפעלט אָטעם. פון איר ענגן האַלדז האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרייסן פאַרשטיקטע ספּאַזמעס. ער האָט זי געמינטערט, געגאָסן אויף איר וואַסער, און שפּעט אין דער נאַכט האָט זי נאָך אַלץ אָפּגעהעשעט אין שלאָף.

***

היימאַן איז אָנגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין אַ גרויען, נעפּלדיקן פרימאָרגן. מענטשן האָבן געהאַלטן טיכלעך ביי די אויגן ווי זיי וואָלטן געוויינט... די פייכטע לופט איז געווען אַזוי ווי אָנגעזאַפּט מיט רויך און געביסן אין האַלדז. ער האָט געפּלעפּט געקוקט צום הימל, וואָס איז שווער און בלינד געהאַנגען איבער די הייזער, ווי אַן אויסגעלאָשענער פּלאַנעט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ניט דער ריכטיקער שטאָט, אָדער אים חלומט זיך אַ שלעכטער חלום. ער איז געווען מיד, נערוועז, און רוטס שאַרפע, שניידנדיקע רייד זיינען אים נאָכגעלאָפן...

ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען, גיסן. ס׳איז מיט איין מאָל געוואָרן

נאַכט. אין געדיכטן פּלאָנטער פון אויטאָמאָביל־פּאַרקער האָבן זיך גע־דרייט און געלאָפן אין אַלע זייטן שאָטנס פון מענטשן. פאַר אַ מאָמענט האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער איז אויף יוניאָן־סקווער, ניו־יאָרק. אין אַ פינצטערן, רעגנדיקן פאַרנאַכט.

ער האָט געהאַט צוויי אַדרעסן: איינעם צו זיין פריינט סעם, און איינעם צו זיינס אַ משפחה, דזשעק רויזנפּאַרב, וואָס האָט דאָ אַ בראָנפן־געשעפט. אַזוי ווי סעם וואוינט אויף אַ פאַרם, איז ער געפאָרן צו דער משפּחה און ער האָט זיי געטראָפן אין געשעפט.

— זע־נאָר זע, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן! — האָט דזשעק אויס־געררופן און זיך אַרומגעכאַפּט מיט היימאַנען. — וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכט רוט, וואָס הערט זיך אין ניו־יאָרק?

— ניו־יאָרק שטייט אויפן זעלבן אָרט.

— איך האָב געהערט אַז איר זענט דעם ווינטער פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי.

— שניי איז ביי אונדז קיין נייעס ניט. רוט קוקט זיך אַזוי מיטן שניי, אַז די נשמה איז איר אַזש פאַרפרוירן געוואָרן... און וואו, זאָג מיר, דזשעק, איז אַהינגעקומען אייער קאַליפאָרניער זון, וואָס דאַרף שיינען אַ גאַנץ יאָר?... איך האָב געמיינט אַז דער עראָפּלאַן האָט פאַרבלאָנ־דזשעט אין אַן אַנדער שטאָט. און מענטשן ווישן זיך דאָ מיט טיכלעך רויטע אויגן, ווי זיי וואָלטן געוויינט!...

— אָ, דער „סמאָג", אונדזערע פּאָליטישנס, געהרגעט זאָלן זיי ווערן, זאָגן צו אָט, אָט טוען זיי עפּעס וועגן דעם. ס'האָט שוין אָפּגעקאָסט אַ מינט, און טאָן טוען זיי גאָרניט. די זון ווידער, אונדזערע, האָט אַ טבע, ווען אַ גאַסט קומט באַהאַלט זי זיך און עס גיסט אַ רעגן — עס זאָל דיר אַזוי פעלן געזונט און געלט ווי עס וועט דיר דאָ פעלן זון. דאָס שטיקל צייט איז אונדזער קאַליפאָרניער ווינטער, דערנאָך באַקט די זון צען, עלף חדשים אין יאָר און ס'פאַלט ניט קיין טראָפּן רעגן. זאָג־זשע מיר, וואָס הערט זיך אין ניו־יאָרק? ווי פילסטו אין געזונט? ביסטו געקומען פאַר אַ „וועקיישאָן" אָדער פאַר ביזנעס?

— איך בין געקומען אַ קוק טאָן אויף קאַליפאָרניע.

דזשעקס ווייב, יעטע, וואָס איז געזעסן ביים רעדזשיסטער און גע־קייט גומע, צופּאַטשנדיק מיט די פעטע רויטע ליפּן, האָט געזאָגט: — יעדן טאָג קומען דאָ אָן טויזנטער מענטשן פון דער איסט, מערסטנס מענער וואָס אַנטלויפן פון די ווייבער... — היימאַן האָט געשמייכלט...

און דזשעק האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און געזאָגט מיט די אויגן: „שוין, קלוגע יידענע מיינע, האָסט שוין געעפנט דיין מויל?...“

— איר זעט אַמאָל סעמען, וואָס האָט דאָ אַ הינער־פּאַרם? — האָט היימאַן געפרעגט.

— ס׳איז שוין אויס פּאַרם.

— וואָס הייסט?

— ס׳הייסט, אַז ער האָט פאַרלוירן די פּאָר טויזנט טאָלער און אַרויס אָפּגעברענט.

— ער האָט דאָך מיר געשריבן, אַז ער מאַכט גוט?

— ער מאַכט גוט מיט די זייטן. זיי אַרבעטן שוין ביידע צוריק אין שאָפּ.

עס זיינען אַריינגעקומען צוויי קונים. דזשעק האָט זיך צעטאַנצט אַרום זיי און יעטע, זיין פעט ווייב מיטן שמאַלציק, טרייסלדיקן גוידער, האָט אויף די „קלאָווישן“ פון רעדזשיסטער אויפגעשפּילט אַ פּריי־לעכס...

דעם זעלבן טאָג האָט אים סעם און סערע זייער וואַרעם אויפגענומען, ווען ער איז אומגעריכט אַריינגעקומען צו זיי. — זע־נאָר, זע נאָר, ווער ס׳איז דאָ! פון וואַנען האָסטו געוואוסט אַז מיר זיינען שוין ניט אויפן פּאַרם?

— דזשעק האָט מיר געזאָגט. וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס?

— ס׳גייט שווערלעך, מען דאַרף עס אונטערשטופּן.

— ס׳איז שוין טאַקע אויס פּאַרם?

— אויס! מען האָט אונדז אָפּגעוואָשט; געקומען אַ מיליאָנערסקע קאָמפּאַניע מיט מאָדערנע מאַשינען און איינגעשלונגען די קליינע מענ־טשעלעך.

— וואָס־זשע טוט איר איצט?

— מיר זיינען צוריק אַוועק אין שאָפּ.

— ניט געווען באַשערט — האָט סערע געזאָגט, שטעלנדיק קאַלי־פּאַרניער פרוכט אויפן טיש.

— באַשערט, באַגאָלט — האָט סעם געחוזקט. — ווען ס׳קומט ניט אַריין די מיליאָנערסקע קאָמפּאַניע, וואָלט ניט געווען קיין פראַגע פון באַ־שערט. ס׳איז די אַלטע מעשה: גרויסע פיש שלינגען איין די קליינע.

— פאַרזוכט עפּעס פון אונדזער קאַליפּאַרניער פרוכט — האָט סערע געבעטן דעם גאַסט.

היימאַן האָט באַמערקט, אַז די קוואַליטעט פון די קאַליפאָרניער פּרוכט איז אַ ביליקערע ווי אין ניו־יאָרק. ווייזט אויס אַז ניו־יאָרק איז אַן ערשט־קלאַסיקער „קאָסטאָמער".

— ביז איצט האָבן מיר געהאַט שיינע זוניקע טעג און ווען איר זענט געקומען גיסט אַ רעגן — האָט זיך סערע ווי פאַרענטפערט. — וואָס הערט זיך אין ניו־יאָרק? וואָס מאַכט רוט?

— רוט איז אָלרייט.

— פאַרוואָס איז זי אויך ניט געקומען?

—ביידע קענען דאָך ניט אַוועק פון דער ביזנעס.

ער איז דאָרט אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה. ווען ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין זיינען זיי צוגעשטאַנען ער זאָל פאַרבלייבן צום אָונט־מאָלצייט. און מען האָט גערעדט און גערעדט, דערמאָנט זיך אין די אַלטע גוטע צייטן ווען מען איז געווען יונג, געשפּילט ליבעס, געחלומט חלומות... און איצט זיינען שוין אויף זייערע קעפּ אָנגעוואַקסן גרויע האָר. — די צייט לויפט מיטן אויג ניט צו דערזען; אַז מען וויל איז דאָס גאַנצע לעבן אַ חלום... — האָט סעם פילאָזאָפירט.

שפּעט ביינאַכט האָבן זיי אים צוגעפירט צום אויטאָבוס.

עס האָבן זיך געצויגן גרויע רעגנדיקע טעג, ווי עס וואָלט בלויז אַ טונקל־בלייכער אָפּשיין פאַרבליבן פון דער זון. היימאַן האָט געוואוינט אין אַ האָטעל געשריבן צייטנוויז אַ טרוקן בריוול צו רוטן און זי האָט אים ניט געענטפערט. עס פּלעגט אים אַרומנעמען אַ פאַרדראָס אויף איר, וואָס זי ציטערט אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון ניו־יאָרק; האָט מורא צו מאַכן אַן ענדערונג אין איר לעבן. לאָזט איר, וועט זי אַזוי אין דער קראָם פאַרענדיקן אַלע אירע יאָרן, ניט אָנקוקן די ליכטיקע שיין, ליגן באַגראָבן צווישן די הויכע הייזער ווי אין אַ גרוב, וואו עס דערגרייכט זעלטן אַ שטראַל פון דער זון. און זי איז דאָך אַמאָל געווען יונג און שיין און געהאָפט און געחלומט. אפילו היינט איז זי אויך ניט מיאוס, נאָר פאַרטעמפּט. די קראָם האָט פאַרקילט איר נשמה... און זי קוקט אויס עלטער ווי זי איז. זי האָט זיך ניט געוואָלט געזעגענען מיט אים ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ... און אויף זיינע בריוו ענטפערט זי ניט. וועט ער מער צו איר ניט שרייבן. זאָל זי זיך האַלטן מיט איר ניו־יאָרק.

עס האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו רעגענען. אין די גאַסן האָבן זיך אָנגעקליבן טייכן און טייכלעך; די דרויסנדיקע אויסגעווייקטע ווענט

פון די הייזער האָבן געשימלט; עס האָבן זיך איינגעגעסן אין זיי גרינע זשאַווער־צאַפּנס. דער ווינט האָט געפּאַטשט מיט די טריפנדיקע צעפּ פון פּאַלמען־ביימער, וואָס זיינען מאַכטלאָז אַראָפּגעהאָנגען און דער רעגן האָט זיי בייז געצוואָגן...

אין אַ פרימאָרגן האָט ער געעפנט די אויגן און זיי געמוזט צוריק פאַרמאַכן אַזוי העל האָט די זון אַריינגעשיינט. ער האָט זיך גיך, פריידיק, אָנגעטאָן און אַרויס אין גאַס. די שטאָט איז געווען אויסגעוואַשן, צעהעלט און צעבליצט פון דער זון; די פּאַלמען־ביימער, אויסגעצוואָגענע, גרינער ווי שטענדיק, האָבן ווידער שטאָלץ פאַרריסן די קעפּ צום העל־בלויען הימל. פייגל האָבן אין כאָרן אַראָפּגעזונגען פון ביימער. אַ שמייכל האָט זיך פאַרשפּרייט אויף היימאַנס פּנים. די זונליכט האָט אַריבערגעשוימט אין זיינע אויגן. אַ צעברויזטער, אָנגעפּילט מיט פרישער ענערגיע, האָט ער געשפּאַנט מיט לייכטע, טאַנצנדיקע טריט און טיף איינגעאָטעמט די וואַרעמע, זוניקע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט אָפּגעפרישטע גראָזן, בלומען און ביימער.

היימאַן האָט זיך באַקענט מיט אַ יידישער לערערין, ציפּע. זי איז אויך געווען אַ טוערין אין די פּרויען־לייען־קרייזן, וואָס האָבן אַכצן צווייגן אין לאָס אַנדזשעלעס. איר מאַן — האָט זי אים ביי אַ געלעגנהייט דערציילט — איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. דאָס וואָרט געשטאָרבן האָט זי אַזוי אַרויסגערעדט, אַז מען האָט עס געקענט פאַרשידן אויסטייטשן...

ציפּע האָט אין אַן אָוונט געהאַלטן אַ לעקציע. הייטאַן איז איר געקומען הערן. די פאָרזיצערין איז געווען אַן אַלטע פרוי מיט אַ יונג פּנים, אַ געשוירענעם קאָפּ ווייס-זיידענע האָר און בלאָע לויטערע נשמה־אויגן — אַ חנוודיקע יונג־אַלטיטשקע באָבע. אין אַריינפיר־וואָרט האָט זי באַוויזן אַז זי איז גוט באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור. ציפּע האָט גע־רעדט וועגן פּרצן, דעם רעאַליסט און דעם סימבאָליקער, דעם דענקער און נביא פון זיין צייט. אַ דרייסיק פרויען, די מערסטע שוין אַריבער די מיטעלע יאָרן, האָבן מיט אַ טיפן ערנסט זיך איינגעהערט און אַ טייל האָבן געמאַכט נאָטיצן. נאָענט צו דער טיר זיינען געזעסן עטלעכע מענער מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, באַוואונדערט די רעדנערין, און צוגעשאָקלט איינער צום אַנדערן מיט די קעפּ: „זי קען, זי קען"... הייטאַן האָט געטראַכט אַז די ראָלן האָבן זיך געביטן: פרויען האָבן איבערגענומען דאָס יידישע ספר, פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראַטור, און די עטלעכע מע־נער זיינען איצט געזעסן אין אַ ווינקל און זיך איינגעהערט צו דער תורה וואָס קומט פון באַלעמער...

הײמאַן האָט געזען די איצטיקע פאָרזיצערין אויף אַ קולטור־יום־טוב קאָכן טעפּ, טראָגן טעלער, זײַן אַ סאַרווערקע, און אַז מען איז אַוועק טאַנצן, האָט זי פאַרלייגט די הענט אויף די באָקעס, פאַרריסן דעם קאָפּ מיט די צעלויכטענע אויגן וואָס האָבן געקוקט ערגעץ הויך און ווײַט... און געטופּעט מיט די פיס ווי אַ מיידעלע, אַז דער דיל האָט געציטערט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן רוטן, וואָס איר פּאַסט צו זײַן דער פאָרזיצערינס אַ טאָכטער, און דאָך איז זי אַלט, אַלט... וואָס איז געוואָרן פון דער דאָזיקער געוועזענער קורסיסטקע, דאָס שענסטע מיידל ביי זיי אין שטאָט? ער האָט דאָך אַמאָל געפירט אַ ליבע מיט איר, וואָס האָט אָנגעהאַלטן שיינע עטלעכע יאָר... ביז די קראָם האָט זי איינגעשלונגען; ביז די צוויי שטעט — ניו־יאָרק און לאָס אַנדזשעלעס — האָבן אָנגעמאַכט אַ בייז לעבן צווישן זיי... איז גוט, זאָל זי זיך דאָרט אויסלעבן אירע יאָרן אין דער קראָם, ניט אָנקוקן די וועלט — ביז זי וועט פאַרמאַכן די אויגן.

הײמאַן ליגט אין הייסן, ווייסן זאַמד, וואָס איז זילבערדיק צעפינקלט פון דער העלער קאַליפאָרניער זון. ס'לויפט אָן אַ צעשוימטע כוואַליע און טוט אַ שפּריץ מיט קאַלט, פריש ים־וואַסער, אויף די וועלכע ליגן נאָענט צום ברעג, אויפהויבנדיק אַ געשריי און אַ געלעכטער פון פרויען שטימען, וועמענס פריזירטע קעפּ זײַנען אָפּגעצוואָגן געוואָרן, די האָר הענגען אַראָפּ נאַס, טריפנדיק, און די כוואַליע איז ניט געוואָרן...

לעבן הײמאַנס זייט — ציפּע, און אַנדערע פריינט, וואָס זײַנען זיך געקומען אָפּקילן, אָפּפרישן צום ים. פון דער אָנגעהיצטער שטאָט מיטן טרויעריק באַקאַנטן לאָס אַנדזשעלעסער „סמאָג", וואָס ברענט די אויגן און דערקלייבט זיך אַמאָל צו די לונגען... מען דיסקוטירט ליטעראַטור, יידישן המשך. ציפּעס קול איז צאַרט און זינגעוודיק, ווי זי וואָלט דערציילט אַ צויבער־מעשה צו די קינדער אין שול. איר שטימע מישט זיך אויס מיט רוטס... און שלאָגן זיך אָן איינע אין דער אַנדערער...

אין הײמאַנס צימער האָט אַריינגעפּלייצט די זון, וואָס האָט ווי דורכגעבראָכן די „דאַמבע" פון שווערע, שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין די רעגנדיקע וואָכן. ער איז געווען גרייט אַרויסצוגיין פון הויז. געטראָגן קורצע הויזן צו קלעטערן אויף בערג; דאָס העמד אָפּן ביים האַלדז. ער האָט גאָר־וואָס אָפּגערופן ציפּען און זי האָט אים געזאָגט מיט אַ יונג זינגעוודיק קול, אַז זי איז אויך גרייט און וואַרט אויף אים... ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל, אַ נייע הויט איז אָנגעוואַקסן אויף אים; די קאַליפאָרניער זון לייכט אין זײַנע אויגן; ציפּעס שטימע קלינגט לאַשטשענדיק אין זײַנע אויערן. דאָס טיר־גלעקל

האָט געקלונגען, אויף דער שוועל איז געשטאַנען רוט... ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן... זי איז געווען אויסגעפּוצט. איר פּנים אָפּגעפּרישט, שיין און קאַלט, און אויסגעקוקט אַזויפיל יינגער, שטאַרק ענלעך צו דער יונגער קורסיסטקע מיט וועלכער ער האָט געפירט אַ ליבע. וואָס איז מיט איר געשען? — רוט — האָט ער קוים געקאָנט אַרויסזאָגן — פאַר־וואָס שטייסטו אין דרויסן? קום אַריין.

— איך בין ניט געקומען צו דיר, איך בין געקומען נאָך אַ גט!

— אַ גט?... פאַרוואָס האָסטו ניט געענטפערט אויף מיינע בריוו?

— איך בין דיר ניט שולדיק קיין ענטפער, דו האָסט שוין אַלץ פאַרענטפערט.

— אַ פּאָר ווערטער האָסטו דאָך מיר געקאָנט שרייבן.

— דו מאַכסט מיר לאַכן.

— פאַרוואָס?

— ווייל אין קאַליפאָרניע איז ניט נאָר דער הימל און די פּאַלמען־ביימער שיין, נאָר די פרויען דאָ, מוז איך צוגעבן, זיינען אויך שענער ווי די יידענעס וואָס באַדינען קונים אין די ניו־יאָרקער שפּייז־קראָמען. אַחוץ דעם זיינען זיי לערערינס און לעקטאָרינס...

— רוט, דו רעדסט נאַריש. האָסט זיך געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ פון עמעצן וואָס האָט אָנגעפּלאַטקעוועט אויף מיר אין אַ בריוו. אין קאַליפאָרניע פעלן אויך ניט קיין בייזע צינגער. און פאַרוואָס שטייסטו אויף דער שוועל? קום אַריין.

— איך גיי ניט אין די צימערן פון פרעמדע מענער. איך בין געקומען נאָך אַ גט!

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן. איך האָב קיינמאָל ניט געזאָגט אַז איך וויל זיך מיט דיר גטן.

— ניין? ווער איז אַנטלאָפן פון דער היים זוכן נייע גליקן?...

— איך בין ניט אַנטלאָפן פון דיר. ניו־יאָרק איז מיר אַריין אין די ביינער. די קראָם האָט מיך געשטיקט. כ׳האָב געוואָלט זען די וועלט, האָבן אַן ענדערונג אין לעבן פאַר אונדז ביידן. קום אַריין, שטיי ניט אויף דער שוועל; מענטשן גייען פאַרביי און קוקן אויף אונדז. מיינען מיר קריגן זיך; מאַך ניט קיין לייטישע געלעכטער!

— איך וויל אַ גט!

— שוין געהערט; וויפל מאָל איז דער שיעור דאָס איבערצוקייען? קום אַריין! — האָט ער זי מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט.

— היימאַן, איך וועל אויפהויבן אַ געשריי! — האָט זי זיך גע־ראַנגלט מיט אים — דו קידנעפּסט מיך!

ס׳איז אים אָנגעקומען שווער ביז ער האָט זי באַרואיקט: — זאָלסט וויסן, רוט, אַז לאָס אַנדזשעלעס איז אַ גרויס דאָרף... מען באַרעדט; איך זאָג דיר, ס׳איז הוילע ליגנס...

— עס זיינען דאָ פאַראַן שענערע פרויען פון מיר!

— ניט אמת! נאַ, טו אַ קוק אין שפּיגל... זייט דו ביסט אַרויס פון ניו־יאָרק ביסטו דאָך גאָר יינגער און שענער געוואָרן; אַז כ׳האָב געעפנט די טיר איז פאַר מיר געשטאַנען מיין אַמאָליקע יונגע קור־סיסטקע.

— אַי ביסטו אַן איבערטרייבער!... — האָט זי קוים, קוים אַ שמייכל געטאָן.

אַ קליינע טראַגעדיע...

שוין עטלעכע טעג ווי הערי גרינשפּאַן דרייט זיך אַרום אַן אומעטיקער מיט אַ פאַרזויערט פּנים. די סיבה? מען האָט אים „אַריינגעדרייט" צוויי בילעטן צו אַ באַנקעט, צען דאָלאַר אַ „פּלעיט". און כאָטש ער ווייסט אַלע זיינע יאָרן, ווי אַזוי איינצוהאַלטן אַ דאָלאַר און ער ברענט קיינמאָל ניט קיין געלט, איז ער דאָס מאָל אַריינגעפאַלן, שוואַך געוואָרן. און אפשר — פּרואווט ער זיך פאַרענטפערן פאַרן „וואָרים וואָס עסט אים", למאי ער האָט דאָס אָפּגעטאָן — אפשר איז דאָס ניט אינגאַנצן זיין שולד? ער האָט זיך ניט געקענט העלפן: ס'איז אומגעריכט אַריינגעקומען זיין לאַנדסמאַן זילבערבערג, וואָס אין די אויגן, איז ער אים דער בעסטער פריינט, און אונטער די אויגן רעדט ער אויס אויף אים וואָס אין דער קאָרט; אַז ער איז אַ קאַרגער, אַז פאַר זיין פּעני קאָן מען זיך אויסציען, כאָטש ער איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. און געקומען איז דער כלומרשטער פריינט זיינער, מיט דזשעק בערגערן, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויס אַפּאַרטמענט־הויז, איז דער פּרעזידענט פון זייער „סאָסאַיעטי", און לעצטנס האָט זיין טאָכטער אָנגעהויבן „אַרומגיין" מיט בערגערס זון — צי ס'וועט עפּעס אַרויסקומען דערפון אָדער ניט... איז אים באַפאַלן אַ שוואַכקייט, און ער האָט אויסגעלייגט ס'לעבעדיקע אויפן טויטן... אַרויסגעכאַפּט און דערלאַנגט די צוואַנציק דאָלאַר.

איצט עסט עס אים, וואָס ער איז געווען אַזוי צעקראָכן. באַלד נאָך זייער אַוועקגיין האָט אים די היץ אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. בייזע געדאַנקען האָבן אים אָנגעהויבן בייסן: ווייסט ער דען ניט, אַז מיט אַזעלכע לויזע פינגער, מיט אַזאַ צעוואַרפן זיך, וועט ער אָנקומען צו בעטל־ברויט? ס'שטייען ביי אים ליידיק צוויי אַפּאַרטמענטס. די צייט איז שלעכט, מענטשן אַרבעטן ניט, די „מאָרטגעדזשעס" מוז מען צאָלן, און ער וואַרפט מיט צוואַנציקער דאָלערס, — האָבן די געדאַנקען געריסן שטיקער פון אים, אַז ער האָט זיי גאָרניט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיך...

„וואָס דרייסטו זיך אַרום מיט אַזאַ זויער פּנים, ווי מ'וואָלט דיר אַ צאָן

אַרויסגעריסן ?...״ — האָט אים דזשעני, ס׳ווייב, געפרעגט, גרייטנדיק צום טיש.

„וואָס פאַר אַ זויער פּנים ?״ — האָט הערי אַ ברום געטאָן.

„דיין זויער פּנים !״

„אָט וועל איך מיך באַלד אָוועקשטעלן טאַנצן פאַר דיר״.

דאַרפסט ניט טאַנצן, אָבער ניט אַרומדרייען זיך מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, ווי דו וואָלסט נאָכגעגאַנגען אַ לוויה. ס׳איז דאָ חלילה קיינער ניט געשטאָרבן״.

„כ׳ווייס ניט וואָס דו רעדסט״.

„ווייסט שוין גאָר... ער ווייסט נעבאָך ניט... דרייט זיך אַרום ווי אַ טיגער און ברומט״.

„וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן ?״

„איך טראַכט שוין גאָרניט אויס״.

הערי האָט פאַרשטשעמעט די ציין. אָפּגעהאַקט מיט זיין שוויגן אַ קריגעריי, וואָס קאָן זיך צעפלאַקערן. דאָס מאָל האָט ער איר געלאָזט האָבן ס׳לעצטע וואָרט, ווייל ס׳עסן אויפן טיש וועט קאַליע ווערן. דער יקרות ברענט, און יעדער ביסן קאָסט גאָלד. ער האָט געוואָלט אָנהייבן קייען און ניט געקאָנט. געכאַפּט זיך, אַז ער האָט אויסגעטאָן די אונ־טערשטע ציין, וואָס האָבן אים אָנגעריבן אַ וואונד אויף די יאַסלעס.

„פאַרוואָס עסטו ניט ?״ — האָט דזשעני געפרעגט, זעענדיק ווי ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אומבאַוועגלעך מויל.

ער האָט ניט געענטפערט. אָנגעטאָן די ציין וואָס ער האָט אַרויס־גענומען פון אַ קעשענע און אָנגעהויבן קייען.

„פאַרוואָס גייסטו ניט צום דענטיסט ?״

„פאַרוואָס ? ווייל דער „פלעיט״ איז נאָך גוט פאַר יאָרן. אַ נייעם „פלעיט״ דאַרף מען אויך פון צייט צו צייט אויסטאָן. און דער דענטיסט „דיינער״, אַז דו שטעלסט אַריין אַ פוס צו אים, שינדט ער דיך אָפּ״, האָט ער געענטפערט מיט אַ פול מויל און אַרויסגעשטאַרצטע הונגע־ריקע אויגן.

דאָס עסן איז געווען געשמאַק. הערי האָט מיט הנאה האַסטיק געקייט און שנעל געשלונגען. זיין כעס האָט זיך אָנגעהויבן אויפלייזן אין די באַטעמטע מאכלים. וואָס מ׳זאָל ניט זאָגן אויף איר, האָט ער גע־טראַכט, אַ גוטע קעכין איז זי. און אַ באַלעבאָסטע! ס׳הויז פּעכלט,

ס׳געשיר בלאַנקט. אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען ניט איר צונג און די אויגן אירע, וואָס קוקן אַריין אין אים מיט אַ חוזק־שמייכל ווי דורך גלאָז... און געלט וועט פאַרלוירן צווישן אירע פינגער. „דאָס״ וועט קיינמאָל ניט אַ טראַכט מאַן פון אַ „רעגנדיקן טאָג״. אַפילו אַ וועווערקע פאַרגרייט זיך עפּעס פון זומער אויף ווינטער...

אָפּגעגעסן, איז ער אַרויס אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך אין זיינע עטלעכע צוויי־פאַמיליע הייזער: צי די שכנים לאָזן ניט אָפּן די קראַנען, ס׳זאָל פליצן וואַסער; צי ס׳רינט ניט ערגעץ קיין גאַז, צי זייערע קליינע „שדים״ רייסן אָפּ די ווענט, מאַכן לעכער אין די דילן, צינדן־אָן אַ פייער...

ער האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער, געשנאַפּט, געשמאָרעט מיט דער נאָז, געשמעקט די לופט, אָנגעשפּיצט די אויערן, גאָרניט אויס־געפונען, איז ער זיך אַ ביסל דורכגעגאַנגען „אַראָפּשאָקלען ס׳עסן״. ער עסט אַ סך ברויט. ס׳פּאַקט אים אָן און ער פילט שווער. ברויט איז אָבער אויך געשמאַק און ביליקער ווי פלייש.

אין פראָנט פון זיינע הייזקעס זיינען געוואָקסן פאַרשיידענע קאָ־לירטע בלומען אויף גראָזיקע טעפּיכער, ווי דער שטייגער איז אין דער גאָרטן־שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. אַ ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט די גרינע אַראָפּהענגענדיקע צעפּ פון די פּאַלמען־ביימער. פון ים, ניט ווייט אַוועק, האָט זיך דערטראָגן ס׳רוישן פון די כוואַליעס. אונטערן בלויען הימל זיינען געפלויגן טויבן מיט באַזילבערטע פליגל פון דער זון. הערי האָט זיך דערמאָנט, אַז ייִנגלווייז האָט ער געהאַט אַ טויבן־שלאַק אויפן דאַך פון זיין פאָטערס הויז. אַרויסגעלאָזט אַ טויב, איז זי געקומען צוריק מיט אַ צווייטער. אַרויסגעלאָזט די צוויי, האָבן זיי מיטגעבראַכט אַנדערע, ביז ער האָט געהאַט אַ דאַך מיט טויבן. מיט געלט איז אויך אַזוי... איין דאָלאַר ברענגט אַריין דעם אַנדערן... אַזוי שנעל ווי ער האָט גע־נומען קויפן און פאַרקויפן אַלטע הייזקעס, האָט ער אָנגעהויבן קומען צו עפּעס... ער וועט שוין אינגיכן קענען איינצאָלן פאַר אַ גרויס אַפּאַרטמענט־הויז. און וועגן באַנקעט, דאַרף ער זיך ניט נעמען צום האַרץ. שוין אָפּגעטאָן. און מ׳דאַרף זיך דאָך אַמאָל שטעלן שיין צווישן מענטשן. פון איצט אָן וועט ער אַרומגיין מיט אַ פריילעך פּנים; אי ס׳וועט אים ניט קאָסטן טייערער, אי דאָס ווייב וועט ניט האָבן קיין בייטש אויף אים... און אַז עס קאָסט שוין אָפּ אַזוי פיל גאָלד, פאַרוואָס

זאָל ער ניט הנאה האָבן פון עסן אַמאָל אין אַ רייכן האָטעל און אויך העלפן דערמיט אָרעמעלייט?

אַרויסגעברייעט אָט־די געדאַנקען באַנויזן פאַרן „וואָרים" וואָס עסט אים, אַז ער האָט דאָ גאָר קיין שלעכטס ניט אָפּגעטאָן, איז אים טאַקע געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן... ער האָט געשפּאַסט מיטן ווייב און אפילו אַ שטיף געטאָן מיט איר. זי האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געשמייכלט, מאַכנדיק חן־גריבלעך אין די פולע קיילעכדיקע באַקן. (אין די חן־גריבלעך איז ער באַגראָבן געוואָרן...)

„העררי".

„יאָ".

„איך דאַרף אַ נייע דרעס צום באַנקעט".

„וויפיל דרעסעס האָסטו?"

„שמאַטעס, כ'שעם זיך אַרויסצוגיין אין זיי".

הערריס פּנים איז געוואָרן האַרט... איר פּנים נאָך האַרטער... ביידנס אויגן שפּיציק. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט ווי צוויי צערייצטע הע־נער. זיין בליק האָט ניט אויסגעהאַלטן אונטער אירן.

„פאַר איין אָוונט דאַרף מען קויפן אַ נייע דרעס?"

„ס'איז ניט פאַר איין אָוונט. איך טראָג אַ דרעס ביז זי צעפאַלט".

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט ער מיט אַ הייזעריק קול געפרעגט:

„וויפל דאַרף קאָסטן אַ דרעס?"

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דינגען, און די היץ האָט אים ווידער אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין.

ער איז ווידער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרקלעמטער מיט אַ מעכאַניש־פאַרצויגענעם שמייכל אויף די ליפּן. ביז ס'איז אים אײַנגעפאַלן: פאַר־וואָס זאָל ער ניט העכערן די „רענט" אין זיינע אַפּאַרטמענטס? פינף דאָלאַר אַ חודש קאָן זיי ניט מאַכן רייכער אָדער אָרעמער — אַ דאָלאַר מיט פעניס אַ וואָך, און פאַר אים וועט זיך אָננעמען אַ דרייסיק דאָלאַר אַ חודש, דורכן יאָר...

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר.

„העלאָו, מיסעס רייזלין! וואָס מאַכט איר, ווי פילט איר?"

„ווי איך פיל? כ'ווינטש עס ניט קיין שונא. איך שלעפּ מיך אַרום אויף די געשוואָלענע פיס, און דער הוסט דישעט, אַז כ'בלייב אָן אָטעם!"

„וואָס זאָגט דער דאָקטער?"

„דער דאָקטאָר זאָגט, מען זאָל אים דערלאַנגען דאָס פינפערל...
און פאָרן ביסל וואַסער, וואָס ער פאַרשרייבט, רייסט דער „דראָג־סטאָר די הויט אַראָפּ!"

„נו, אָפּעסן זיך דאָס האַרץ דערפון וועט אייך גאָרניט העלפן. יעדער האָט זיך זיינע צרות. אָט־די עטלעכע הייזער מיינע באַצאָלן זיך ניט. מען האַלט אין איין העכערן די ‚טעקסעס'. אויב איך וועל ניט ‚רעיזן' פינף דאָלאַר אַ חודש אויף דער ‚רענט', וועל איך דערדריקט ווערן".

מיסעס רעיזלין האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר ווילדע אויגן און געעפנט אַזאַ מויל, אַז ער האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

שבת, עטלעכע שעה פריער, איידער ער האָט באַדאַרפט גיין מיטן ווייב צום באַנקעט, האָט געפּלאַצט אַ רער אין איינעם פון די אַפּאַרטמענטס און ס'וואַסער האָט געפליצט ווי פון אַ פאָנטאַן. הערי איז אַראָפּ אין קעלער און אָנגעהויבן פאַרריכטן די „פּלאָמבירונג" - (ער האָט אַלץ געטאָן אַליין אין זיינע הייזער) - אַז ער איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן, איז שוין דאָס ווייב געשטאַנען אין דעם נייעם קלייד און אים געיאָגט, אַז ער זאָל זיך גלייך איבערטאָן, ווייל ס'איז שפּעט.

געקומען צום באַנקעט איז דאָרט געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז זיי האָבן זיך קוים געקאָנט דורכשפּאַרן צו אַ טיש. ער איז געווען זייער הונגעריק... מיט אומגעדולד און סלונע אין מויל האָט ער געוואַרט, מען זאָל דערלאַנגען ס'עסן.

און אַז דער קעלנער האָט שוין יאָ אָנגעהויבן טראָגן ס'עסן אויף די טאַצן, האָט עס גענומען אומגעהויער לאַנג ביז ס'איז געקומען צו זייער טיש. און אַז מ'האָט שוין נאָענט לעבן אים געשמאַק געקייט און דער ריח פון געבראָטנס האָט זיך געריי‌צט מיט אים, האָט ער נאָך אַלץ געמוזט זיך אָננעמען מיט אייזערנעם געדולד און וואַרטן, ביז מ'האָט ענדלעך אוועקגעשטעלט פאַר אים אַ געבראָטן ברוין הינדל מיט גרינע אַרבעס און אַ געבאַקענע קאַרטאָפל, וואָס האָט זיך געבאָדן אין פּוטער. הערי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם גאָפּל־מעסער, געוואָלט אָנהייבן קייען און איז געוואָרן בלאַס. דאָס מויל פאַרגליווערט... ער טראָגט ניט די אונטערשטע ציין... אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס ניטאָ. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אין דער היים אין דעם אַלטן רעקל.

„פאַרוואָס עסטו ניט?" האָט אים ס'ווייב געפרעגט מיט אַ פול מויל, פּאַטשנדיק מיט די פעטע ליפּן.

ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ניט געענטפערט.

„הערי, וואָס איז דער מער מיט דיר?“ — האָט זי זיך דערשראָקן.

„איך האָב פאַרגעסן די אונטערשטע ציין אין דער היים“, האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריק, פאַרקלעמט קול. און אַרום אים האָט געקלאַפּט דער אָרקעסטער פון גאָפּל־מעסערס. הונדערטער מיילער האָבן געקייט, געכראָמשטשעט, געסאָפּעט, געשוויצט. הערי האָט פאַרצויגן אַ ביטערן שמייכל און שטיל געוויינט אין זיך...

די צווייטע יוגנט

ווען העלען האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט די זון שוין אַריינגעשיינט דורכן פענצטער. די ביימער פון נאָענטן פּאַרק האָבן אָנגעהויבן ווערן גרין. ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיך זייערע צווייגן באַוועגט אין ווינט, ווי פינגער פון סקעלעטן — איצט טאַנצן אויף זיי פייגל מיט געזאַנג און די זון שיינט אַריין אין העלענס אויגן. ווי עמעצער וואָלט געהאַלטן אַ שפּיגעלע אין דער האַנט און געשטיפּט מיט איר... זי האָט געגענעצט און זיך דערמאָנט, אַז אייזיק, מיט וועמען זי האָט זיך לעצטנס באַקענט, האָט זיך איר די נאַכט געחלומט... און היינט דאַרף זי זיך טרעפן מיט אים.

דער געדאַנק, אַז זי וועט אים ווידער זען, האָט זי אויפגעמונטערט, אויפגעברויזט. זי איז פלינק אַרויס פון בעט, אַריין אין באָד־צימער, גענומען אַ קילן שפּריץ און דערפילט, אַז זי איז הונגעריק. זי האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל פּאָמעראַנצן־זאַפט און עפּעס געגעסן. זי האָט זיך דאָס מאָל גענומען מער צייט און מי צו פאַרקעמען. איינציקע גרויע האָר האָט זי פאַרשאַרט פון הינטן... זייער דינע גרויע שיין האָט זי אויפן מאָמענט אַ ביסל געפּלעפט, ווייל אין האַרץ פילט זי זיך נאָך אַזוי יונג: דאָרט איז נאָך קיין איין „גרויער האָר" ניטאָ... אָבער דאָס איז גאָר־נישט, האָט זי זיך באַלד געטרייסט: זי האָט געקענט אַ יונג מיידל, וואָס האָט אויך געהאַט גרויע האָר... איינציקע פאַרבן די האָר אויף אַזאַ העל־זילבער, וואָס איז צווישן גרוי און בלאָנד...

זי האָט אָנגעטאָן אַ געפּאַסט קליידל און זיך אַ דריי געטאָן פאַרן שפּיגל. איר פיגור איז נאָך שלאַנק און האָט פיינע ליניעס. זי פילט לייכט און טאַנצנדיק. אירע אויגן זיינען שיינענדיק און שטיפעריש. וואָלט עמעצער געגלויבט, אַז זי איז שוין אַ באָבע? מען גלויבט איר טאַקע ניט, מען מיינט, זי שפּאַסט. צום לעצטן האָט זי אָנגעפאַרבט פלאַמיק־רויט די ליפּן, אַרויסשטופּנדיק זיי ווי צום קושן... זי האָט געעפנט אַ פענצטער. די מאַיאָווע לופט האָט איר אַ גלעט געטאָן דאָס פּנים און

פאַרבעטן אַרויסצוקומען אין דרויסן. זי האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ טעפּל קאַווע, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און ווי־דער געטראַכט פון אייזיקן; ער זעט אויס צו זיין אַן אָרנטלעכער מענטש. ניט קיין באַרימער, אַ באַשיידענער, און האָט שיינע אויגן. ער איז אויך זייער ענלעך צו איר ערשטן מאַן, אין וועמען זי איז געווען פאַרליבט. ווען זי האָט אייזיקן דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט איר געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרץ: אַזאַ שטאַרקע ענלעכקייט האָבן ביידע...

געטראָפן האָבן זיי זיך צופעליק אין אַ קאַפעטעריע. זי איז געזעסן ביי אַ טיש און ער האָט געזוכט אַ פּלאַץ מיט דער טאַץ אין האַנט. „מעג איך זיך דאָ זעצן?", האָט ער געפרעגט מיט די אויגן, אָנווייזנדיק אויף אַ ליידיקן שטול לעבן איר. זי האָט ניט געקענט זאָגן ניין...

דעם זעלבן אָוונט האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים און פאַרשריבן דעם אַדרעס פון איר הויז מיטן טעלעפאָן־נומער. זי איז שוין דערנאָך לאַנג אויף געלעגן און געטראַכט פון אים. ער זעט אָבער אויס זייער יונג, און דאָס באַאומרואיקט זי... אָבער לויט זיינע רייד און ווי אַזוי ער באַציט זיך צו איר, זעט אויס, אַז ער שאַצט אויך אונטער אירע יאָרן, טוט זי אַ פרעג, צי זי איז שוין פאַרהייראַט... אַז זי האָט געלאַכט, האָט ער געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ עלטערע מיידלעך פון איר, און אַז זי זעט באמת אויס זייער יונג. גיי זאָג אים, אַז זי איז שוין אַ באָבע. די צונג לייגט זיך איר ניט... באָטש דאָס איז ניט רעכט, ווייל פאַרוואָס זאָל זי אים אָפּנאַרן? אַזעלכע זאַכן קאָן מען דאָך ניט באַהאַלטן, און זי וויל דאָס גאָרניט באַהאַלטן. פאַרקערט, זי איז שטאָלץ אויף דעם, וואָס זי איז אַ באָבע פון אַזאַ טייער גערעטן אייניקל, וואָס איז אַזוי שיין און קלוג, אַז ס'איז גאָר קיין פאַרגלייך ניטאָ צו אים. זי קאָן אָבער ניט זאָגן צו אַ מענטשן, מיט וועמען זי האָט זיך נאָר־וואָס באַקענט: „הערט זיך איין, איך בין שוין אַ באָבע"!

און היינט טרעפן זיי זיך אין פּאַרק, וואָס איז ניט ווייט פון איר הויז. ווען ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים, האָט ער געזאָגט, אַז דער פּאַרק איז דער שענסטער, ווייל ער איז נאָענט צו איר. ער איז אַ גרויס נאַריש ייִנגל... זי האָט אפשר ניט באַדאַרפט נאָכגעבן: פאַרוואָס מוזן זיי זיך דווקא טרעפן דאָ, וואו זי האָט אַזויפיל באַקאַנטע? די טאָכטער וואוינט ניט ווייט פון איר, און ווידער, צוריקגערעדט, טאָר זי ניט זיצן מיט אַ מאַן אויף איין באַנק? ווער דאַרף וויסן, וואָס עס קומט פאַר אין איר האַרץ? און די טאָכטער אַליין האָט דאָך אָנומלט געזאָגט, אַז

עלטערע פרויען פון איר האָבן חתונה, ווייל זיי ווילן ניט זיין אַליין. זי איז אַ געטריי קינד... און אַלע זאָגן, אַז זיי זעען אויס ווי שוועסטער. לעצטנס זיינען זיי געווען צוזאַמען אויף אַ שמחהלע, האָט מען זי איינגעלאַדן מער צום טאַנצן, ווי דער טאָכטער... נו, ס'קאָן זיין ס'איז דערפאַר, וואָס די טאָכטער איז געווען מיט איר מאַן...

וואָס פאַר אַ קלייד זאָל זי היינט אָנטאָן? אפשר דאָס זעלבע, אין וועלכן ער האָט זי לעצטנס געזען?

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

„העלאָ! אָ, מיין געליבטער!", האָט זי זיך דערפרייט מיטן אייניקל. „וואָס מאַכסטו, האָסט שוין געגעסן אָנבייסן? וואָס? אוודאי האָט דיך די באָבע ליב, ווי פאַלט דיר גאָר איין צו פרעגן אַזאַ זאַך? די באָבע האָט דיך שטענדיק ליב, ווייל דו ביסט דאָס שענסטע, בעסטע יינגעלע און העלפסט אַרויס דער מאַמען... וואָס איך וועל דיר היינט ברענגען? וועסט שוין זען, דאָס איז אַ סורפּריז".

געהערט, אַז די טאָכטער וויל רעדן צו איר, האָט זי דעם אייניקל פאַרזיכערט, אַז זי וועט אים היינט זען און אַריינגעקושט עטלעכע מאָל אין טעלעפאָן. „שוירלי? וואָס מאַכסטו? דיין זונעלע האָט מיך נאָר וואָס געפרעגט, צי איך האָב אים נאָך ליב... ווי געפעלט דיר דאָס? היינט פאַרנאַכט? ניין, איך קאָן ניט, איך האָב אַ מיטינג. כ'וועל צוקומען שפּעטער.

ווען זי איז שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין פון הויז, איז אַריינגעקומען איר פריינדין ביטריס, אויך אַ באָבע. ביטריס האָט שוין צוויי אייניקלעך און „גייט אַרום" מיט העלענס אַ באַקאַנטן.

זי זעט אויס נאָך יינגער פון העלענען: אַ קליין פּנימל, שטיפערישע אויגן, צוגעפּלאַמטע ליפּן, אַ ביסל צופיל פּודער און פאַרב אויפן פּנים. זי טוט נאָך פון ווייטנס אַ בליאַסק, ווי אַ „מיידעלע". העלען האָט באַלד באַמערקט, אַז זי טראָגט אַ ניי היטעלע מיט אַ שאַרף־פאַרריסענעם פעדער. זי האָט זיך איילנדיק פלינק באַוועגט, ווי זי וואָלט געווען פאַרשפּעטיקט און געוואָלט עפּעס אָניאָגן.

— ווען דו קומסט אַ מינוט שפּעטער, טרעפסטו מיך שוין ניט אין דער היים, האָט העלען געזאָגט.

— איך וויל דיך ניט פאַרהאַלטן. גיי וואוהין דו דאַרפסט.

— איך מוז ניט גיין איצט, איינקויפן עפּעס פאַרן הויז קאָן איך שפּעטער, אַז דו ביסט שוין דאָ, זיץ אַ ביסל.

ביטריס האָט אויסגעטאָן אַן ענג שיכל און מיט הנאה אָפּגעאָטעמט:

— עפּעס ביסטו היינט אויסגעפּוצט, — האָט זי געניט אַ קוק געטאָן אויף העלענען.

— וואָס בין איך אויסגעפּוצט, איך האָב איבערגעטאָן אַ קליידל? אַ שיין היטעלע טראָגסטו. די פּעדער איז אַ ביסל צו־לאַנג.

— מען טראָגט היינט אַזוי.

זיי האָבן געטרונקען קאַווע, גערויכערט, אויסגעלויבט אין הימל אַריין די אייניקלעך און געטיילט זיך מיט מיינונגען וועגן זייערע באַקאַנטע מענער: ווען ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש און וואָלט געקאָנט זיין אַ פּריינט אין לעבן. ווער ס'איז אַ „טשעיסער" (פּרויען־יעגער), ווער עס זוכט נאָר אַ פּרוי וואָס האָט געלט, און ווער ס'איז פאַרמעגלעך און זוכט נאָר אַזאַ פּרוי, וואָס זאָל אים געפעלן. אַנדערע זקנים ווילן נאָר חתונה האָבן מיט יונגע ווייבלעך אָדער מיידלעך, כאָטש אַליין שטייען זיי שוין מיט איין פוס אין קבר.

— וואָס דענקסטו וועגן שולמאַנען? — האָט זי ביטריס פאַרטרויליך געפרעגט. — ער זאָגט, ער וויל מיט מיר הייראַטן.

— אין אַזעלכע זאַכן קאָן דיר קיינער גאָרניט זאָגן, דו מוזט אַליין באַשליסן. זיי אָבער פּראַקטיש: האָסט זיך שוין גענוג אָפּגעבריט... נעם זיך צייט.

— צייט, — האָט ביטריס געזאָגט פאַרטראַכט. — די צייט שטייט ניט... ס'איז איצט אָדער קיינמאָל. — זי האָט אומרואיק געטאָפּט דאָס צווייטע שיכל, און דאָס אויך אויסגעטאָן. — איך האָב פאַרבעטן שולמאַנען צו מיין טאָכטער אין הויז אַריין, איז ער איר ניט געפעלן... נאָר די אייניקלעך, געזונט זאָלן זיי זיין, האָבן זיך געהאַנגען אויף אים און אים שוין גערופן „גרענדפּאַ", כאָטש ער זעט אויס זייער יונג. דער מאַן איז נאָך קיין זעכציק יאָר ניט אַלט... ביי זיי אָבער, אַ געזונט אין זייערע ביינדעלעך, אַז ער קומט מיט מיר, איז ער שוין זייער „גרענדפּאַ"... וואָס פאַר אַ שיך איך זאָל זיך ניט קויפן, זיינען זיי ענג אויף מיר... דו ווייסט, ער איז אַ גוטער טענצער. עס ברענט אונטער זיינע פיס. עטלעכע מאָל אַ וואָך גייט ער אין טאַנץ־זאַל. ער וואָלט טאָג און נאַכט געטאַנצט. און דו דאַרפסט הערן די קאָמפּלימענטן, וואָס ער מאַכט מיר. העלען, ער איז פאַרליבט ווי אַ יינגל!...

— די פראַגע איז, צי ער מיינט ערנסט — האָט העלען איר אַלץ געוואָרנט, אַראָפּנעמענדיק פון טיש דאָס געפעס פון אָנבייסן.

— ער נעמט מיך אין גוטע רעסטאָראַנען און שווערט זיך, אַז ער האָט מיך ליב... איך וועל דיר לייענען אַ בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן: אַזוי ווי דו לייענסט אַמאָל אין די ראָמאַנען...

— טאַקע? — האָט העלען באַוואונדעט. — אָט האָסטו דיר הייניקע ייִדעס. איך געדענק אַמאָליקע יאָרן אין דער היים: יידן אין זיין עלטער האָבן געהאַט קאַלטאַנעוואַטע בערד, געשמעקט טאַבאַק און געגאַנגען איינגעהויקערט. דאָ גייען זיי אין טאַנץ־זאַלן און שפּילן ליבעס...

— און וואָס איז וועגן די הייניקע באָבעס? — האָט ביטריס אָנגעהאַלטן די שטיפעריי. — איך געדענק מיין באָבען, ווען זי איז געווען אין אונדזערע יאָרן, איז זי שוין געגאַנגען אַ ביסל איינגעבויגן, גערעדט מיט צוויי ציין אין מויל, און אַז מ׳האָט איר צוגעוואונטשן: „באַבעשי, איר זאָלט האָבן אַ גוטע עלטער!" האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער, וויל זי האָט שוין נישט דערהערט, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פאַר אַ דאַנק. — ביטריס האָט אימיטירט דער באָבען און ביידע האָבן זיך צעלאַכט, ווי יונגע זאָרגלאָזע מיידלעך...

— יאָ, זיי פלעגן אַלט ווערן פאַר דער צייט, — האָט ביטריס געזאָגט און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן די שיכלעך. — נו, העלען, לאָמיר אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר, ס׳איז זייער שיין אינדרויסן.

פאַרן אַרויסגיין האָבן זיי אַ לעצטן קוק געטאָן אין שפּיגל, אַ פיר געטאָן מיט די פינגער אויף די האָר און באַלעקט די ליפּן. העלענס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן געשטאָרבענעם מאַנס פאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אין אַ באַגילטער ראַם. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער שמייכלט צו איר: „גיי און אַמוזיר זיך... דו ביסט ניט שולדיק, וואָס איך האָב דיך פאַרלאָזט. באַקען זיך מיט אַ פיינעם מענטשן, מיט אַ פריינט, זאָלסט ניט דאַרפן בלייבן אויף די עלטערע יאָרן אַליין". אָ, ער איז איר אַלע מאָל געווען געטריי, — האָט זי געטראַכט און געשיקט אים אַ קוש מיט די ליפּן...

ווען זי איז אַרויסגעקומען אויף דער זוניקער גאַס, האָט דאָס לעבן אויפגעפּראַלט פאַר איר: ס׳איז אין איר אויפסניי געבוירן געוואָרן די פרייד, וואָס זי האָט איבערגעלעבט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, ווען זי האָט זיך מיידלוויז געגרייט צו טרעפן מיט איר צוקונפטיקן מאַן... זי איז אָבער זייער אומרואיק געווען, וואָס איר נייער פריינט אייזיק זעט אויס ייִנגער פון איר. ער האָט זעלטן וואו אַ גרויע האָר אין קאָפּ. ער קען זי דערזען אַמאָל אַ פרימאָרגן, ווען זי שטייט־אויף פון שלאָף אָן די

ציין... און זיך כאַפּן, אַז זי איז צו־אַלט פאַר אים. וועט זי, מוזן זיין אויף דער וואַך און זיך היטן.

— וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט? קוק ווי דו גייסט, מען וועט דיך נאָך איבערפאָרן, — האָט ביטריס געכאַפּט העלענען פאַרן אָרעם, ווען זי האָט זיך געלאָזט קעגן אַ רויטן „טרעפיק"־ליכט.

— איך האָב ניט באַמערקט.

— און איך האָב מורא, אַז דו ביסט פאַרליבט און חלומסט פון עמעצן. נו, איך מוז איצט גיין אין „ביוטי פּאַרלאָר". האָב מיר אַ גוטן.

ווען ביטריס איז אַוועק, האָט זיך העלען געכאַפּט, אַז זי איז נאָענט צו דער טאָכטערס הויז און ס'האָט זי אַרומגענומען אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו זען איר „געליבטן", דאָס אייניקל. כאָטש זי האָט קיין צייט ניט, האָט איר דאָס האַרץ אַריינגעפירט צו אים. דאָס יינגעלע האָט זי אַרומגעכאַפּט און זיך געטוליעט צו איר. זיי האָבן זיך ביידע געקושט, ווי הייס־געליבטע. זי האָט געלאַכט און געטאַנצט מיט אים: „אוי, איך האָב אַ יינגעלע, דאָס שענסטע אין דער וועלט"!

— מאַמע, דער קאָפּ וועט זיך דיר פאַרדרייען! — האָט די טאָכטער געוואָרנט זי. — זע נאָר, ווי זי האָט זיך צעטאַנצט, אַזוי ווי אַ מיידעלע... און מיטן קינד אויף דער האַנט!

העלען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, שווער געאָטעמט און געהאַלטן דאָס אייניקל לעבן זיך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, מען וועט אים צוכאַפּן פון איר.

— איך האָב דיר טעלעפאָנירט אינדערפרי, ווייל כ'האָב געוואָלט, זאָלסט מיט מיר מיטגיין קויפן אַ קליידל. — האָט די טאָכטער געזאָגט און געשמייכלט, באַוואונדערנדיק ווי שיין און יונג די מאַמע זעט־אויס, ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז זיי קוקן אויס ווי שוועסטער.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז גראָד היינט האָב איך אַ מיטינג, — און ס'האָט איר באַלד פאַרדראָסן, וואָס זי באַרט אָפּ דער טאָכטער... זי האָט באַמערקט אויף איר האַנט־זייגער, אַז די צייט שטייט ניט אויף אַן אָרט און געזאָגט: — איך מוז שוין גיין.

זי האָט צערטלעך אַוועקגענומען די הענטלעך פון אייניקל, וואָס האָבן געוואָלט אַרומנעמען איר טאַליע, ווי אַ קליינער קאַוואַליער. — געליבטער, באָבע מוז אַוועקגיין... מען וואַרט אויף איר... איך וועל צוקומען ביי־נאַכט, ווען דו גייסט שלאָפן, און דיר דערציילן אַ שפּאָגל־נייע „סטאָרי".

— וואָס איילסטו זיך מאַמע? — האָט די טאָכטער זיך געוואונדערט

— דיין „געליבטער" האָט זיך קוים דערוואָרט אויף דיר, נעמסטו און פאַרלאָזט אים. ער האָט דאָך דיך ליבער אפילו פון זיין מאַמען...

— אַזוי איז עס, מיין טאָכטער, — האָט זיך העלען גלייך געמאַכט די האַר, וואָס דאָס אייניקל האָט צעפּאַטלט. — זיי האָבן ליבער די באָבעס מיט די זיידעס, ווייל זיי האָבן שוין מער צייט און גיבן זיך אָפּ מיט זיי.

— און גיבן זיי אַלץ נאָך, — האָט די טאָכטער אַריינגעוואָרפן.

— גיבן זיי אַלץ נאָך, — האָט די מאַמע צוגעגעבן. — ווייל זיי האָבן זיי שטאַרק ליב.

— שפּילן זיך אָפּ, מאַכן זיי קאַליע און לאָזן זיי איבער, זיי זאָלן אַראָפּדרייען די עלטערן די קעפּ. — האָט איר די טאָכטער פאַרגעוואָרפן מיט אַ מידן שמייכל. די טאָכטער האָט געשווענגערט מיטן צווייטן קינד, און זיך אַביסל געוויגט אויף די אָנגעשוואָלענע פיס.

מאַמע און טאָכטער האָבן געטריי געקוקט איינע אויף דער אַנדערער, און זיך צעלאַכט... דאָס יינגעלע איז געשטאַנען אַן אומעטיקער, אַן אַנטוישטער, וואָס די באָבע פאַרלאָזט אים. זי האָט פאַרן אַוועקגיין געוואָלט אים קושן, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך ניט געלאָזט...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זי זיך געטראָפן מיט אייזיקן אין פּאַרק. ער האָט שוין געהאַט געוואָרט אויף איר. — איך האָב געמיינט, אַז איר וועט שוין ניט קומען, — האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק.

— אַז איך זאָג־צו, האַלט איך וואָרט...

— זיצט, — האָט ער זי פאַרבעטן. — ס׳איז היינט דער ערשטער שיינער טאָג נאָכן ווינטער.

— און ס׳איז געווען אַ שווערער ווינטער, — האָט זי געזאָגט. — די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז עס זיינען שוין לאַנג אַזעלכע פרעסט ניט געווען. פייגל זיינען פאַרפרוירן געוואָרן אויף דיביימער... און היינט איז אַן אמתער זומער־טאָג.

— פרילינג־טאָג, — האָט ער פאַרריכט.— דער זומער דאַרף ערשט קומען.

— טאַקע? איך האָב שוין אָבער דערוואַקסענע קינדער, דאַרפט איר וויסן. — און זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז זי איז אַ באָבע... האָט זי דערפילט זיין האַנט אַרום איר טאַליע, און די צונג האָט זיך איר ניט געלייגט דאָס אַרויסצורעדן...

— העלען! — האָט ער פלוצלונג אַ זאָג געטאָן, — איך האָב דיך

ליב... קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין. איך ווייס, אַז דו פילסט דאָס זעלבע. — ער איז שוין געזעסן זייער נאָענט לעבן איר.

— גרענדמאַ! — האָט איר אייניקל מיט פרייד אַ געשריי געטאָן, אַרויסרייסנדיק זיך פון דער מאַמען, וואָס האָט אים געפירט ביי דער האַנט. ער האָט אַרומגעכאַפּט דער באָבען. די טאָכטער איז געבליבן שטיין צעטומלט, זעענדיק ווי דער פרעמדער מאַן האָט אַוועקגעכאַפּט די הענט פון דער מאַמעס טאַליע. העלען האָט עפּעס ניט געקאָנט קוקן דער טאָכ־טער גלייך אין די אויגן אַריין. אַ ווייל האָבן זיי געשוויגן, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, געזוכט דאָס וואָרט, וואָס זאָל זיי אַרויספּלאָנטערן... אייזיק האָט געשמייכלט... ענדלעך האָט העלען געזאָגט צו דער טאָכטער:
— זייט באַקאַנט: דאָס איז מיין פריינט אייזיק. דאָס איז מיין טאָכטער שורלי, און דאָס איז מיין געליבטער. — האָט זי געגלעט דאָס קעפּעלע פונעם אייניקל.

— עס פרייט מיך אייך צו קענען, — האָט זיך אייזיק אויפ־געהויבן און עלעגאַנט פאַרנויגט. — טאַקע זייער אַ שיינע טאָכטער און אַ שיין אייניקל. — ער האָט אויך געוואָלט דעם יינגעלע אַ גלעט טאָן איבערן קעפּל, האָט יענער זיך ניט געלאָזט... אַרומגענומען דער באָבען מיט ביידע הענט און זי פעסט צוגעהאַלטן, ווי דער פרעמדער מאַן וואָלט זי געוואָלט צונעמען ביי אים...

די טאָכטער האָט געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט. ס'האָט איר פאַר־דראָסן, וואָס זי האָט גראָד איצט באַדאַרפט אָנקומען מיטן יינגל.
— נו, איר זעט שוין? — האָט העלען געזאָגט צו אייזיקן, אָנווייזנ־דיק אויפן יינגעלע.
— וואָס זע איך?
— אַז איך האָב שוין אַן אייניקל...
— נו, איך האָב פאַר אים אַ כלה...
— וואָס מיינט איר?
— אייער אייניקל איז אַ יינגעלע, און מיין אייניקל איז אַ מיידעלע.
— טאַקע? — האָבן העלענס אויגן אויפגעלויכטן...
— מיין מיידעלע איז אַזוי שיין און קלוג, אַז אייער אייניקל וועט דאַנקען גאָט, אויב זי וועט אים וועלן פאַר אַ חתן... מיר וועלן נאָך ווערן מחותנים...

העלענס טאָכטער האָט אויס געוואוינהייט אָנגעהויבן שטאַרק אויס־לויבן איר יינגעלע... עס האָבן שנעל אַ פלייץ געטאָן צווישן זיי פריידיקע,

היימישע רייד. העלען האָט געפּילט, אַז די באַקן פלאַמען איר, ווי אין די מיידלשע יאָרן...

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט.

— בובי, קוק! — האָט דאָס אייניקל אַ געשריי געטאָן: — אַ שטערן איז אַרויסגעקומען אין הימל!...

— ביי מיר אין האַרץ איז ער שוין דאָ... — האָט זיך ביי איר אַרויס־געכאַפּט, און זי האָט זיך אַביסל פאַרשעמט, וואָס זי רעדט אַזוי, ווי מען זינגט אַ ליד...

דערנאָך האָבן זיי גערעדט און געשפּאַסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אין מויל אַריין, און אַלץ ניט געזאָגט וואָס זיי פילן באמת צו זאָגן: געפּרואווט אָנהאַלטן דעם אַלט־יונגן שפּיל... פּלוצלונג האָט זיך אייזיק דערנעענטערט צו איר און טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט דורך זיי געוואָלט זען, וואָס אין איר האַרץ טוט זיך. זי האָט אַ ביסל אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ, ווי זי פלעגט דאָס טאָן מיידלווייז.

— איר האָט שיינע אויגן, — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, — נאָר איר זייט נאָך אַלץ אַ שעמעוודיקע...

— אַ שעמעוודיקע? אָ, איר רעדט צו מיר ווי איך וואָלט געווען אַ יונג מיידעלע...

— אין מיינע אויגן זייט איר יונג און שיין.

היטלערס האַנט

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרקער האַפן, איז אין יעקבן אויפגעגאַנגען אַ פרייד: ער איז ענדלעך אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דער חלום אין היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געוואָרן אַ וואָר: ער איז איינער פון די גליקלעכע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון גיהינום. אַראָפּקוקנדיק פון דער הויכער שיף, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די מענטשן, וואָס שטייען אונטן, זיינען קליינגעוויקסיקע, אומרואיקע. זיי האָבן געפאָכעט מיט טיכלעך, געוויגט מיט די הענט אין דער לופט, ווי טויזנטער קאָרליקעס וואָלטן די שיף באַפאַלן. יעקב האָט געזוכט מיט די אויגן זיינע אייגענע און זיי ניט געקאָנט געפינען. ערשט ווען ער איז אַראָפּ פון דער שיף האָט ער זיי דערזען: געזונטע פריילעכע, הויכגעוויקסיקע מענטשן מיט בליענדיקע פנימער און שיינענדיקע אויגן. מען האָט אים אַרומגענומען, געקושט, געדריקט זיינע הענט, ס'האָבן געקלונגען גע־זונטע פריילעכע שטימען. פאַר אַ מאָמענט האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די יידן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זיינען דאָ צוריק לעבעדיק געוואָרן...

ער איז געפאָרן מיטן אָנקל, מיט דער מומען און זייער טאָכטער, אין אַ גלאַנצנדיקן אויטאָמאָביל, געשוועבט איבער גלאַטע וועגן צע־פינקלט פון דער זון, וואָס האָט געבלענדט אין זיינע אויגן און געוואַרעמט זיין בלאַס־ביינערדיק פנים מיטן שאַרבנדיקן שטערן, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין „לאַגער" אויסצופאַרמירן אין אַ סקעלעט. ער האָט נאָך אַלץ געדענקט דעם פרימאָרגן, ווען מען האָט שוין קיין כוח ניט געהאַט צו קרעכצן, און פלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס הילכיקע טופען פון פערדישע פיס, די רייטער האָבן באַגריסט די יידן אויף רוסיש — און אויף יידיש... ער געדענקט, אַז פאַר אַ סך יידן איז די באַפרייאונג געקומען צו שפּעט...

אין אָוונט, ביים אָנקל אין הויז, האָט די טעלעוויזיע געשפּילט אַ

פריילעכס. די געסט, וואָס זיינען אים געקומען באַגריסן, האָבן רוישיק גערעדט און געלאַכט. דער טיש איז געווען באַלאָדן מיט עסנוואַרג און געטראַנקען. יעקב האָט געפילט, ווי די שטוב וואָלט זיך מיט אים גע־וויגט ווי אויף דער שיף. אין די אויערן האָט אים נאָך גערוישט דער ים, דאָס צאָרנדיקע פייפן און אַמאָל דאָס וויינען פון ווינט אין די פינצטערע שטורעמדיקע נעכט. דעמאָלט, אין יענע נעכט, האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז דאָס שרייען אים נאָך די ייִדן, וואָס היטלער האָט אומגעבראַכט, ער זאָל זיי ניט פאַרגעסן, ער זאָל אַלץ דערציילן — אַלץ... זייערע פאַר־צווייפלטע געשרייען, וואָס וועלן אים קיינמאָל ניט אַרויס פון די אויערן, האָבן זיך איצט אויסגעמישט מיטן פריילעכן געלעכטער פון עולם, וואָס האָט געגעסן און געטרונקען, געדריקט זיין בלייכע האַנט, געזוכט אין אַרבל די ציפערן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער און אים געוואונטשן, ער זאָל האָבן אַריינגעקומען מיטן רעכטן פוס קיין אַמעריקע.

צומאָרגנס האָט די מומע געוואַרט אויף אים מיטן אָנבייסן, אַקעגנגע־טראָגן אים אַ גלאָז מאַראַנצן־זאַפט.

— אַ גוטער אויפשטאַנד! ווי פילסטו, דזשעק? ביסט עפּעס גוט געשלאָפן די ערשטע נאַכט אין אַמעריקע?

— ס'האָט זיך מיר נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז איך פאָר אויף דער שיף און איך הער די כוואַליעס רוישן.

עס איז אים געווען פריקרע, וואָס די מומע בייט איבער זיין יידישן נאָמען יעקב, מיט וועלכן ער איז אַזוי צוזאַמענגעוועבט אויף „דזשעק", ניט אָנפרעגנדיק אפילו ביי אים, ווי ער וואָלט גאָרניט געהאַט צו טאָן דערמיט...

— טרינק אויס דעם „אָראַנדזש־דזשוס", וואָס קוקסטו אַריין אין גלאָז? דו דאַרפסט עסן אַ סך גוטע „סטעיקס" און טרינקען „דזשוסעס", צוריק־צוקריגן די קאָלירן אין פּנים און זיך קאָנען שטעלן אויף די פיס. היטלער האָט דיך גוט אויסגעבלייכט, אַרויסגעצויגן פון דיר יעדן טראָפּן בלוט, אַז וואַרפן זאָל עס אים דאָרט וואו ער ליגט!

נאָכן אָנבייסן האָט יעקב באַטראַכט דאָס הויז: ס'איז געווען אָנגע־שטעלט מיט אַ סך קאָסטבאַר מעבל, שיינע לאָמפּן, פּלוּשענע קאַנאַפּעס, ווייכע טעפּיכער, אַ טעלעוויזיע, אַ ראַדיאָ. אָט איז אויך אַ ביכער־שאַנק. זיינע אויגן האָבן אַ לויכט געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען מיט דרך־ארץ און אָנגעהויבן לייענען זייערע באַגילטע רוקנס — אַלץ ענגליש. ער האָט געזוכט יידישע ביכער — ניטאָ!

ס'הייסט? האָט ער געטראַכט, אַ יידיש הויז אָן אַ יידיש בוך, אָן אַ יידיש ספר? זאָל זיי היטלער דאָ אויך האָבן פאַרברענט?...

ווייזט אויס, האָט ער געגומען טראַכטן, אַז זיין מומע און דער אָנקל זייַנען פאַרגרעבטע יידן, אַסימילירטע. נו, זיינען דאָך אין דער היים אויך געווען אַזעלכע, נאָך פאַר היטלערן.

די מומע האָט באַמערקט ווי ער שטייט אַ פאַרקלערטער, אַ פאַרלוי־רענער.

— וואָס איז דער „מער", דזשעק? האָסט זיך דערמאָנט אָן היטלערן? האַק אים אַרויס פון קאָפּ! איצט ביסטו אין אַמעריקע, דו ביסט נאָך יונג און האָסט אַ סך לאַנגע גליקלעכע יאָרן פאַר זיך. וואָס זוכסטו דאָרט, אין דער ביכער־שאַנק?

— איך זוך אַ יידיש בוך.

— אָט דאָס, ווער זאָל דאָ לייענען יידיש? די קינדער זייַנען אַמערי־קאַנער. דער אָנקל האָט קיין צייט ניט, קוקט אַמאָל אַריין אין אַן ענגליש „פעיפּער", און איך דאַרף באַאַרבעטן אַזאַ גרויס הויז. דאָ איז זייער שווער צו קריגן אַ דינסט, זיי הייסן זיך באַגילדן, און פירן זיך אויף, ווי זיי וואָלטן געווען די מאַדאַמען...

די מומע האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב זיך באַקענט מיטן אָנקל, פלעגט ער מיר פאַרלייענען די לידער פון מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַט, האָסט געהערט פון זיי?

— אוודאי, געהערט פון זיי! — האָבן יעקבס אויגן אַ ליכט געטאָן און אַ שמייכל האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן זיינע איינגעפאַלענע מויל־ווינקלען. — ביי אונדז אינדערהיים האָט מען געזונגען זייערע לידער דאָ אין אַמעריקע זיינען איצט אויך פאַראַן יידישע שרייבער, וואָס גיבן אַרויס ביכער, און איך בין זיכער, אַז אַ סך יידן לייענען זיי.

אַז דער אָנקל איז געקומען ביינאַכט פון דער ביזנעס, האָט מען אָפּ־געגעסן „סאַפּער" און אים געגומען אויספרעגן, וויפל יידן זיינען לעבן געבליבן אין זייער שטאָט, צי איז מען טאַקע געלעגן באַהאַלטן אין גריבער. איז דאָס טאַקע געווען אַזוי ווי „די פעיפּערס האָבן באַשריבן?"

דער אָנקל פלעגט אָפּט זיך באַקלאָגן, ווען ער איז געקומען אין אָוונט אַהיים, אַז „קאָמפּעטישאָן" איז שאַרף, מען שניידט זיך די העלדזער. עס עפענען זיך גרויסע געשעפטן און שלינגען איין די קליינע.

ס'לעבן אין הויז איז געווען גרוי, מאָנאָטאָן, לאַנגווייליק.

פרייטיק צונאַכט איז אָבער געווען פריילעך, די אויסגעגעבענע קינ־דער פלעגן קומען עסן דער מאַמעס געפילטע פיש און קניידלעך מיט יויך, זיי האָבן געלויבט איר קאָכן. זיי האָבן גערעדט ענגליש און אָפט צעקרימט יידישע ווערטער. ביי אַ טייל פון זיי האָבן אַרויסגעשטאַרצט בייכער און גוידערס. נאָכן עסן איז געווען אויס יום־טוב, מען איז געזעסן „אויסגע־לאַשן" און זיך געגנודיעט, ביז מען האָט זיך געכאַפּט שפּילן קאָרטן און צוריק אויפגעלעבט געוואָרן.

יעקב האָט זיך אָנגעהויבן לערנען פאַר אַן אָפּערעיטאָר אין אַ שאָפּ פון מענער־קליידער. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט עטלעכע אַרבעטער, וואָס לייענען יידישע ביכער.

— איר זעט יענעם דאָרט? — האָט אים איינער פון זיי אָנגעוויזן אויף אַ פּרעסער, — דאָס איז דער יידישער שרייבער אברהם בליקער. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע ביכער, אָבער צו מאַכן אַ לעבן מוז ער אַרבעטן אין שאָפּ!

— אברהם בליקער! — האָט זיך יעקב דערפרייט און צעטומלט, — איך האָב געלייענט זיינס אַ בוך נאָך אינדערהיים, אין דער געטאָ האָט מען אים געלייענט.

עטלעכע טעג האָט זיך יעקבן געוואָלט צוגיין צום שרייבער אברהם בליקער און אַלץ ניט געהאַט די דרייסטקייט. ענדלעך איז ער אין אַ מיטאָג־שעה צוגעגאַנגען צו אים און מיט דרך־ארץ אים דערלאַנגט די האַנט. ער האָט אים געזאָגט, אַז אין דער געטאָ האָט מען געלייענט זיינע ביכער. אברהם בליקער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים, זיינע העלע שאַרפע אויגן זיינען אַזש פייכט געוואָרן, ער האָט שטאַרק געדריקט יעקבס בלייכע האַנט און זיך שיער ניט צעקושט מיט אים. יעקב האָט אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו אַ רבין, וואָס איז אויך אַ האַלבּ־העקער. ער האָט זיך דערמאָנט אין פרצעס „אויב ניט נאָך העכער". יענער רבי האָט געהאַקט האָלץ אָנצוואַרעמען קראַנקע מענטשן אין קאַלטע הייזער...

די מאַשינען אין שאָפּ האָבן זיך צעזונגען, די גרויע ווענט זיינען געוואָרן פאַר יעקבן לייכטער — האָבן אים שוין אַזוי שווער ניט גע־דריקט. מיט אים צוזאַמען אין שאָפּ אַרבעט דער באַוואוסטער שרייבער אברהם בליקער! ס'האָט אים אַרומגענומען אַ געפיל פון פרייד און דערהויבנקייט, וואָס איז אָבער באַלד פאַרמישט געוואָרן מיט טרויער: אין רייכן לאַנד, צווישן, קיין עין הרע, אַזוי פיל יידן, און צווישן זיי

זייער רייכע, דאַרף אַ יידישער שרייבער, ווי אברהם בליקער פּרעסן הויזן כדי צו מאַכן אַ לעבן!

יעקבס יונג־עלטע אויגן זיינען מיט דער צייט העלער געוואָרן. ער האָט געשפּאַסט מיט דער מומען און אפילו אונטערגעברומט יידישע פאָלקס־ניגונים.

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב צו זען, דזשעק, אַ פריילעכן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. זאָג מיר נאָר, אפשר האָסטו זיך שוין פאַרליבט אין עמעצן?

— קאָן זיין, — האָט יעקב געשמייכלט. — די מומע ווייסט? איך אַרבעט צוזאַמען מיט אַ יידישן שרייבער, ער האָט מיך פאַרבעטן, איך זאָל קומען שבת צו אים אין הויז אַריין.

שבת נאָכמיטאָג איז יעקב געגאַנגען צום שרייבער אברהם בליקער צוגאַסט. די זון האָט העל און שבתדיק געלויכטן, געפינקלט אויף די שטראָמען מענטשן און זיך געשפּיגלט אין די שויבן פון געדיכטן אויטאָמאָביל־פאַרקער. דער געדאַנק, אַז ער וועט באַלד זיין אין הויז פון אַ יידישן שרייבער האָט אים אָנגעפילט מיט פריידיקער דערוואַרטונג. אין טייל גאַסן, וואו ס׳ זיינען געווען גרויסע געשעפטן, איז געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט קוים געקאָנט דורכגיין, מען האָט אים געשטופּט און געטראָגן פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געשווומען צווישן צעבושעוועטע כוואַליעס.

אַריינקומענדיק אין אַ שטילערער גאַס, האָט ער באַמערקט ווי אַ מאַן טראָגט אַרויס פון אַ הויז אַ זאַק און טוט אים אַ שטעל אַוועק לעבן אַ מיסט־פאַס („גאַרבעדזש־קען"). דער זאַק האָט פאַרלוירן די גלייכגע־וויכט, און אַז ער האָט זיך אַ בויג געטאָן, האָבן אָנגעהויבן אַרויספאַלן פון אים ביכער און זשורנאַלן. יעקבן האָט געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרץ:

„מען וואַרפט אַרויס ביכער אין אַמעריקע!" און אַז ער האָט זיך איינגעבויגן, האָט ער דערזען אויף די טאָוולען יידישע אותיות. אין דער מינוט האָט ער איבערגעלעבט דאָס געפיל פון אַמאָל, ווען מען האָט ביי היטלערן געוואָרפן יידישע ספרים אין פייער אַריין. ער האָט, אפילו, ניט טראַכטנדיק וואָס ער טוט, אויפגעהויבן אַ יידיש בוך און דאָס אַ קוש געטאָן, ווי יידן פלעגן קושן אַ הייליק ספר, וואָס איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דער ערד. איבער אים איז געשטאַנען אַ ברייט־פּלייציקער יונגערמאַן מיט ניט קיין יידיש פּנים און אויסגעזען האָט ער, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט עפּעס ביי ניט קיין שיינער אַרבעט. ער האָט גע־

קוקט געפּלעפּט, ווי יעקב האָט שנעל צוזאַמענגעקליבן די ביכער, פאַר־בייגייער זאָלן ניט אַרויפטרעטן אויף זיי.

פאַר יעקבן איז אין דעם מאָמענט געווען קלאָר, אַז אַן אַמעריקאַ־נער נאַצי וואַרפט אַרויס יידישע ביכער לעבן אַ מיסט־קאַסטן. און ווען יענער האָט פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט זיך אויף זיין האַנט „באַוויזן" די בלוטיקע „סוואַסטיקאַ"... ווייל וואו מען וואַרפט אַרויס יידישע ספרים, איז היטלערס האַנט אין דעם. און איצט שפּאַרט זי אַן אַזש אין אַמעריקע. יעקב האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט בלוט־פאַרלאָ־פענע אויגן און אַ געשריי געטאָן, ווי מיט אַן איינגעשניטענעם האַלדז: „היטלער!"

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ מעסער, און ניט טראַכטנדיק וואָס ער טוט, האָט ער מיט זיין פויסט אַ זעץ געטאָן יעקבן אין פּנים אַריין. ווען יעקב איז געפאַלן האָט זיך זיין אַרבל אַ ביסל אַרויפגערוקט, און ס'האָבן זיך אַנט־פּלעקט די טונקל־בלויע ציפערן פון היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף זיין האַנט.

מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און צאָרנדיק געקוקט אויפן שלעגער.

— פאַרוואָס האָט איר געשלאָגן אַ ייד, וואָס קומט פון היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגער? ער איז נאָך ווייניק געשלאָגן געוואָרן?

— דער „ברוט" האָט געשלאָגן היטלערס אַ קרבן, — האָט אים אַ פרוי פאַרמסרט פאַר די מענטשן, וואָס זיינען צוגעקומען.

— דער ייד בלוטיקט, מען דאַרף רופן אַן אַמבולאַנס! — האָט אַ פרוי געשריגן.

— פאַרוואָס האָט איר אים געשלאָגן?! — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

— ער האָט מיך גערופן היטלער!

— און ער איז גערעכט!

— איך בין אַ ייד!

— אַ שיינער ייד! וואַרפסט אַרויס יידישע ביכער אויפן מיסט!

— אַ יידישער נאַצי! — האָט עמעצער געצאָרנט.

— היטלער האָט ווייניק יידישע ביכער פאַרברענט, דאַרף ער אים נאָך אַרויסהעלפן, — איז געקומען פון אַ צווייט ווינקל.

מען האָט אויפגעהויבן יעקבן פון דער ערד. ער האָט געווישט מיט אַ טיכל ס'בלוט פון דער נאָז.

ס׳איז אַרויסגעלאָפן אַ פרוי פון הויז און זיך געלאָזט צום שלעגער.

— סעם, וואָס איז געשען? — און סעם, ווייזט אויס, איר מאַן, איז געשטאַנען אַ בלאַסער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ניט געוואוסט ווי די אויגן אַהינצוטאָן.

— ער האָט געשלאָגן און צעבלוטיקט דעם ייד, וואָס קומט ערשט פון היטלערס גיהינום, — האָט מען איר דערקלערט.

— סעם, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, ביסט משוגע געוואָרן? — האָט זי פאַרבראָכן די הענט.

— ער האָט מיך גערופן היטלער... פאַר באַליידיקן יידן האָב איך ניט איין אַנטיסעמיט אונטערגעהאַקט די אויגן!... היטלער האָט ער מיך גערופן, דו פאַרשטייסט?

— און ער איז געווען גערעכט! — האָט ווידער עמעצער אויסגערופן.

— וועלכער ייד וואַרפט עס אַרויס יידישע ביכער? דאָס טוען נאַציס

— און דאָס האָט נאָך אַ פיינע יידישע פרוי! — האָט מען באַמערק

— און איך בין אַ ייד! — האָט סעם אַ געשריי געטאָן מיט אַ פאַז שטיקט הייזעריק קול, טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן.

— איך געגאַנגען אין היברו! — האָט ער געזאָגט האַלב צו זיך.

— אַזאַ מזל אויף אים, וואָס פאַר אַ גאון ער איז אויסגעוואָקסן! — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן.

— זאָל מען רופן אַ פּאָליסמאַן, איך וועל זיין אַן עדות, — האָט אַ ייד פאָרגעשלאָגן.

— רופט ניט קיין פּאָליציי, זאָל עס בלייבן צווישן אונדז! — האָט זיך יעקב געבעטן, — איך וויל זיך מיט אים ניט קלאָגן.

— מען טאָר עס אים ניט פאַרשווייגן!

— פּאָליציי וועט דאָ גאָרניט פאַרריכטן. דאָס איז אַ יידישער ענין. מיר וועלן שוין אַדורכקומען צווישן זיך. ער איז דאָך, נעבעך, אַ ייד — איך וויל נישט מען זאָל רופן פּאָליציי.

סעמס פרוי האָט יעקבן צאַרט אָנגענומען ביים אָרעם און מיט טרערן אים געבעטן:

— קומט אַריין אין הויז. איר מוזט זיך אָפּוואַשן ס׳פּנים. איך האָב אַזאַ זאַך וואָס פאַרהאַמעוועט דאָס בלוט.

— לייגט אים מיטן פּנים אַרויף! — האָט עמעצער געזאָגט.

— מיין מאַן איז ביי דער נאַטור אַ גוטער מענטש און פאַר אַ יידן וואָלט ער זיך געלאָזט דעם האַלדז איינשניידן, אָבער ווען איר האָט אים

גערופן היטלער, האָט ער פאַרלוירן דעם קאָפּ... מיטן האַרץ איז ער אַ ייד, נאָר ער קאָן ניט קיין יידיש. די יידישע ביכער וואַלגערן זיך שוין ביי אונדז עטלעכע יאָר, געבליבן פון מיינע עלטערן, ס'וואַקסט אָן אויף זיי בערג שטויב, זיי זיינען געוואָרן „מילבן־פּרעסיק". איך אַליין קאָן אויך זייער ווייניק יידיש. איז אים איינגעפאַלן אַ משוגעת זיי אַרויסצו־וואַרפן, אָבער איך בין זיכער, אַז ער האָט ניט געטראַכט וואָס ער טוט...

די פרוי האָט יעקבן אַריינגעפירט אין הויז, סעם איז נאָכגעגאַנגען.

דער עולם האָט נאָך אינדרויסן אַרומגערעדט די געשעעניש. און עמעצער האָט דעם זאַק יידישע ביכער צוריק אַריינגעטראָגן צו זיי.

שפּעטער איז יעקב אַוועק צום שרייבער אברהם בליקער, וואָס האָט זיך שטאַרק דערפריים מיט אים. ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר די געסט, פאַר זיין פרוי רחל, וואָס האָט געהאַט אַ פרום פּנים און אויסגעזען יינגער פון אים, און פאַר זיין טעכטערל פייגעלע, וואָס האָט גערעדט אַ קערנדיקן יידיש.

— דאָס איז יעקב, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון היטלערן און אים איבערגעלעבט! — האָט ער אים געהאַלטן אַרומגענומען ווי אַן אַרויסגעראַטעוועטן אוצר, — אָבער פאַרוואָס אַזוי שפּעט? איר האָט געזאָלט קומען אַ סך פריער, — האָט אים אברהם געפרעגט.

יעקב האָט געוואָלט זאָגן, אַז „היטלערס האַנט" האָט אים פאַר־האַלטן, נאָר ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט: — אַ, כ'האָב אַ ביסל גע־בלאָנדזשעט...

— באַדאַרפט אָפּרופן אויפן טעלעפאָן, וואָלטן מיר אייך געקומען נעמען. נו, אַבי איר זייט שוין דאָ!

אַלע האָבן אים וואַרעם און מיט אַן אינערלעכן ציטער געדריקט די האַנט. גאָר צערטלעך האָט אים אויפגענומען אברהם בליקערס פרוי. איר האַרץ האָט זיך געצאַפּלט אין אירע אויגן צו אים, דעם מאַרטירער, וואָס היטלער האָט שיער ניט פאַרפייניקט.

אַ רעפּאָרטאַזש־שרייבער איז צוגעשטאַנען צו יעקבן, ער זאָל אים „אַלץ" דערציילן, האָט ער דערזען אויף זיך אברהם בליקערס אויגן און אַרויסגעלייענט פון זיי: „לאָזט אים צורו!"

מען האָט געבעטן, אַז פייגעלע, אברהם בליקערס טעכטערל, זאָל עפּעס זינגען. האָט זי, מיטן חן פון אַ פערצן־יאָריק מיידל, פאַרריכט אַ לאָק, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צו אירע אויגן — און אויפגעזונגען אַ יידיש פאָלקס־ליד, זי האָט די יידישע ווערטער אַרויפגעצויגן ווי אַ

שנירל פּערל אויף דער אַלטער יידישער מעלאָדיע, וואָס די קאָמפּאָזי־טאָרס זיינען אוודאי געווען אי־רע עלטער־באָבעס און זיידעס.

אברהם בליקער, וואָס איז געווען דער אומאָפיציעלער „טאוסט־מייסטער", האָט פאָרגעשטעלט אַן עלטערן יידישן שרייבער, וואָס האָט געלייענט אַ פאַבל, דערנאָך — אַ דיכטער, וואָס האָט געזונגען זיין אייגנס אַ ליד.

יעקבס אויגן האָבן זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף די שאַפעס ביכער מיט יידישע אותיות. מען האָט געטרונקען ווײַן, גערעדט פון ליטעראַטור און פון יידישן המשך.

יעקב האָט געטראַכט מיט פרייד, אַז ער איז ענדלעך אָנגעקומען אין דער יידישער אַמעריקע, זיין אָנקלס הויז איז אַ פאַרוויאַנעט בלאַט אויפן טיף־פאַרוואָרצלטן יידישן בוים, און אַז די זון וועט זיך קיינמאָל ניט אויסלעשן אין יידישן הימל, ווייל יידן זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, — האָט ער זיך דערמאָנט אין עמעצנס אַ געדאַנק. ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט דערציילן וועגן די אַרויסגעוואָרפענע יידישע ביכער און זיך צוריקגעהאַלטן, ניט געוואָלט פאַרשעמען די אַמעריקאַנער יידן, און פאַרשאַפן זיי צער.

אין די הויכע הימלען

ענדלעך איז יעקב געזעסן אין עראָפּלאַן און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם נאָך די אָנגעשטרענגטע צוגרייטונגען פאַרן אָפּפלי. ער האָט אַרויסגע־קוקט דורכן קליינעם קיילעכדיקן פענצטערל אויף די זון־באַלויכטענע מענטשן, וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט די אָפּפליענדיקע און וואַרטן אויפן מאָמענט, ווען דער עראָפּלאַן וועט זיך אויפהייבן פון דער ערד.

די לעצטע פּאַסאַזשירן זיינען שוין אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ־לעך צו דער אָפענער טיר. אַ בלאָנד־זוניק הימל־מיידל, מיט אַ פּיצל היטעלע, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן אויף איר געלאָקטן קאָפּ, ווי אַ שיפעלע צווישן כוואַליעס, האָט באַקוקט די בילעטן, געדאַנקט און גע־שמייכלט. דער שמייכל איז ניט אַראָפּ פון איר פּנים, ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אים. ווען די בליקן פון די פּאַסאַזשירן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי אויך געשמייכלט, לייכט און דין געשמייכלט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געשלאָסן די ערשטע באַקאַנטשאַפט, וואָס וועט אויף דער רייזע מער און מער פאַרקניפּט ווערן. פון איצט אָן פאַרבינדט זיי איין מזל. דערנענ־טערנדיק זיך צום הימל ווערן אַלע מענטשן גלייך...

יעקב האָט געזען דורכן פענצטערל ווי זיין פרוי און די טאָכטער נעמען ניט אַראָפּ די אויגן פון אים, ווי זיי וואָלטן אים איינגעקריצט אין זיך, ווייל ווי עס מאַכט זיך אַמאָל אויף אַזאַ רייזע, זאָל זיין געדעכעניש בלייבן אין זיי... אַ צען טויזנט דאָלערדיקע „פּאָליסי״ האָט ער אויך אַרויסגענומען אויף דער פרויס נאָמען. דער דאָזיקער פאַקט וואַרעמט און שרעקט אים... זי האָט טאַקע פּראָטעסטירט, זיך געווערט, געזאָגט, ס'איז אַ נאַרישקייט און ניט געוואָלט הערן דערפון...

עטלעכע מינוט פאַרן אָפּפלי, האָט זי זיך באַוויזן לעבן אים אין עראָפּלאַן, ווייל זי האָט פאַרגעסן אים עפּעס אָנזאָגן... נאָך אַ קוש, נאָך אַ שמייכל, וואָס דערזאָגט דאָס, וואָס אַ צונג קאָן ניט אַרויסברענגען...

דאָס „הימל־מיידל״ שטייט ווי אויף הייסע קוילן לעבן איר, זי וויל שוין זען זי אינדרויסן.

כמעט אַלע פּאַסאַזשירן באַהאַלטן דעם אינסטינקטיוון אומרו פאַרן אָפּפליען, מיט אַרויפגעצויגענע שמייכלען... קעגן ווילן, קעגן פאַר־שטאַנד, ווערט דאָס האַרץ אומרואיק פאַרן אַרויפהייבן זיך צום הימל, ווי מען וואָלט אַ קינד אַרויסגעריסן פון דער „מאַמעס שויס״ — ווער אַ פויגל, פלי!

ווען אַלע פּאַסאַזשירן זיינען שוין געזעסן באַקוועם אויף זייערע פּלעצער, אָפּגעזעגנט זיך מיט די דרויסנדיקע, אָפּגעפאָכעט מיט די הענט, האָט זיך די טיר פון עראָפּלאַן געטאָן אַ פאַרהאַק. אויף דעם העל־זוניקן אָרט איז געוואָרן פינצטער. איצט קאָן שוין קיינער ניט אַראָפּ צוריק אויף דער ערד. פאַרפאַלן! איידער די טיר האָט זיך פאַרהאַקט און אָפּ־געהאַקט אַלעמען פון דער ערדישער וועלט, וואָלט נאָך עמעץ געקאָנט זיך ראַטעווען, ווי דער פאַל מיט איינעם, וואָס איז שוין אין דער לעצטער מינוט פאַרן אָפּפליען אַרויס פון עראָפּלאַן, ווייל ס'האַרץ האָט אים גע־זאָגט, אַז ס'וועט טרעפן אַן „עקסידענט״. צומאָרגנס האָט ער געגומען אַ צווייטן עראָפּלאַן, וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן אויף אַ באַרג און פאַרלוירן געוואָרן ערגעץ אין די טאָלן פון אַ וויסטעניש.

ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ערד האָט אַ ציטער געטאָן. די מאָ־טאָרן האָבן צעפּאָכעט זייערע פליגל. פיר שטאָלענע הערצער האָבן זיך דערוואָרעמט און אָנגעהויבן קלאַפּן. דער עראָפּלאַן האָט זיך גערירט פון אָרט. אָנגעהויבן פאַרן לאַנגזאַם, פאָרזיכטיק, דערנאָך שנעלער, נאָך שנעלער, ביז ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער ערד, און אַ שפּרינג געטאָן אַרויף, העכער און העכער שניידנדיק זיך אין זון־פאַרגאַנג אַריין.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן די הייזער אויסגעזען ווי אָנגעוואָר־פענע קעסטלעך, צעצונדן פון פלאַמיקן הימל. אַ ביסל שפּעטער איז צוגעפאַלן די נאַכט. אויף דער טונקעלער ערד האָבן זיך אָנגעצונדן ליכטלעך ווי בלייכע שנירלעך פּערל. וואָס ווייטער זיינען די ליכטלעך הינטן געוואָרן העלער, גאָלדיקער. פון מידקייט האָט יעקב פאַרזשמורעט די אויגן. דער עראָפּלאַן האָט לייכט און פאַרחלומט געשוועבט ווי אַ שיפל אויף אַ שטילן בלאָען טייך. אין דער ברייטקייט און הויכקייט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען רירט זיך קוים פון אָרט, כאָטש מען איז גע־פלויגן דריי הונדערט מייל אַ שעה. ער כאַפּט זיך איצט, אַז אין די לעצטע מאָמענטן האָט ער פאַרגעסן דעם צוועק פון זיין רייזע, אַזוי צעטומלט

איז ער געווען ביים געזעגענען, און ביים אויפהייבן זיך אין דער לופט צום ערשט מאָל. ער דערנענטערט זיך דאָך מיט יעדער מינוט צו זיין שוועסטער. אין געציילטע שעהן אַרום וועט ער זי זען, נאָך דעם ווי ער האָט זי מיט פערציק יאָר צוריק איבערגעלאָזט אין וואַרשע, אַ פינף־יאָריק מיידעלע, מיט קורצע בלאָנדע צעפּלעך, מיט אַ פּרום פּנימל און טונקל־בלויע אויגן. איצט איז זי געוואָרן אַ באָבע. ער וועט נאָך אפשר קומען צום ברית...

ער זעט איצט אַזוי קלאָר די לעצטע נאַכט פאַר זיין אָפּפאָרן פון דער היים: אַ נאַפט־לאָמפּ. אַ שטוב מיט מענטשן. שאָטנס אויף די ווענט. מען געזעגנט זיך. דאָס קלענסטע שוועסטערל קוקט אויף אים פאַר־גאַפט מיט אַ פינגערל אין מויל. דאָס מזל האָט „געוואָלט”, אַז זי זאָלן פאַרבלייבן די איינציק־לעבעדיקע שוועסטער, וואָס אים איז אי־בערגעבליבן פון זיין פאַרצווייגטער משפחה אין וואַרשע, נאָך דעם ווי היטלער האָט זיך פאַרנומען מאַכן די שטאָט „יודן־ריין”. זי האָט זיך מיט יאָרן צוריק אַרויסגעראַטעוועט קיין בוענאָס־איירעס. זיי האָבן זיך פון ציט צו צייט דורכגעשריבן, אויסגעדריקט די האָפענונג אַמאָל זיך צו זען, — איצט פאָרט ער צו איר. עס פיבערט אין אים אַן אומגע־דולד, אַ בענקשאַפט, אַ נייגער צו דעם פינף־יאָריק מיידעלע, וואָס איז געוואָרן איצט אַ באָבע. ער וועט אין אין אירע אויגן, ווי אין אַ כישוף־שפּיגעלע, דערזען זיינע עלטערן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין איר קול וועט ער ווידעראַמאָל דערהערן זייער שטימע... ער מאָלט זיך בילדער, ווי אַזוי ער וועט זיך באַגעגע־נען מיט דער שוועסטער ווען ער וועט אַרויס פון עראָפּלאַן: זי וועט, צווישן די פאַרשיידענע פּאַסאַזשירן דערזען אַ גרוילעכן מאַן אין אַ נייעם מאַנטל מיט אַ העלן, פאַרריסענעם הוט, מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, וואָס הענגט שטאָלץ אַראָפּ פון זיין אַקסל, אַ צפון־אַמעריקאַ־נער... און ער וועט צווישן אַ סך פרויען זוכן אַ מיטל־יאָריקע פרוי, ענלעכע צו זיינע עלטערן. טשיקאַווע, ווי אַזוי זיי וועלן זיך דערקענען... וואָס וועט טאַקע זיין, אַז זיי וועלן זיך ניט דערקענען? נו, האָט ער דאָך דעם אַדרעס, וועט ער נעמען אַ טעקסי און פאָרן צו איר.

זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ נאָענטן שאַרף־ליכטיקן שטערן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי זיין פאָטער פלעגט זינגען אליקום צונזערס אַ ליד:

„ווען איך שטערן קלער איך זעלטן,
מען זאָגט, אַז אויף אייך זיינען גאַנצע וועלטן...”

ער איז געווען מיד און איז איינגעשלאָפן. ער האָט דערהערט, ווי אין חלום, דאָס רויִע קול פון מיקראָפאָן: „לעידיס ענד דזשענטלמען! מיר לאָזן זיך איצט אַראָפּ אין שיקאַגע פאַר אַ האַלבער שעה, אַ דאַנק!"

ווען מען האָט זיך דערנענטערט צו דער ערד, האָט זיך אויסגע־וויזן, ווי מען פאַלט אַריין אין אַ ים פון גאָלדענע ליכט.

אַרונטערקומענדיק, איז דער עראָפּלאַן עטלעכע מאָל צוריקגע־שפּרונגען ווי אַ פּילקע, ביז ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען אַ טונקל־בלויער פּראַסטיקער פאַרטאָג. די בייסיקע קעלט האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

יעקב איז צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן אַריין אין אַ העל־באַ־לויכטענער קאַפעטעריע. אויסגעטרונקען אַ טעפּל הייסע קאַווע און פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— ווי געפעלט אייך דער פראָסט דאָ, אין שיקאַגע? — האָט ער גע־זאָגט צו אַ מאַן, וואָס איז געזעסן לעבן אים, — ווען מיר האָבן פאַראַלזט לאָס־אַנדזשעלעס, איז דאָרט געווען אַ הייסער זומער־טאָג, דאָס איז ווינ־טער! ס'איז דאָך שוין אָנהייב מאַי, ווי לאַנג האַלטן דאָ אָן די פרעסט?

— ווער ווייסט, איך בין דאָ ס'ערשטע מאָל, — האָט דער מאַן גע־זאָגט און פאַררויכערט אַ ציגאַר. זיין טונקל־ברוין פּנים איז איינגעהילט געוואָרן אין בלויען רויך, און האָט אויסגעקוקט פרעמד און אויסטער־ליש, ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געפרואווט פאַרטייטשן דעם צעבראָכענעם ענגליש זיינעם, — אַ געמיש פון פאַרשיידענע לשונות.

— איר וואוינט אין לאָס־אַנדשזעלעס? — האָט יעקב אים געפרעגט.

— ניין.

— פון וואַנען קומט איר?

— אַפריקע.

— אַפריקע?! עק וועלט! — האָט יעקב געזאָגט.

— פאַרוואָס עק וועלט? — האָבן זיך שמייכל־קנייטשלעך פאַר־צויגן אַרום דעם מאַנס אויגן, — אפשר איז גאָר דאָ עק וועלט?...

— גערעכט, אומעטום איז עק וועלט... — האָט יעקב צוגעגעבן. און איידער ס'האָט זיך דערוואָרעמט אַ שמועס צווישן זיי, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צום עראָפּלאַן. יעקב איז געלאָפן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם קעגן שאַרפן ווינט און הנאהדיק אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז אַריין אין עראָפּלאַן.

ס'איז שוין געווען גוט ליכטיק, ווען מען האָט געבראַכט אויף טאַצן

אַנבייסן. ס׳הימל מיידל האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען. לייכט און פלינק האָט זי באַדינט די פּאַסאַזשירן, ווי דאָס וואָלט פאַרוויילט און אַמוזירט איר. אַ חוץ דעם עסן, וואָס זי האָט געטראָגן פונעם קליינעם קיכל, האָט זי דערלאַנגט, איינעם אַ פּיל פּאַר קאָפּ־ווייטיק, אַ צווייטן אַ פּיל קעגן נודאָטע, ווייל אַזוי לייכט און גלאַט ווי דער עראָפּלאַן איז געפלויגן פון לאָס־אַנדזשעלעס קיין שיקאַגאָ, איז ער אויפן וועג קיין ניו־יאָרק פאַרכאַפּט געוואָרן פון ווינטן, וואָס האָבן אים געוויגט און געבויגן אין אַלע זייטן. די רויטע „ביאָן־סייך" אויף דער וואַנט האָט באַפעלט: „פאַרגאַרטלט אייך..." (פאַרפעסטיקן די פּאַסיקעס, וואָס בינדן דעם פּאַסאַזשיר צו דער שטול).

אומגעריכט האָט דער עראָפּלאַן געגעבן אַ פאַל אַריין אין אַ גרוב פון שיטערער לופט, און כאַטש ער טוט באַלד אַ שפּרונג אַרויס פון דאָרט, בלייבן די פּאַסאַזשירן צעשראָקן און פאַרוואָרפן די סטיואַרדעס מיט פאַרשיידענע פראַגעס. זי ענטפערט געדולדיק און רואיק, ווי מען נעמט איין קליינע קינדער. זי שטעקט זיין אָן מיט מונטערקייט און זיכערקייט. שפּעטער האָבן זיך די ווינטן איינגעשטילט, ס׳וועטער איז געוואָרן מילד. יעקב האָט אַראָפּגעקוקט אויפן ים, איבער וועלכן זיי זיינען געפלויגן און באַוואונדערט די שוימיקע כוואַליעס, וואָס די זון האָט באַזילבערט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט דאָרט ערגעץ ווייט אַ סילועט פון אַ שיף.

— די כוואַליעס אין ים אונטער אונדז, פאַרבלענדן די אויגן, — האָט ער געזאָגט צו דער סטיואַרדעס, וואָס האָט צוגענומען ביי אים די טאַץ נאָכן אָנבייסן, — זיי קוקן אויס ווי זילבערנע פאָנטאַנען, — האָט ער איר געוואָלט ווייזן, ווי „שיין" ער קאָן רעדן...

— וואָס פאַר אַ ים? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— די כוואַליעס אין ים אונטער אונדז.

— דאָס זיינען ניט קיין כוואַליעס, דאָס זיינען די וואָלקנס אין הימל. דער ים איז טיף, טיף, אונטער זיי.

יעקב האָט זיך פאַרשעמט. ווי קוקט ער אויס אין אירע אויגן? אין די צווייי בלאָע מיסטעריעזע ימען...

— פאַרגאַרטלט אייך! מיר לאָזן זיך איצט אַראָפּ אין ניו־יאָרק, — האָט אַ קול געלאָזט וויסן דורך מיקראָפאָן.

ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך פּאַרזיכטיק גענומען דערנעענטערן צו דער ערד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זי צו דערצערענען האָט יעקב

צווישן עולם וואַרטנדיקע, דערזען זיינע צוויי זין. זיין האַרץ האָט פאַר־טערלעך אַ ציטער געטאָן, — וואָסערע שיינע צוויי מענער דאָס זיינען, געבילדעטע, טאַלענטירטע! זיי פאַררייסן די קעפּ צו אים, פאָכען מיט די הענט... ווען ער גייט אַראָפּ, לויפן זיי אים אַקעגן. מען כאַפּט זיך אַרום, מען קושט זיך, מען פרייט זיך...

ער האָט אָפּגעפרייט זיך עטלעכע טעג אין הילכיקן, רויכיקן, טומל־דיקן ניו־יאָרק מיט די זין, מיט פריינט, מיט דער שטאָט, וואו ער האָט איבערגעלאָזט זיינע שענסטע יונגע יאָרן אין די שעפער און ביי גע־זעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, קאַמפן, קאָנפליקטן, אַנטוישונגען, האָפע־נונגען. איצט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך יענע צייטן, וואָס ווען זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן. שווערע, אָבער שיינע יאָרן געווען. זיי זיינען אַזוי שנעל פאַרברענט געוואָרן אין דעם גרויסן „קעסל".

צוריק אַרויפפליענדיק פון ניו־יאָרק, הויך אין הימל, אויפן וועג צו זיין שוועסטער, האָט ער געקוקט אַראָפּ אויף דער ריזיקער שטאָט פון זיינע ברויזנדיקע, מיטעלע יאָרן, וואָס די וואָלקנס האָבן איצט גענומען פאַרדעקן.

עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען געפלויגן מיט אים ביז ניו־יאָרק, זיינען ווידער דאָ. ווייזט אויס, זיי פליען זיין וועג, אַנדערע נאָך וויטער.

יעקב האָט געיאָגט אין געדאַנק דעם עראָפּלאַן, ער זאָל שנעלער פליען, זיין האַרץ איז געפלויגן פאָראויס, ער איז געגאַנגען אין אַ געוועט מיט דער שוועסטערס איניקל, ווער ס'וועט פריער אָנקומען... די שמחה וועט זיין פאַרפולט, ווען ער וועט קומען צום ברית. ער האָט געהאַלטן אין בייטן די בילדער, די סצענעס פון דער באַגעגעניש מיט דער שוועס־טער. פאַר זיינע אויגן שטייט אַלץ אַ פינף־יעריק מיידעלע מיט אַ פינ־גערל אין מויל און „גאפיעט" אויף אים — און דאָרט וועט אים באַגעגענען אַ באבע. פערציק לאַנגע יאָרן וועלן שטיין צווישן זיי.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין ווייטן פרעמדן הימל זיינען אַרויסגע־קומען די ערשטע שטערן. דער עראָפּלאַן האָט לייכט און זיכער גע־שוועבט, דערנענטערנדיק זיך צו דער איינציק־איבערגעבליבענער טאָכ־טער פון זיינע אומגעקומענע עלטערן. אַ „וואַרצל", וואָס היטלערס בלוטיקע האַנט האָט ניט באַוויזן אַרויסצורייסן, האָט זיך איבערגעפלאַנצט אין דער ווייטער פריינטלעכער ערד און גייט אַרויס בליאונג פון זיך. ער האָט געפּרואווט טרעפן ווי אַזוי זעט זי איצט אויס די שוועסטער? ווי וועט זי אויסרעדן די ערשטע ווערטער צו אים? ווי זייער מאַמע?

געלאַסן, באַטראַכט, מיט אַ שמייכעלע, אָדער זי וועט רעדן ווי דער טאַטע, מיטן אונטערטאָן פון אַ מגיד? ער וועט זיינע אומגעקומענע עלטערן אין איר קול דערהערן... ער האָט געקוקט אין הימל אַריין, וואָס איז געווען לויטער־בלאָ, ווי קיינמאָל ניט, ווען מען קוקט אויף אים פון דער ערד דורך רויך און שטויב. די שטערן בלענדן אַזש אין די אויגן, און די שטילקייט אַרום איז אַ געבענטשטע, אַ הייליקע, טאַקע נאָר ווי מען וואָלט זיך דערנענטערט צו גאָט...

מען האָט דערלאַנגט וועטשערע אויף „זילבערנע טאַצן: „פּילעי מינאָן", גרינסן, פּרוכט, קאַווע, „אייז־קרים" און שאַמפּאַניער... נאָכן עסן האָט ער איינגעדרימלט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען דער עראָ־פּלאַן האָט זיך געטאָן אַ שטאַרקן טרייסל, געפּלאָנטערט זיך צווישן געדיכטע וואָלקנס. דער הימל איז געווען אויסגעלאָשן ווי אַ פינצטערער אָפּגרונט איבערן קאָפּ. אַ רעגן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אויף די קיילעכ־דיקע פענצטערלעך. פּלוצלונג האָט דער עראָפּלאַן זיך אַ הייב געטאָן אַרויף איבערן „וועטער", און ס'האָט ווידער אַ לויכט געטאָן דער קלאָ־רער אויסגעשטערנטער הימל. ס'איז אים געוואָרן פריידיק און לייכט אויפן האַרץ.

נו, איצט דאַרף ער איבערשלאָפן אַ נאַכט און מאָרגן וועט דער עראָפּלאַן לאַנדן אין בוענאָס־איירעס. די שוועסטער האָט שוין זיכער דערהאַלטן די טעלעגראַמע, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט פון ניו־יאָרק און וועט אים אָפּוואַרטן. דערקענען וועלן זיי זיך לויט די פאָטאָגראַ־פיעס, כאָטש אַ פאָרטאָרגראַפיע איז אַ טויטע זאַך...

פּלוצלונג האָבן זיך די פליגל פון איין מאָטאָר אָנגעהויבן דרייען לאַנגזאַמער... אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיי אינגאַנצן שטיין געבליבן. ס'האָט אים געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרץ, ווי זיין אייגענער אָטעם וואָלט זיך אָפּגעהאַקט. אַרום איז געווען שטיל, אַזוי ווי יעדער שאָרך ,און די לופט וואָלט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן. ס'האָט זיך נאָר געהערט דער זשום פון די אַנדערע דריי מאָטאָרן, וואָס זייערע פליגל האָבן זיך נאָך דערוויילי ניט אָפּגעשטעלט. די פּאַסאַזשירן האָבן געשמאַק געדרעמלט. אַנדערע זיינען געשלאָפן ווי ביי זיך אינדערהיים. און אפשר האָט נאָך עמעצער באַמערקט, אַז איין מאָטאָר איז אויסגע־גאַנגען, און איז דערשראָקן, אַזוי ווי ער.

יעקב האָט אומרואיק באַטראַכט דעם טויט־געוואָרענעם מאָטאָר. די פליגל האָבן זיך שוין אינגאַנצן ניט גערירט, ווי ביי אַן אַראָפּגע־

שאָסענעם אָדלער. ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן. ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן, ניט אויפצואוועקן זיין שכן, און צוגעגאַנגען צום „קעבין" וואו די פּילאָטן זיינען געזעסן. די טיר איז געווען אָפן. ער האָט דאָרט דערזען אַ סך זייגערס און זייגערלעך, „געדזשעטס" און פאַרשיידענע מאַכינאַציעס.

די פּילאָטן האָבן רואיק גערעדט וועגן אָפּגעשטעלטן מאָטאָר און באַטראַכט וואָס צו טאָן? צו דער נאָענטסטער לאַנדונג אויפן וועג קיין בוענאָס־איירעס דאַרף נעמען דריי שעה, אויפן וועג צוריק צו אַ לאַנדונג — צוויי שעה. דער פּילאָט האָט באַלד אויסגעדרייט דעם עראָפּלאַן אין דער ריכטונג פון וואַנען מען איז געקומען. די „סטיוּאַרדעס", איז געשטאַנען דערביי, און מעכאַניש געדרייט מיטן פינגער אַ לאָק... זעענדיק יעקבס פאַרזאָרגט, בלייך פּנים, האָט זי צוגעלייגט אַ פינגער צו די פלאַמיק־רויטע ליפּן, ער זאָל שווייגן... די פּאַסאַזשירן טאָרן זיך ניט דערוויסן דערפון.

גייענדיק צוריק צו זיין פּלאַץ, האָט יעקב דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס... ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט געהאַנגען צווישן הימל און ערד. לויט די רייד פון די פּילאָטן, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אין דער „לופט־מאַפּע", פליט מען איצט איבערן ים... ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און אויסגעמיטן צו קוקן אויף די פליגל פון די אַנדערע מאָטאָרן... דער עראָפּלאַן האָט זיך פון הויכן אויסגעשטערנטן הימל אַראָפּגעלאָזט אין די וואָלקנס. זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס די פּילאָטן ווילן זיך האַלטן נאָענט צו דער ערד?...

— פאַרגאַרטלט אייך! — האָט די רויטע „ניאָן־סיין" אָנגעזאָגט.

דער עראָפּלאַן האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט און זיך אָנגעהויבן וויגן, אויפגעוועקט די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן, פאַרשלאָפענע, דערשראָקענע, געגומען זיך באַפעסטיקן מיט די פּאַסיקעס צו די שטולן. פון אַלע זייטן האָבן ווינטן געריסן דעם עראָפּלאַן, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געקאָנט צעטיילן מיט אים, געוואָרפן אים אַרויף און אַראָפּ, געבויגן, געדרייט אין אַלע זייטן, ווי אַ שיפל אין אַ צעבושעוועטן ים, ווען צעסלונעטע ים־שדים שפּילן מיט איר אין פּילקע... אָט טוט מען זיך אַ הייב אַרויף אויף אַ הויכער לופט־כוואַליע און אָט— אַ פאַל אַראָפּ, אַז די קישקעס קערן זיך איבער.

ענדלעך איז געוואָרן רואיקער. ווען ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, האָט מען געטאָן אַזאַ טיפן פאַל

אַראָפּ, אַז יעקב האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך שנעל געזעגנט מיט דער וועלט... דער עראָפּלאַן איז אָבער באַלד צוריק אַרויפגעקומען.

— דאָס האָט ער בלויז געמאַכט אַ טיפּן „פּאַקעט", — האָט אים אַ שכן, וואָס פליט אָפט, דערקלערט, אַריינגעפאַלן, הייסט עס, אין אַ גרוב פון שיטערער לופט. די ווינטן האָבן זיך אויפסניי צעטאַנצט אַרום עראָפּלאַן אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, אַז די בלעכענע ווענט האָבן געציטערט. דער עראָפּלאַן בייגט זיך אויף איין זייט, אָט קערט ער זיך איבער ווי אַן אויטאָמאָביל, וואָס פאַרלירט אַ ראָד און הייבט אָן הינקען. עטלעכע קינדער האָבן זיך היסטעריש צעוויינט, ווי זיי וואָלטן דערפילט אַ געפאַר. אַן אַלטע פרוי האָט זיך געצלמט, אַ גלח האָט זיך געשטעלט אויף די קני. נאָר די „סטיואַרדעס" שמייכלט זיכער און רואיק.

אַראָפּקוקנדיק דורך די וואָלקנס, וואָס די ווינטן האָבן צעריסן, האָט מען געזען פאַרביישוועבן טונקעלע שאָטנס מיט ציטערדיקע פּיי־ערלעך. אפשר זיינען דאָס געווען שיפן אויפן ים אָדער פאַרוואָרפענע אינדזלען. אויף יעדער שטול איז געווען גרייט אַ רעטונגס־גאַרטל: ווי אַזוי קאָן מען אים אָנטאָן, אַז מען פאַלט?... און אפשר לאָזט מען פריער וויסן איידער מען הייבט אָן פאַלן? זיין פרוי, די טאָכטער וועלן זיך פון די ציימונגען דערוויסן, אַז ער איז אומגעקומען. און דאָס לעבן וועט ווייטער אָנגיין...

ער האָט דערזען דעם „אַפריקאַנער" לעבן זיך. — קומט צום „באַר", וועלן מיר מאַכן אַ שנאַפּס. — יעקב האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. אין „באַר" פון עראָפּלאַן, עטלעכע שטיגלעך אַרונטערצוגיין, זיינען די בלייכע צעשראָקענע פּנימער פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן שוין איבערגעקערט עטלעכע גלעזלעך, געוואָרן רויט. אַלקאָהאָל־פּיירלעך האָבן געפינקלט אין די אויגן. מען איז שוין געווען אויפגעהייטערט, אָנגעבלאָזן מיט קוראַזש, געשטאַנען ענג־צוזאַמענגעפּאַקט. די לופט, גרוי, רויכיק. יעקב האָט אָנגעקלאַפּט גלעזלעך מיטן אַפריקאַנער. דער עראָפּלאַן האָט זיך געווומען וואַרפן, ווי אַ מענטש וואָס קריגט „דאָס פאַליקע"... מען האָט זיך אָנגעכאַפּט איינער אָן אַנדערן, אַרומגעכאַפּט זיך ווי ברידער. דער „באַר־טענדער" האָט פאַרזיכטיק, מעטאָדיש, געווישט די גלעזלעך מיט אַ שניי־ווייס האַנטוכל, אַזוי ווי אים וואָלט קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען...

***

שפּעטער, ווען יעקב איז ווידער געזעסן אויף זיין פּלאַץ, האָט אַ שטימע דורכן מיקראָפאָן געמאָלדן:

„לעידיס ענד דזשענטלמען, צוליב אַ טעכנישן דעפעקט, קערן מיר זיך צוריק צו אַ נאָענטער לאַנדונג. מיר לאָזן זיך איצט אַראָפּ אין טרי־נאַדאַד, בריטיש וועסט אינדיס. פאַרגאַרטלט אייך!... אַ דאַנק!"

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען געזען אַרויסשטאַרצן די שפּיצן פון הייזער, וואָס זיינען געווען איינגעהילט אין פאַרטאָגיק־ גרויען נעפּל. דאָס אויפהייבן זיך און אַראָפּלאָזן, איז אַ וויכטיקער מאָמענט אין אַ פלי־רייזע... דער עראָפּלאַן האָט פאָרזיכטיק געטאַפּט די לופט אונטער זיך, געפּרואווט, לאַנגזאַם, זיך דערנענטערן צו דער ערד, וואָס ער האָט פאַר־לאָזט און זיך צוריק פאַרבענקט נאָך איר... געפּרואווט זי אייננעמען, איבערבעטן... ענדלעך איר אַ קוש געטאָן. זי האָט אים לייכט צוריק־געשטויסן. ער האָט זיך מיט זיין גאַנץ געוויכט אַראָפּגעלאָזט אויף איר און פריידיק אויפגעציטערט.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געטאָן אַ לאָז אַרויס פון עראָפּלאַן, ווי מען אַנטלויפט פון אַ פייער־פּאַסטקע. פריידיקע שמייכלען האָבן זיך צעשיינט אויף זייערע דערשראָקענע פּנימער, זיי האָבן געצערטלט און געקושט מיט די טריט די ערד.

די שטאָט איז נאָך געשלאָפן. מען האָט זעלטן געזען אַ מענטש פאַר־בייגיין, אָדער אַ וואָגן פאַרבייפאָרן. די פּאַסאַזשירן זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין אויטאָמאָבילן, אין איינע פון די בעסטע האָטעלן (וואָס די קאָמפּאַני האָט צוגעגרייט). אויסגעגלייכט זיך, אויסגערוט זיך אַ ביסל, אַרומגעוואַשן.

עס איז געוואָרן טאָג. מען איז אַריין אין האָטעל־רעסטאָראַנען. די זון האָט שוין אַריינגעשיינט דורך די פענצטער און אַרויסגערופן פרייד, האָפענונג, דערוואַרטונג, ווי מען וואָלט אויפסניי געבוירן געוואָרן. אויף די ווייס־געדעקטע טישן זיינען געווען צעשטעלט פרישע בלומען. מען האָט סערווירט אַן אָנבייסן ווי אין בעסטן האָטעל. טונקל־ברוינע, קליין־גע־וויקסיקע קעלנער האָבן זיך געבויגן פאַר די געסט מיט 'מעניוס' אין די הענט.

יעקב איז געזעסן ביי אַ טיש מיטן אַפריקאַנער. דער עולם האָט גע־געסן מיט גרויס אַפּעטיט, ווי נאָך אַ קרענק, — איבערגעטריבן פריינט־לעך געווען איינער צום אַנדערן און מיט גאָפּל־מעסער אויסגעשפּילט אַ פריידיקע סימפאָניע.

דער אַפריקאַנער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן ציגאַר, און דורכן רויך גערעדט, אַ געמיש פון פרעמד־קלינגענדיקע לשונות: ער פליט אַרום איבער דער וועלט, האַנדלט מיט פאַרשיידענע לענדער, ער איז אָנגעזאַפּט מיט פאַרשיידענע קלימאַטן, דיאַלעקטן, — אַ וועלט־מענטש... ס'איז אים געווען גוט אויפן האַרץ פונעם פיינעם אָנבייסן, שמעקנדיקן ציגאַר און פון דער זון, וואָס האָט זיך געשפּילט אויף זיין פּנים. ער האָט אויפגעלייגט אַ זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטיי און רעד אויף אַ היפּש ביסל שפּראַכן. איך קאָן אפילו זאָגן „שלום עליכם"...

— האַ?! — האָט זיך יעקב אַ כאַפּ געטאָן און שיִער ניט איבערגעקערט דאָס גלאָז וואַסער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, — זייט איר דאָך אַ ייד?

— יאָ, ס'איז נאָך אין מיר פאַרבליבן אַ שטיקל ייד!

— וואָס הייסט אַ שטיקל יידן? אַ ייד איז אַ ייד! פאַרוואָס האָט איר זיך באַלד ניט אַרויסגעגעבן?...

— ס'איז מיר ניט איינגעפאַלן, אַז איר זייט אַ ייד.

— קומט דאָך אייך טאַקע אַן אמתער שלום עליכם!

— עליכם שלום! האָט דער נייער ייד געשמייכלט, און אין יעקבס אויגן איז זיין פּנים פון מינוט צו מינוט געוואָרן יידישער...

יעקב האָט זיך דערפרייט מיט אים, ווי ס'וואָלט זיך אים אָפּגעזוכט אַ לייבלעכער ברודער.

— יאָ, איך האָב אפילו געלייענט שלום־עליכמס ביכער, — האָט דער אַפריקאַנער ייד, דער וועלט־ייד, אַריינגעשמייכלט אין בלויען רויך פון שמעקנדיקן ציגאַר, — נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אַז עס באַפאַלט מיך אַ מרה־שחורה, לייען איך אים...

יעקבס אויגן זיינען פייכט געוואָרן... ער האָט געפילט ווי אַרומצורנעמען דעם יידן ווי אַן אייגענעם ברודער.

זיי זיינען שוין ניט אָפּגעטראָטן איינער פונעם אַנדערן. יעקבס צונג, וואָס איז געווען פאַרחלשט, געלעכצט אַרויסצורעדן אַ יידיש וואָרט, איז אויפגעלעבט געוואָרן אין דעם אייביק־פרישן קוואַל פון מאַמע־לשון.

אַ פאַרשטייער פון דער קאָמפּאַני האָט געמאָלדן, אַז אין אַ שעה אַרום פליט מען אָפּ. ווידער איז מען אַריין אין עראָפּלאַן, שוין אין אַן אַנדערן. דער פריערדיקער איז געשטאַנען אין אַ זייט, ניט פאַרריכט. דאָס מאָל איז ס'וועטער געווען גוט, די לופט וואַרעם, זיל־

בערדיק. דער הימל אַ דורכזיכטיקער בלויער טול. דער עראָפּלאַן האָט זיך ווי געשיפּט אַלץ העכער אַרויף, ווי מען וואָלט זיך דערנענטערט צו די טויערן פון גן־עדן...

שפּעט ביינאַכט האָט מען געלאַנדעט אין בוענאָס־איירעס... אַ גרויסער וואָקזאַל. אַ סך מענטשן. מען כאַפּט זיך אַרום, מען קושט זיך. יעקב האָט מיט אַ פריידיק קלאַפּנדיק האַרץ געזוכט די שוועסטער, אַרויסגענומען איר בילד און פאַרגלייכן צו די פרויען אַרום... זיינע הענט, זיין האַרץ איז געווען גרייט זי אַרומצונעמען. אַז ער האָט זי ענדלעך דערזען, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט אַן אויסגעשריי: „שוועסטער!" די פרוי האָט זיך דערשראָקן פאַר אים און זיך אָנגעכאַפּט אין דעם מאַנס אָרעם... באַלד האָבן זיי זיך צעקושט מיט עמעצן.

ביסלעכוויז איז דער עולם שיטערער געוואָרן. ס'איז אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ שעה. ער איז געוואָרן אומרואיק, אַרומגעדרייט זיך אַן איבעריקער, אַן עלנטער, שפּעט ביינאַכט אין אַ פרעמדער שטאָט פון אַ פרעמד לאַנד.

די ליידיקייט פון וואָקזאַל האָט אָנגעהויבן פּרעסן אויף אים, פאַרקלעמט זיין האַלדז. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייגייער: „סיניאָר"!... יענעמס טונקעלע אויגן האָבן אים וואַרעם, האַרציק באַגריסט. נאָר ער האָט צענומען די הענט, באַדויערנדיק, וואָס ער פאַרשטייט ניט דאָס פרעמדע לשון... יעקב איז געשטאַנען ביי זיינע צוויי וואַליזעס, און געהאָט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אַריינגעקומען ניט אין דער ריכטיקער שטאָט, אַניט וואָלט דאָך די שוועסטער געקומען אים באַגעגענען.

צו וועמען ווענדט מען זיך? האָט ער פאַרצווייפלט געטראַכט, אַז ער איז דאָ אַ שטומער. ענדלעך איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער וואו מען פאַרקויפט בילעטן, געזאָגט: „אַמעריקאַנאָ" און אַז ער וויל רעדן צו אַן אַמעריקאַנער. מען האָט אַ רוף געטאָן עמעצן, ס'האָט זיך באַוויזן אַ דיקלעכער מאַן מיט אַ ציגאַר אין מויל.

— העלאָו!

— העלאָו! האָט זיך יעקב דערפרייט מיט אים, — איך שטיי שוין דאָ איבער אַ שעה און האָב ניט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

— איר האָט דאָ עמעצן אין שטאָט?

— אַ שוועסטער.

— איז זי אייך געקומען באַגעגענען?

— כ'ווייס ניט, קאָן זיין, אַז יאָ.

— וואָס מיינט איר, קאָן זיין אַז יאָ? — האָט דער מאַן געשמייכלט.

— מיר האָבן זיך שוין פערציק יאָר ניט געזען.

— פערציק יאָר?! — האָט ער אַזש אַרויסגעכאַפּט דעם ציגאַר פון מויל.

— כ׳האָב זי פאַרלאָזט ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. איצט איז זי געוואָרן אַ באָבע.

— מזל־טוב!... — האָט זיך דער מאַן ברייט צעשמייכלט.

— אַ ייד? — האָט זיך יעקב דערפרייט.

— וואָדען — האָט ער געזאָגט אויף אַ צעקאַליעטשעטן יידיש און באַלד אַריבער אויף אַ גוטן אַמעריקאַנער־ענגליש, ווי אַ געבוירענער יענקי...

— איר האָט איר געלאָזט וויסן ווען איר קומט?

— געוויס, איך האָב אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע.

— זעט אויס, זי האָט אייך נעכטן אָפּגעוואַרט. איר ווייסט דאָך אַז אייער עראָפּלאַן האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איר זייט נאָך מזלדיק, ווייל עטלעכע עראָפּלאַנען האָבן די לעצטע טעג געקראַכט אויפן וועג אַהער.

הייסט עס, אַז די שוועסטער איז אים נעכטן געקומען באַגעגענען, ניט געטראָפן. נאָך דעם ווי זי האָט געלייענט וועגן די אַראָפּגעפאַלענע עראָפּלאַנען, איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אומגעקומען.

— גיט מיר דעם אַדרעס, וועל איך טעלעפאָנירן צו איר און לאָזן וויסן, אַז איר ברודער איז צוריקגעקומען פון יענער וועלט.

יעקב האָט אים געגעבן דער שוועסטערס אַדרעס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר נאָמען, אָדער דעם מאַנס נאָמען, איז ניטאָ אין טעלעפאָן־בוך.

— די בעסטע זאַך, וואָס איר קאָנט טאָן איז נעמען אַ טעקסי און צו־פאָרן צו איר. — האָט אים דער מאַן געעצהט.

דער וועג צו דער שוועסטער האָט זיך געצויגן לאַנג דורך שוואַך־באַלויכטענע גאַסן. די טעקסי האָט געטאַנצט אויף שטיינער, געסקריי־פּעט, געקרעצט און געשטונקען מיט גאַז. ענדלעך האָט זי זיך דער־שלעפּט צו אַ צוויי שטאָקיק־הויז. די פראָנט־פענצטער זיינען געווען פינצטער. ער איז אַרויס פון דער טעקסי און דערפילט אַרום זיך אַ פרעמדע וועלט, אפילו די לופט איז געווען ווי פון אַנדערן פלאַנעט און געהאַט אַן אַנדערן ריח. זאָל דאָ וואוינען זיין שוועסטער? פאַר זיינע אויגן האָט אַ שיין געטאָן אַ זוניקער טאָג אין אַ וואַרשעווער הויף, ווען זיין שוועסטערל האָט געטאַנצט אויף אַ שטריק.

דער טעקסי־טרייבער האָט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אים גע־ויזן פינף פינגער און געזאָגט: „דאָלאַרס"... יעקב האָט זיך ניט גע־אײלט באַצאָלן. וואָס טוט ער, אַז די שוועסטער איז ניט אין דער היים, וועט ער ווידער בלייבן אַליין? ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר. ס'איז אַרויסגעקומען אַ מיטל־יאָריקע פרוי. דערזען די טעקסי מיט זיינע סעטשלס, האָט זי דערשראָקן געקוקט אויף אים. איר פּולער בוזעם האָט זיך געהויבן, ווי ס'וואָלט איר אויסגעפעלט אָטעם... זי האָט דאָך געהאָלפן זיין שוועסטער אים באַווייזן...

זי האָט אָנגעהויבן שנעל און פריידיק שאָקלען מיטן קאָפּ: „סי, סי, סינאָר!" מזל־טוב... און אים צוגעפירט צו אַ טיר.

יעקב האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגעקלאַפּט, און פאַר אים האָט זיך באַוויזן זיין מוטער אין די מיטעלע יאָרן, מיט פאַרוויינטע אויגן... זי איז געשטאַנען ווי געליימט און געקוקט אויף אים.

— יעקב — האָט פון דער שוועסטערס האַלדז אַרויסגעשריגן זייער מוטערס קול.

זיי האָבן זיך צעקושט, געלאַכט און געוויינט.

אַז מען האָט זיך באַרואיקט און געקומען צו זיך, האָט אים די פּלימעניצע צוגעטראָגן אין אַ קישן דאָס ניי־געבוירענע מיידעלע, וואָס האָט געקנייטשט דאָס רויטע פּנימל, געמאַכט פּיסקעס און, דאַכט זיך, מיט די קליינע פויסטלעך אים געגריסט.

— פעטער, דאָס איז מיין טאָכטער. מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן, שרהלע, נאָך מיין באָבען...

זי האָט אים געגעבן צו האַלטן דאָס קינד פאַר אַ ווייל.

מען האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר משפּחה, פריינט, וואָס זיינען געקומען טרייסטן דער שוועסטער. מען האָט געטרונקען וויין און זיך היימיש־יידישלעך צעגעוואונטשן, ס'האָבן זיך געמישט וואַרשעווער, ליטווישער, און אַנדערע דיאַלעקטן, וואָס האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן ווי אַ פיל־שטימיקער כאָר... שפּעטער, האָט זיין פּלימעניצע, די יונגע מאַמע, בלימעלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין אומגע־בראַכטער שוועסטער, געזונגען יידישע פאָלקס־לידער, באַגלייטנדיק זיך אויף דער פּיאַנע.

ס'האָט אויפגעלעבט די אַלטע היים, וואָס האָט זיך דאָ איבער־געפלאַנצט און אויפסניי אָנגעהויבן בליען...

דער זעלבער וויין

אהרן לערמאַן איז געשטאַנען לעבן אַ שעפל וואַסער מיט אַ שוואָם אין האַנט און געוואַשן ס׳פּענצטער פון זיין יידיש בוך־געשעפט. אַז דאָס גלאָז האָט שוין געפעכלט און די ביכער האָבן יום־טובדיק אַרויסגע־שיינט, איז ער אַריין אינעווייניק און מיט אַ טוך אָפּגעווישט דעם שטויב פון די ביכער אויף פּאָליצעס. די יידישע ביכער, וואָס זיינען געווען פאַרמישט, האָט ער מיט צערטלעכקייט סאָרטירט און צוריקגעשטעלט אויף זייער אָרט.

ער האָט פאַראיבלדיק אָפּגעזיפצט אויף די קונים, וואָס קומען ניט אַריין קויפן, נאָר קוקן, נישטערן, לייענען אַ פּאָר שורות פון אָנהייב, אַ פּאַראַגראַף אינמיטן. טוען אַ קוק אויפן סוף און שטעלן ניט צוריק אַוועק דאָס בוך, פון וואַנען זיי האָבן עס גענומען. ניט איין מאָל טרעפט ער אַ „מיסטעריעזע געשיכטע״, וואָס רייצט צו סעקס און מאָרד, אַריינ־געשטופּט צווישן מענדעלען און פּרצן... די פאַרב טוט אים אַ שלאָג אין פּנים אַריין, ער כאַפּט שנעל אַרויס דאָ „אומריינקייט״ און שטעלט עס אַוועק אין דער „שונד־גאַלעריע״, ווי ער רופט דעם אָפּטייל פון דעם סאָרט ליטעראַטור, וואָס ער האָט לאַנג געקעמפט ניט צו אַריינ־צונעמען און צום סוף געמוזט נאָכגעבן, אָניט, ווען ער האַלט זיך נאָר מיט די יידישע ביכער וואָלט ער שוין לאַנג געשטאַנען אין גאַס מיט זיי...

ער האָט אויך געמוזט אַריינגעמען אַ ביסל רעליגיעזע סחורה: מזוזות, תפילין, בענטש־לייכטער און „קאָסטאָם־דזשועלערי״ — געמוזט ווייל ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן באָדן אין חובות, אָפּגערעדט פון עסן, אַ שוך, אַ קלייד.

אהרן איז אַן ענטוזיאַסטישער לייענער פון דער יידישער ליטעראַ־טור. ער לייענט אויך אַ צוויי־דריי אַנדערע שפּראַכן, מיט יידיש איז ער אָבער צוזאַמענגעוועבט ווי אַ גוף מיט אַ נשמה. ער איז אין אַלגעמיין אַ גרויסער לייענער. דאָס געדרוקטע וואָרט איז פאַר אים לופט, מיט וואָס ער אָטעמט. ער עסט און לייענט. גייט אין גאַס און לייענט און

שפּעט ביינאַכט ווערט ער אַנטשלאָפן מיט אַ בוך אין האַנט. ווען אים איז געפאַלן דער אויסדרוק: „אַ טאַלאַנטפולער לייענער"... אַזוי ווי צווישן שרייבער שיינען אַרויס די טאַלאַנטפולע, אַזוי שיינען אויך אַרויס לייענער... די שוואַרצע בוכשטאַבן ציען אים אַריין ווי אַ פונק צום פייער. ער איז גייסטיק צוזאַמענגעוועבט מיט זיינע באַליבטע שרייבער, ווי ער האָט וואָלט געהאַט אַ טייל אין זייער שאַפן. ניט איין שרייבער, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי לעשן, האָט ער דערמוטיקט און אים צוריק אָנגעצונדן מיט זיין באַגייסטערטן לויב, און ס'איז ניט אמת, אַז ער „שלינגט ביכער": ער לייענט אַ ווערק זייער געלאַסן; דערהויבענע שטעלן — אַזוי ווי מען זופט טראָפּנווייז טייערן וויין, וואָס איז אַ שאָד אַראָפּצושלינגען: וועט ניט איבערפּען אַ וואָרט, ווייל אַ וואָרט איז הייליק, אַ וואָרט איז אַ רינג וואָס האַלט צוזאַמען די קייט...

קומט אַריין עמעצער קויפן אַ מזוזה, אַ פּאָר אויערינגלעך, צי אַ בראָשקע און לאָזט זיך רעדן וועגן אַ יידיש בוך, ווערט ער צעצונדן, צעפלאַטערט, טאַנצט אונטער פון איין פּאַליצע צו דער צווייטער, און פאַרזיכערט מיט אַ ציטער אין קול:

— דאָס בוך וועט איך פאַרשאַפן אַ הויכן געניוס. ביי אַנדערע פעלקער וואָלט מען אַזאַ בוך צעכאַפּט, ס'וואָלט אַרויס אין אַ סך אויפלאַגעס, און דער שרייבער וואָלט רייך געוואָרן. דאָס איז אַ בוך — — —

נאָר אַז דער קונה הערט זיך ניט איין צו אים, קוקט אויפן האַנט־זייגער, בלייבט אהרן שטיין אַ פאַרשעמטער, זיין קול הייבט זיך אָן לעשן, ער ציט אָפּ דעם אָטעם, און אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן צער. טרעפט אָבער, אַז אַ ייד קויפט יאָ אַ יידיש בוך, לויכטן זיינע אויגן. דאָס איז ביי אים אַ גרויסער מאָמענט, און ס'טוט אים וויי, וואָס דער שרייבער פון ווערק איז ניטאָ דערביי... ער וויקלט־איין דאָס בוך מיט ציטערדיקע הענט און ווען ער שעמט זיך ניט, צעקושט ער זיך מיטן קויפער. ער איז אַזוי אויפגעברויזט, אַז די צונג לייגט זיך אים גאָרניט צו זאָגן וויפל דאָס יידישע בוך קאָסט... דער קונה מוז אים דערמאָנען, ער זאָל נעמען באַצאָלט.

די זון שיינט העל אַריין אין בוך־געשעפט און צעשיט בריליאַנטענע פונקען איבער די ביכער. פאַרן פענצטער לויפן פאַרביי פאַרהאַוועטע יידן. פון קעגנאיבערדיקן מוזיק־געשעפט טראָגן זיך קלאַנגען פון דזשאַז. די פויק און די טאַץ גיבן דעם הויפּט־טאָן און רייצן די פיס פון אַ ביסל יונגוואַרג, וואָס קלעפּן דאָרט אַרום.

אַז אַהרן איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ בוך לידער, האָט ער דערהערט

עמעצן ביי דער טיר. אַ קונה! האָט ער זיך דערפרייט. נאָר דאָס איז געווען דער יידישער שרייבער שלום שטיינגלאס. אין דער אָפענער טיר האָט אַ ווינטל געגלעט זיינע גרויע, זיידענע האָר. אהרן האָט זיך מיט אים דערפרייט: שלום איז זיין באַליבטער שרייבער. ער האָט געענטפערט אויף זיין „גוטמאָרגן" — אַ גוטמאָרגן, אַ גוט יאָר אייך, ר' שלום שטיינגלאס, — ער האָט אויפגעלויכטן ווי אַ חסיד, וואָס דערזעט זיין רבין, און ער ווישט־אָפּ אַ שטול:

— זיצט, איך בעט אייך. טאַקע זייער גוט, וואָס איר זייט געקומען. זייענדיק אַליין אין געשעפט, באַפאַלט אַמאָל אַ מרה־שחורה. איז, זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי גייט עס מיט אייער נייַ בוך?

— שלעכט. — טוט שלום אַ זיפץ און שפּיליעט־אויף דאָס רעקל, ווישט דעם שוויס פון צעקאַרבטן שטערן, ווי ער וואָלט מיד געווען פון קלעטערן אַ לאַנגן וועג באַרג אַרויף.

— וואָס איז? — וואונדערט זיך אהרן. — דאַכט זיך, איר גיט ניט אַרויס דאָס ערשטע בוך.

— שטענדיק די זעלבע צרות: דעם באַלעבאָס פון דער דרוקעריי ליגט נאָר איין זאַך אינזינען — געלט... און דער זעצער, דווקא אַ וואוילער בחור, האַקט גרייזן. די זעצער, לאָמיר אייך זאָגן, זיינען גזלנים... אַך, אַך, וואו נעמט מען כוחות אויסצוהאַלטן פון זיי!

— מילא, דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה, — טרייסט אים אהרן — און אַז מען וויל, זיינען די זעצער אויך ניט אינגאַנצן שולדיק. ס'איז „האַרי־אַפּ". מען יאָגט: פּראָדוקציע!... לויפן זיי נעבעך, און אַז מען לויפט — פאַלט מען.

— יאָ, אָבער אַ ביסל יושר! זיי קוילען דאָך מיר אַוועק דאָס בוך! אַריינגעקומען היינט אינדערפרי אין דער דרוקעריי און דערזען, וואָס דער בחור האָט דאָרט „פאַרפאַסט", איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן! ס'הייסט נעמען און פאַרגיסן יענעמס בלוט?! איך דערקען דאָך ניט וואָס איך האָב געשריבן: דאָ אַראָפּגענומען, דאָרט צוגעלייגט... פאַר־דרייט, פאַרפּלאָנטערט, ס'איז דאָך שרעקלעך! אַז איך בין געקומען צו זיך און אָנגעהויבן אויסגלייכן, אַרויסקריגן מיין אָריגינאַל, צעשרייט זיך נאָך דער באַלעבאָס, אַז איך שטעל אים בדלות, אַז זאַץ איז מיט גאָלד צוגלייך און איך מאַך צופיל קאָליע. איר הערט? איך מאַך קאָליע! און איך וועל אים נאָך אַרויסטרייבן פון די ביזנעס. — אַ חוצפה פון אַ יידן אַזוי צו שרייען אויף מיר...

— פונדעסטוועגן, וועט איר זען, אַז ס׳וועט אַרויסקומען אַ גוט בוך, — טרייסט אים אהרן.

— הלוואי, פון אייער מויל אין גאָטס אויערן! — זאָגט שלום און פאַרקוקט זיך אויף די פּאָליצעס מיט יידישע ביכער, וואָס רירן זיך ניט פון אָרט, ניטאָ אפילו קיין שפּאַרע צווישן זיי... שטייען צוזאַמענגעדריקט, ווי זיי וואָלטן זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע אין אַ שטורעם, וואָס פאַרמעסט זיך זיי אומצוברענגען... זיין שטערן פאַרכמאַרעט זיך פון טונקעלע, דראָענדיקע געדאַנקען, וואָס ער פּרוּווט פאַרטרייבן בייטנדיק די טעמע:

— זאָגט־זשע מיר, אהרן טייערער, ווי גייט עס אייך אין געשעפט?

— ווען ניט די זייטיקע זאַכן, וואָס איך האָב אַריינגענומען, און ווען ניט מיין פּרוי׳ פּייגעלע, וואָס איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל, וואָלט איך שוין לאַנג געשטאַנען אין גאַס מיט דער יידישער ליטעראַטור.

— אַזוי?! — באַדויערט שלום און קוקט אין אהרנס אויגן אַריין, וואו עס לויכט דער אָפּשיין פון הונדערטער גוטע ביכער, דורות יידישע געשיכטע, אינקוויזיציע־קאַמערן... עקשנות און שטאָלענער ווילן... דאָס איז, טראַכט שלום, אַ יורש פון אונדזערע אור־זיידעס, וואָס זיינען אין פייער ניט פאַרברענט געוואָרן, און וואויל איז דעם יידישן שרייבער, וואָס האָט נאָך אַזעלכע לייענער. זיי זיינען אָבער צו־ווייניק.

— איך וויל אייך בעטן טרינקען מיט מיר אַ טעפּל קאַווע, — זאָגט אהרן ניט דרייסט.

— וואָס עפּעס קאַווע אינמיטן דרינען?

אהרן איז אָבער צוגעשטאַנען, שטאַרק געבעטן, און שלום האָט קיין האַרץ ניט געהאַט אָפּצוזאָגן.

הינטער דער קראָם זיינען געשטאַנען ניט־געעפנטע שטויסן יידישע ביכער, קאַסטנס, קעסטלעך, און פאַרשיידענע קופּעס פאַרשטויבטע זשורנאַלן.

אַנגיסנדיק קאַווע, האָט אהרנס האַנט געציטערט פון פריידיקער באַ־רוישונג, וואָס ער איז אַזוי נאָענט, אַזוי אינטים מיטן באַרימטן שרייבער. זיפּנדיק מעכאַניש די קאַווע, האָט שלום גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן שרייבער אין אַלגעמיין, און וועגן יידישן המשך. אַז עמעצער האָט גע־עפנט די טיר פון געשעפט, האָט זיך אַהרן געטאָן אַ כאַפּ, האַסטיק זיך אויפגעשטעלט, איבעררייסנדיק אַ געדאַנק, וואָס שלום האָט געהאַלטן אין אַרויסברענגען...

— העלאָ! — האָט ער באַגריסט דעם קונה, — מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— איך וויל אַ פּאָר „טווילים״ פאַר מיין „באָי״, וואָס גייט ווערן „וואַטשעמעקאָליט״, „בעמיצווע״. דער „ראַבאַי״ „טיטשט״ אים אַ „ספּיטש״; ער קען שוין באַלד אַ העלפט פון אויסנווייניק — האָט געזאָגט די מאַמע אויף איר פאַרגרייזט לשון און אַנגעוויזן אויפן זון, וואָס דער דזשאַז פון קעגנאיבערדיקן מוזיק־געשעפט האָט ניט געלאָזט איינרוען זיינע פיס.

נאָך דער מאַמען מיטן זון איז אַריינגעקומען אַ פּאָר־פאָלק קויפן אַ מזוזה און בענטש־לייכטער. אהרן האָט געפּרואווט רעדן צו זיי וועגן קויפן אַ יידיש בוך, פון אַ באַרימטן יידישן שרייבער, נאָר זיי האָבן אים פאַר־זיכערט, אַז זיי קומט אָן זייער שווער צו לייענען יידיש, כאָטש דער יונ־גערמאַן האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען אין „היברו״, נאָר ס׳איז שוין אַזוי פיל יאָרן אַוועק.

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער איז שלומס בוך אַרויס פון דרוק. זיין „בוך־קאָמיטעט״ האָט געפּראַוועט אַ פייערלעכן באַנקעט. אהרן האָט גע־נומען פאַר זיין געשעפט צוואַנציק ביכער. צען האָט ער אַרויסגעשטעלט אין שוי־פענצטער, און צען אויף די פּאָליצעס, און ער האָט אָנגעהויבן וואַרטן זיי זאָלן זיך פאַרקויפן. שלום האָט זיך ניט באַוויזן אין געשעפט. ווייזט אויס, ער האָט אויך געוואַרט אויפן פאַרקויף פון די ביכער. אַז ער איז ענדלעך אַריינגעקומען, האָט אים אהרן פייערלעך באַגעגנט און נאָך אַ וואַרעמען שמועס, לויבנדיק הויך דאָס בוך, האָט ער אַרויסגענומען פופצן דאָלער פון „רעדזשיסטער״ און אים דערלאַנגט. שלומס האַרץ האָט פריי־דיק אַ קלאַפּ געטאָן: „די ביכער פאַרקויפן זיך״. נאָר אַז ער האָט גע־וואָרפן אַ בליק אויף די פּאָליצעס און אין פענצטער, האָט ער אויף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן:

— פאַרוואָס גיט איר מיר געלט?

— פאַר די ביכער.

— איר האָט דאָך נאָך גאָרניט פאַרקויפט.

— וועל איך פאַרקויפן.

— וועט איר מיר דעמאָלט באַצאָלן!

— די פופצן דאָלער זיינען אָן אַדערויף — איר מוזט מיר מוחל זיין, איר האַנדלט ניט מעשה סוחר.

— איך בין ניט קיין סוחר.

— אין ביזנעס פּירט זיך — — —

— איך בין ניט אין קיין ביזנעס! געהערט? אַ ייד וואַרפט מיט געלט, לייגט דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן. ניט אומזיסט זייט איר נאָך אַלץ אַ קבצן — האָט נאָך קיין איין בוך ניט פאַרקויפט, און צעצאָלט זיך שוין!

— איך פאַרזיכער אייך, אַז ס׳וועט זיך פאַרקויפן, — איז אהרן צוגעשטאַנען מיט געבעט און געבייזער, ביז שלום האָט מער קיין כוח ניט געהאַט זיך צו ווערן, געלאָזט אַריינשפּאַרן אין זיין האַנט דאָס געלט און געווישט דעם שוויס פון שטערן, געזאָגט, אַז ער איז מיד, האָט אַ שטיקל קאָפּ־ווייטיק און מוז אַהיים גיין זיך אויסרוען.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט אהרן פאַרקויפט עטלעכע ענגלישע נאָוועלן פון פּאָפּולערן סאָרט, צווישן ליטעראַטור און שונד, און עטלעכע „מיסטעריע־ביכלעך" מיט בילדער פון טיף־דעקאָלטירטע בלאָנדע פרויען. דער קלאַנג פון „רעדזשיסטער" האָט געגרילצט אין זיינע אויערן, ווי דאָס קוויטשיק־פאַרכלינעטע געלעכטער פון אַ שד. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס געלט פון דעם סאָרט סחורה קלעפּט זיך צו זיינע פינגער, לאָזט איבער פלעקן, וואָס גראָבן זיך אַריין אין דער הויט און פאַרסמען זיין בלוט.

ער האָט דערנאָך נאָכגעקוקט די פאַרבייגייענדיקע, איילנדיקע יידן, און אַז עמעצער האָט זיך שוין יאָ אָפּגעשטעלט אַריינקוקן אין שוי־פענצטער, האָט ער געבעטן אין האַרץ זיין בליק זאָל פאַלן אויף שלומס ביכער. עלטערע יידן האָבן אָנגעשטרענגט די פרומע אויגן צו לייענען די „קעפּלעך" פון רעליגיעזע ספרים; פרויען האָבן באַטראַכט די אויערינגלעך און בראָשקעס. אויף די יידישע ביכער האָט מען זיך ניט אומגעקוקט.

ער האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט אין געשעפט. די לופט איז געווען פייכט, קלעפּיק. אין הימל האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען וואָלקנס, געוואָרן געדיכטער און טונקעלער. טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף די שויבן. מענטשן האָבן אין גאַס גענומען לויפן, ווי די בליצן און דונערן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָפּהילכן וואָלטן זיך געיאָגט נאָך זיי. ס׳איז געוואָרן פינצטער. דער רעגן האָט אָנגעהויבן פּלייצן. אין די געשעפטן האָט מען אָנגעצונדן ליכט. די גאַס איז געשוואומען אין וואַסער.

ס׳האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר, און דער יידישער אַקטיאָר מענדל בירנבוים איז אַריינגעלאָפן אַ טריפנדיקער.

— אַ גאַסט! — האָט אים אהרן באַגריסט. — איר זייט דאָך אינגאַנצן אויסגעווייקט. טוט אויס דאָס רעקל, איר וועט זיך נאָך פאַרקילן.

— ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן! — האָט מענדל געזאָגט. — ווען

איך בין אַרויס פון הויז, האָט די זון העל געשײַנט, אַז כ'האָב געמוזט אָנטאָן טונקעלע ברילן. פּלוצלונג ווערט פינצטער און ס'לאָזט זיך אַראָפּ אַ מבול, בין קוים דערלאָפן צו אייער געשעפט און זיך אַרײַנגעכאַפּט ווי אין נחס תיבה, — ער האָט זיך געווישט דאָס נאַסע פּנים, אָפּגעצויגן דעם אָטעם, וואָס איז אים פאַרכאַפּט געוואָרן פון לויפן און ביסלעכווײַז אָנגעהויבן קומען צו זיך.

— זיצט, רוט זיך אָפּ.

— ווען ס'ווערט מיר גרוי אויף דער נשמה, — האָט מענדל בירנבוים געזאָגט, — טראַכט איך, מען דאַרף זיך אַרײַנכאַפּן צו אהרנען אין בוד־געשעפט. דאָ, ביי אייך, הערט מען נאָך אַ גוט יידיש וואָרט, מען טרעפט אַ שרייבער, אַן אַקטיאָר, אַ גוטן יידישן לייענער. מען דערמאָנט זיך, ווען דאָס יידישע טעאַטער האָט נאָך געבליט. יונגע יידן זײַנען געשטאַנען אין דער ריי פאַר דער קאַסע צו קויפן בילעטן, געשלאָגן זיך אין אַ הייליקער מלחמה פאַר זייערע באַליבטע „סטאַרס". די זעלבע יידן האָבן נאָך דערמאָלט געלייענט מיט ברען יידישע ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן. וואו נעמט מען יענע יאָרן ? — האָט ער דראַמאַטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אין אַ סצענע פון „יידישן קעניג ליר", וואָס ער האָט אַמאָל געשפּילט מיט גרויס דער־פאָלג. יענע שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן קלינגען אים נאָך איצט אין די אויערן, ווי די צויבערלעכסטע מוזיק, און וואַרעמען אים אין זיין קאַלט איינזאַם לעבן אויף די עלטערע יאָרן.

— יאָ, געווען אַ שיינע צייט, — האָט אהרן פאַרבענקט צוגעגעבן.

— אָט בין איך נאַר־וואָס פאַרבייגעגאַנגען דאָס געוועזענע יידישע קונסט־טעאַטער, וואו מען האָט אַמאָל אויפגעפירט קינסטלערישע פאַר־שטעלונגען פון יידישן און וועלט־רעפּערטואַר. ענגלישע קריטיקער האָבן געהייסן זייערע אַקטיאָרן גיין זיך לערנען שפּילן טעאַטער ביי אונדז. איצט ווייזט מען דאָרט „מואוויס": אַ „קאָו־באָי" מיט צווי רעוואָלווערן אין די הענט, און אַ בלאָנדע ליאַלקע פאַרנעמען אונדזער אָרט.

— אָט גייט די יידישע פּאָעזיע! — האָט אהרן באַגריסט פעליגמאַנען, דעם יידישן דיכטער, וואָס האָט געעפנט די טיר. ער האָט אים באַקענט מיט בירנבוימען.

ס'איז פאַר מיר אַ כבוד זיך צו באַקענען מיט אַ יידישן דיכטער, — האָט מענדל אים באַגריסט.

— און פאַר מיר איז אַ כבוד צו דריקן די האַנט פון גרויסן יידישן אַקטיאָר מענדל בירנבוים. ניט איין מאָל האָב איך אייך פייערדיק אַפּלאָ־

דירט פון דער גאַלעריע. אַקטיאָרן האָבן מיר געהאַט גוטע, און מיר האָבן זיי נאָך איצט אויך, נאָר דאָס יידישע טעאַטער אין אַלגעמיין איז געבליבן הינטערשטעליק לגבי דער יידישער ליטעראַטור, — האָט פעליגמאַן אויפ־געהויבן זיין אַלטע טענה.

בירנבוים האָט געטאָן אַ פאַרשנדיקן קוק אויף אים. עפּעס האָט ער ניט אויסגעזען ווי אַ פּאָעט. אַ פליישיק פּנים און גרוילעכע וואָנצעס, קאַלטע אויגן. אַז אַזעלכער זאָגט אייך, ער איז אַ פּאָעט, דאַרף מען אים גלויבן אויפן וואָרט...

— איר זאָגט, אַז דאָס טעאַטער איז געבליבן הינטערשטעליק לגבי דער יידישער ליטעראַטור? ס׳וועגדט זיך וועלכע יידישע ליטעראַטור? פאַראַן ביי אונדז געגוג שונד־שרייבער אַזוי גוט ווי שונד־שפּילער.

— שונד איז אומפאַרמיידלעך, ווייל אין אַזאַ וועלט לעבן מיר, — האָט זיך אהרן אַריינגעמישט, — די פּראָבלעם איז: ווי אַזוי דערהאַלטן מיר כאָטש דאָס וואָס מיר האָבן, ווי אַזוי פאַרזיכערן מיר דעם מאָרגן. וואָס וועט ווערן פון די טייערע, גוטע יידישע ביכער, וואָס שטייען ביי מיר אויף דער פּאָליצע?

— מען וועט זיי לייענען — אויף ענגליש... — האָט פעליגמאַן רואיק געזאָגט.

— וואָס הייסט, מען וועט זיי לייענען אויף ענגליש? — איז אהרן אויפגעבראָכן געוואָרן. — איר, אַ יידישער פּאָעט זאָלט זיך דאָס אַזוי גלייכ־גילטיק אַ זאָג טאָן! מ׳וועט זיי לייענען אויף ענגליש!! אויס יידיש לשון?!

— דאָ אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג.— יידיש — יאָ, נאָר אויף ענגליש. די יוגנט לייענט ניט און וועט קיין יידיש ניט לייענען, און צוליב דער קרוג דאַרף מען ניט אויסגיסן דעם וויין.

ס׳האָט זיך צעוואָרעמט אַ שמועס וועגן המשך. מענדל בירנבוים איז מסכים געווען מיט פעליגמאַנען. אהרן האָט געהאַלטן, אַז עס קען ניט זיין קיין געזונטע יידישע ליטעראַטור אויף ענגליש, אַז עס וועט זיין אַ פאַר־זעעניש. פעליגמאַן איז ווידער באַשטאַנען, אַז מען דאַרף אָפּראַטעווען, „איבערגיסן״ דעם „וויין״ אין אַן אַנדער כלי:

— מען שרייבט שוין און מען וועט שרייבן יידיש אויף ענגליש; אין ישראל שרייבט מען יידיש אויף העברייאיש...

אַז דער אַקטיאָר מיטן דיכטער זיינען אַוועק, האָט נאָך אַ שטיק צייט געזשעט אין אהרנס קאָפּ: יידיש, העברייאיש, ענגליש...

ס׳האָט אויפגעהערט רעגענען. די זון איז ווידער אַרויסגעקומען אַ שײַנענדיקע. פֿאַרבײַגייער האָבן שמײכלענדיק פֿאַרריסן די קעפּ צום הימל.

שלומס בוך האָט זיך ניט פֿאַרקויפֿט. אהרנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי קוקן אַרויס פֿון פֿענצטער מיט אַ שטומען פֿאַראיבל אויף די פֿאַרבײַגייענדיקע יידן, וואָס ווילן זיך ניט אָפּשטעלן אפילו אַ קוק טאָן אויף זיי. שלום האָט זיך ניט געוויזן אין געשעפֿט אַריין, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויסצוגעפֿינען דעם אמת וועגן פֿאַרקויף פֿון די ביכער. איין מאָל האָט זיך אהרנען אויסגעוויזן, אַז שלום איז שנעל פֿאַרבײַגעגאַנגען, וואַרפֿנדיק אַ בליק אויפֿן שויפֿענצטער, און איז ניט געוואָרן... ער שעמט זיך אוודאי אַרײַנצוקומען...

ביז אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן האָט אהרן אַרויסגענומען זעקס ביכער פֿון פֿענצטער און זיי באַהאַלטן אין אַ קעסטל הינטערן געשעפֿט... אַז שלום איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און געזען, ס׳פֿעלן זעקס ביכער, האָבן זיינע אויגן אויפֿגעלויכטן. זיין פּלייצע האָט זיך אַ ביסל אויסגעגלייכט, און ער האָט ברייט געעפֿנט די טיר.

— אַ גוט מאָרגן אײַך, ר׳ שלום! — האָט אים אהרן פֿריילעך באַגריסט.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר! — האָט שלום אויפֿגעלייגט געענטפֿערט.

— וואָס הערט זיך עפּעס, ווי גייט עס?

— גוט, דאָס אייז הייבט זיך אָן ברעכן, כ׳האָב שוין פֿאַרקויפֿט זעקס ביכער אייערע...

— מילא, בעסער ווי גאָרניט.

— דאָס איז בלויז אָן אָנהייב, — האָט אים אהרן פֿאַרזיכערט, — אַז מען האָט נאָר אָנגעהויבן קויפֿן, וועט שוין איינער אָנזאָגן דעם אַנדערן.

— קאָן זיין — האָט שלום געווישט דעם שווייס פֿון שטערן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שלום „פֿאַרקויפֿט" נאָך פֿינף ביכער...

— מען האָט אָנגעהויבן קויפֿן! — האָט אהרן צופֿרידן געמעלדן שלומען, ווען ער האָט זיך ווידער באַוויזן. — דאָס יידישע בוך גייט נאָך ניט אונטער. דער עיקר איז שאַפֿן, שאַפֿן! און אויב מען לייענט ווייניק יידיש, וועט מען לייענען יידיש אויף ענגליש... מען זעצט איצט איבער אַ סך יידישע ביכער אויף אַנדערע שפּראַכן.

— וואָס עפּעס יידיש אויף ענגליש? — האָט שלום אַ שאַרפֿן קוק געטאָן אויף אים.

— איך מיין, אויב חלילה אַמאָל, אין דער צוקונפֿט, ווי די פּעסימיסטן

סטראַשען אונדז, אַז ס׳וועלן בלייבן גאָר ווייניק יידישע לייענער, וועט מען איבערזעצן, ווי מען גיסט איבער וויין אין אַ צווייטער כלי...

ער האָט אַ פריילעכן קלינג געטאָן מיטן „רעדזשיסטער״ און באַצאָלט שלומען פאַר די „פאַרקויפטע״ ביכער...

עס זיינען אָנגעקומען די „פּאַרכטיקע טעג״. קילע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן. יידן האָבן זיך דערמאָנט אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און זיך אַ לאָז געטאָן קויפן רעליגיעזע ספרים, מזוזות, בענטש־לייכטער. אהרנס „רעדזשיסטער״ האָט אויך פריילעך געקלונגען ווי אין אַנדערע געשעפטן אַרום אים, און ער האָט געטראַכט: עס גייט צו ווינטער, שלום טראָגט אַן אַלטן מאַנטל — שלום דאַרף אַ סך זאַכן.

אין אַ קאַלטן גרויען טאָג, ווען אין דער לופט האָבן אָנגעהויבן שוועבן די ערשטע קליינע שנייעלעך, האָט אהרן אַן עפן געטאָן דעם „רעדזשיסטער״ און געזאָגט צו שלומען:

— נו, איצט צעצאָלן מיר זיך!

— וואָס איז די איילעניש? איר אַנטלויפט שוין?

— פאַרוואָס האַלטן אייער געלט, אַז איך האָב שוין פאַרקויפט די ביכער און דאַרף אַריינגעמען נייע? וועל איך אייך באַצאָלן, וואָס עס קומט אייך, און לאָמיר אויסטרינקען אַ גלעזל וויין.

— וואָס עפּעס וויין?

— מען דאַרף באַגיסן...

זיי זיינען אַריין אין טונקעלען צימער הינטערן געשעפט. זוכנדיק בלינד מיט דער האַנט דאָס עלעקטרישע קנעפּל אין דער וואַנט, צו מאַכן ליכטיק, האָט אהרן עפּעס פאַרטשעפּעט מיטן עלנבויגן, און פון אַ קעסטל האָבן אָנגעהויבן אַרויספאַלן שלומס ביכער... ער האָט געוואָלט צוריק פינצטער מאַכן... נאָר שלום האָט אים ניט געלאָזט: — מען דאַרף ניט. זאָל זיין ליכטיק. עס מאַכט ניט... איר האָט אודאי געמיינט גוט, נאָר פונדעסטוועגן... — ער האָט ניט פאַרענדיקט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן און געווישט דעם שווייס פון פּנים. אהרן האָט ניט געוואוסט וואו די אויגן אַהינצוטאָן, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געשוויגן.

און פון קעגנאיבערדיקן מוזיק־געשעפט האָבן זיך געטראָגן גרילצנדיקע טענער פון צעהיצטן דזשאַז, די טאַץ האָט געדזשימדזשעט און די פּויק האָט צוגעקלאַפּט.

עטלעכע טעג איז שלום אַרומגעגאַנגען אין אַ געדריקטער שטימונג.

ווער האָט זיך געריכט, אַז דער גוטער, שטילער אהרן, זיין געטרייער חסיד, זאָל אים אַזוי אָפּטאָן ?... ער האָט דאָך אים אָפּגענאַרט, באַליידיקט, און דאָס געלט וואָס ער האָט אים געגעבן פאַר די ניט־פאַרקויפטע ביכער האָט ער דאָך שוין אויסגעגעבן און געבליבן אַ בעל־חוב. נאַר, צוריקגערעדט, וואָס האָט ער צו אים ? יענער פאַכעט מיט דער נשמה פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור, איז אַ זעלטענער, טאַקע ווי מען זאָגט, אַ טאַלאַנטפולער לייענער, וואָלט זיך געלאָזט שניידן פאַרן יידישן וואָרט. איי, די מעשה מיט די ניט־פאַרקויפטע ביכער ? האָט ער דאָך אָבער געמיינט גוט, און ווי פאַרשולדיקט און אומגליקלעך ער איז געבליבן שטיין, ווען די ביכער האָבן אָנגעהויבן אַרויספאַלן פון קעסטל. ער וועט דאַרפן פונדעסטוועגן צוגיין צו אים, ניט איבעררייסן די פריינטשאַפט.

שלום האָט זיך אַרומגעדרייט אינדערהיים ווי אַ פאַרלוירענער. זינט זיין ווייב איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן, האָט דאָס הויז אויסגע־קוקט גרוי און ליידיק, אפילו ווען די זון האָט געשיינט. ס׳איז אים געווען קאַלט. ער האָט געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט. דער ווינטער איז שוין אויף דער שוועל און דער ווירט פון הויז דערמאָנט זיך נאָך אַלץ ניט צו געבן אַ ביסל „סטים״ ער האָט געשפּאַנט הין־און־צוריק זיך צו דערוואַרעמען. אַז ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַאַרבעטן, „שלייפן״ אַ מאַנוסקריפּט.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען.

— העלאָ, ווער רעדט ? אָה, דאָס ביסטו רחלע ? — האָט ער זיך דער־פרייט, — וואָס הערט זיך, וואָס מאַכסטו ? וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס, טאָכטער מיינע ?

— איך האָב שוין גאָר וואָס צו זאָגן !

— דהיינו ?

— איך האָב פאַר דיר אַ סורפּריז !

— וואָס פאַר אַ סורפּריז ?

— דאָס זאָגט מען ניט אויס. וועסט זיך דערוויסן, אַז דו וועסט קומען היינט ביינאַכט צו אונדז אויף וועטשערע. איך גרייט־צו אַ מאָלצייט אַזוי ווי דו האָסט ליב, ווי די מאַמע אַליין האָט עס געקאָכט.

— אַז איך הער דיין קול, רחלע, ווייזט זיך מיר טאַקע אויס, אַז די מאַמע רעדט...

— אוודאי, איך בין דאָך עפּעס איר טאָכטער... זאָגסטו מיר צו צו קומען היינט ביינאַכט ? אַלע וועלן וואַרטן אויף דיר.

— פאַרוואָס עפּעס וועלן דאָס מאָל אַלע וואַרטן אויף מיר?
— איך קען דיר ניט אויסזאָגן, ס'איז אַ סורפּריז. וועסטו קומען?
—אוודאי וועל איך קומען.

מיט אַ שייַנענדיק פּנים האָט ער אָוועקגעלייגט דעם טעלעפאָן. פון זייַנע דריי טעכטער איז רחל די עלטסטע די באַליבטסטע ביי אים. זינט זיין פרוי איז געשטאָרבן, איז זי אים געוואָרן נאָך ליבער און נענטער, ווי זי וואָלט טיילווייז פאַרטראָטן דער מאַמען. זיין פרוי איז טאַקע געשטאָרבן, נאָר דאָס מיידל מיט וועמען ער האָט אין די יונגע יאָרן געפירט אַ ליבע איז געבליבן אין דער טאָכטער... ער האָט זי טאַקע גערופן „מאַמעלע" און „געליבטע". איר הויז איז פון צייט צו צייט געווען זיין אָאַזיס, וואו ער האָט זיך אָפּגעפרישט פון דער מדברדיקער וועלט, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. זי, די עלטסטע, האָט זיך אים נאָך איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון דער אַסימי־לאַציע. ער האָט נאָך דעמאָלט באַוויזן צו מאַכן פון איר אַ לערערין אין אַ יידישער קינדער־שול. זי האָט שוין אָבער פון לאַנג אויפגעגעבן דאָס לע־רעריי, נאָר זי איז טעטיק אין יידישע קולטור־קרייזן און איז שטאָלץ מיטן טאַטן, דעם יידישן שריפטשטעלער.

געקומען צו דער טאָכטער, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ קליינע פאַר־זאַמלונג. אויפן גרויסן געדעקטן טיש — בלומען. די פּנימער — יום־טוב־דיקע. ס'איז דאָרט אויך געווען זיין צווייטע טאָכטער מיטן מאַן און זייער זון על, אַן אוניווערסיטעט־סטודענט, וואָס שלום האָט אים זעלטן אָנגעזען. דער איז געווען פון אים זייער דערווייטערט. שטאַרק „אַמעריקאַניזירט". אַ וואונדער, דער ווילד־פרעמדער זאָל פּלוצלונג קומען צום סורפּריז, וואָס מען מאַכט פאַרן זיידן, דעם יידישן שרייבער, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין וואָרט זיינס ניט געלייענט. און ער קוקט אויף אים מיט לויכטנדיקע אויגן און רעספּעקט, ווי ער וואָלט אים נאָר־וואָס אַנטדעקט. וואָס איז דאָ געשען? האָט זיך שלום געוואונדערט.

פאַרן עסן האָט מען געטרונקען לחיים.

רחל האָט אויפגעהויבן איר גלעזל און אויסגערופן:

— אַ טאוסט! מיר זיינען זיך היינט צוזאַמענגעקומען באַגריסן דעם באַליבטן שרייבער שלום שטיינגלאַס, וואָס זיינע ווערק הייבן־אָן איבערגע־זעצט ווערן אין ענגליש. ס'איז ענדלעך געעפנט געוואָרן אַ טיר פאַר זיי אין דער ברייטער וועלט אַריין.

שלום האָט צעטומלט געקוקט אויף דער טאָכטער: וואָס רעדט זי? וואָס פּלאַפּלט זי, דאָס מאַמעלע זיינס?...

— דאָס האָב איך אָן זיין וויסן איבערגעזעצט עטלעכע לידער זיינע, וואָס זיינען איצט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ פּראָמינענטן ענגלישן זשורנאַל. איך קלייב זיך אויך איבערזעצן זיינס אַ נאָוועלע, — און רחל האָט אַ קוק געטאָן אויף עלן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן אַרויסלייענען פון אַן ענגלישן זשורנאַל שלומס לידער.

פאַר שלומען האָט יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין אייניקלס מויל, געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק. זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן...

אַז על האָט אָפּגעלייענט האָבן אַלע הויך אַפּלאָדירט.

שלום האָט אַרומגענומען רחלען און זיך צעקושט מיט איר...

על, דאָס אייניקל, וואָס האָט אַזוי שיין פאָרגעלייענט די לידער, איז צוגעגאַנגען צו אים:

— איך בין שטאָלץ מיט דיר, זיידע. ביסט אַ גרויסער דיכטער! איך האָב דיך קיינמאָל ניט געלייענט, איך האָב דיך קיינמאָל ניט געקענט...

— ניט דיין שולד, מיין קינד, ניט דיין שולד... — און ער האָט זיך מיט אים צעקושט.

ס׳איז שוין געווען שפּעט, ווען שלום איז אַ צעוואָרעמטער, אָן אויפגעהייטערטער, אַוועק פון דער טאָכטערס הויז. די צווייטע טאָכטער מיט איר מאַן האָבן אים אין זייער אויטאָמאָביל אָפּגעפירט אַהיים. ער האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אין הויז, און אַ באַרוישטער געטראַכט פון די הונדערטער, טויזנטער, אפשר מיליאָנען מענטשן, וואָס וועלן אים איצט לייענען און אפשר באַווירקט ווערן פון זיינע עמאָציעס, געדאַנקען און אידייען. געטראַכט פון זיין אייניקל, דעם סטודענט, אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער אַמעריקאַנער יוגנט, וואָס זיין פּען וועט אים מיט זיי פאַרבינדן...

ער איז געלעגן אין בעט און לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפן. פאַרשיידענע געדאַנקען האָבן געראַשט אין זיין קאָפּ און זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן איינע אין די אַנדערע. ער איז געוואָרן מיד און שוין פאַרנעפּלט געטראַכט, פאַר־וואָס טאַקע ניט אַרויסראַטעווען די יידישע ביכער וואָס די גרויסע צאָל יידן אין אַמעריקע ווילן זיי ניט, צי קענען זיי ניט לייענען, און די מייז עסן די פאַרגעלטע בלעטער אין די קעלערס — פאַרוואָס ניט אַרויספירן זיי אויף דער ליכטיקער וועלט? דער ווייַן וועט דאָך בלייבן דער זעלבער... און לאָמיר זאָגן, אַז ביים „איבערגיסן" וועט אַ ביסל פונעם אָריגינעלן אַראָמאַט אויסגעוועבט ווערן, איז דאָך נאָך אַלץ בעסער ווי ער זאָל אויסרינען פון אַ געלעכערטער כלי...

ס׳האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, ווען ער איז איינגעשלאָפן.

איבערגעבעטן

שוין עטלעכע טעג ווי עס רעגנט. אייזיק פילט ווי דער פוילער וועטער קריכט אים אין די ביינער אַריין און פאַרוואַסערט זיין בלוט. דורך די גרויע שויבן קוקט אַריין די טונקעלע, גלאַנציקע גאַס. טאַנצנדיקע רעגן־טראָפּנס מאַכן גריבלעך אין וואַסער, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט דערקלייבן מיט זייערע זאָמען דורכן האַרטן אַספאַלט, ווי דורך אַ פאַנצער־קלייד, אין דער ערד אַריין. איילנדיקע פאַרבייגייער האַלטן די קעפּ איינגעבוירעט אין די אויפגעשטעלטע קעלנער און אַנטלויפן פון אויטאָמאָבילן, וואָס יאָגן זיך אויף זיי.

דער אומאויפהערלעכער, נודנער רעגן, דאָס גרויע טונקעלע הויז, די פאַרגלייזטע ווענט, האָבן „געאַרבעט אויף אייזיקס נערוון, געזאַמלט אין אים אַזאַ מין בייז־קרענקלעך בלוט, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער מוז דאָס אויסלאָדן פון זיך, אויפן ווייב, אויף דער וועלט, אויף עמעצן. און דאָ האָט זי אָנגעהויבן געגעצן, ברייט אויפגעריסן ס'מויל און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם געגעץ מיט אַזאַ געדרייטן ניגון, ווי מ'באַוויינט אַ טויטן. — איז אָפּגעגענעצט און אַ סוף, אָבער ניין, אַזוי גיך ווי זי פאַרענדיקט איין געגעץ, הייבט זי באַלד אָן אַ צווייטן און אַלץ מיט דעם זעלבן לוויה־ניגון, אַז טרערן שטעלן זיך איר אַזש אין די אויגן. ביז ער האָט שוין דאָס מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן: — סאָניע, ווען באַקלאָגסטו? ס'איז קיינער דאָ ניט געשטאָרבן, געהערט אַ מין געגעצן!...

— וואָס זאָגט מען ניט צו אים?! ס'געפעלט אים ניט ווי איך געגעץ, אפשר זאָל איך שוין אויפהערן צו אָטעמען אויך?!

— אַ מענטש טוט אַ געגעץ, אָבער כסדר, כסדר, האַלטן אין איין געגעצן אָן אַן אויפהער, און מיט אַזאַ מין באַקלאָגעניש, אַז ס'ווערט שווער צו הערן!

— פאַרשטאָפּט מען זיך די אויערן! — אַ נייער משוגענער, געפעלט אים ניט ווי איך געגעץ, ס'איז נאָר ניטאָ וועמען ס'זאָל לאַכן!

אייזיקן האָט אַ ברי געטאָן, וואָס זי רופט אים משוגענער. ס'האָט זיך

אָנגעהויבן: אַ וואָרט פּאַר אַ וואָרט, האָט מען אָנגעהויבן אויפמישן אַלטע קריוודעס איינער צום אַנדערן, ביז די בייזע בייסיקע רייד זיינען אויפגעשוואָלן געוואָרן אין אַ קריג מיט פּינע אויפן מויל, מיט בליציקע אויגן האָט איינער איבערגעשריגן דעם אַנדערן, ביז מען האָט געביילט פויסטן, געשוואוירן זיך, געשאָלטן, און דער רעגן האָט צוגעפּויקט אויף די שויבן און דער נאַסער ווינט האָט צוגעפּייפט. אייזיק האָט אַ צע־קאָכטער געכאַפּט דעם מאַנטל און איז אַנטלאָפן פון הויז, פאַרקלאַפּנדיק די טיר, אַזוי ווי ער וואָלט מיט דעם געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט.

אין גאַס האָט זיך אַ קלעפּ געטאָן אויף אים די פייכטע קעלט, ער האָט געפּאַטשט מיט די קאַלאָשן אין וואַסער און איילנדיק געשפּאַנט, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט ערגעץ, ער איז שנעל מיד געוואָרן, די פּיס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן. שווייס געמישט מיט רעגן איז גערונען פון זיין פּנים. די קליידער האָבן זיך אָנגעהויבן וויקלען אויף אים. גוט אַזוי, האָט ער גע־טראַכט, איצט וועט ער זיך פאַרקילן, קריגן לונגען־אָנצינדונג און שטאַרבן. דאָס איז דאָך וואָס זי וויל, אַניט וואָלט זי אים ניט געלאָזט אַרויסלויפן פון הויז אין אַזאַ וועטער. נאָך זיין טויט וועט זי זיין מער ווערט ווי ביי זיין לעבן. זי וועט קאָנען איינקאַסירן זיין „פּאָליסי", בלייבן ביים אויסגעצאָלטן הויז, וויינען און חלשן ביי דער לוויה — און דערנאָך זיך פּוצן פאַר אַנדערע מענער.

אַז דאָס העמד האָט זיך אים שוין אָנגעהויבן קלעפּן צום לייב, ווי אַ פּלאַסטער, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, פאַרקערט: וואָס וועט ער דאָ אויפ־טאָן, אַז ער וועט שטאַרבן? פאַרוואָס זאָל ער איר אָפּטרעטן דעם וועג? און וואוהין וועט ער איצט לויפן, אַז ער פּלאָנטערט שוין מיט די פּיס און די אויטאָמאָבילן יאָגן זיך נאָך אים, ווילן אים איבערפאָרן. אַז ער וועט אַהיים־קומען, באַשליסט ער, וועט ער זיך פאַרשפּאַרן אין זיין צימער, ווען זי וועט רעדן צו אים וועט ער איר ענטפערן אויף צען ווערטער איינס.

זי רופט אים משוגענער! — אים, וואָס מען דרוקט זיינע מיינונגען וועגן וועלט־זאַכן אין דער צייטונג, וואו ס'איז דאָ אַן אַפּטייל „בריוו פון לייענער", מענטשן רעספּעקטירן אים, האַלטן זיך מיט אים עצות — נעמט זי און עפּנט אויף אַזאַ מויל!

זייער ניט ווילבדיק האָט ער זיך פאַרקירעוועט אַהיים. דער רעגן האָט ווי אַ קאַלטער שפּריץ ביסלעכווייז אָפּגעקילט זיינע נערוון און ער האָט געטראַכט: אַז צוויי מענטשן זיינען ווי צוויי באַזונדערע ניגונים; ווען מען מישט זיי אויס ווערט אַ פּלאָנטער און אַ צוזאַמענשטויס. ס'איז אָבער אויך שווער צו זיין אַליין, מען קאָן גאָרניט לעבן אַליין, דערפאַר דראַף מען זען

דורכקומען צווישן זיך. ווען אַ פונק צינדט זיך אָן, זאָל מען אים ניט צע־בלאָזן, אַז אַלץ זאָל אַוועק מיטן פייער.

אַז ער איז אַריינגעקומען אין הויז האָט זי באַלד אויסגעזעצט אויף אים אַ פּאָר ווידע אויגן, וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס ער האָט פֿאַרגעסן אויסטאָן די קאַלאָשן. נו, נו. איז זי דאָס אַרויס מיט אַ מויל, ווי ער וואָלט באַגאַנגען דעם גרעסטן פֿאַרברעכן, ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט אויף אַזאַ גע־לעגנהייט, איר ספּאַזמאַטיש געגעצן, זעט אויס, איז געווען אַן אָנזאָג אויף אַ שטורעם. דער פֿאַרוואָלקנטער, בייזער הימל האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע אויגן. זי האָט געשריגן, אַז ער פֿאַרשמוצט דאָס גאַנצע הויז, אַז ער קומט אַריין ווי אין אַ חזיר־שטאַל. אירע אַמאָליקע שיינע שטיפֿערישע אויגן, מיט די גאָלדענע פֿייערלעך, ווי ס'וואָלט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט אַ זון־אויפֿ־גאַנג, זיינען געווען אויסגעלאָשן, בייז, צאָרנדיק. זי האָט זיך מיט האַס אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד אויסווישן ס'ביסל פֿייכקייט, געווישט און געווישט, ווי זי וואָלט געוואָלט „אָפּהובלעווען" ס'אָרט וואו ער איז געשטאַנען.

דערנאָך איז זי שווער געלעגן אויף דער סאָפֿע, די ציין פֿאַרקריצט, די ליפּן אַרויסגעשטופּט. דער קאָפּ אויף אַ זייט, פֿאַרביסן, פֿאַרהאַקט אין זיך. פֿון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ געפּרעסטן זיפֿץ און געקנאַקט די פֿינגער, וואָס דאָס האָט אויף אייזיקן געמאַכט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט געבראָכן ביינער פֿון סקעלעטן.

ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ לעבן זיין שטול, וואָס האָט פֿאַרשלונגען ס'לעצטע ביסל בלייכע טאָגליכט, און אָנגעהויבן לייענען אַ צייטונג. ניטאָ קיין פֿריילעכע נייעס; מען סטראַשעט אָפּצומעקן די וועלט מיט אַטאָמישע „סופּער" טייוולשע באָמבעס. ער פּרוּווט זיך אויסמאָלן ווי די וועלט וועט אויסזען אַן אָפּגעמעקטע; אַן אויסגעלאָשענער פּלאַנעט, וואו דער טויט האָט געשלאָסן אַן אייביקן שלום...

דער רעגן, דאַכט זיך, איז געוואָרן שוואַכער. אין הויז איז די לופֿט שווער און געפּרעסט. ער האָט געוואָלט אויפֿשפּרינגען, איינפּאַקן זיינע זאַכן, רופֿן אַ טעקסי און אַנטלויפֿן. האָט זיך דער רעגן אָבער באַלד ווידער פֿאַרשטאַרקט, די גאַס איז געשוואָומען אין וואַסער. און כאָטש ער האָט די טעקסי ניט גע־רופֿן, האָט ער זיך געזען אין איר: דער טעקסי־טרייבער האָט אים געפֿרעגט וואוהין ער זאָל אים פֿירן, ער האָט באַלד ניט געקאָנט ענטפֿערן און אַ טראַכט געטאָן: צום זון? ניין. וואָס וועט ער אים זאָגן? ער האָט זיך געקריגט מיט דער מאַמען? נאָך אַזוי פֿיל יאָרן קאָן ער ניט אויסקומען מיט איר? דערציילן זי האָט געגענעצט?

צו דער טאָכטער? ווידער דאָס אייגענע. צו פריינט? עט! „פירט מיך אין אַ ביליקן האָטעל״. האָט ער געזאָגט צום טרייבער, וואָס האָט גע־קוקט אויף אים מיט בייזע אומגעדולדיקע אויגן, ווייל אין אַזאַ וועטער איילן זיי זיך, ווילן אַריינכאַפּן וואָס מער פּאַסאַזשירן. די טעקסי האָט זיך אַ ריס געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ צען מינוט אַרום ביי אַן אַלט אָפּגעבליאַקעוועט הויז, וואָס האָט געפּוילט אין רעגן. דאָס צימער האָט געהאַט אַ בעטל, צוויי שטולן. אין שופלאַד פון טיש — די ביבל אין שוואַרצע טאָוולען. אַן אָפּגעריבן שטיקל געוואַנט אויף דער ערד. אַ צעטל אויף דער טיר מיט רעגולאַציעס ווי פּאַר אַן אַרעסטאַנט. 10 דאָלער אַ וואָך. ער האָט אָנגעהויבן עסן אין רעסטאָראַנען, באַצאָלט געלד און גע־קרענקט מיטן מאָגן. אין די איינזאַמע נעכט איז ער אַנטלאָפן פון טורמע־שטייגל, אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ „טרעמפּ״ אין די גאַסן אַן אַרויסגעוואָר־פענער פון אַ גוטער באַקוועמער היים...

איזיק האָט אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל די פאַרלאָפענע שויב. דער רעגן איז געוואָרן שוואַכער. ווינטן טרייבן די וואָלקנס, צערייסן זיי, דער הימל זעט אויס ווי אַ פינצטער צעאַקערט פעלד.

פלוצלונג האָט סאָניע אין צוויטן צימער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אויפן טיש און געזאָגט: — אַ סוף זאָל עס נעמען!

— וואָס שנעלער אַלץ בעסער! — האָט איזיק אַריינגעשריגן.

זי האָט פלוצלונג אָנגעהויבן רעדן זייער געלאַסן, ווי אַ מענטש, וואָס קומט צו אַ פעסטן באַשלוס:

— איצט איז שוין ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל אונדז צוזאַמענהאַלטן. פריער איז געווען אַן אויסרייד, די קינדער זיינען קליין, איצט זיינען זיי שוין אויסגעגעבן און קאָנען זיך באַגיין אָן אונדז. און מיר זיינען נאָך ניט קיין אַלטע לייט, וועלן זיך נאָך קאָנען געפינען פריינט אין לעבן, אמתע פריינט, ווי זאָגט מען: איידער צוויי אין ליידן איז גלייכער פיר אין פריידן — איצט נעמט עס אַ סוף!

אירע געלאַסענע קאַלט־באַרעכנטע רייד האָבן אים מער געשטאָכן ווי אירע געשרייען. ער האָט פאַרהאַקט די טיר וואָס ער האָט פריער פאַר־געסן צו פאַרמאַכן און געפילט, ווי ער וואָלט זיך שוין אָפּגעהאַקט פון איר.

ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. דער רעגן האָט געגאָסן מיט אַ קאַלטן וואַסערדיקן קלאַנג, מיט אַזאַ מין אומעטיקן ניגון, וואָס נאָר אַ רעגן קאָן אויסשפּילן, ווען איינעם איז שווער אויפן האַרץ און אים דאַכט זיך, אַז דער הימל וויינט אויף זיין מזל. ער האָט זיך איבערגעקערט פון איין

זייט אויף דער אַנדערער און אַלץ ניט געקאָנט איינשלאָפֿן. אַז ער איז שוין געווען זייער מיד און די געדאַנקען האָבן זיך אָן זיין ווילן געדרייט אין קאָפּ, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט טרינקט זיך אין ים, וואָס איז צוליבן לאַנגן רעגן אַרויס פון די ברעגעס. ער מיט סאָניען שווימען אויף אַ ברעט, נעמט זי, די האַרצלאָזע, און זעגט איבער דאָס אָרט צווישן זיי, ער צאַפּלט זיך, בעט זיך ביי איר, און זי זעגט, און זעגט, ביז די ווילד־צעהויקערטע כוואַליעס שליידערן זיי אַוועק אין צוויי באַזונדערע זייטן, דער ווינט דערטראָגט נאָך צו אים איר קול: „איידער צוויי אין ליידן, גלייכער פיר אין פריידן”. דאָ קערט זיך איבער דאָס האַלב־אָפּגע־זעגטע ברעט און ער הייבט אָן פאַלן צום אָפּגרונט. ער פאַלט און פאַלט, אָן אַ סוף, אָן אַן עק, ביז ער ווייסט שוין גאָרניט וואָס עס טוט זיך מיט אים.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט די זון העל געשיינט, ער האָט געמוזט פאַרזשמורען די אויגן. די וועלט איז געווען פריש, אויס־געוואַשן. סאָניע איז שוין אויף געווען. ס'האָט געשמעקט פריש־פאַרקאָכטע קאַווע. לעבן אים איז געשטאַנען אַ גלאָז מאַראַנצן־זאַפּט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם חלום, וואָס האָט צעטרייסלט זיינע נערוון און באַשלאָסן: איינמאָל פאַר אַלע מאָל: ס'מוז נעמען אַ סוף!

זי איז אָבער ווייזט אויס געווען אַנדערש געשטימט, אַרומגעדרייט זיך ווי אַ שטילע טויב און געוואָרקעט אַ ניגון. אַ בילד אויף דער וואַנט האָט פאַרטשעפּעט זיין בליק, דאָס איז געווען אַ פאָטאָגראַף פון אים מיט סאָניען פאַר דער חתונה. זי איז געווען אַ קורסיסטקע, דאָס שענסטע מיידל אין שטעטל. סטודענטן זיינען איר נאָכגעלאָפן, איינער האָט אפילו גע־וואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד צוליב איר — און ער, אייזיק, האָט זי געקראָגן.

יענע, די אַמאָליקע, קוקט איצט אַראָפּ אויף אים מיט פאַרליבטע שטיפערישע אויגן און חן־גריבלעך אין די באַקן, וואָס זיינען דורך די יאָרן אויסגעפילט געוואָרן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס באָד־צימער. זי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זיך געקעמט די האָר, געפּוצט זיך ווי אַ כלה און שטיל געזונגען:

„די יאָרן ציען, די יאָרן פליען,
פון אונדזער ליבע נעמט דאָך שוין אַן עק —
פון אונדזער שענסטע און די בעסטע ליבע,
פאָרן, פאַרסטו פון מיר אַוועק”.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. — העלאָ, — האָט אייזיק דערהערט זיין איידעמס קול. — מזל־טוב, אייער טאָכטער האָט געבוירן אַ ייִנגל! ס'איז געקומען אומגעריכט — וואָס זאָגט איר? כ'הער ניט!

און אומגעריכט פאַר זיך, האָט אייזיק דערהערט ווי ער האָט אַ געשריי געטאָן: — סאָניע, ס'איז אַ ייִנגל!

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלעפאָן פון זיין האַנט. זייערע בליקן האָבן זיך פריידיק באַגעגנט און אויסגעמישט.

דער איידעם האָט איר געמוזט אַלץ דערציילן, ווי אַזוי? ס'איז געשען, ווי זי האָט אים אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט און ער האָט מורא געהאַט עס זאָל ניט טרעפן אין דער טעקסי, ווי זי איז געווען בראַוו ביז דער לעצטער מינוט.

— אוי, איך בין דאָך שוין אַ באָבע! — האָט סאָניע געזאָגט.

אין דער פרייד האָט זיך אָבער באַהאַלטן אַ ציטער פון בענקשאַפט נאָך איר פאַרגאַנגענער יוגנט. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן פאַרן שפּיגל, אַ גלעט געטאָן די בלאָנד־געלאָקטע האָר, פון וועלכע ס'האָבן ערטערווייז ווי מוסרים אַרויסגעקוקט עטלעכע גרויע פעדים און זיך גערייצט מיט איר, אַז זי איז שוין ניט קיין יונגעטשקע.

— אייזיק, מיר האָבן שוין דערלעבט אַן אייניקל! — האָט זי זיך אַ בייג געטאָן צו זיין זייט, ווי מען טוט זיך אַ גליטש אויף עפּעס און מען דערהאַלט די גלייכגעוויכט — — זע נאָר ווי ער שטייט און רירט זיך ניט פון אָרט, ביסט דאָך שוין געוואָרן אַ זיידע! לאָמיר כאַפּן אַ טעקסי צום שפּיטאָל, איז שוין אונדזער טעכטערל געוואָרן אַ מאַמע, ווייל, ווי די צייט פליט! — האָט זי פריידיק און אומרואיק געפּאַדעט איבערן צימער — ווי לאַנג איז גאָר ווען איך בין מיט איר געלעגן אין קימפּעט? אַזוי ווי ס'וואָלט נעכטן געשען, דעמאָלט האָט אויך אויפגעשיינט די זון נאָך אַ רעגן. זי איז געבוירן געוואָרן אַ מיאוסע „בעיבי" מיט אַזעלכע געשרייען, אַז זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט איינשטילן, אָבער אויסגעוואַקסן שיין ווי אַ בלום. איך וואָלט זי שוין געוואָלט זען, ס'האַרץ גייט מיר אויס אַ קוק טאָן אויפן שיינעם זיסן ייִנגעלע. אין וועמען אייזיק, מיינסטו, וועט ער זיין געראָטן? אין טאַטען צי אין דער מאַמען? אפשר אין מיר? אָדער גאָר אין זיידן, וואָס אַלע מיידלעך זיינען אים נאָכגעלאָפן און ער האָט זיי פאַרדרייט דעם קאָפּ? זע נאָר ווי ער שטייט און רירט זיך ניט פון אָרט ווי אַ שעמעוודיקער חתן!

אין שפּיטאָל האָבן זיי פון איילעניש און באַרוישונג ניט געטראָפן אין ריכטיקן צימער, ענדלעך האָבן זיי זי דערזען, אַ מידע, אַ דערשעפּטע,

האַלטנדיק געטוליעט צו זיך אַ רויט פאַרשוויצט נפשל, ווי עס וואָלט זיך שטאַרק אָנגעהאָרעוועט צו קומען אויף דער וועלט און איצט געפעלט זי אים ניט, די וועלט, פאַרקרומט ער דאָס פּנים, וואַרפט מיט די פויסטעלעך ווי ער וויל שוין אָנהייבן אַ קאַמף מיט עמעצן, דערווייל טרעפט ער זיך אין דער נאָז אַרייַן, אין די אויגן, די מאַמע מוז אים צוריקהאַלטן און ראַנגלט זיך מיט אים.

אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל, האָט נאָך סאָניע באַוויזן אָפּצוקאָכן אַ מיטאָג, וואָס האָט פאַרשמעקט דאָס הויז. אויפן טיש האָט זי געשטעלט אַ פלאַש רויטן וויין און בלומען.

— ווייסט אייזיק? — האָט זי אַן אויפגעלייגטע געזאָגט — מיטן קומען פון אונדזער אייניקל פיל איך אַזוי ווי איך אַליין וואָלט ייִנגער געוואָרן, כאָטש עס איז דאָך פאַרקערט. אָ, עס האָבן זיך מיר גענומען פּלאָנטערן נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ.

זי האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך וויין און געמאַכט אַ טאָוסט: — צום אייניקל!

— און צו אונדז — האָט ער געזאָגט.

— צו אונדז — האָט זי מסכים געווען.

און אָנקלאַפּנדיק די גלעזלעך האָבן זיך זייערע קעפּ דערנענטערט.

אַ געבוירנטאָג

שוין עטלעכע טעג ווי עס רעגנט. מאַרטאַ זיצט ביים פענצטער פונעם אָנגעפּאַקטן אויטאָבוס, וואָס פירט אין פינטצערן פרימאָרגן אַרבע־טער צו די פאַבריקן, און טראַכט מיט אַ געקנייטשטן שטערן און פאַר־פּרעסטע ליפּן, אַז זי איז אַ שוואַכלינג. נעכטן ביינאַכט האָט זי באַדאַרפט דורכפירן דעם באַשלוס: לאָזן רינען דעם גאַז פון די רערן און אויף אייביק איינשלאָפן — אויס איינזאַמקייט, אויס פאַרצווייפלדיקע בענקשאַפט נאָך איר יונג־אומגעקומענעם געליבטן, אויס שרעק צו ווערן אַן אַלטע מויד, — אויס אַלץ. נעכטן ביינאַכט האָט דער רינענדיקער גאַז שטיל און באַרו־איקנדיק געשעפּטשעט אין איר אויער אַריין: „שאַ, שרעק זיך ניט, שלאָף־איין, דער שלאָף איז זיס. און דאָרט אויף יענער וועלט וועט דיר שוין זיין גוט, דאָרט וואַרט אויף דיר פּיטער, דיין געליבטער, וואָס איז געפאַלן אין דער מלחמה און מיטגענומען מיט זיך דיין האַרץ, איבער־לאָזנדיק אויף דעם אָרט — אַ וואונד. און אָן אַ האַרץ קאָן דאָך אַ פרוי ניט לעבן... דאָרט אָבער וועסטו זיך צוריק פאַראייניקן מיט אים, דאָרט איז די אמתע גערעכטע וועלט פון אייביקן פרידן און גליק".

אַזוי האָט דער גאַז שטיל געררוישט און געשעפּטשעט אין אירע אויערן אַריין, טאַקע נאָר ווי דער פּריסט פּרעדיקט אין דער קירך. פּלוצלונג האָט זי דערזען, ווי מען וועט אויפרייסן די טיר און זי געפינען אַ טויטע. מען וועט זי אַריינלייגן אין אַ קאַסטן און אַראָפּלאָזן אין דער ערד אַריין. בלויז עטלעכע מענטשן וועלן שטיין ביי איר פרישן קבר, וואָס מען וועט שנעל אָנהייבן פאַרשיטן. ס'וועט צופאַלן די נאַכט, און נאָר דער ווינט וועט זי באַוויינען... ביים אָנבליק פון דעם בילד, האָט אַ באַהאַל־טענער כוח זי אָפּגעריסן פון בעט און קעגן איר ווילן געפירט איר האַנט צו פאַרדרייען דעם גאַז — איצט וועט זיך ווידער ציען איר איינזאַם, מאָנאָ־טאָן לעבן, אַזוי וועט זי וויאַנעץ, ווערן אַלט און שטאַרבן.

אָ! זי איז אַ שוואַכלינג! זי דערמאָנט זיך, אַז איידער זי האָט אויפ־

געדרייט דעם גאַז, האָט זי געוויינט, און דערנאָך, ווען זי איז געוואָרן שוואַך און ניט דורכגעפירט דעם באַשלוס, האָט זי זיך דערזען אין שפּיגל אַ האַלב־טויטע, מיט צעפּאַטלטע האָר, איר נאָז אויפגעשוואָלן, די אויגן רויט. זי האָט אויסגעקוקט אַלט, אַלט און מיאוס.

איצט הערט זי ווי דער רעגן פּלייצט אויף די שויבן, לאַכט פון איר, רופט זי אויף רעגן־לשון: „שוואַכלינג!" און אַלע זיס־שמייכלדיקע פּנימער אויף די שילדן, וואָס הענגען אויף די ווענט פונעם אויטאָבוס און שלאָגן־פּאָר צו קופין פאַרשיידענע פּראָדוקטן ביליק און גוט, זאָגן־צו אפילו איינצואָרדענען אַ שיינע לוויה פאַר אַ נידעריקן פּרייז, — זיי אַלע לאַכן אויך פון איר; אפילו דער ווינט אינדרויסן לאַכט פון איר. נאָר זי וועט נאָך באַווייזן, אַז זי איז ניט קיין שוואַכלינג, זי וועט נאָך דורכפירן איר באַשלוס, און מען וועט זען ווער ס'וועט לאַכן צום לעצט...

מאַרטאַ טוליעט זיך אין מאַנטל, קאָרטשעט זיך איין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַריינגראָבן אין זיך, אָפּטיילן זיך פון דער וועלט, וואָס האָט איר אַזאַ ביטער מזל צוגעטיילט, וואָס — נאָר זי באַשליסט מער ניט צו טראַכטן דערפון, ווייל דאָס טראַכטן מאַכט זי טרויעריק און פילט־אָן אירע אויגן מיט טרערן. קעגן איר באַשלוס, אָבער, שווימט אַרויס אַ נייער געדאַנק אין איר מוח און דערמאָנט איר, אַז היינט איז גאָר איר געבוירנטאָג! זייער אַ גליקלעכער געבוירנטאָג! — טוען איר ליפּן אַ ציטער. יאָ, זי האָט שיער ניט פאַרגעסן אין דעם. דער געדאַנק מאַכט איר ענג אין האַלדז און זאָגט איר אונטער: „טאַקע היינט, ווייל ס'איז דיין געבוירנטאָג, טו דאָס אָפּ! פיר דורך דעם באַשלוס, רעכן זיך אָפּ מיט דער וועלט!"... און אויף אַזאַ אופן וועט זי טאַקע פייערן איר געבוירן ווערן — היינט ביי־נאַכט!...

אין שאָפּ איז געווען וואַרעם און טרוקן און היימלעך פון די פרייינטלעכע „גוט־מאָרגן"־וואונטשן. נאָר די עלעקטרישע לעמפּלעך איבער די מאַשינען, וואָס האָבן אפשר צו אַנדערע פריילעך געוואונקען און געגעבן חשק צו דער אַרבעט, האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען ווי יאָרצייט־ליכט נאָך די געפאַלענע סאָלדאַטן אין דער מלחמה, צווישן וועלכע עס פילט איצט איר געליבטער, וואָס איז פון איר אַזוי גרויזאַם אַוועקגעריסן געוואָרן.

ווען די מאַשינען האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען, האָט זי טיף אַריינגע־גראָבן דעם קאָפּ אין דער אַרבעט, ווי קיין זאַך אַרום איר וואָלט ניט עקזיס־טירט. זי האָט אַריינגעטאָן די בליקן אין דער בליץ־שנעל־שטעפּנדיקער נאָדל, וואָס האָט געגראָבן טויזנטער לעכלעך, קברימלעך אין געוואַנט...

ס'האָט איר אָבער ניט געהאָלפן אויפצוהערן טראַכטן. ס'איז אַרויסגע־שוואומען אַ נייער געדאַנק און פאַרצויגן אַ ביטערן שמייכל אויף אירע דינע, צונויפגעפרעסטע ליפּן, און זי האָט זיך אָנגערופן צום יידישן מיידל סערע, וואָס קוקט אויס ווי אַן איטאַליענערין: — דו ווייסט, סערע? היינט איז דאָך מיין געבוירנטאָג! — און איר מויל האָט אַ צוק געטאָן.

סערע האָט זיך דערפרייט וואָס די שטענדיק־פאַרטרויערטע שוויגע־רין מאַרטאַ האָט ענדלעך אָנגעהויבן רעדן. איר פּנים האָט אויפגעלויכטן און זי האָט איר האַרציק צוגעוואונטשן: — אַ גליקלעכער געבוירנטאָג דיר! — דאָס רוישן פון די מאַשינען האָט אָבער פאַרשלונגען סערעס קול, און מאַרטאַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט איר קאַלט, ווי אונטער דער נאָז, צוגעוואונטשן און זי האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט אין דעם: — אָט קיינער פרייט זיך ניט וואָס זי איז געבוירן געוואָרן און קיינעם וועט ניט אַרן, אַז זי וועט דאָ מער ניט זיין. קיינער וויל זי ניט, קיינער דאַרף זי ניט, זי איז אַן איבעריקע אויף דער וועלט. — אירע אויגן זיינען ווידער פייכט געוואָרן, און זי האָט זיך שיער ניט אַ פינגער אַריינגעטשעפעט אין געניי.

סערע האָט זיך באמת דערפרייט, וואָס מאַרטאַ האָט אָנגעהויבן רעדן, כאָטש איר קול איז געווען פאַרשטיקט. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס אומ־גליקלעכע מיידל איז נעבעך פאַרזונקען אין אַ קרענקלעכן טרויער, אין וועלכן זי ווערט פאַרצערט. זי גייט און קומט ווי אַ שאָטן, ווי זי וואָלט שוין אַ העלפט געשטעקט אויף יענער וועלט. ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט זי געטראָפן אין לעבן. די פאַר וואָכן, וואָס זי אַרבעט דאָ, האָט זי זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט צו עמעצן. קיין גענייטע אַרבע־טערין איז זי ניט, דער פאַרמאַן ברענגט איר אָפט צוריק אַרבעט צו פאַר־ריכטן, איבערצומאַכן, זי פאַרלירט אַ סך צייט און פאַרדינט זייער ווייניק. דאָס איז מסתמא איר ערשטער שאַפּ. ס'אַ רחמנות אויף איר. מען דאַרף זי מיט עפּעס דערפרייען, און אָט איז אַ טייערע געלעגנהייט: פייערן איר געבוירנטאָג, ווי מען טוט דאָס פאַר אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ. זי וועט טאַקע באַלד לאָזן וויסן וועגן דעם, און צוגרייטן פאַר איר אַ סורפּריז.

דאָס ווערט שנעל אַראַנזשירט. דער שאַפּ האָט שוין פאַר דעם אַן אויסגעאַרבעטע טעכניק. זי האָט עפּעס איינגערוימט אויפן אויער צו אַן אַרבעטערין ביי איר רעכטער זייט. יענע האָט אַ פריילעכן גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן, און דאָס איינגערוימט צו אַן אַנדערער. מאַרטאַ האָט באַ־מערקט, אַז מען שושקעט זיך און מען קוקט אויף איר. — שוין, — האָט זי געטראַכט. מען שושקעט זיך שוין, מען באַרעדט זי שוין, מען שפּאַסט

אַוודאי פון אירע בלאַסע ליפּן, וואָס זי פאַרבט זעלטן זינט איר געליבטער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה; מען לאַכט פון אירע ניט קאָר־רעקט־פאַרקאַמטע האָר, פון איר נאַכלעסיק קליידן זיך. מאָרגן אָבער וועט זיי דאָס באַרעדן און אָפּלאַכן פאַרשטערט ווערן — מאָרגן וועט זיך די באַלעבאָסטע וואונדערן, וואָס זי שלאָפט אַזוי שפּעט. זי וועט אָנקלאַפּן אין דער טיר; ניט קריגנדיק קיין ענטפער, וועט זי אַריינקוקן דורכן שליסל־לאָך, דערפילן דעם ריח... און אַרויסלאָזן אַזאַ געשריי, אַז די מיטוואוינער וועלן פאַרציטערט ווערן. דער דאָקטער וועט זיך צוהערן צו איר האַרץ, און זי וועט פאַרגליווערט שמייכלען. מאָרגן וועלן זיי שוין ניט לאַכן!

די פאַרמיטאָג־שעהן האָבן זיך אומגעהויער לאַנג געצויגן. זי האָט באַדויערט, וואָס זי איז גאָר איינגאַנצן געקומען היינט צו דער אַרבעט. נאָך וואָס?... אינדרויסן איז נאָך אַלץ געווען פינצטער, און ס׳האָט ניט אויפגעהערט צו גיסן, ווי דער הימל אַליין וואָלט געוויינט אויף איר אומגליק.

ווען ס׳איז ענדלעך געוואָרן צוועלף, און מען האָט זיך אויפגעשטעלט צו גיין עסן „לאַנטש, האָט זי באַמערקט אין ווינקל פון שאַפּ אַ געדעקטן טיש מיט אַ פלאַש בראַנפן, גלעזלעך, לעקעך, און אַ בינטל בלומען... ווען זי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, האָט מען זי פלוצלונג פאַרהאַלטן, אַרומגעשטעלט זיך אַרום איר און מיט פריינטלעכע, שיינענדיקע פּנימער אויפגעזונגען אין אַ כאָר:

„העפּי בוירטדעי טו יו,
העפּי בוירטדעי, דיר מאַרטאַ
העפּי בוירטדעי טו יו!”
(אַ גליקלעכער געבוירנטאָג דיר, טייערע מאַרטאַ!).

דאָס האַרץ האָט זיך אין איר אַ צאַפּל געטאָן. מיינט מען דאָס טאַקע זי? אָט די אַלע צענדליקער מענטשן פרייען זיך מיט מיט איר, ווי זיי וואָלטן געווען אַן אייגענע, גרויסע משפּחה?... זיי פרייען זיך, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן, וואָס זי לעבט? יאָ, ס׳איז אמת, זי זעט דאָס אין זייערע אויגן... זיי פרייען זיך טאַקע, ווי זי וואָלט געווען זייערס אַ לייבלעכע שוועסטער. גאָט אין הימל! וואָס פאַראַ גרויסע משפּחה זי האָט... זי האָט דאָס ערשט אויסגעפונען, אַרבעטנדיק אין אַ שאָפּ. מען פירט זי ביים אָרעם צום טיש. זי פּרוּווט זיך אָמפּערן, נאָר מען לאָזט זי ניט אָפּ. און סערע, די יידישע טאָכטער, שמייכלט צו איר און שאָקלט־צו מיטן

קאָפּ. מען ווינטשט איר נאָך אַ סך לאַנגע, גליקלעכע יאָרן. מען טרינקט צו גלעזלעך, און מען פאַרבייסט מיט לעקעך. אפילו דער פאָרמאַן, וואָס בייזערט זיך אַ סך מאָל אויף איר, ווייל זי מאַכט שלעכט די אַרבעט, אפילו ער, הייבט אויף אַ גלעזל, און זיין פאַרהאַרטעוועט פּנים ווערט מילד און פריינטלעך. דער באַלעבאָס אַליין שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון אָפיס און שמייכלט צו איר, קומט צום טיש. נעמט אַ גלעזל און ווינטשט איר צו... אַלע קוקן אויף איר מיט לויכטנדיקע אויגן. איר האַרץ הייבט זיך אָן דערוואַרעמען, אויפטייען, ווי אַ קויל שניי אונטער דער זון... אירע צונויפּ־געפּרעסטע ליפּן עפענען זיך אין אַ ציטערנדיק־ווייַנענדיקן שמייכל. טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. מען אַפּלאָדירט איר, ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, כאָטש אַ „מואווי־סטאַר"... מען האָט זי געבעטן, און זי האָט אויך געמוזט אויסטרינקען אַ גלעזל. אירע באַקן האָבן באַקומען אַ קאָליר. זי איז געוואָרן פריילעך און באַרעדעוודיק.

אַ לאַנג־פאַרהאַלטענער שטראָם פון פריינטשאַפט און ליבשאַפט האָט זיך דורכגעריסן אין איר. זי האָט ברייט געעפנט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן, קראַנקן שלאָף. פּלוצלונג האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ. פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען: פּיטער!... איר געליבטער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה.

ווי צוויי טראָפּנס וואַסער... נאָר עלטער אַ ביסל. ווען פּיטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער איצט אַזוי אויסגעזען. מאַמע! ער דערנענטערט זיך צו איר, דערלאַנגט איר מיט פּיטערס שמייכל אַ בינטל בלומען און ווינטשט איר נאָך אַ סך גליקלעכע יאָרן. זי קוקט אויף אים צעטומלט און דער־שראָקן. דאָס איז דאָך איינער פון די אַרבעטער אין שאַפּ. זי דערמאָנט זיך, אַז ער פלעגט קוקן צו איר מאַשין, און זי האָט אים בלויז געזען דורך אַ ווינקל פון איר אָפּט־פאַרנעפּלט אויג... איצט, אַז זי זעט אים קלאָר, מיינט זי, אַז זי קוקט אויף פּיטערן, און זי פילט ווי אַוועקצוחלשן.

— וואָס קוקט איר אַזוי דערשראָקן אויף מיר? איך בין ניט קיין געשפּענסט.

— איר זעט אויס פּונקט ווי איינער, וואָס איך האָב אַמאָל געקענט, און ער לעבט ניט מער!

— מיר צו לענגערע יאָר... און פאַרוואָס האָט איר קיינמאָל ניט גע־וואָלט אויפהייבן די אויגן פון דער מאַשין, ווען איך האָב געקוקט צו אייך? געווען אַזוי פאַרטרויערט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אייך אונ־טערגעגאַנגען. איך האָב אייך קיינמאָל ניט געזען אַ שמייכל טאָן. ווען

איר זאָלט וויסן, ווי שענער און ייִנגער איר זעט איצט אויס, ווען איר שמייכלט! נאָר אפילו אין אייער טרויער זייט איר אויך געווען שיין. דאָס איז אַן אַנדער מין שיינקייט. איר האָט מיך פאַראינטערעסירט און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך קען אייך שוין פון זייער לאַנג, נאָר איר לאָזט זיך ניט דערקענען.

— איר שפּאַסט...

— איך מיין עס ערנסט.

— צו מיר האָט שוין לאַנג אַזוי קיינער ניט גערעדט.

— ווייל איר האָט זיך באַהאַלטן, געלעבט אין אַ טויטער וועלט.

פּלוצלונג האָט אים מאַרטאַ געפרעגט: — איר זייט אַמאָל געווען אין דער קאַריער מלחמה?...

— ניין, פאַרוואָס פרעגט איר דאָס?

— איר זייט שטאַרק ענלעך צו מיינעם אַ פריינט, וואָס איז דאָרט דערהרגעט געוואָרן.

— ס'טוט מיר לייד דאָס צו הערן. גאַנץ אָפט טרעפט זיך, אַז צוויי מענטשן קוקן אויס ווי אַ צווילינג.

— אָבער אַזאַ ענלעכקייט! — האָט זי זיך גאָרניט געקענט אָפּוואונדערן. — ווען איך האָב אייך דערזען, האָב איך זיך דערשראָקן, ווי מיין פריינט וואָלט צוריקגעקומען פון יענער וועלט.

— וואָס טויג אייך יענע וועלט? עס זיינען דאָ גענוג גוטע פריינט אויף דער וועלט.

מאַרטאַ האָט נאָך אַלץ צעטומלט געקוקט אויף אים און געפילט, אַז טיף אין איר, אויף דעם אָרט, וואו ס'איז געווען איר האַרץ, כאַפּט זיך אויף אַן אַלטע פאַרגעסענע פרייד. זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען עסן „לאָנטש", געטרונקען קאַווע, גערויכערט. איר צונג האָט זיך אויפגעבונדן: — אָ, דאָס גלעזל בראַנפן האָט מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ. איך רעד אפשר נאַרישקייטן.

די צעברויזטע, פריידיקע געפילן האָבן פאַרצויגן אַ שיינעם טמייכל אויף אירע ליפּן, וואָס האָבן זיך צעעפנט ווי אַ בלימל אונטער דער זון. אירע אויגן זיינען געוואָרן העלער, גרעסער. איר פּנים, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער טויטער טרויער־מאַסקע, איז געוואָרן ייִנגער, שענער. זיי האָבן זיך אַזוי פאַררעדט, אַז זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז מען דאַרף צוריקגיין צו דער אַרבעט. זי האָט שוין געוואוסט, אַז ער הייסט דזשאַן. געשמייכלט האָט ער פּונקט אַזוי ווי פּיטער, און אפילו פאַרבויגן דעם

קאָפּ ווי יענער, ווען ער האָט זיך פאַרקוקט אין אירע אויגן אַריין. זי האָט דערפילט, אַז זי זויגט זיין דרייסטן, שטיפערישן בליק, און די פאַרב איז איר געקומען אין פּנים אַריין.

— איר האָט עפּעס אַ פּלאַן אויף היינט אָוונט ? — האָט ער זי געפרעגט.

— היינט אָוונט ? האָט זי זיך דערשראָקן — און דערפרייט... — איך האָב ניט קיין באַשטימטן פּלאַן...

— איז גוט. איך האָב יאָ אַ פּלאַן : מיר וועלן עסן אין אַ פיינעם רעסטאָראַן און דערנאָך גיין אין טעאַטער. איך האָב צוויי בילעטן. איז עס אָפּגעמאַכט ?

— איך ווייס נאָך ניט.

— פאַרוואָס ?

— ווייל דאָס אַלץ איז געשען אַזוי שנעל... עפּעס ווי אַ חלום.

— אַ גוטער חלום ?

זי האָט אַ ביסל פאַרשעמט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און שטיל געענטפערט : — יאָ...

— זעט ! עס האָט אויפגעהערט רעגענען און די זון האָט אויפגעשיינט ! — האָט ער אויסגערופן.

— שוין צייט, ס'האָט גענוג לאַנג גערעגנט — האָט זי פאַרטראַכט געקוקט צום ליכטיקן דרויסן.

ווען מאַרטאַ האָט זיך צוריק געזעצט צו דער מאַשין און באַגעגנט סערעס שוועסטערלעכן שמייכל, האָט זי זיך פלוצלונג צעקושט מיט איר... און אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט איר געקלונגען אין די אויערן :

— אַ גליקלעכן געבוירנטאָג דיר, מאַרטאַ !...

אַן אומגליקס־פאַל

מרים האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך איר געהאַלטן אין איין חלומען די קינדער, וואָס זי האָט פאַרבעטן אויף היינט, פרייטיק ביינאַכט. די אייניקלעך האָבן ווי מלאכימלעך אַרומגעשוועבט אַרום איר, אַרומגעטאַנצט, אַרומגעשטיפט. דער אָפּקלאַנג פון זייערע שטימעלעך קלינגט איר אָפּ ווי זיסע מוזיק אין די אויערן, און די טעכטער האָבן אויסגעקוקט אַזוי שיין, אַז זי האָט זיך ניט פאַרגונען צו קוקן אויף זיי. אַפילו דער שטענדיק זויערער איידעם, איז געווען אויפגעלייגט, געשמייכלט און שטאַרק געלויבט איר געפילטע פיש...

— די קינדער קומען היינט! — זינגט עס פריידיק אין איר, און זי האָט אַ סך אַרבעט: דאַרף גיין איינקויפן, קאָכן, ריין מאַכן ס׳הויז. אַ גליק, וואָס אין שאַפּ איז דאָ וויניק אַרבעט, און זי איז היינט געבליבן אין דער היים, ווען זי קאָנען אַלץ געלאַסן אָפּטאָן. עס וואָלט שוין טאַקע צייט געווען, זי זאָל אויפהערן צו אַרבעטן. גאַנץ אָפּט באַפאַלט איר אַ מידקייט, און אַ שווייס שלאָגט איר אַרויס אויפן שטערן. דאָס אויפשטיין פאַרטאָג אין פאַר־שיידענע וועטערן און פאָרן אין געפּאַקטע סאָבוועיס פאַלט שוין אויף איר שווער. צייט זי געדענקט זיך, איז זי פאַרהאָרעוועט און מיד און בענקט נאָך רו. צו צוועלף יאָר האָט מען זי אין דער אַלטער היים, אָפּגעגעבן אויף דער לער צו אַ נייטאָרין. זי איז געווען אַ „ביאַנקע" ביי דער באַלעבאָסטעס קינד און געלערנט זיך אויף אַ שמאַטקע נייען, און דערנאָך, ביז שפּעט אין די נעכט, געבלענדט די אויגן ביי דער נאָדל אונטער דער קאַרגער ליכט פון אַ נאַפּט־לאָנפּ.

שפּעטער, אַז זי איז געקומען קיין אַמעריקע, איז זי באַלד אַוועק אַר־בעטן אין אַ שאַפּ. חתונה געהאַט און געגאַנגען אַרבעטן, קינדער געהאַט און געגאַנגען אַרבעטן. זי האָט נאָך אָפּגעכאַפּט צייט צו זינגען אין אַ פאָלקס־כאָר, אַ קוק צו טאָן אין אַ צייטונג, לייענען אַ בוך, גיין אַמאָל הערן אַ לעקציע. מענטשן האָבן אַלעמאָל באַוואונדערט ווי שיין און ציכטיק איר הויז איז, מיט וויפל געשמאַק אַלץ איז איינגעשטעלט, ווי אין יעדן ווינקל פילט זיך די האַנט פון אַ גוטער באַלעבאָסטע. מען האָט טאַקע ליב געהאַט קומען צו

איר צוגאַסט, זי האָט שטענדיק שיין אויפגענומען מיט אַ האַרציקן שמייכל אויפן פּנים. נאָר מיד איז זי שטענדיק געווען, און געחלומט פון רו. איצט אָבער, טראַכט זי, אַז זי וועט אַריבערשפּאַנען די זעכציק, וועט זי אַרויס פון שאָפּ, קריגן אַ „פּענסיע" און זיך שוין אויסרוען פאַר אַלע יאָרן.

עס האָט זיך איר ניט געגלוסט צו שיידן מיטן אויסגעוואַרעמטן בעט. אין הויז איז געווען גרוי און קאַלט. אַ שטיקל הימל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען דורך די הויכע צוזאַמענגעפּרעסטע הייזער, האָט אויסגעקוקט ווי צעטראָטענער שניי. די „רעדיעטאָרס", וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויסגעבן „סטים" אָנצוואַרעמען ס'הויז זיינען געווען קאַלט, האָט זי זיך געטוליעט אין דער וואַרעמקייט פון בעט, ביז די רערן האָבן אָנגעהויבן פריילעך רוישן און באַוואַרעמען ס'הויז. זי איז ענדלעך שנעל אַרויס פון בעט. איר מאַן, דוד, האָט שוין פאַרקאָכט קאַווע אין קיך.

— גוט־מאָרגן, — זאָגט זי צו אים, טוליענדיק זיך אין דער קימאָנע.

— גוט־מאָרגן, גוט־יאָר! וואָס שטייסטו אויף אַזוי פרי? דו גייסט דאָך היינט ניט צו דער אַרבעט.

— פעלט מיר אַרבעט אין הויז? האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז די קינדער קומען היינט פאַר „סאָפּער"? אָט דאָס איז אַ טאַטע! מיר גייט שוין אויס דאָס האַרץ פון בענקשאַפט נאָך זיי און אים ליגט עס אין דער לינקער פּיאה. דו ווייסט? איך האָב דאָך ליב אונדזערע טעכטער, נאָר די אייניקלעך זיינען מיר נאָך מער איינגעבאַקן אין האַרץ.

— נו, אוודאי, אייניקלעך, זאָגט מען, איז דער קערן... און זיי זיינען נאָך ניט קאַליע געוואָרן. און די טאַטעס מאַכסטו מיר עפּעס גאָר אַוועק מיט דער האַנט. מיינסט, אַז זיי האָבן וויניקער ליב די קינדער אָדער די אייניקלעך?

— נו, מען ווייסט, מען ווייסט... — האָט מרים געזאָגט, און ווי פּלוצלונג באַמערקט, אַז זיינע האָר זיינען שיטערער געוואָרן. דורך די ווייסע פעדים הייבט אָן אַרויסקוקן דער נאַקעטער שאַרבן ווי דורך שפּאַרעס. נאָר זיינע בלויע אויגן און דער מילדער שמייכל איז אים געבליבן. ווען זי איז אַ מאַלערין, וואָלט זי אויסגעמאָלט אַן אַלטן מאַן מיט אַ יונגער נשמה, וואָס קוקט אַרויס פון די אויגן.

ווען דוד איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זי זיך פאַרצייכנט אין קאָפּ אַלץ וואָס זי דאַרף איינקויפן. אָנגעטאָן זיך און וואַרעם און אַרויס אין גאַס.

די קעלט האָט, ווי אַ שאַרף געטראַנק, פאַרכאַפּט איר אָטעם. דער ווינט האָט אויפגעהויבן שטיקלעך שניי, וואָס האָבן געשטאָכן אין פּנים, אין די

אויגן. איינגעבויגן קעגן אייזיקן ווינט, האָט זי געטראָטן אין פּריש־געפּאָ־לענעם שניי און געטראַכט, ווי צו מאַכן דאָס מאָלצייט געשמאַקער און שפּאָ־רעוודיקער. ווען די קינדער עסן מיט הנאה און לויבן איר געקעכץ, פייכטן זיך איר די אויגן... זי איז געגאַנגען אין עטלעכע קראָמען, שפּעקולירט וואו בעסער און ביליקער. דאָס איינקויפן האָט איר גענומען אַ שטיק צייט. זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן איילן, דער טאָג שטייט ניט אויף אַן אָרט און זי האָט נאָך אַזוי פיל אַרבעט. דערוויי̆ל האָט די זון פלוצלונג אויפגעשיינט, און דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין, ס׳איז געוואָרן גליטשיק. זי איז געווען באַלאָדן מיט פּעק. מענטשן זיינען געגאַנגען איינגעבויגן מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אויף אַ דראָט. זי האָט אויך געשטעלט פאָרזיכטיקע טריט און געטראַכט, אַזאַ פּאָר די אייניקלעך וועט זי אויסבאַקן אַזאַ טאָרט, אַז זיי וועלן זי האָבן צו געדענקען.

פּלוצלונג איז דער באָדן ניט געוואָרן אונטער אירע פיס... ס׳האָט זיך איר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ, דער הימל האָט זיך קרום אַ בייג געטאָן און זי איז האַסטיק און שווער געפאַלן, דערפילנדיק אַזאַ שטאַרקן ווייטיק אין אַ פוס, ווי מען וואָלט אים מיט אַ האַמער איבערגעבראָכן. זי האָט נאָך געפּרואווט כאַפּן די פּעקלעך, וואָס זיינען זיך צעפאַלן אין אַלע זייטן. נאָר דער ווייטיק אין פוס האָט זיך פאַרשאַרפט, ס׳האָט איר פאַרצויגן ביים האַרץ, אין די אויגן איז איר געוואָרן טונקל און זי האָט אָװעקגעחלשט.

ווען זי איז געקומען צו זיך, איז זי געלעגן אויף אַ בעט אין שפּיטאָל. די ווייסע פלעקן אין דער פענצטער, האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין נאָך בעטן מיט קראַנקע. אַ „שוועסטער״ איז שטיל פאַרבייגעגאַנגען. איר קלייד האָט געשאָרכט ווי דאָס פאָכען פון אַ טויבס פליגל.

וואָס מער מרים איז וואַך געוואָרן, אַלץ מער האָט זי דערפילט דעם ווייטיק אין פוס. זי האָט אָנגעהויבן הויך קרעכצן. די „שוועסטער״ האָט געווישט מיט אַ טיכל דעם שוויס פון איר שטערן. ווען די ווייטיקן האָבן ניט אויפגעהערט, און זי האָט אָנגעהויבן הויך שרייען, האָט זי איר דער־לאַנגט אַ שטאָך מיט אַ נאָדל, און די שמערצן זיינען געלינדערט געוואָרן. מרים האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און איינגעדרעמלט. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די פינצטערקייט אין שפּיטאָל שוין געווען פאַרגרויט און ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן האָט זי מיט שרעקט דערזען, אַז איר רעכטער פוס איז הויך פאַרהויבן אַרויף, ווי ביי אַ פאַרשייטער טענצערין... זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז געפאַלן און געפינט זיך אין שפּיטאָל מיט אַ צע־בראָכענעם פוס...

ס׳איז שוין געווען העלער טאָג. דער שניי איז ווי צעריסענע, נאַסע וואַטע געפאַלן אויף די שפּיטאָל־פּענצטער. פון די אַרומיקע בעטן האָבן אַרויסגעקוקט בלייכע, צעווייטיקטע פּנימער, אויך מיט פאַרצויגענע פּיס און הענט אַרויף, ווי זיי אַלע וואָלטן אויסגעטאַנצט אַ חוזקדיק, גראָטעסקן טאַנץ.

דוד און די קינדער זיינען געקומען. מען האָט זי געצערטלט, גערעדט צו איר גוטע רייד. אפילו די איידעמס זיינען איין מאָל געקומען און געבראַכט בלומען.

די טעג און די נעכט האָבן זיך אומגעהויער לאַנג געצויגן. אַז דער ווייטיק אין פוס האָט אָנגעהויבן „בויערן", צעגייענדיק זיך אין אַלע גלידער, האָט זי אָנגעהויבן שרייען, ביז די „שוועסטער" האָט איר ווידער דערלאַנגט אַ שטאָך מיט דער נאָדל.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען זי אַהיימגעשיקט פון שפּיטאָל מיט אַן איינגעמויערטן פוס אין גיפּס. זי איז געלעגן אַ הילפלאָזע אין בעט. אירע הענט, וואָס זיינען געווינט געווען אַזוי פיל צו טאָן, זיינען פון אומ־באַוועגלעכקייט, ווי איר גוף, פאַרגליווערט געוואָרן. זיי האָבן ווי געווינט פון גאָרניט טאָן. דאָס בלוט האָט, דאַכט זיך, אויפגעהערט פליסן אין אירע אָדערן. נאָדלען האָבן איר געשטאָכן אין דער פּלייצע. זי האָט ניט איין מאָל געפילט ווי אַרויסצושפּרינגען פון בעט, כאָטש אויף איין פוס... נאָר דער דאָקטער האָט אָנגעזאָגט: — ליגן אומבאַוועגלעך, ליגן, ליגן!

דוד, איר מאַן, האָט ניט געוואוסט ווי צו טאָן די אַלע הויז־אַרבעטן. אַהיימגייענדיק פון שאַפּ, האָט ער געמוזט אַריינלויפן אין אַ קראָם, עפּעס איינקויפן. אַריין אין הויז, האָט ער צוגעשטעלט עפּעס צו קאָכן, לויט מרימס אָנווייזונג. אַ חוץ דעם האָט ער געמוזט דערלאַנגען איר, צונעמען, די ערשטע צייט — פּשוט זי קאָרמענען. ער האָט אַלץ געטאָן ווילִיק, מיט ליבשאַפט, אָבער אין הויז איז געווען אַן אומאָרדענונג. יעדעס ווינקל האָט געווינט, געבענקט נאָך די הענט פון דער באַלעבאָסטע.

אָבער אַ דאַנק דעם אומגליק, האָט זיך מרים דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געקאָנט גוט אויסרוען... זי האָט גענומען טראַכטן וועגן אַ סך זאַכן. דאָס האָט אַ ביסל פאַרזיסט די ביטערקייט: זי האָט זיך דערמאָנט אין איר קינדהייט, יוגנט, ס׳גאַנצע לעבן איז פאַר איר דורכגעגאַנגען און זי פלעגט צייטנווייז אַ ביסל פאַרגעסן די ווייטיקן.

— מאַמע, איך האָב דיר געבראַכט עפּעס צו פאַרנעמען דעם גע־דאַנק, — האָט איר עלטערע טאָכטער, עטל, געזאָגט, אויספּאַקנדיק אַ

פּעקל, פון וואַנען זי האָט אַרויסגענומען אַ „פּעינטינג־סעט“, אַ קעסטל מיט פאַרשיידענע קאָלירטע פאַרבן, קאָלירטע בלייפעדערס און פּאַפּיר.

— ווילסט מאַכן פון מיר אַ מאָלערין? — האָט מרים געלאַכט.

— ניט אַ מאָלערין. ס׳איז פאַר צייט־פאַרטרייב. וועסט פאַרגעסן אַ ביסל די ווייטיקן. צום ערשט וועסטו צייכענען מיט אַ בלייפעדער אויף פּאַפּיר, אײַנצואַרבעטן די האַנט, און שפּעטער וועסטו נעמען מאָלן מיט פאַרבן אויף לייוונט. אַ סך מענטשן מאָלן איצט פאַר צייט־פאַרטרייב. ס׳איז געוואָרן אַ מין „האָבי“.

— אַ דאַנק דיר, טאָכטער, וואָס דו געדענקסט אַזוי אין מיר. מײַנע הענט בעטן זיך טאַקע עפּעס צו טאָן, און וואָס מאַכן מײַנע זיסע אייניקלעך?

— זיי רייסן זיך גיין צו דער באָבען!

— ס׳האַרץ גייט מיר אויס זיי צו זען, — האָט מרים אָפּגעזיפצט.

— ווען דו וועסט זײַן געזונט, וועל איך זיי דיר אײַנגאַנצן אַוועקגעבן.

— דו סטראַשע מיך נאָר ניט. זע נאָר ווי זי וואָרפט זיך מיט מײַנע בריליאַנטן! גוט, איך האַלט דיך ביים וואָרט. איך נעם זיי צו מיט אָפענע אָרעמס!

— יאָ, יאָ! זיי פעלן דיר אויס...

ווען מרים איז געבליבן אַליין אין הויז, און ס׳ערשטע מאָל געעפנט ס׳קעסטל מיט פאַרבן, האָט זי געהאַט דעם אײַנדרוק ווי אינעווייניק וואָלט געווען אײַנגעפּרעסט אַ זון־פאַרגאַנג פון איר היימיש שטעטל. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין אירע קינדער־יאָרן און דערנאָך, אַלס אונטערגע־וואַקסן מיידל, פלעגט זי ניט קאָנען אָפּרייסן די אויגן פון הימל אין די זומער־פאַרנאַכטן, ווען די זון האָט זיך צעצונדן אין בלענדיק, אָטעם־פאַר־כאַפּנדיקע קאָלירן. מיטן פּנים צוגעפּרעסט צו דער שויב, איז זי געשטאַנען אַ פאַרציטערטע, באַצויבערט פון די פאַרבן, ביז די שטיף־מאַמע האָט אַ געשריי געטאָן: — מירל (אין דער היים האָט מען זי גערופן מירל), — הערסט ניט ווי דאָס קינד צערייסט זיך? נעם עס אַרויס פון וויגל, טראָג עס אַ ביסל אַרום אויף די הענט! מענטשן! וואָס טוט מען מיט דער מויד?! שטייט ווי אַ ליימענער גולם און גלאָצט אין הימל אַריין!

מרים דערמאָנט זיך, אַז קליינערהייט האָט זי ליב געהאַט צו מאָלן מענטשעלעך, קעצעלעך, הינטעלעך. אַז זי האָט ניט געהאַט קיין פּאַפּיר, האָט זי מיט קרייד פאַרשמירט די ווענט, און די שטיף־מאַמע האָט איר דערפאַר די האָר אויסגעריסן. איצט, צייכענענדיק פאַר צייט־פאַרטרייב, דערפילט זי אַ ציטער אין האַרץ... איר דאַכט זיך, אַז זי פירט מיט דער

האַנט פון יענער יונגער מירל׳ען, וואָס פלעגט קריגן געשלאָגן פאַר פאַטש־קען מיט קרייד וואו זי גייט און שטייט. איר ווייזט זיך אויס, אַז זי איז צוריק יונג געוואָרן און מען לאָזט איר צייכענען וויפל איר האַרץ גלוסט: אָט איז דער סקעלעט פון אַ מענטש, זי פילט אָבער, אַז עפּעס איז ניט ריכ־טיק, מעקט זי אויס און צייכנט־איבער. טויג ווידער ניט, צערייסט זי און הייבט־אָן אויפסניי. צייט האָט זי אַ סך און מיט געדולד איז זי גע־בענטשט... זי פרייט זיך און פאַרשעמט זיך באַלד, וואָס זי, שוין אַ באָבע פון אַזעלכע זיסע אייניקלעך, שפּילט זיך אין מאָלן מענטשעלעך... עס פאַרנעמט אָבער איר געדאַנק און זי פאַרגעסט אַביסל אָן די ווייטיקן.

—דוד דערזעט די צייכענונגען און זאָגט:

— הער, מירל, דאָס איז דאָך גאָרניט שלעכט! זע נאָר, דעם ייד מיט דער באָרד!

— דאָס דאַרף זיין מיין זיידע, — שמייכלט זי פאַרשעמט.

— גאָר ניט שלעכט! און די צייכענונג פון שטיקל הימל, וואָס זעט זיך אַרויס פון די הויכע, צוזאַמענגעפּרעסטע הייזער, איז אויך גוט.

— מאַכסט חוזק.

— איך מאַך שוין גאָרניט קיין חוזק. איך זאָג דיר, מירל, אַז דו ביסט גאָר אַ פאַרלוירענער טאַלענט!

— אָ, איצט לאַכסטו שוין פון מיר!

— כ׳שווער דיר, אַז איך מיין עס ערנסט. פון וואַנען האָט עס זיך פּלוצלונג גענומען צו דיר?

— אויב דו מיינסט עס ערנסט, וועל איך דיר זאָגן, אַז נאָך קליינער־הייט האָב איך ליב געהאַט צו צייכענען, אַז כ׳האָב ניט געהאַט קיין פּאַפּיר, פלעג איך פאַרפאַטשקען די ווענט מיט קרייד, פלעג צוגנבענען שטיקלעך טייג און מאַכן פון זיי פאַרשיידענע פיגורן. זאָל איך דיר נאָך עפּעס זאָגן? אַז איך פלעג זען אַ שיינעם זון־פאַרגאַנג, האָב איך זיך צעוויינט...

— דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האָסט אַ פּאָעטישע נשמה, — האָט ער געזאָגט.

נאָך דעם ווי זי האָט אָנגעצייכנט אַ צאָל סקעלעטן, האָט זי אַריינגע־גאָסן „בלוט״ אין זייערע אָדערן, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן ווערן ענלעך צו ריכטיקע מענטשן. זי איז געוועזן פאַרכאַפּט פון דעם „צייט־פאַרטרייב״.

עס זיינען אַזוי אַוועק וואָכן ביז ס׳איז געקומען אַ טאָג, ווען דוד האָט פאַרצויגן פאַר איר אַ לייוונט און זי האָט אָנגעהויבן מאָלן מיט פאַרבן... דעמאָלט האָט זי זיך שוין באַוועגט אַרום הויז אין אַ רעדל־שטול. זי האָט

ניט אַרויסגעלאָזט דעם פּענזל פון האַנט. אַ שטראָם פון עמאָציעס האָט אין איר דורכגעריסן און געפּלייצט.

שכנים און פריינט, וואָס האָבן אין אָנהייב געשפּאָסט פון איר, האָבן דערנאָך געלויבט און אָנגעהויבן קויפן אירע בילדער צו צען־פופצן דאָלער אַ שטיק...

אַזוי שנעל ווי דער פּוס האָט זיך איר אויסגעהיילט, האָט זי אָנגעהויבן באַזוכן בילדער־אויסשטעלונגען.

זייערס אַ באַקאַנטער יידישער ציישונגס־שרייבער, וואָס האָט געזען אירע בילדער, האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף לערנען, אַ סך לערנען.

— אין מיינע יאָרן ערשט אָנהייבן גיין אין חדר ?

— ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט ! מיט טאַלענט אַליין קאָן מען ווייניק אויפטאָן, מען מוז לערנען !

דער יידישער שרייבער איז געווען אַ „האַנט" אין אַ ציישונג. אין דער פרייער צייט האָט ער געשריבן לידער...

— ס'האָט שוין געטראָפן, — האָט ער געזאָגט, — אַז פרויען אין אייער עלטער האָבן איבערראַשט די וועלט.

מרימס האַרץ האָט געקלאַפּט...

עס זיינען שוין דעמאָלט אָנגעשטאַנען הייסע טעג. מרים האָט אויפגענומען אָוונט־קורסן אין אַ מאָלער־שול און געמאַכט היים־אַרבעט. זי איז שעהן־לאַנג ניט אָפּגעטראָטן פון לייוונט. פאַרנאַכט, ווען דוד איז געקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיי עפּעס אָפּגעגעסן און אַרויס פון הויז כאַפּן לופט אין אַ נאָענטן פּאַרק. מרים האָט זשעדנע געטרונקען מיט די אויגן יעדעס שטיקל פון דעם זומערדיקן הימל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען צווישן די שפּיצן פון די הויכע מויערן. דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַ מעש־קאָלירטע לבנה, ווי אַן אָנגעגליטע, קופּערנע פּאַן.

— אין דעם פּאַרקל, צווישן די אַלע הייזער קאָן מען רעכט דעם הימל ניט אָנזען, — האָט זיך מרים באַקלאָגט.

— פאַרוואָס, מרים, שטיקסטו זיך אין הויז ? קאָנסט דאָך מאָלן איבערדרויסן אויף דער לופט.

— וואו ? אין דעם פּאַרקל ? ס'איז דאָ הייסער ווי אין הויז.

— פאָרט מען אַרויס אין אַ גרויסן פּאַרק, אַוועק פון שטאָט־צענטער — מאָל דאָרט.

— מאַכן פון זיך אַן אויסשטעלונג ?

— פאַרוואָס אַן אויסשטעלונג? איך האָב געזען עלטערע מענטשן פון דיר מאָלן אין פּאַרק.

איינמאָל אין אַ שבת בייטאָג האָבן פריינט באַטראַכט מרימס בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט און געווען צעשטעלט אין אַלע ווינקלען פון פראָנט־צימער.

— מרים, — האָט איר אַ פריינדין געלויבט, — צייט דו לערנסט זיך אין דער מאָלער־שול, זיינען דיינע בילדער בעסער, לעבעדיקער געוואָרן. פריער אָבער האָט מען נאָך געקאָנט קריגן דיינס אַ בילד פאַר צען־פופצן דאָלער, איצט וויל שוין דיין מאַן אַרויפציען ביז פופציק דאָלער.

— מרים, מאָל מיר אַ פּאָרטרעט פון מיין אייניקל!

— מרים, איר ווערט דאָך יינגער און שענער!

פון אַלע זייטן: „מרים און מרים״! אירע גרוילעכע האָר, אָריגינעל און מיט געשמאַק פאַרקאַמט. פאַר איר קליידל, האָט זי אַליין געצייכנט דעם מאָדעל. זי האָט געטראָגן אָריענטאַלישע אויערינגלעך, בראַסלעטן. און איר פנים איז ווי געוואָרן געלייטערט, גייסטיק אויסגעאיידלט. מען לויבט זי, מען דריקט איר די האַנט.

און וואָס העכער זי וואַקסט, אַלץ וויניקער אָנזעעוודיק ווערט דוד. אַ סך מאָל פאַררוקט ער זיך אין אַ ווינקל און טראַכט אַריין אין רויך פון זיין פּאַפּיראָס; פילט, אַז ער ווערט פאַרלוירן... איידער זי איז געוואָרן אַ מאָלערין איז ער דאָך געווען דער צענטער פון הויז. מרים פלעגט מיטגיין אין דער יוניאָן, וואו ער האָט באַלאַנגט און זיך איינגעהערט מיט רעספּעקט און שטאָלץ, ווען ער האָט אַמאָל גענומען אַ וואָרט. איין מאָל האָט ער געהאַלטן אַ רעדע און אַלע האָבן אַפּלאָדירט, האָט זי אַפּלאָדירט העכער פון אַלע. ער איז שוין געלאָפן פאַר ביזנעס־אַגענט. זי איז געווען שטאָלץ מיט אים.

איצט האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט. זי איז דערהויבן געוואָרן און ער דאַרף אַרויפקוקן צו איר.

— דוד! וואו ביסטו אַהינגעקומען?!

דערזעט זי אים אין אַ ווינקל, אַ פאַרטראַכטן:

— וואָס עפּעס האָסטו זיך דאָ פאַרשטעקט?

מרים האָט געמאָלןביימער אין פּאַרק. עטלעכע צוקוקער האָבן אונטער אירע פּלייצעס געוויזן מיט די פינגער אויף דעם לייוונט, געלויבט און אויסגעזעצט. מרים איז שוין געווינט געווען צו די פּאַרק־קריטיקער.

— פאַראַן עפּעס אין דעם, — האָט זי דערהערט אַ שטימע לעבן זיך.

— בלויז עפּעס ?!... — האָט זי זיך געדונגען מיט אַ טאָן פון באַליי־דיקונג, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, — מענטשן לויבן הויך מיינע בילדער.
— זיי וויסן ניט, ווער ס׳האָט זיי געשליירט.
— פונוואַנען ווייסט איר ? — פרעגט זי שטעכיק.
— איך בין אַ מאָלער!
אַ בליק טוענדיק אויפן קאַרטל, וואָס דער מענטש האָט איר דער־לאַנגט, איז זי צעטומלט געוואָרן.
— איר זייט איזידאָר שעלווין, דער באַרימטער מאָלער ?
— אָן באַרימטער, זע איך, גייט עס גיט ביי אייך. נאָר איך בין שעלווין.
די פאַרב איז איר געקומען אין פּנים אַריין, דער פּענזל איז שיער ניט אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.
— איך האָב ערשט לעצטנס באַוואונדערט די בילדער אויף אייער אויסשטעלונג.
זי האָט געקוקט אויף אים געפּלעפּט. זיין אויסזען איז ניט געווען ווי פון אַזאַ באַרימטן מאָלער. מען וואָלט אים געקאָנט נעמען פאַר אַ וועלכן ניט איז סוחר. נאָר אויגן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, האָט ער געהאַט שאַרפע און דורכדריגנגענדיקע.
מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט מרים געהאַט אַן אויסשטעלונג פון אירע אַרבעטן. די קריטיק האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן. אַ רעפּאָרטער איז געקומען אין הויז אַריין.
— וואָס האָט אייך געמאַכט צו מאָלן ?
— איך האָב צעבראָכן אַ פּוס... — האָט זי געשמייכלט און דערציילט ווי ס׳איז געשען.
נאָכן „אינטערוויו האָט דער פאָטאָגראַפיסט, וואָס איז געקומען מיטן רעפּאָרטער, זי געבעטן פאָזירן פאַר אַ בילד.
— אויב אַ בילד איז צוזאַמען מיט מיין מאַן.
— זאָל זיין צוזאַמען.
דוד אָבער האָט זיך געקנייטשט... ניט געוואָלט.
ער האָט נאָכגעגעבן.
— שמייכלט! — האָט דער פאָטאָגראַפיסט באַפוילן.
דער אַפּאַראַט האָט אַ בליץ־געטאָן.
דאָס בילד איז דערשינען אין עטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן מיט אַן אונטערשריפט:
„די פרוי האָט באַדאַרפט צעברעכן אַ פוס צו ווערן אַ מאָלערין...“

די לאַנגע האַנט

משה פּערלמאַנען שווינדלט אין די אויגן, ווען ער קוקט אַרונטער פון צענטן שטאָק אויפן געדיכטן אויטאָמאָביל־פּאַרקער, וואָס זעט אויס פון דער הויך ווי קינדערשע שפּילצייג.

ער איז שוין די צווייטע וואָך אין אַמעריקע, און וואוינט דערווייל ביי זיין רייכן אָנקל. ער פילט זיך דאָ פרעמד. די געגנט איז אַ קריסט־לעכע, מען הערט ניט קיין יידיש וואָרט. אפשר וואוינען דאָ אויך יידן, נאָר ס׳איז זיי שווער צו דערקענען: אַלע זיינען געגאָלט, אַלע טראָגן אַמעריקאַנער קליידער און רעדן נאָר ענגליש, וואָס ער פאַרשטייט נאָך ניט. דער אָנקל, דזשעק פּייערסטאָן, קוקט אויס ווי אַ היימישער פּריץ, אָן וואָנצעס. ער שטייט אויף אינדערפרי און פאָרט אַוועק אין זיין גרויסן שוואַרצן אויטאָמאָביל, מיט אַ סך בליאַסקענדיק ניקל, צו זיינע געשעפטן. די צוויי אַטלעטישע זין, וואָס האָבן ניט קיין סימן אויף זיך פון יידן, גייען אַוועק אין קאָלעדזש, און די מומע, אַן „אַריסטאָקראַטיש־גוידערדיקע״ מאַדאַם, שלאָפט שפּעט אין טאָג אַריין. דרייט ער זיך אַרום אַליין אין גרויסן הויז. קוקט אַרויס דורכן פענצטער אין דער הייס־אָנגעגליטער, שטויביקער גאַס, וואָס איז צעבליצט פון דער פייערדיקער אויגוסט־זון. אין הויז איז דאָ אַ „קילינג־סיסטעם״ און מען פילט ניט וואָס אינדרויסן טוט זיך.

פון דעם הויז זעט מען דעם פּאַרק, וואָס גרינט זיך ניט ווייט. ער שפּאַצירט דאָרט, אָדער זיצט אויף אַ באַנק און הערט זיך איין צום אומ־אויפהערלעכן דונערן פון דער שטאָט, און אַמאָל צו דעם פּישטשען פון אַן איינזאַם, פאַרבלאָנדזשעט פייגעלע אויף אַ בוים לעבן אים. די גאַס, טראַכט ער, ער איז אַ טייל פון דער גרויסער רייכער אַמעריקע, און ער איז איינער פון אירע איינוואוינער. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט זיך אים אַזאַ גליק נאָר געקאָנט חלומען. און אפשר — באַפאַלט אים אַ טונקעלע, אומפאַרשטענדלעכע שרעק — אפשר איז עס טאַקע אַ חלום? ער ווערט זיך באַלד אויפכאַפּן אין פינצטערן „לאַגער״ צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן, וואָס ליגן ענג צוזאַמענגעדריקט אויף די אַלגעמיינע „ברעטער־

בעטן״ איינע איבער די אַנדערע, אין עטלעכע פּאַכן. ער וועט דערהערן דאָס שווערע, קראַנקע, אָטעמען אַרום זיך, און דערזען דורך די קליינע קויטיקע פענצטער דעם רויך פון דער קרעמאַטאָריע, פון וועלכן טייוואָלים שטעקן אַרויס רויטע צונגען...

ער ווערט אומרואיק פון דעם, וואָס אַזאַ „צווייפל״ קאָן אים אפילו אויף איין אויגנבליק קומען אויפן געדאַנק. ער איז פריי און גליקלעך, ער איז אין אַמעריקע. זיינע צעריסענע נערוון וועלן זיך דאָ אויסהיילן, בארואיקן און ווערן צוריק נאָרמאַל. ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און שנעל אויסגעלאָשן ס׳שוועבעלע. פייער צינדט־אָן זיין געדאַנק, טוט אַ ברי זיין האַרץ. ער דערפילט באַלד דעם ריח פון פאַרברענט פלייש, ער דערזעט די „פיגורן״, וואָס מ׳האָט אים געצוואונגען צוזאַמענצוקלייבן און וואַרפן אין די אויוונס אַריין. ער מאַסאַזשירט דעם שטערן, צו באַ־רואיקן די געדאַנקען, צו פאַרטרייבן די שרעק־בילדער, וואָס טרעטן זעלטן אָפּ פון אים. ער דערזעט אויף זיין האַנט די איינגעקריצטע בלויע ציפערן, די איינגעביסענע ציין פון אַ משוגענעם הונט, וואָס לאָזן אים אויך ניט פאַרגעסן. און אויך אַלץ וואָס אים איז געווען ליב, טייער און נאָענט לאָזט אים ניט רוען, האַלט אים אין איין מאָנען צו נעמען נקמה... זיין גע־ליבטע פרוי, וואָס איז אויף אַ חיהש־שענדלעכן אופן פאַרפייניקט געוואָרן, זיינע צוויי קינדער, זיין גאַנצע פאַמיליע, וואָס איז אומגעקומען — לאָזן אים ניט רוען.

דער אָנקל פאַרזיכערט אים, אַז ער מישט איצט אויף אַ ניי בלאַט אין זיין לעבן: — דאָ אין אַמעריקע, מאַריס, זיינען אַלע טירן אָפן פאַר דיר; דאָ האָט יעדער אַ גלייכע געלעגנהייט זיך אַרויפצואַרבעטן. ווען איך בין אַהער געקומען, פלעגט מיר אויספעלן אַ „ניקל אויף קאַר־פעיר״, און איצט — מיין שאָדן אויף דיר געזאָגט געוואָרן. דאָ דאַרף מען נאָר וועלן, קאָן מען אַלץ דערגרייכן. איך האָב פריינט, הערסטו, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אַ „פושקאַרט״, און איצט האָבן זיי „דעפּאַרטמענט־סטאָרס״. ביסט איצט אין אַמעריקע, ניט אין יוראָפּ. און פאַרגעס היטלערן! אַלע „פעיפּערס״ האָבן געשריבן, אַז מען האָט אים באַגאָסן מיט נאַפט און פאַרברענט, אַז ס׳איז קיין זכר פון אים ניט געבליבן.

— דער אָנקל דענקט אַזוי?...

— וואָס הייסט איך דענק? ס׳איז אַזוי!

— אין דייטשלאַנד זיינען נאָך געבליבן גענוג נאַציס.

— דאָ איז ניט דייטשלאַנד, דאָ איז אַמעריקע. פאַרגעס פון דאָרט. דו הייבסט איצט אָן אַ ניי לעבן!

אַזוי רעדט צו אים דער אָנקל ביים נאַכט־מאָלצייט. אין זיין פעטן פּנים זיינען פאַרבליבן קנאַפּע סימנים פון יידישקייט, נאָר עס שיינט מיט אַ זאַטער צופרידנקייט, און זיינע אויגן שמייכלען הנאהדיק און אויפקלערנ־דיק... און די מומע שמייכלט מיט אַ שטענדיק אַנגעשטעלטן פאַרגליווערטן שמייכל. אַ רינג מיט אַ גרויסן בריליאַנט שעמערירט אויף איר פעטן פינגער, און פּערל באַשיינען איר רויטלעך־געפּאַלדעוועטן האַלדז. זי וואַרפט אויך אַריין אַ וואָרט, אונטערשטיצנדיק דעם מאַנס רייד, און היט מיט די אויגן ווי אַזוי די דינסט דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש. זייערע צוויי זין רעדן ווייניק מיט די עלטערן. משהן זעען זיי איגנאָרירן ניט. זיי עסן אָפּ און אַנטלויפן. שפּעטער קומען געסט. מען שפּילט אין קאָרטן, און מען רעדט פון גרויסע געשעפטן.

אַ צווייט מאָל האָט דער אָנקל געזאָגט צו אים: — נעם זיך צייט, מאָריס, רו זיך אויס. אַז דו וועסט קומען צו זיך, וועל איך דיך אפשר אַריינשטעלן אין אַ שטיקל ביזנעס. און הייב־אויף דעם קאָפּ; גענוג גע־טרויערט. זיי גליקלעך, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן דיך אויסצוגעפינען און אַהער נעמען. און דאָס וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן. אפילו אין דער תורה שטייט: „גאָט גיט און גאָט נעמט". זעסט, דיין אָנקל האָט נאָך ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד. און דאָ זאָגט מען: „דהי שאָו מאַסט גאָ אָן" — דאָס לעבן מוז ווייטער אָנגיין. דאָ זאָגט מען אויך: „סמאַיל", שמייכל, באַיעלע. דאָ האָט מען ניט ליב קיין זויערע פּנימער. מיט אַ שמייכל קאָן מען דאָ אַרויספאַרבעטן די בעסטע ביזנעס! — די געדאַנקען נעמט משה אַרויס פונעם אָנקלס רייד, וואָס זיינען געמישט און פאַרפּלאָנטערט מיט ענגלישע ווערטער.

משה איז ניט קיין פרומער. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט ער אַ סך מאָל געבעטן גאָט, און אַ סך מאָל האָט ער אויפגעהויבן געביילטע פויסטן צום הימל און אים געשאָלטן... דער אָנקל הייסט אים שמייכלען, ווען ער פילט נאָך די היטלערס מעסער אין זיך. ער האָט זיך טאַקע פון יענעם גיהנום אַרויסגעריסן, נאָר עס לויפט אים נאָך. און איצט אפילו, שטייענדיק ביים פענצטער, אַראָפּקוקנדיק פון צענטן שטאָק, דאַכט זיך אים, אַז אָט טוט אים היטלערס האַנט אַ שטופּ און פאַרענדיקט אים... אָבער ניין, אַרויסגעריסן זיך — וועט ער לעבן, ער מוז לעבן, ער האָט אַ חשבון אונ־טערצוציען...

משה איז אַראָפּ אין גאַס. די היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ הייסן אויוון. ס׳איז אַרויס אַ קלעפּיקער שווייס, געמישט מיט שטויב אויף זיין פּנים. די אָנגעגליטע לופט האָט געשמעקט מיט גאַז פון די טויזנטער אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך צייטנווייז אַזוי ענג צונויפגעפּאַקט, ווי זיי וואָלטן גע־פּרואווט שטופּן איינע די אַנדערע, בלאָזנדיק אַזוי, ליאַרעמדיק מיט די ״האָרנס״, ווי אַ שדים־קאַפּעליע וואָלט זיך צעשפּילט. ער איז אָבער געווען באַרוישט פון די גרויסע רייכע געשעפטן, וואָס זיינען אָנגעפּאַקט מיט די טייערסטע קליידער, צירונג און אפילו קונסט־מאַלערייען. ווען ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס, איז אים אַקעגנגעקומען צווישן די אַלע פרעמדע פּנימער, אַ ייד, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ היימישער רבי, מיט אַן אַלפּעגענער לאַנגער קאַפּאָטע, געקרייזלטע פּיאות, וואָס זיינען אַרויסגעהאַנגען פון זיין שוואַרצן פּלושענעם קאַפּעלוש לעבן די אוירן. וואָס טוט אַ רבי אין דעם געגנט? האָט ער זיך געוואונדערט. ניט אַנ־דערש, דאָ וואוינען רייכע יאַהודים און ער קלייבט געלט ביי זיי פאַר צדקה־צוועקן. פאַרבייגייענדיק אַ שוי־פענצטער מיט פרויען־קליידער, האָט ער דערזען אויף איינעם פון די ״פיגורן״ אַ קאָפּ מיט ליכטיק־בלויע אויגן, וואָס האָבן אים דערמאָנט זיין פרוי מירל, וואָס דער לאַנגער־קאָמענ־דאַנט האָט פאַרפייניקט. זיין האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן שטעלן האַסטיק־נערוועזע טריט — היטלערס פאַרשאָלטענע האַנט האָט אים נאָכגעיאָגט.

דער זומער האָט זיך איבערגעברענט. די היצן האָבן אָנגעהויבן נאָכ־לאָזן. עס האָבן זיך דערנענטערט די ״הייליקע טעג״. אַרומדרייענדיק זיך אין דער קריסטלעכער געגנט, האָט זיך אים פאַרבענקט צו זען אַ יידיש פּנים, הערן אַ יידיש וואָרט. קיין פאַנאַטיש־פרומער איז ער ניט, נאָר זינט דאָס גרויסע אומגליק האָט יידן געטראָפן, גייט ער ראש־השנה יום־כּיפור אין שול אַריין מזכיר־נשמות זיין די וואָס זיינען אומגעקומען אונטער די נאַציס, איינגעשלאָסן זיין פרוי און צוויי יינגלעך, וואָס האָבן נאָך גאָרניט געלעבט אויף דער וועלט.

— לויט מיין לוח דערנענטערן זיך שוין די הייליקע טעג — האָט ער געזאָגט צום אָנקל.

— יאָ, דער זומער איז שוין אַוועק. אַ גאַנץ יאָר קאָן מען זיך ניט אָפּ־רייסן פון ביזנעס. ראש־השנה און יום־כּיפור לאָז איך איבער אַלע גע־

שעפּטן און פאַר אַרויס פאַר אַ „וועקעישן״. אַז דו ווילסט, וועלן מיר דיך מיטנעמען.

— איך וואָלט געוואָלט זען די יידישע געגנט. דער אַנקל וויסט דאָך: עס ציט צו יידן.

— נו, ווער לאָזט דיר ניט? כאַפּ זיך אַראָפּ.

אין איינעם פון יענע טעג איז משה אַראָפּגעפאָרן מיטן סאָבוועי אין דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ יידישער שטאָט ערגעץ אין פּוילן אָדער גאַליציע, נאָר דאָ זיינען די הייזער געווען הויך און ענג צוזאַמענגעדריקט. דער טומל געדיכטער, רוישיקער. ער האָט דאָ באַגעגנט יידן מיט בערד און פּיאות, אפילו מיט שטריימעלעך; יינגלעך מיט פּיאהלעך און סידורים אונטערן אָרעם. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יידיש בוך־געשעפט. נעמען פון באַקאַנטע יידישע שרייבער האָבן אַרויסגעלויכטן פון די טאַוולען. ער האָט געקויפט אַ יידישע צייטונג, און גייענדיק געכאַפּט אַ קוק אויף די קעפּלעך, אויף מעלדונגען פון לעקציעס, פאַרזאַמלונגען, טעאַטער. עס איז אים געוואָרן וואַרעם און יום־טובדיק אויף דער נשמה. לעבן אַ שול איז געזעסן אַ ייד און פאַרקויפט בילעטן פאַר ראש־השנה און יום־כיפור.

היטלער איז טויט, האָט ער געטראַכט, און יידישקייט לעבט. דער אַנקל איז אפשר גערעכט: דאָס איז אַמעריקע, דאָ זעט ער אַרומגיין יידן ווי זיי וואָלטן געווען בייזיך אין דער היים. אָט בלאָזט מען ערגעץ שופר.

פּלוצלונג האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: אויף דער טיר און פענצטער פון אַ שול זיינען געווען אויפגעשמירט שוואַרצע סוואַסטיקאַס. אַרום זיינען געשטאַנען צעשראָקענע יידן. מען האָט געבראַכט אַ פּאָ־ליסמאַן. סוואַסטיקאַס אין אַמעריקע! — האָט ער געטראַכט אַ פאַרצי־טערטער, און ווידער דערזען דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, פון וואַנען ער האָט זיך מיט ניסים אַרויסגעראַטעוועט, דערזען דעם לאַגער־קאָמענ־דאַנט, האַנס שטראַמער. די יידן האָבן אים גערופן „היטלער״, ווייל ער האָט געפּרואווט קאָפּירן היטלערן, געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, די הענט אויף די זייטן, אַרויסשטאַרצנדיק די שפּיציקע עלנבויגנס, ווי שנאָבלען פון רויב־פייגל. געדרעוועט ווי היטלער, און אויך געטראָגן דאָס פאַרהאַסטע בערשטל־וואָנצעלע אונטער דער שפּיציקער נאָז. דער־אָ מאָנסטער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זיין מירלען. ס׳האָט ניט געהאָלפן איר פאַרשמירן זיך ס׳פּנים, דאָס אָנטאָן אַ שוואַרצן טוך אויף אירע גאָלדענע האָר. ער האָט זי ווי אַ רויב־פויגל דערשמעקט און באַפוילן,

זי זאָל ווערן אַ דינסט אין זיין הויז. און ווען ער איז זי באַפאַלן, געוואָלט פּאַראומרייניקן, האָט זי שנעל אַראָפּגעשלונגען סם — ס'איז אַלץ דערנאָך קלאָר געוואָרן.

קוקנדיק אויף די סוואַסטיקאַס, איז ער געוואָרן בלאַס און זיך אַ לייכטן וויג געטאָן.

— וואָס איז אייך, רב ייד? — האָט עמעצער געפרעגט. — משה האָט ניט געענטפערט. ער האָט ווידער געזען דעם רויך, וואָס זעצט מיט רויטע פונקען פון דער קרעמאַטאָריע. ער האָט געהערט ווי איינער זאָגט: — ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען שמירט אָן סוואַסטיקאַס אויף דער שול. ניט ווייט פון דאַנען האָט מען אין אַ שול אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע.

אַהיימפאָרנדיק דורך פינצטערע טונעלן, האָט ער געהערט אין בראַזגעריי פון סאָבוועי, ווי עס לאַכן און פייפן שדים און זינגען צום ריטם פון די רעדער: „ווען דאָס יידן־בלוט פון שאַרפן מעסער שפּריצט", און דער קאָמענדאַנט מיטן פאַרהאַסטן שוואַרצן „בערשטל" אונטער דער נאָז שטייט מיט צעשפּרייטע פיס און רעוועט מיט אַ פאַרקרימט מויל אויף זיין מירלען... דאָס בילד וויל ניט אָפּטרעטן פון אים, און בייט זיך אין פאַרשיידענע פיינלעכע דעטאַלן. מען האָט אויך דערציילט, אַז ראַנגלענדיק זיך מיטן קאָמענדאַנט, האָט זי די נעגל אין זיין פּנים אַריינגעשניטן. אויף איין אויג, וואָס האָט געבלוטיקט, האָט ער צומאָרגנס געטראָגן אַ שוואַרצע לאַטע. און ווען ס'האָט זיך שוין אפילו פאַרהיילט, איז עס געבליבן האַלב־פאַרמאַכט.

אַז משה האָט דערציילט דעם אָנקל וועגן די סוואַסטיקאַס, וואָס מען האָט אָנגעשמירט אויף דער שול, האָט יענער דאָס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: — עפּעס אַ „באָם", אַ לאָבוסל, האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, דאַרף מען ניט מאַכן אַ ווען דערפון.

— קענסט גאַנץ רואיק שלאָפן, מאָריס, דאָס איז ניט „ראַשע". דאָ מאַכט מען ניט קיין פּאָגראָמען אויף יידן. — האָט די מומע אונטערגעשפּאַרט דעם אָנקלס רייד.

משה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און זיך דערשראָקן: מיט אַ טאָג צוריק זיינע אירע האָר געווען שוואַרץ, איצט זיינען זיי רויט. זי האָט באַמערקט זיין איבערראַשונג, און איר פּנים, מיט די אַביסל צופיל צוגעפּאַרבטע קינבאַקן, האָט זיך ניט געענדערט: ס'איז דאָרט געבליבן דער שטענדיקפאַרגליווערטער שמייכל. משה האָט געפינטלט מיט די אויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז משה ווידער אַראָפּגעפאָרן אין דער יידישער געגנט. די סוואַסטיקאַס פון דער שול האָט מען שוין געהאַט אַראָפּגעוואַשן. דאָס לעבן האָט געררוישט ערב יום־טובדיק, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען. ער האָט געקויפט אַ יידישע צייטונג און געלייענט אַן אַרטיקל וועגן אַזעלכע יידן ווי זיין אָנקל, וואָס זעען ניט, אָדער ווילן ניט זען וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט.

באַלד נאָך די יום־טובים האָט דער אָנקל אַריינגענומען משהן אין איינעם פון זיינע געשעפטן, ער זאָל זיך לערנען די „ביזנעס". דערווייל האָט ער געפּאַקט פּעקלעך, און ביינאַכט געגאַנגען אין „נאַיט־סקול" זיך לערנען ענגליש. זיינע איינגעפּאַלענע באַקן האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויספילן און באַקומען קאָליר; זיינע נערוון האָבן זיך אָנגעהויבן באַרואיקן. ער האָט באַוואונדערט די אַמעריקאַנער טעכניק: אַלץ ווערט געמאַכט מיט מאַשינען, און ווי קלוג די מאַשינען זיינען... אין אָנקלס אָפיס שטייט אַ מאַשין, וואָס קען בעסער און שנעלער באַרעכענען דעם שווערסטן חשבון ווי אַ מענטש. מאַשינען טוען אַלץ, פאַרנעמען דאָס אָרט פון מענטשן, מאַכן זיי אַרבעטלאָז — דאָס איז עפּעס אַ שטעקן מיט צוויי עקן...

— אַז דו וועסט זיך אויסלערנען ענגליש און זיך אויסטויגן צו ביזנעס, וועסטו ערשט ווערן אַ מענטש און וויסן פון אַ לעבן, — האָט דער אָנקל גערעדט צו אים, שפּאַצירנדיק אין איינער פון די העל־באַלויכטענע גאַסן, ניט ווייט פון זייער הויז.

— דו ביסט נאָך יונג און האָסט נאָך די גאַנצע וועלט פאַר זיך, און אייביק קלאָגן קאָן מען ניט, און מען דאַרף ניט. די טויטע קאָן מען צוריק ניט לעבעדיק מאַכן. וואָס די ערד דעקט־צו, מוז פאַרגעסן ווערן. וועסט זיך באַקענען מיט אַ פיינער פרוי און אָנהייבן אַ ניי לעבן. ווען מיין ברודער, דיין פאָטער, וואָלט איצט געלעבט, וואָל ער גערעדט די זעלבע ווערטער צו דיר.

און כאָטש אין משהן האָט פון אָנקלס רייד אַ ברויז געטאָן אַ באַהאַלטן־פריידיק געפיל, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשעמט, האָט ער ווי צו פאַר־ענטפערן זיך געזאָגט: — די וואונדן בלוטיקן נאָך, אָנקל.

— די צייט פאַרהיילט אַלע וואונדן.

אפשר איז דער אָנקל ניט אינגאַנצן אומגערעכט, האָט משה אַ טראַכט געטאָן. אָט האָט ער זיך אַליין שוין געכאַפּט עטלעכע מאָל ביי דער האַנט, ווי ער טוט אַ קוק אויף אַ שיינער פרוי. אמת, ער קאָן זיך ניט העלפן, זיי קומען אים גלייך אין די אויגן אַריין און רופן אים ממש אַרויס... און

ער איז ניט מער ווי אַ מענטש... איין זאַך איז זיכער: דער אַנקל איז אים דער נאָענטסטער און בעסטער פריינט אין אַמעריקע; אפשר איז די פאַר־גאַנגענהייט געווען בלויז אַ שרעקלעכער חלום, און ער וועט זיך אויפכאַפּן צו אַ ניי לעבן?

פלוצלונג האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט אַ צעשראָקע־נעם פינטל געטאָן מיט די אויגן: איז עס די אַרבעט פון זיינע צעריסענע נערוון? ניין, ס'איז דיווירקלעכקייט, מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן: האַנס שטראַמער, דער קאָמענדאַנט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, קומט אים גלייך אין פנים אַריין. דאָס זעלבע פאַרהאַסטע, בערשטל־וואָנצעלע אונטער דער רויב־פויגל־נאָז. און איין אויג איז נאָך טאַקע ביי אים אַ ביסל פאַרמאַכט.

— היטלער! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ געשריי. ער האָט זיך, ווי אָן זיין וויסן, אַ וואָרף געטאָן אויף אים, אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און אָנגעהויבן שטיקן. ס'איז געשען שנעל ווי אַ בליץ. דער קאָמענדאַנט האָט זיך געגאָרגלט, געפּרואווט אָפּרייסן משהן פון זיך, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף אים ווי אַ געהאנגענער. האַנס שטראַמערס קני האָבן זיך אָנגעהויבן בייגן. מענטשן האָבן יי צעריסן. ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי.

האַנס שטראַמער האָט דערשראָקן און הייזעריק געזעוועט: — איר לאָזט אַרומלויפן משוגעים אין גאַס! איך וועל אָנקלאָג אייער פּאָליציי־דעפּאַרמענט!

ער האָט באַוויזן זיינע פּאַפּירן, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז ער איז אַ הויכער דייטשער דיפּלאָמאַט און אַן ערן־גאַסט ביי דער אַמעריקאַנער רע־גירונג. אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט איבערגעקוקט דאָס פּאַפּיר, האָט זיך פאַר־נויגט פאַר שטראַמערן, וואָס איז ווידער געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, די הענט פאַרלייגט אויף די זייטן, אַרויסשטאַרצנדיק די עלנבויגנס.

— איך האָף, אַז אייער „אָנאָר" (כבוד) וועט אונדז אַנשולדיקן. אין יעדער שטאָט כאַפּט זיך אַרויס אַ משוגענער.

— ער האָט פאַרברענט מיינע צוויי קינדער און געשענדט מיין פרוי אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואו ער איז געווען קאָמענדאַנט! — האָט משה געשריגן, ווען מען האָט אים אָנגעטאָן האַנט־קייטלעך און געפירט אין פּאָ־ליציי־וואָגן אַריין. עמעצער פון די אַרומשטייענדיקע האָט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— איינער איז משוגע געוואָרן.

דער אָנקל האָט אָנגעשטעלט אַן אַדוואָקאַט און אַ פּסיכיאַטאָר צו באַ־ווייזן אַז משה איז ניט משוגע.

דעם טייוולס בערג

די זון האָט שאַרף געלויכטן און זילבערדיק צעבליצט די הייסע לופט. אָשר האָט געקירעוועט דאָס רעדל פון אויטאָמאָביל, וואָס איז געווען אָנגעגליט פון דער היץ, אַז ס׳האָט געבריט זיינע הענט. דורך די טונקעלעברילן האָט ער מיט פאַרזשמורעטע אויגן געהיט דעם וועג: מען האָט גע־לויערט אויף אים פון אַלע זייטן, די מאַשין האָט געשוועבט אַראָפּ־און־אַרויף אויף דעם שליאַך, וואָס איז אויסגעהאַקט געוואָרן צווישן בערג און טאָלן. אַראָפּ־באַרג האָט ער געמוזט שטאַרק דריקן אויפן „ברעיק" צו האַמעוועןן די רעדער. באַרג־אַרויף, דערזעענדיק אַ „הויכע וואַנט" האָט ער אַ פּרעס־געטאָן אויף דער גאַז און געפלויגן אין הימל אַריין" ווי אויף אַ כישוף־טעפּיך.

— הייס! — האָט זיך באַקלאָגט גאָלדע, זיין ווייב, און געווישט דעם שווייס פון פאַרפלאָמטן פּנים — אַ מבין וואָס פאַר אַ פייער ס׳איז היינט? אפילו דאָס ווינטל, וואָס בלאָזט אַריין, איז אָנגעגליט, אפשר פאַרמאַכן די פענצטער?

— וועט זיין נאָך ערגער, מען וועט גאָר דאַרפן דערשטיקט ווערן — האָט זי אָשר געוואָרנט.

— פוי, איך גיי־אָפּ אין שווייס!

— ס׳איז געזונט אַמאָל זיך אויסצושוויצן: דער שווייס ציט אַרויס אַלע שלעכטע שטאָפן, וואָס זאַמלען זיך אָן אין קערפּער. מיינסט, גאָט האָט באַשאַפן די זון פאַראַ שפּילצייג? ער האָט אַלץ געטאָן לויט אַ פּלאַן: צום ערשט האָט ער...

— הער אויף צו דרשענען! — האָט זי אים שאַרף אָפּגעהאַקט — און היט בעסער דעם וועג!

— איך היט.

— יאָ? אָט האָסטו זיך נאָר וואָס שיער ניט אָנגערירט אָן אַ מאַשין!

— מיינסט, יענע מאַשין האָט זיך שיער ניט אָנגערירט אָן מיר.

— ווי עס זאָל ניט זיין, האָט געפעלט אַ האָר און איר וואָלט זיך „צע־

קושט״. טאָ היט דעם וועג! מיר פאָרן אויף וואַקאַציע, לאָמיר אָנקומען גאַנץ.

— מיר וועלן אָנקומען, גאָט איז אַ פּאָטער...

— מיטאַמאָל האָט ער מיר אָנגעהויבן רעדן מיט גאָט...

די אויטאָמאָבילן וואָס זיינען אָנגעקומען אויף דעם „האַיוועי״, זיינען טאַקע אַזוי נאָענט פאַרבייגעלאָפן, מיט אַזאַ צישענדיק־אָפּגעהאַקטן „זום״, אַז אַ הייס ווינטל האָט אים יעדעס מאָל אַ שניט געטאָן אין פּנים און ס׳האָרץ האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן.

אַ מענטש איז „אַקעגנגעפלויגן״ דער מאַשין און מיטן פינגער געוויזן, אַז ער גייט דעם זעלבן וועג, געבעטן מען זאָל אים אַריינגעמען.

אַשר איז אים פאַרבייגעפאָרן. יענער איז ניט געוואָרן, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען.

— ס׳איז טאַקע אַ פאַרדראָס צו פאָרן מיט אַ ליידיקער מאַשין און לאָזן שטיין אַ מענטשן זיך ברענען אונטער דער זון — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר גאָלדען — נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז מ׳ווייסט ניט וועמען מען נעמט אַריין. אַמאָל שטעלט אַזעלכער צו אַ רעוואָלווער צו דיין פּלייצע פאַר דער טובה, באַרויבט דיך, וואַרפט דיך אַרויס און פאָרט אַוועק מיט דיין מאַשין. גיי זיי אַ גוטער אין אַ וועלט פון גזלנים!

— ניט אַלע זיינען גזלנים — האָט זיך גאָלדע אָנגענומען דער וועלטס קריוודע.

— דו ווייסט דאָך אָבער ניט, ווער איז ווער. אוודאי ליידט דער גוטער צוליב דעם שלעכטן. אָט בעט שוין ווידער עמעצער אַ „ראַיד״. איז עס אַ מאַן אָדער אַ פרוי?

— ס׳איז אַ פרוי — האָ גאָלדע געזאָגט.

— ניין, אַ מאַן, ער טראָגט הויזן.

— און פרויען טראָגן ניט קיין הויזן? קוקט אויס אַ יונג מיידל. אַליין אין וועג. מען דאַרף זי אַריינגעמען.

— איך ברען מיך שוין צוויי שעה דאָ אונטער דער זון — האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט אַ פאַרטריקנט־רחמנותדיק קול — און קיינער וויל מיך ניט אַריינגעמען.

— ס׳איז מיר אַ וואונדער: אַזוי פיל יונגעלייט פאָרן פאַרביי, ווילן זיי ניט אַריינגעמען אַ יונג שיין מיידל? — האָט זי אַשר מיט פאַרדאַכט געפאָרשט...

— יונגעלייט שטעלן זיך שוין גאָר אָפּ פאַר מיר, נאָר איך וויל ניט

פאָרן מיט זיי, ווייל איך האָב געהערט, אַז אַ סך מיידלעך ווערן אַזוי אַריינ־גענאַרט, פאַרגוואַלדיקט און דערהרגעט. איך זוך אַן עלטער פּאָר־פּאָלק.

— נעם זי אַריין — האָט גאָלדע שטיל געזאָגט.

— ווער ווייס, ווער זי איז.

— דו גייסט זיך ניט מיט איר ניט משדך זיין.

— וואוהין דאַרפט איר? האָט אָשר געפרעגט.

— וואוהין פאָרט איר?

— קיין סאַן פראַנציסקאָ.

— גוט. כ׳דאַרף קיין לאָס־אַנדזשעלעס, וועט איר מיך דאָרט אַראָפּלאָזן. איר זייט מיר ווי פון הימל צוגעשיקט געוואָרן!

גאָלדע האָט געעפנט די טיר.

— אַ גרויסן דאַנק. גאָט וועט אייך באַצאָלן.

אַזוי ווי זי איז געווען אַ דינע, האָט זי גאָלדע געזעצט לעבן זיך פון פאָרנט און זיי זיינען ווייטער געפאָרן.

— צו וועמען פאָרסטו אין לאָס־אַנדזשעלעס? — האָט זי גאָלדע געפרעגט.

— קיין האָליוואוד — האָט די מיידל שטאָלץ געענטפערט.

— קענסטו דאָרט עמעצן?

— איך קען אַלע מואווי־סטאַרס. זייערע בילדער הענגען אויף מיין וואַנט... — איך קען זיך גאָרניט דערוואַרטן זיי צו זען פערזענלעך.

— וואָס דענקסטו דאָרט צו טאָן? — האָט זי גאָלדע געפרעגט.

— אויך ווערן אַ מואווי־סטאַר.

— פונוואַנען קומסטו?

— ניט ווייט פון דאַנען האָט מיין פאָטער אַ פאַרם.

— ווייסט ער, אַז דו פאָרסט קיין האָליוואוד?

— ניין, איך בין אַנטלאָפן!

— איך האָב מורא, אַז מיר נעמען אויף זיך צרות — האָט אָשר געזאָגט אויף יידיש צו גאָלדען — דער פאַרמער קאָן דאָרט קלאָפּן טרעוואָגע. פּאָ־ליציי וועט אונדז אָניאָגן און נאָך מיינען, אַז מיר האָבן „געקידנעפּט" דאָס מיידל.

— וואָס דיין פאַנטאַזיע קען אַלץ צעאַרבעטן — האָט גאָלדע געזאָגט און געפרעגט דאָס מיידל:

— פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?

— ווייל מיין פאָטער איז אַ מערדער. ער האָט דערהרגעט מיין מאַמען,

זי איז פאַר דער צייט געגאַנגען פון דערוועלט צוליב אים. איצט וויל ער מיך אויך אומברענגען, ער מאַכט מיך צו אַרבעטן ווי אַ שקלאַף און טשעפּעט זיך צו מיר, ווען ער איז שיכור... קענט איר זיך דאָס פאָרשטעלן? אַ פאָטער זאָל זיך טשעפּען צו זיין אייגענער טאָכטער?

אָשר און גאָלדע האָבן געשוויגן אין פאַרלעגנהייט. די אויטאָמאָבילן אין פראָנט פון אים האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער און מיטאַמאָל זיך געטאָן אַ שטעל־אָפּ, אַז ער האָט געמוזט אַ טופּע טאָן מיטן פוס אויפן „ברעיק״, אַז די רעדער האָבן זיך צעקוויטשעט ווי הינט, וואָס מען טרעט זיי אָן אויפן עק.

— וואָס איז געשען?! — האָט זיך גאָלדע אַ טרייסל געטאָן פון אומגעריכטן אָפּשטעל. זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן מיידל, ניט צו פאַרלירן די גלייכגעוויכט.

— איך ווייס ניט, מיטאַמאָל איז דער גאַנצער פאַרקער פאַרגליווערט געוואָרן.

זיצנדיק אַ צוויי מינוט, האָט זי געזאָגט — גיי אַרויס, גיב אַ קוק וואָס האָט געטראָפן.

עטלעכע מענטשן זיינען געשטאַנען ביי אַ שילד און געלייענט: „דיטור״ — צוליב אַ פאַרפּלייצונג איז דער וועג פאַרמאַכט. פאַרקירעוועט זיך לינקס.

— נו, — האָט אים גאָלדע געפרעגט, ווען ער איז צוריקגעקומען.

— ס'איז דאָ פאָרגעקומען אַ פאַרפּלייצונג. מען דאַרף זיך פאַרנעמען אויף אַ זייטיקן וועג.

— ווער ווייסט וויפל צייט מיט וועלן איצט פאַרלירן אויפן זייטיקן וועג, ס'איז שוין געווען נאָענט צו אַ שטעטל און איך האָב געמיינט, אַז מיר'ן דאָרט קענען עפּעס אָפּעסן. איך בין הונגעריק.

— וואָס קענסטו זיך העלפן? — האָט אָשר געזאָגט, זעצנדיק זיך צום רעדל — אפשר וועלן מיר אויף דעם וועג עפּעס אָנטרעפן. מיך הונגערט אויך.

— דאָס האָב איך אייך אוודאי מיטגעברענגט אַ שלעכט מזל — האָט דאָס מיידל געזאָגט פאַרשולדיקט.

— נאַרעלע — האָט גאָלדע געשמייכלט — ס'האָט גאָרניט צו טאָן מיט דיר און מיטן מזל. אַזעלכע זאַכן טרעפן אויפן וועג. און ווי רופט מען דיך?

— נעלי.

— מיין נאָמען איז גאָלדע.

— פרייט מיך דיך צו קענען, גאָלדי!

— אַז איך וועל אַמאָל זען דיין נאָמען מיט גרויסע עלעקטרישע ליכט אויף די מואווי־הייזער, וועל איך וויסן אַז דאָס ביסטו, דאָס מיידל, וועמען מיר האָבן געגעבן אַ „ראַיד" אין אונדזער מאַשין — האָט גאָלדע דערמו־טיקנדיק געשמייכלט.

— אַז איך וועל ווערן אַ מואווי־סטאַר, וועל איך האָבן אַן אַנדערן נאָמען. נעלי איז אפשר געננג גוט פאַר אַ מיידל, וואָס מעלקט קי, אָבער ניט פאַר אַ גרויסער אַקטריסע. מיין „מענעדזשער" וועט שוין פאַר מיר אויסטראַכטן עפּעס אַ וואַזשנעם נאָמען.

— פאַרטשייט זיך... — איז גאָלדע מסכים געווען מיט איר...

דער וועג, אויף וועלכן זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט, איז אין אָנהייב געווען ברייט און גלייך, נאָר אָפּפאָרנדיק אַ ביסל, האָט ער אָנגעהויבן ווערן שמאָל, געדרייט און באַרג־אַרויף. אַז ס'איז אַקעגנגעקומען אַן אויטאָמאָ־ביל, האָט מען זיך שיער ניט אָנגערירט. נאָך גוט וואָס עס זיינען דאָ גע־פאָרן ווייניק מאַשינען. וואָס טיפער אין געדרייטן וועג אַריין, אַלץ אומ־היימלעכער איז אָשרן געוואָרן. אויסדרייען זיך און צוריקפאָרן האָט מען שוין ניט געקענט, אַזוי שמאָל איז דער וועג געווען. אויפן צעגליטן הימל האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען טונקעלע וואָלקנס, און דער וועג ציט זיך אַלץ העכער און געדרייטער. ווען מען זאָל אים אויף מיליאָנען מאָל פאַר־קלענערן, וואָלט ער געהאַט די פאָרם פון אַ קאָרקציער, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ שאַרפן שפּיץ...

אָפּפאָרנדיק אַ לענגערע צייט, האָבן זיי דערזען אַ מענטש שטיין ביי עפּעס אַ חורבה. אַשר האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין און אים געפרעגט:

— קענט איר מיר זאָגן, וואו מיר געפינען זיך דאָ? דער וועג ציט זיך העכער און העכער, אָן אַ סוף. און דעם העכסטן פונקט קען מען נאָך אַלץ מיטן אויג ניט דערזען. וואָס איז דאָס, אַ טורעם צו גאָט?

— צו גאָט אָדער צום טייוול... — האָט דער מענטש אַרויסגעשמייכלט פון באַוואָקסענעם פנים. — עס ווענד זיך, ווי איינער האָט זיך פאַרדינט... כי, כי!...

ער האָט אויסגעקוקט ווי אַן אַלטער איינזאַמער „האָבאָ". ביי די זייטן פון זיין פליך זיינען הערנערדיק אָפּגעשטאַנען צוביסלעך האָר. זיינע קליינע פינטלדיקע אויגן האָבן כיטרע געגלאַנצט.

— וואו זיינען מיר אַריינגענאַרט געוואָרן? מען זעט זעלטן דורכפאָרן

אַ מאַשין, און דער וועג איז אַזוי פאַרדאַמט שמאָל, אַז מיט אַ ריר קען איינער דעם צווייטן אַראָפּשטופּן אין טאָל אַריין!

— דאָס... — האָבן זיך דעם באַוואָקסענעמס אויגן נצחונדיק צעשיינט און ער האָט זיך ווידער פאַרכלינעט מיט אַ שפּיציק, קוויטשיק געלעכטערל, אַרויסשטאַרצנדיק די ציינלאָזע יאַסלעס, — דאָס זיינען דאָך דעם טייוולס בערג! — און ער האָט זיך הנאהדיק געקראַצט אין דער באָרד, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל...

— הער אויף איינטענהן מיטן צעדרייטן! — האָט זיך גאָלדע גע־בייזערט. — מיר ווערט אומהיימלעך צו קוקן אויף דעם פאַרשויך, און ער איז צעגעקלעפּט געוואָרן צו אים! לאָמיר ניט פאַרלירן קיין צייט און זיך אַרויסכאַפּן פון דאַנען!

— וויפל מייל איז צום העכסטן פונקט? — האָט אים ווידער אָשר געפרעגט.

— אָ, איך וואָלט געזאָגט, אַ צען־צוועלף מייל — האָט זיך דער פאַר־שויך הנאהדיק געשיבערט — אַז איר וועט אָנקומען אַרויף, וועט דער וועג באַרג־אַראָפּ זיין לייכט. יעדער באַרג־אַראָפּ איז לייכט. ניט אַזוי? כי, כי!

— טשעפּע זיך אָפּ פון אים! — האָט גאָלדע אַ געשריי געטאָן.

אָשר האָט זיך געזעצט צום רעדל. אַז ס׳איז צייטנווייז אָקעגנגעקומען אַ מאַשין, און ביידע האָבן אָנגעהויבן פאָרן זייער לאַנגזאַם, ניט אָנצורירן זיך, האָט גאָלדע פאַרמאַכט די אויגן און „געזען" ווי יענע מאַשין האָט זיי נאָר אַ לייכטן שטויס געטאָן און זיי פליען באַרג־אַראָפּ אין טאָל אַריין.

אין הימל האָבן זיך אָנגעהויבן אָנפּאַקן שוואַרצע וואָלקנס. ס׳איז געוואָרן פינצטער. די לופט — קלעפּיק, בייסיק. עטלעכע טראָפּנס זיינען געפאַלן אויף די שויבן.

— ס׳הייבט־אָן רעגענען — האָט גאָלדע געזאָגט מיט אַ געפאַלן קול.

— קענסט ניט פאָרן אַ ביסל שנעלער? אפשר וועלן מיר זיך באַווייזן אַרויסצוכאַפּן פון דאַנען, איידער ס׳הייבט־אָן גיסן.

— איך קען ניט פאָרן שנעלער, דער וועג איז באַרג־אַרויף און איך האָב ווייניק גאַז אין „טאַנק".

— וואָס?! בלייבסט אָן גאַז?! — האָט זי זיך דערשראָקן.

— יאָ — האָט אָשר פאַרשולדיקט צוגעגעבן.

— ס׳טייטש? ווי לאָזט זיך דאָס אַ מענטש אַרויס אין אַזאַ וועג אָן גאַז? וואו איז דיין קאָפּ?!

— איך האָב ניט געוואוסט וואוהין דער „דיטור" וועט אונדז פאַר־

פירן דאָס ווייסטו איצט, אַז ס׳איז „אַזאַ וועג״. און אפילו אַזאַ וועג? אויב עס פאָרן מאַשינען, דאַרף דאָ זיין ערגעץ אַ גאַז־סטאַנציע.

— מען האָט דיר אָנגעגרייט. אין אַזאַ ווילסטעניש וויל ער אַ גאַז־סטאַנציע — אירע שטעך־ווערטלעך האָבן אַשרן אויפגערעגט, און זיי האָבן זיך שאַרף צעווערטלט.

— דאָס האָב איך אייך מיטגעבראַכט מיין שלעכט מזל — האָט נעלי געזאָגט פאַרשולדיקט.

— אָ, הער אויף מיט דיין מזל! — איז גאָלדע געוואָרן אין כעס.

נעלי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. גאָלדען האָט באַלד פאַרדראָסן, וואָס זי האָט אַזאַ געשריי געטאָן אויף איר, אַז זי טוט איר אַ טובה, דאַרף זי אויף איר שרייען.

— נאַרעלע — האָט זי איר אַ גלעט געטאָן די זיידענע בלאָנדע לאָקן — דיין מזל וועט נאָך שיינען. דו וועסט נאָך ווערן אַ באַרימטע אַקטריסע, און אַ מיליאָנער אָדער אַ פּרינץ וועט זיך פאַרליבן אין דיר. וועסט וואוינען אין אַ פּאַלאַץ ווי אַ קעניגין.

— מיט עטלעכע נעכט צוריק האָט זיך מיר טאַקע אַזוי געחלומט — האָט נעלי זיך אויסגעווישט די אויגן. — אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געוויינט.

— פאַרוואָס האָסטו געוויינט?

— מיין פאָטער איז געווען שיכור...

— דו טוסט גוט, וואָס דו אַנטלויפסט פון אַזאַ היים, נאָר אין האָליוואוד מיין טייערע, זאָלסטו זיין פאָרזיכטיק. דער וועג איז דאָרט אַ גליטשיקער פאַר יונגע שיינע מיידלעך. דאָרט מוז מען פריער אַדורכגיין דעם גיהינום, איידער מען קומט אין גן־עדן אַריין... זיי אויף דער וואַך, היט דיין מיידלשאַפט!

— איידער מיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט זי מיר אויך אַזוי אָנגעזאָגט. נאָר אין האָליוואוד, האָב איך געהערט, אַז דאָס מזל שפּילט־צו, ווערט מען באַרימט איבער נאַכט.

— זי איז שוין ווידער דאָ מיט איר מזל! אַז דו וועסט זיך פאַרלאָזן אויפן מזל, וועט זיין שלעכט, וועלן דיינע יאָרן אָפּגעהאַקט ווערן, ווי מען האַקט אונטער אַ יונגן בליענדיקן בוים! זאָלסט ניט פאַרלירן דיין קאָפּ. היט זיך פאַר זיסע רייד און פאַר עלעגאַנטע הולטאַיעס!

— וואָס האָסטו זיך איינגעביסן אינעם אָרעמען מיידל, וואָס ווילסטו פון איר? — האָט אַשר געזאָגט צו איר שטיל אויף יידיש, — דו שרעקסט זי

דאָך איבער אויף טויט. זי וועט מיינען, אַז יעדער מאַן, וואָס זי וועט דאָרט באַגעגענען, איז אַ פֿאַרפֿירער, אַ מאָנסטער. זי זאָל כאָטש נעמען און זיך איינמאַרינירן אין אַ קלויסטער!

— וואָס איך וויל, פֿרעגט ער, פֿונעם מיידל! מיר ציטערט ס׳האַרץ פֿאַר איר. איך בין אַ מאַמע, און ער שטעלט זיך נאָך איין פֿאַר יענע מענער... ווי עס וואָלט דאָרט געווען אַ שטאָט פֿון צדיקים. דערהויפּט נאָך די מוּאווי־קאָלאָניע, וואו אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק לייענט מען, אַז אַן אַקטריסע האָט איינגעשלונגען אַ שאַכטל שלאָף־פּילן. טראַכט איך אים אויס אַ בלבול אויף האָליוואוד, און אויף לאָס־אַנדזשעלעס, „די שטאָט פֿון די מלאכים״...

די מאַשין האָט אָנגעהויבן פֿאָרן לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער, ביז זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

—וואָס איז געשען? האָט גאָלדע געפֿרעגט.

— ס׳איז, דאַכט זיך, אויסגעגאַנגען די גאַז — האָט ער שטיל געזאָגט.

אַ בליץ האָט דורכגעשניטן דעם פֿינצטערן הימל און אויסגעקוקט ביי אָשרן ווי אַ שפּאַלט אין ליכטיקן גן־עדן אַריין, צו רייצן זיך מיט די רשעים אויף דער ערד... פֿון ערגעץ ווייט האָט זיך אָנגעהויבן קאָלערן אַ דונער. די רעגן־טראָפּנס אויף די שויבן זיינען געוואָרן געדיכטער.

— נו, איצט זיינען מיר שוין גוט פֿאַרפּאַקט געוואָרן — האָט גאָלדע פֿאַרבראָכן די הענט.

— אַז אַ מענטש האָט ניט דעם קאָפּ אויף זיך! לאָזט זיך אַרויס אין אַ וועג אָן גאַז!

דער רעגן האָט אָנגעהויבן פּלייצן און גערוישט ווי טויזנטער וואַסער־פֿאַלן, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרנומען צו צעווייקן, אָפּווישן און אָוועקטראָגן „דעם טייוולס״ בערג.

וואָס וואָלט געווען, האָט אָשר פּלוצלונג אַ טראַכט געטאָן, ווען ער פֿאָרט אָן דער ווייב און נעמט אַריין דעם פֿאַרמערס מיידל, בלייבט מיט איר אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט אין אַזאַ וויסטעניש, אין אַ מבול ווי פֿאַר אַ וועלט־אונטערגאַנג. קעגן זיין ווילן, האָט אַ טייוועלע אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אין זיין קאָפּ... — נאָך גוט וואָס מען קאָן קיין געדאַנקען ניט הערן, — האָט ער געטראַכט און אַ זייטיקן קוק געטאָן אויף גאָלדען. זי איז געזעסן מיט פֿאַרביסענע ליפּן, ווי ער וואָלט שולדיק געווען און אַלע אומגליקן.

איין דונער נאָכן אַנדערן האָט ווי פֿון האַרמאַטן אַרויסגעשאָסן און

זיך אַזוי צעהילכט, אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן, די מאַשין וואַקלט זיך. די בערג ציטערן. די בליצן האָבן בלינד געמאַכט.

נעלי האָט זיך געצלמט, פאַררוקערט אַ פּאַפּיראָס און געזאָגט:

— אַז איך וועל ווערן אַ באַרימטער סטאַר, וועל איך העלפן די אָרעמע, בויען אַ קירכע און אָנזאָגן, אַז אַ ליכט זאָל דאָרט שטענדיק ברענען פאַר מיין מאַמעס נשמה. די קירכע, וואָס איך וועל לאָזן בויען, וועט טראָגן איר נאָמען.

— בעסער בוי זיך אַליין אויף צום ערשט. אויף די טויטע וועט שוין גאָט אַכטונג געבן, — האָט גאָלדע געזאָגט, — און פאַרוואָס טשאַדעסטו אַזוי פיל? איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן.

— אַנשולדיק, איך האָב ניט געוואוסט, אַז עס אַרט אייך.

— ניט וואָס עס אַרט מיך, נאָר דו מאַכסט דאָך אַ תל פון דיינע לונגען!

— אַלע האָליוואודער אַקטריסעס רויכערן. איינע האָט אפילו באַרימט געמאַכט אויף דער טעלעוויזיע דעם סיגאַרעט, וואָס איך רויכער איצט.

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט פּלייצן. דאַכט זיך, ער האָט זיך פאַרשטאַרקט. די מאַשין איז געשוואומען אין וואַסער. אָשרן איז איינגע־פאַלן אַ שרעקנדיקער געדאַנק: אַז דער רעגן וועט אַזוי האַלטן אין איין פלייצן, קען נאָך די ערד צעווייקט ווערן, און די מאַשין שטייט אַזוי האַרט אויפן ברעג פון טאָל. און פאַרוואָס זיינען זייביידע אַנטשוויגן געוואָרן? האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן קוקט אויף גאָלדען מיטן מיידל. אפשר איז זיי אויך איינגעפאַלן דער זעלבער געדאַנק, און פון שרעק איז ביי זיי דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן? זייער שווייגן באַשטעטיקט, אַז יעדער קאָן איינזען די געפאַר, וואָס עס לויערט דאָ.

ער האָט דערזען פון גאַנץ וויט, ווי עס ציטערט־אויף אַ בלייך פייערל אין דער געדיכטער פינצטערניש. עס שוועבט אַרום ווי עפּעס אַ פאַר־וואָגלטע נשמה. אָט מעקט עס די שוואַרצקייט אָפּ, און אָט בלייכט עס ווידער אויף. ער דערמאָנט זיך, ווי מען פלעגט דערציילן אין דער אַלטער היים, אַז אַזעלכע פייערלעך פאַרנאַרן מענטשן אויף וויסטע וועגן... דאָס פייערל האָט זיך דערנענטערט, געוואָרן ליכטיקער, שאַרפער. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן דער שאָטן פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז „געשוואומען" באַרג־אַראָפּ מיט איין „אויג", דאָס צווייטע איז געווען פאַרלאָשן.

— ווי פאָרט דאָס אַ מענטש אין אַזאַ פינצטערניש מיט איין פראָנט־ליכט? — האָט ער זיך געוואונדערט. די מאַשין האָט זיך שנעל פאַר־בייגעגליטשט.

— „לאַיט״!! (ליכט) — האָט ער אַ געשריי געטאָן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער טרייבער קאָן אים ניט הערן אין דעם גיהנומדיקן רויש פונעם שטורעמדיקן רעגן.

זיין האַנט־זייגער האָט געוויזן נאָך צוועלף. די צייט האָט זיך שווער און בלינד געצויגן. נעלי און גאָלדע האָבן געדרעמלט. ער איז אויך ביסלעכווייז אַריינגעפאַלן אין אַ מין האַלב־שלאָף, האַלב־וואָך. מיט פאַר־מאַכטן אויגן האָט ער דערזען, ווי פון דער פינצטער אינדרויסן הייבן־אָן אַרויסקריכן טייוואָלים... זיי דרייען מיט די עקן און בליצן מיט די אויגן. זיי רינגלען אַרום די מאַשין, עפענען די טירן, קומען אַריין און מאַכן אַ רינג אַרום אים. דער רינג ווערט ענגער און ענגער, ביז ער קאָן שוין מער ניט אָטעמען. ער הייבט־אָן פאַרצווייפלט שרייען מיט אַ פאַרשטיקט קול.

— וואָס איז געשען?! — האָבן אויסגעשריגן מיט געליימטע שטימען פון שרעק גאָלדע און נעלי.

— גאָרניט.

— וואָס הייסט גאָרניט? האָסט דאָך געשריגן, ווי מען וואָלט דיר דעם האַלדז איינגעשניטן!

— איך האָב ניט געשריגן.

— האָסט אים געהערט שרייען? — האָט גאָלדע גענומען נעלין פאַר אַן עדות.

— געהערט. אַ שאָד. ס׳איז מיר איבערגעריסן געוואָרן אַ שיינער חלום — האָט נעלי געזאָגט.

— וואָס ווידער פאַר אַ חלום? — האָט זי גאָלדע געפרעגט און גע־קוקט פאַרדעכטיקט אויף אָשרן...

— איך גיי איבער אַ רוישיקער גאַס און זע מיין נאָמען מיט גרויסע עלעקטרישע ליכט אויף די מאַווי־הייזער. אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער פירט מיך אַריין ביים אָרעם אין אַ רייכן נאַכט־קלוב. דאָרט זיינען דאָ אַ סך האָליוואודער „סטאַרס״. די ברילי‌אַנטן, וואָס די אַקטריסעס טראָגן, בלענדן די אויגן. מען טרינקט שאַמפּאַניער. מוזיק שפּילט. אַלע באַגריסן מיך זייער פריינטלעך און רופן מיין באַגלייטער, פּרינץ, מיט עפּעס נאָך אַ נאָמען. ער איז טאַקע אַן אמתער פּרינץ און זאָגט מיר, אַז איך האָב גע־פאַנגען זיין האַרץ און מאַכט מיר אַ פאָרשלאָג, איך זאָל ווערן זיין פרוי. ער לאָזט זיך עלעגאַנט אַראָפּ אויף די קני און וואַרט אויף מיין ענטפער.

פונקט דעמאָלט האָט דאָס געשריי מיך אויפגעוועקט. אַ שאָד. פאַרוואָס קאָן דאָס לעבן ניט זיין ווי אַ שיינער חלום?

— אָט וועגן דעם וואָלט מען טאַקע באַדאַרפט רעדן מיט דיר — האָט גאָלדע געזאָגט און זי געפרעגט: — דו לייענסט אַמאָל ביכער?

— ניין. איך האָב ניט קיין צייט. מיין פאָטער האָט אַ קליינע פאַרם. איך אַרבעט אַזוי שווער, אַז ביינאַכט פאַל איך אַוועק שלאָפן.

— און דו פאַרשלאָפסט דיין לעבן אין פוסטע חלומות — האָט אָשר געטאָן אַ אומעטיקן שמייכל צו איר.

— יאָ — האָט זי צוגעגעבן — חלומות, דאָס איז אָבער דאָס איינציקע גוטע, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געהאַט ביז איצט.

דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין פלייצן, אין גערויש פון וואַסער־פאַל האָט זיך צייטנווייז אויסגעוויזן, אַז מען הערט שרייען פאַרצווייפלטע שטימען פון מענטשן, וואָס טרינקען זיך און גאָרגלען מיט די העלדזער. די שויבן פון דער מאַשין זיינען געווען פאַרגאָסן מיט טונקל־גרויען רעגן, וואָס האָט אַ ביסל פאַרוויסט די שוואַרצקייט פון דער נאַכט. פלוצלונג האָט זיך גאָלדען אויסגעוויזן, אַז די מאַשין האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עס האָט איר אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן, איר האַרץ האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן.

— אָשר!

— יאָ?

— מיר דאַכט זיך, אַז די מאַשין האָט זיך אַ בויג געטאָן אויף אַ זייט!

— ס'ווייזט זיך דיר אַזוי אויס... ס'איז אַ שווערע מאַשין. קענסט זיין גאַנץ רואיק.

— פאַרגעס ניט, אַז מיר שטייען האַרט אויפן ברעג, און דער רעגן וואָס גיסט שוין שעהן וועט זיכער ווייך מאַכן די ערד. איין בויג, און מיר פליען אין טאָל אַריין. גיי בעסער אַרויס און גיב אַ קוק, ווי עס האַלט.

— אין אַזאַ געדיכטער פינצטערניש וועל איך גאָרניט זען. איך פיל ניט, אַז די מאַשין זאָל זיך בויגן. דאָס אַרבעטן דיינע נערוון.

— אָשר, די מאַשין זינקט אין איין זייט. גיי אַרויס, גיב אַ קוק. זיי ניט פויל.

— פאַרוואָס זאָלן די רעדער זינקען אין איין זייט? אין דער צווייטער זייט איז דאָך די ערד אויך צעווייקט.

— אפשר האָט זיך מיר אויסגעוויזן. רעד שטילער, דאָס מיידל איז איינגעשלאָפן.

אָשר האָט דערזען אין פאָדערשטן שפּיגעלע, ווי פון הינטן דערנענ־טערן זיך פייערדיק־וועלפישע אויגן. ער איז אינסטינקטיוו דערשראָקן גע־וואָרן, און באַלד באַנומען, אַז דאָס דערנענטערט זיך אַ מאַשין מיט פּראָנט־ליכט. ער האָט געבלאָזן דעם האָרן, אַז זי זאָל אים באַמערקן, זיין פּאָרזיכטיק און ניט געבן אים אַ שטויס. די מאַשין האָט טאַקע אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער און זיך אָפּגעשטעלט אין דער לינקער זייט לעבן אים.

— העלאָו! וואָס איז געשען מיט אייך? — האָט עמעצער אַרויסגע־שריגן פון אַ האַלב־געעפנט פענצטער.

— מיר זיינען געבליבן אָן גאַז — האָט אָשר צוריקגעשריגן.

— ס׳טוט מיר לייד, נאָר איך קאָן אייך ניט העלפן. אונדזער מאַשין איז אַן אַלטע, קוים זי זשיפּעט, זי וועט אייך ניט קענען שלעפּן, דערהויפּט נאָך אין אַזאַ פינצטערניש. מיר׳ן זיך נאָך ביידע איבערקערן אין טאָל אַריין. איר מוזט וואַרטן ביז אינדערפרי, ביז דער רעגן וועט זיך איינשטילן.

די מאַשין איז פאַרשוואונדן.

די נאַסע פוילע קעלט פון דרויסן האָט זיך ווי אַריינגעשניטן דורך די שפּאַרעס פון די פאַרמאַכטע פענצטער, דורכגעדרונגען די שויבן, די שטאָלענע ווענט און דערקליבן זיך אין די לייבער אַריין. די דריי האָבן זיך געטוליעט און געוואַרעמט איינס אין אַנדערן. נעלי האָט געהאַלטן אַרומגענומען גאָלדען. אין אַ קראַנקהאַפטיקן דרימל האָט זיך איר אויס־געוויזן, אַז איר מאַמע איז ווידער געקומען צו איר פון יענער וועלט. אָשרס קאָפּ איז געלעגן אויפן רעדל. גאָלדע האָט געשנאָרכט און צוגע־פּאַטשט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געגעסן אַ געשמאַק מאכל. די צייט האָט זיך שווער געצויגן

ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיינען די בערג געווען גאָלדיק־צעצונדן פון דער אויפגייענדיקער זון.

— זע נאָר, ווי שיין!! — האָט גאָלדע אויסגעשריגן. — אָשר, מיר זיינען געראַטעוועט! און קוק, די מאַשין שטייט פעסט, אָבער אַלץ צו נאָענט צום ברעג.

— „דזשיזוס״, הייליקע מאַמע אין הימל! ווי וואונדערלעך שיין דאָ איז, נאָר אין חלום קאָן מען זיך אַזוינס אויסמאָלן. מיר זיינען אַרויס פון געפאַר. דאָס איז מיר מיין מאַמע אין הימל בייגעשטאַנען — און זי האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט...

פון צייט צו צייט איז פאַרבייגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל, ס'האָט ניט געהאָלפן אָשרס ווייזן און מאַכן מיט די הענט, בעטן מען זאָל זיך אָפּשטעלן.

— לאָזט מיך — האָט נעלי געזאָגט, און זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט צעשפּרייטע הענט אין פראָנט פון אַן אָנקומענדיקער מאַשין, גרייט איבערגעפאָרן צו ווערן אויב מען וועט זיך ניט אָפּשטעלן. דער טרייבער האָט געבלאָזן דעם האָרן, געוואָרנט. די רעדער האָבן זיך צעקוויטשעט. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מיר זיינען שוין דאָ אַ גאַנצע נאַכט. איר מוזט אונדז העלפן. מיר זיינען געבליבן אָן גאַז!

— אָט דאָ ניט ווייט איז דאָ אַ גאַז־סטאַנציע — האָט געזאָגט דער מאַן ביים רעדל. — איר זעט דאָרט דאָס גרינע הויז?

אָשר האָט זיך דערפרייט: — אָבער ווי אַזוי קומט מען אַהין? מיין טאַנק איז ליידיק.

דער מאַן, וואָס האָט אויסגעקוקט פאַרשלאָפן, האָט אַן אַ וואָרט צו זאָגן צוגעטשעפּעט אָשרס אויטאָמאָביל צו זיינעם, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט די גאַז אין אָשרס מאַשין אַ פריילעכן רויש געטאָן. זיי האָבן באַשאָטן דעם מענטש מיט טויזנט דאַנקען און זיך געלאָזט אין זוניקן וועגן אַריין.

די גאָלדענע חתונה

משה גאָלדבלאַט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פון שלאָף און פאַרזשמור־רעט די אויגן קעגן דער זון, וואָס האָט אים געשיינט אין פּנים אַריין. חנה, זיין פרוי, איז שוין אַרומגעגאַנגען אין קיך, געקאָכט, געבאַקן, ניט איינגערוט אַ מינוט. ס׳האָט זיך געפילט דער ריח פון מאַראַנצן־זאַפט, פריש־פאַרקאָכטע קאַווע און צוגעברענטער „טאָוסט״.

ער האָט זיך געצויגן, געגענעצט מיט אַ ניגון און געטראַכט מיט פאַראיבל: ס׳איז נאָך אַזוי פרי און זי טאַנצט שוין אַרום! אַ פרוי אין אירע יאָרן זאָל זיין אַזאַ אומרו! אַז „דאָס״ קאָן קיין מינוט ניט איינזיצן, לויפט צו פאַרזאַמלונגען, צו לעקציעס, צו קאָנצערטן. וואָס מיינט זי זיך זי איז, אַ מיידעלע?! מען פראַוועט דאָך שוין אַ פייערונג פון זייערע פופציק יאָר צוזאַמענלעבן און צוויי מאָל זיבעציק!...

ער איז אַריין אין באָד־צימער. געעפנט אַ פענצטער און געמאַכט אַ ביסל פיזישע איבונגען. גענומען אַ קילן שפריץ און זיך איינגעריבן ס׳לייב מיט אַ האַנטוך, ביז ס׳איז רויט געוואָרן. אָנגעטאָן דעם שלאָף־ראָק און אַריין אין קיך.

חנה, אַ פאַרפלאַמטע, האָט שוין געגעסן אָנבייסן. אירע גרויע האָר זייער פאַרזיכטיק פאַרקאַמט מיט אַ צאַצקעדיק־אויסגעפלאָכטן גרעקל פון הינטן. די ליפּן צוגעפאַרבט. אין די אויגן דאָס נשמה־פייערל, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַלט...

— אַ גוט־מאָרגן דיר, מיין ווייב!

— אַ גוט־מאָרגן, גוט יאָר!

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס שטייסטו־אויף פאַרטאָג און טאַנצסט אַזוי אַרום איבערן הויז? האָסט קיין צייט ניט? איילסט זיך ערגעץ?

— קיין צופיל צייט, אויב דו ווילסט וויסן, האָב איך טאַקע ניט... ס׳איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן, אַז איך ווייס ניט צו וואָס מען נעמט זיך פריער; דער „קאָמיטעט״, וואָס האָט אָנגענומען צו אַרבעטן פאַר אונדזער יובילײ־פייערונג, שלאָפט! מען לאָזט אַלץ איבער אויף די לעצטע פאָר טעג, ווען ס׳וועט ווערן אַ לויפעניש ווי אויף אַ קליינשטעטלדיקער חתונה!

— הער זיך איין, חנה, מילא אַז דו רייסט־איין ס׳געזונט, צעאַר־

בעטסט, ווען מען פּראַוועט פּאַר אַנדערע יום־טובֿים — פּאַרשטיי איך. דאָרט ביסטו די קעכין, די סאַרווערין, די באַגריסערין — אַלץ. איצט פּראַוועט מען דאָך פֿאַר דיר אַ יום־טובֿ. מעגן אַנדערע אַרבעטן, און דו זאָלסט זיך אָפּרוען אַ ביסל.

— כ׳וועל נאָך צייט האָבן צו רוען... עס שטייט אַן אונטערנע־מונג אין קאָן, מען האָט געדונגען אַ זאַל, אַרויסגעשיקט הונדערטער, אפשר טויזנטער בריוו... און אין זעלבן דאַטום שניידן זיך אַריין אַנדערע מיט אונטערנעמונגען, וואָס וועט קאַליע מאַכן, סיי זיי, סיי אונדז. זאָל איך מיך אַוועקזעצן ווי אַ כלה און וואַרטן ביז מען וועט מיר אויפשפּילן!...

— וואָס־זשע ווילסטו טאָן?

— וואָס איך וויל טאָן? קלאַפּן טרעוואָגע! אויפוועקן דעם „קאָ־מיטעט" פֿון שלאָף, רופֿן אויפֿן טעלעפֿאָן פֿריינט און באַקאַנטע, זיי זאָלן רופֿן זייערע פֿריינט און באַקאַנטע! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז פֿאַר דעם באַנקעט זיינען מיר בלויז אַן אויסרייד... מען דאַרף געלט: די לערערס פֿון די יידישע קינדער־שולן דאַרפֿן עסן. יידישע ביכער ליגן פֿאַרמשכּנט און מען מוז זיי אויסלייזן. דער „המשך", אונדזער חודש־זשורנאַל, איז פֿאַרבאָדן אין חובֿות. מילא דעם רעדאַקטאָר, אַז מען האָט ניט, צאָלט מען אים ניט... אָבער די זעצער מוז מען באַצאָלן! רעדט ער גאָר וועגן זייער יום־טובֿ — אונדזער יום־טובֿ. אַז מען וועט זיך פֿאַר־לאָזן אויף אַנדערע און אַליין ניט רעכט אַריינאַרבעטן, וועלן מיר האָבן אַ גרויסן אײַנדערוואַכן. נו, נעם עס אָנבייסן. האָסט שוין געטרונקען דעם מאַראַנצן־זאַפט? היינט בייטאָג איז אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אונדזער פֿרויען־לייען־קרייז. אַז דו ווילסט, קאָנסטו אויך צוקומען. איך גיב אַן איינליי־טונג וועגן י. ל. פּרץ.

— ס׳איז דאָך אַ „פֿרויען־לייען־קרייז". ווי קום איך דאָרט אַהין?

— ביי אונדז זיינען אַלע גלייך...

משה ווייסט, אַז די פֿרויען לייען־קרייזן טוען גוטע אַרבעט, און ער כאַפּט זיך אָפּט אַריין צו זייערס אַ פֿאַרזאַמלונג. זיי העלפֿן יידישע שרייבער אַרויסגעבן ביכער, לייענען אַליין די ביכער, קאַפּיטלעכווייז, ביי די פֿאַרזאַמלונגען, דיסקוטירן זיי און העלפֿן זיי פֿאַרקויפֿן. זיי העלפֿן די יידישע קינדער־שולן און אַנדערע וויכטיקע קולטור־אָרגאַני־זאַציעס. זיי טוען אַ סך אַרבעט און חנה רייסט פּשוט אין ס׳געזונט, כאָטש זי ליידט אפשר פֿון אַ האַלבן טוץ קראַנקייטן. אָפּטמאָל טראַכט ער: ווי אַזוי צוימט מען אין איר דעם יונגן טעמפּאָ, וואָס פּאַסט זיך ניט צו

אירע כוחות? זי קאָן אַזוי טאָן אַ פּאַל אַוועק און אים איבערלאָזן אויף די עלטערע יאָרן אַליין...

— פאַרוואָס עסטו ניט? וואָס טראַכסטו?

— איך טראַכט וועגן אונדזערע מענטשן, וואָס אויף די עלטערע יאָרן רייסן זיי אײַן ס׳געזונט, ביז זיי פּאַלן אַוועק. צו־אָפּט פאָרן מיר צום בית־עולם...

— איז וואָס זאָל מען טאָן? זיצן מיט פאַרלייגטע הענט ביז דאָס בלוט וועט פאַרגליווערט ווערן?

— איך זאָג ניט, מען זאָל זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען דאַרף אָבער אויך ניט „איבעררייסן ס׳שטריקל״ אַזוי ווי דו טוסט!

— זע נאָר ווער ס׳רעדט פון „איבעררייסן ס׳שטריקל״! דו האָסט באַדאַרפט זיין דער לעצטער דאָס עמעצן פאַרצוואַרפן, ווייל ווער לייגט נאָך מער אַוועק ס׳געזונט אין דער באַוועגונג ווי דו?! וואו אַ „קאָמיטעט״, וואו אַ „צווייג״, ביסטו דאָך פאַרטראָטן. קיינער רייסט ניט מער איין ס׳געזונט ווי דו! איך האָב דיך שוין לאַנג געוואָרנט, אַז פאַר דיינע יאָרן טוסטו איבער די כוחות, און דו האָסט זיך ניט צוגעהערט, ביז דו ביסט פאַראַיאָרן, ניט היינט געדאַכט, איינגעפאַלן און געמוזט ליגן אַ וואָך אין בעט. און אַז דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט זאָלסט עס „נעמען לייכט״, האָסטו אים געהערט?! — זאָגט ער מיר, אַז איך ׳רייס־איבער ס׳שטריקל׳ און האַלט מיר אין איין דערמאָנען, אַז איך בין שוין ניט קיין יונגעטשקע... אַזוי ווי ער אַליין וואָלט דאָס געווען אַ יונגערמאַן!

— וואָס דען בין איך? — צעשמייכלט ער זיך...

— וואָס דו ביסט? אַ זיידע פון קיין עין־הרע דערוואַקסענע אייניקלעך ביסטו! און אויב דו ווילסט וויסן, גייסטו באַלד ווערן אַן עלטער־זיידע!

— וואָס מיינסטו, אַן עלטער־זיידע? — טוט ער אויף איר אַ צעטומלטן קוק.

— איך מיין, וואָס איך זאָג.

— טאָ וואָס איז דער מיין פון דעם זאָג? לאָמיך הערן.

— מיר גייען האָבן אַן אור־אייניקל!

— ווען, ווער?

— דזשעניליע, זאָל געזונט זיין. נעכטן האָט מיר אונדזער טאָכטער געזאָגט, אַז זי גייט ווערן אַ באָבע!

— טאַקע?! — האָט זיך זיין שטערן צעשיינט און די אויגן האָבן

נחתדיק געלויכטן אונטער די זילבערנע ברעמען. — פאַרוואָס האָסטו מיר נעכטן ניט געזאָגט?

— ווען? אַז דו ביסט אַהיימגעקומען פון דיין פאַרזאַמלונג, בין איך שוין געשלאָפן. מען זאָגט, אַז פרויען האָבן ניין מאָס רייד. אייך, מע־נער, פעלט אויך ניט...

— קאָנסט זיך עפּעס פאָרשטעלן, ווי די צייט לויפט? — האָט ער זיך צוגערוקט צו איר. — ווי לאַנג איז גאָר, אַז איך האָב זיך דיר ס׳ערשטע מאָל דערקלערט אין ליבע? שוין פופציק יאָר אַוועק!

— ס׳איז לאַנג און קורץ... — האָט חנה געשמייכלט און געפילט, אַז ער נעמט זי אַרום ווי אַ שעמעוודיקער חתן... — נו, זאָל זיין מיט מזל. — האָט ער זיך נענטער צוגערוקט צו איר, און זיי האָבן זיך צע־קושט ווי מיט פופציק יאָר צוריק, ווען זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט זייער ערשטלינג.

צוויי קעפּ האָבן זיך ווי ווייסע טויבן געטוליעט, און די זון האָט ווי מיט פופציק יאָר צוריק געשיינט אויף זיי, און פּיגל האָבן זיך אויפן געזימס פון אָפענעם פענצטער אָפּגעשטעלט און אַריינגעזונגען אַ מזל־טוב...

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

— העלאָ! ווער רעדט? — האָט חנה געפרעגט און מיט דער פרייער האַנט גלייך געמאַכט די האָר, וואָס משה האָט צעפּאַטלט, — רעדט העכער, איך הער ניט. אָ, סערע עפּשטיין! וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס גוטס? כ׳האָב אייך נעכטן אינזינען געהאַט. איז, וואָס הערט זיך? ס׳הערט זיך ניט גוט? כ׳הער ניט, וואָס איר זאָגט, אייער קול איז פאַר־שטיקט. וואָס?!! ווען?!!

משה האָט שוין געזען אין אירע אויגן אַ לוויה... און געפרעגט:

— ווער?

— חיים איידלמאַן איז נעכטן געשטאָרבן! — און זי האָט אַריינגע־נומען דעם קאָפּ אין די הענט.

— אַ גרויסער קלאַפּ — האָט משה געזאָגט מיט אַ געפאַלן קול. — איינער נאָכן אַנדערן ווערן זיי אַוועקגעריסן פון אונדז! ווער וועט איצט פאַרנעמען זיין אָרט? אונדזערע רייען, חנה, ווערן שיטערער, שי־טערער. מען גייט צו־אַפּט אויפן בית־עולם... אַ סך מאָל האָב איך מורא צוצוגיין, ווען דער טעלעפאָן קלינגט... חיים איידלמאַן! אַ גרויסער פאַרלוסט, אַ שאָד, אַ שאָד! אַן אומדערמידלעכער טוער געווען, אי־בערגעאַרבעט זיך און אַוועקגעפאַלן!

— מענטשן פאַלן אויך אָוועק ביים קאָרטן־טיש... קאָן גאָר זיין, אַז די אַרבעט, דער גייסט פון דער באַוועגונג, האָט אים געגעבן כוח אַרי־בערצושפּאַנען די זיבעציק יאָר... — האָט זיך חנה געהאַלטן ביי אירס. — איך ווייס, אַז אויף מיר וואָלט שוין לאַנג גראָז געוואַקסן, ווען איך וואָלט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געוואַרט אויפן טויט...

משה האָט איר איצט ניט געענטפערט. פאַר זיינע אויגן זיינען אויפגעשוואומען די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט מיט חיימען צוזאַמענגעאַר־בעט אויפן יידישן קולטור־פראָנט, די אַלע קאַמפן,ליידן און פריידן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. און שוין — ניטאָ מער חיים איידלמאַן. משה און חנה זיינען געזעסן אַ ווילע פאַרטראַכט און אַריינגעקלערט אין סוף, וואָס דערוואַרט דעם מענטש. די פריילעכע געשרייען, אָבער, פון די קינדער אין גאַס האָבן געדרוישט, ווי די אייביקע כוואַליעס אין ים, גע־טרייסט די צוויי עלטערע לייט און פאַרזיכערט, אַז דאָס לעבן שטאַרבט ניט, ס׳לעבן גייט ווייטער אָן און בלייבט אייביק יונג...

צווישן צוועלף און איינס בייטאָג האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען דער פרויען לייען־קרייז. מען האָט זיך אַרומגעזעצט ביי ווייס־געדעקטע טישן. רייען גרויע קעפּ האָבן זיך געוויגט און ווי געוויטעט, פירנדיק דערוויל אַ שיטער־צעוואָרפענעם שמועס. מיט אַ שעה פריער איז דאָרט געווען אַ יידישע קינדער־שול. אָפּגעלערנט האָט מען אַוועקגערוקט די קליינע בענקלעך, און ס׳איז געוואָרן אַ לייען־קרייז.

מען האָט דערוויילט אַ פאָרזיצערין, וואָס האָט די ערשטע זאַך געמאַכט די טרויעריקע מעלדונג וועגן טויט פון חיים איידלמאַן און געבעטן מען זאָל זיך אויפשטעלן. נאָכדעם ווי מען האָט פאַרהאַנדלט די טאָג־אָרדע־נונג, איז פאַרגעשטעלט געוואָרן חנה גאָלדבלאַט צו געבן אַן איילייטונג וועגן י. ל. פּרץ. באַזונדער, אַ ביסל אָפּגערוקט, זיינען געזעסן עטלעכע עלטערע מענער, וואָס האָבן אויפגעשטעלט אַן אויער, פאַראינטערעסירט זיך איינגעהערט, און צייטנווייז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ איינער צום אַנ־דערן אויף חנהס רייד, אַז זי קאָן, זי קאָן... ווי פאַרטיפט חנה איז ניט געווען אין די ציטאַטן, וואָס זי האָט געהאַלטן לעבן זיך, האָט זי געזען משהן צווישן די עטלעכע מענער, באַמערקט ווי ער נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון איר און דערפאַר האָט זי זיך געפּלייסט צו ריידן נאָך בע־סער... געענדיקט, האָבן אַלע וואַרעם אַפּלאָדירט. דערנאָך האָט די פאָרזיצערין אַנאָנסירט דעם באַנקעט „פאַר אונדזער פּאָרל״ לכבוד זייער „זיבעציק און פופציק״. פרויען האָבן גענומען וועגטער אין דער דיס־קוסיע וועגן דער איינלייטונג. מען האָט געלויבט און אויסגעזעצט. די

מערסטע באַטייליקטע האָבן אַרויסגעוויזן באַקאַנטשאַפט מיט דער יידי־שער ליטעראַטור. צום סוף האָט מען פאַרקויפט אַ צאָל ביכער און גע־טרונקען קאַווע מיט היימיש־געבאַקענע קיכלעך, וואָס די פרויען האָבן געבראַכט. חנה איז געווען פאַרשוויצט, אויפגעברויזט... מען האָט איר געדריקט די האַנט, געלויבט אַזוי, אַז דער קאָליר איז איר געקומען אין פּנים אַריין און משה האָט איר געזאָגט אין דער שטיל אויפן אויער: — חנהלע, ס'איז געווען גוט...

פאַרנאַכט, אַהיימגייענדיק פון לייען־קרייז, האָט משה זי געהאַלטן אונ־טערן אָרעם און מיט באַזונדערער צערטלעכקייט גערעדט צו איר... דער אויטאָמאָביל־פּאַרקער איז געווען געדיכט. מען איז שוין געפאָרן און געגאַנגען פון דער אַרבעט. פּלוצלונג איז זיי אַנטקעגנגעקומען אסתר, די טאָכטער, וואָס קלייבט זיך צו ווערן אַ באַבע און דאָס אייניקל דזשעני, וואָס גייט ווערן אַ מאַמע. מען האָט זיך דערפרייט, אַרומגעכאַפּט: — וואוהין גייט איר? פון וואַנען קומט איר?

— מיר קומען נאָר־וואָס אַרויס פון אַ מוּאווי. — האָט אסתר געזאָגט אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט... דזשעני, וואָס גייט זיי באַגליקן מיט אַן אור־אייניקל, האָט געקייט קיי־גומע, געקרימט די פאַרצויגענע פלאַמיקע ליפּן און געשמייכלט... די עלטערע לייט האָבן זיך פאַרטראַכט, מיט אַן אור־אייניקל, האָט געקייט גומע, געקרימט די פאַרצויגענע הערנדיק ווי די מאַמע מיט דער טאָכטער לויבן די „שאָו".

אַהיימקומענדיק, האָבן זיי נאָך אַלץ גערעדט פון דער פאַרזאַמלונג, פון חנהס איינלייטונג, וואָס האָט ביי אַלעמען אויסגענומען. חנה האָט באַשיידן געפּרואווט אָפּדינגען... און מיט אַ שיינענדיק פּנים צוגעשטעלט עפּעס צו קאָכן. משה האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג.

די גאָלדבלאַטס האָבן געוואוינט ניט ווייט פון ים. זומער און ווינ־טער האָט זיך דערטראָגן צו זייערע פענצטער דאָס רוישן פון די כוואַליעס, וואָס פלעגט איינשלעפערן ביינאַכט מיט זייער פאַרחלומט פּליעסקען און אויף שעפּטשענדיק ים־לשון דערציילט וואונדערלעכע מעשיות פון שיפן, וואָס שפּאַרן־אָן אין אַלע טיילן וועלט. אין זוניקע טעג קושן זיי דעם ווייסן ברעג, ווי דאָס הייסע פּנים פון אַ געליבטער פרוי... און אַמאָל צעשטורעמען זיי זיך, רעווען מיט בליציקן שוים אויף די גריג־גאַליקע מיילער, רייסן זיך צו די נאָענטע הייזער און ווילן זיי שלעפּן אין ים אַריין צוזאַמען מיט די מענטשן... אָבער די מערסטע צייט פון יאָר איז דער ים דאָ רואיק און בלוי, ווי דער קאַליפאָרניער הימל איבער אים.

איצט, איז לויטן קאַלענדאַר טיף אין ווינטער אַריין, אַנדערע שטעט ליגן פֿאַרשאָטן אין שניי, אָבער דאָ אין לאָס-אַנדזשעלעס, אין דער „שטאָט פֿון מלאכים", איז זומער. נאָכן הייסן טאָג איז די נאַכט טונקל-בלוי און צעזילבערט מיט מיליאָנען שטערן, וואָס זיינען אַזוי אָנגעפּאַקט אין הימל, ווי אויבן וואָלט אויך געווען ענג צווישן די „וועלטן"... דורך די אָפענע פענצטער ווייען-אַריין קילע ווינטלעך מיטן פרישן ריח פון צעשוימטן ים-וואַסער.

נאָכן עסן האָט משה צעוואַשן ס׳געפעס. חנה האָט זיך צוגעשפאַרט אויף דער סאָפע מיט אַ בוך אין דער האַנט. אז זי האָט געהאַלטן ביי איינדרימלען, איז עמעצער געווען ביי דער טיר. משה האָט געעפנט. עס זיינען אַריינגעקומען די זילבערבערגס, אַן עלטער פאַר-פאָלק.

— העלאָו! — האָט זיי משה פריידיק באַגריסט — קומט אַריין, זיצט, זעט-נאַר, חנה, מיר האָבן געסט. נו, וואָס הערט זיך, וואָס מאַכט מען?

— מען מאַכט זיך ניט וויסנדיק... איין גליק איז, וואָס מען איז שטענדיק פאַרטאָן. ס׳איז ביי אונדז קיין עין-הרע שטענדיק ערב-יום-טוב... אָט זיינען מיר איצט געקומען צו אייך אין אַ „קאָמיטע" וועגן אייער יובילײ.

— צו אונדז אין אַ „קאָמיטע"?... — האָט זיך משה געוואונדערט.

— פאַרוואָס ניט, איר האָט דאָס ניט פאַרדינט?

— מיר אַרבעטן ניט פאַר שכירות...

— איר זענט אונדז אָבער שולדיק אַ יום-טוב... און דאָס מאָל וועט איר זיך ניט אַרויסדרייען... אייערע „זיבעציק און פופציק" איז ביי אונדז אַ וויכטיקע געשעעניש. זיינען מיר געקומען נאָך אייער פאָטאָגראַפיע אַריינצוגעבן אין די נאָטיצן פון דער צייטונג און פאַר מאַטעריאַל פאַרן אַרטיקל, וואָס מען קלייבט זיך צו שרייבן וועגן אייך.

— מילא, אַז עס גייט אייך אין דעם, אויב דאָס קאָן העלפן ברענגען אַ גרעסערן עולם, האָבן מיר ניט דאַקעגן.

חנה האָט דערלאַנגט פרוכט צום טיש. ס׳האָט זיך פאַרוויקלט אַ שמועס וועגן טעגלעכע געשעענישן. מען איז אַריבער צו „הויך-פאָליטיק"... צו וועלט-פּראָבלעמען. די שטימען האָבן זיך אָנגעגליט, די אויגן צעפינקלט, און צום סוף האָבן זיי איינגעשטימט, אַז ס׳וועט זיין גוט... — איי, וועט נאָך זיין גוט! — האָט חנה אויסגעזונגען.

צומאָרגנס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג. חנה און משה האָבן

זיך אָנגעטאָן ס׳פּאַרגעניגן צו ליגן אַ ביסל אויפן זאַמד ביים ים. ציטנוויז האָט אָן אַגרעסיווע כוואַליע זיי דערגרייכט און אָפּגעשפּריצט. ביידע האָבן פריידיק אויפגעציטערט און זיך צעלאַכט.

— געדענקסט, משה, ווי איך פלעג אַמאָל אַ שפּרינג טאָן אין ים־אַריין, אַוועקלאָזן זיך אויף די כוואַליעס און דו ביסט מיר נאָכגעשוואומען, אין פאַל כ׳וועל זיך טרינקען זאָלסטו מיך ראַטעווען...

— צי איך געדענק? איך געדענק אַ סך זאַכן...

— איצט, זאָגט דער דאָקטאָר, מעג איך בלויז ליגן אויפן זאַמד און קוקן ווי אַנדערע שווימען.

— אויף די כוואַליעס פון לעבן — איז משה געוואָרן „פּאָעטיש"... שווימסטו קיין עין־הרע נאָך גאַנץ גוט. הלוואי ווייטער ניט ערגער, כאָטש נאָך אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר אַזוי!

— וויניקער נעמסטו ניט?

— וויניקער נעם איך ניט! ווייל כ׳וועל זיך אָפּנאַרן.

— פאַרוואָס?

— ווייל אַזאַ ווי דו, מיט דיין אימפּעט, מיט דיין גייסט, קאָן קיינמאָל ניט אַלט ווערן.

— ס׳רעדט זיך אַזוי... די יאָרן, משה, לאָזן זיך ניט אָפּנאַרן. איי, פיל איך זיי אין די ביינער! און דאָס וואָס מען פאַדעט אַרום? דאָס איז שוין מיטן כוח פון גייסט. דער גייסט אַרבעט שוין...

זיי זיינען געלעגן מיט פאַרזשמורעטע אויגן קעגן דער זון, ווי זיי וואָלטן געשמייכלט צו איר און זיך איינגעהערט צו די כוואַליעס, וואָס האָבן געשפּריצט ווי זילבערנע פאָנטאַנען. כדי ניט איינצושלאָפן און כאַפּן אַ ברען פון דער זון, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן פאַרשיידענע קליייניקייטן. אַ גרופּע נעגערשע יונגע בחורים און מיידלעך איז פאַרבייגעגאַנגען. אונטערטאַנצנדיק, מיט צעשפּריצטע, פריידיקע געלעכטערס, האָבן זיי זיך געלאָזט צום ים, ווי זיי וואָלטן אים אַנטקעגנגעטאַנצט. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן זיך מורא געהאַט אויסצומישן מיט די ווייסע... די גאָלדבלאָטס האָבן ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די נעגערשע יוגנטלעכע, ביז זיי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין די כוואַליעס. אין אַ מינוט אַרום האָבן זייערע ברוין־זיידענע קערפּערס זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך און שעמירירט אונטער דער זון.

די גאָלדבלאָטס האָבן זיך איבערגעקוקט און פאַרטראַכט. אַוודאי דערמאָנט זיך אין יענעם טאָג, ווען זייער טאָכטער האָט געבראַכט אַ

נעגערשן בחור אין הויז אַריין, געזאָגט זיי זיינען פאַרליבט און גייען חתונה האָבן... חנה דערמאָנט זיך, אַז מיט איר גאַנצער „אויפגעקלערט־קייט" האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ... פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט זיין קעגן שידוך, ווייל לויט זייערע איבערצייגונגען און לויט דער מאָראַל, וואָס זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין די קינדער, האָבן זיי געמוזט מסכים זיין. דעם פּאָר־פאָלק איז אָבער אָנגעקומען שווער צו געפינען אַ דירה; סיי אין דער „ווייסער", סיי אין דער נע־גערשער געגנט, האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט... האָבן זיי דערווייל געוואוינט ביי די גאָלדבלאַטס, ביז ס'האָבן אָנגעהויבן פאַלן שטיינער אין פענצטער. אויפן אָרט פון די צעבראָכענע שויבן האָט מען געהאַלטן אין איין אַריינשטעלן נייע. איין שטיין האָט געטראָפן חנהן אין קאָפּ אַריין און איר שיער אָן אויג אַרויסגעזעצט. די שטיינער פלעגן אַריינגע־וואָרפן ווערן פון פאַרבייפליענדיקע אויטאָמאָבילן, וואָס זיינען בליץ־שנעל פאַרשוואונדן מיט די כוליגאַנעס. דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך גע־מוזט איבערקלייבן ערגעץ אין אַ געמישטער געגנט, צווישן אָרעמע ווייסע, מיט נעגערס צוזאַמען...

דאָרט איז זייער שוואַרץ־הויטיק אייניקל געבוירן געוואָרן, אַהין פאָרן זיי זיך פרייען מיט אים... ווען משה האָט ס'ערשטע מאָל אַרויס־געפירט דאָס קינד אין פּאַרק אַריין, האָט מען געקוקט אויף אים ווי אויף אַ בייז וואונדער... ס'איז אים געוואָרן שווער פון אַזוי פיל אויגן אויף זיך. ער האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן, די אויגן האָבן אים נאָכגעפאָלגט און פאַרפאָלגט, ביז זיי האָבן אים אַהיימגעטריבן. דאָס אייניקל איז שוין איצט אַ דערוואַקסענער בחור, שטודירט מעדיצין און וועט אוודאי קו־מען זיך פרייען צו זייער יובליי־פייערונג...

— וואָס טראַכסטו, חנה?

— דו ווייסט וואָס איך טראַכט איצט. האָסט זיי אויך נאָכגעקוקט...

— אָ, פון דעם...

— יאָ, פון דעם — און ס'טוט וויי!

— האָסט זיך איצט דערמאָנט?

— כ'האָב קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

ביידע האָבן אַ ווילע געשוויגן, געקוקט ווייט אין ים אַריין, ווי די נעגערשע קעפּ האָבן געטאַנצט ווי פּילקעס אויף די זון־צעבליטע כוואַ־ליעס.

— נו, חנה, — האָט משה געזאָגט — צייט אַהיימצוגיין! געגנוג זיך אָנגעטאָן וואוילטאָג. מיר האָבן נאָך היינט אַן עקזעקוטיוו־פאַרזאַמלונג.

— יאָ, ביסט טאַקע גערעכט, צייט אַהיימצוגיין.

ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען, האָבן זיי געטראָפן געסט: טעכטער, זין, אייניקלעך, וואָס זיינען פון דער היץ אין שטאָט אַנטלאָפן צום ים. ס'איז געווען טומלדיק, פריילעך, לעבעדיק, נאָר דער נערגערשער בחור מיט זיינע עלטערן זיינען ניט געווען... חנה האָט נאָך אַלץ געזען ווי די ברוינע קעפּ וויגן זיך ווייט אַוועק אויף די כוואַליעס. זי האָט געהאַט ס'געפיל, אַז איר אייניקל איז צווישן זיי און זיי טרינקען זיך...

אויך אין קאַליפאָרניער הימל האָבן זיך אָנגעזאַמלט שווערע שוואַר־צע וואָלקנס. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער נעפּל, אַז ס'איז שווער געווען צו זען עטלעכע טריט פאָרויס. פון ים האָבן זיך דער־טראָגן אויסגעצויגענע וואָרנונג־סיגנאַלן, וואָס די שיפן האָבן געגעבן איינע די אַנדערע ניט אַנצושטויסן זיך. חנה איז ווי אַלע מאָל אין אַזאַ וועטער אַטאַקירט געוואָרן פון איר רומאַטיזם. חוץ דעם האָט זי געליטן פון אַ פאַרלענגערטער פאַרקילונג. זי איז ניט אַרויס פון הויז; מערסטנס געלעגן אין בעט. משה האָט זי באַדינט, כאָטש ער אַליין האָט אויך ניט געפילט מיט אַלעמען... יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך איינגעבויגן, האָט ער געפילט אַ ווייטאָג. אין איינעם פון יענע טעג זיינען געקומען צוויי עלעגאַנט־געקליידעטע יונגעלייט און געזאָגט, אַז זיי ווילן זען חנהן.

— וועגן וואָס דאַרפט איר זי? — האָט משה געפרעגט.

— וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין — האָבן זיי אים פאַרזיכערט.

— איר קענט זי איצט ניט זען. זי איז קראַנק און ליגט אין בעט. קומט אַ צווייט מאָל.

זיי האָבן באַדאַנקט און צוגעזאָגט צו קומען אַן אַנדערש מאָל.

— צו וועמען האָסטו גערעדט אין צווייטן צימער? — האָט אים חנה געפרעגט.

— צוויי עלעגאַנטע יונגעלייט האָבן דיך געוואָלט זען...

— וואָס ווילן זיי?

— זיי דאַרפן רעדן מיט דיר וועגן אַ וויכטיקן ענין, האָבן זיי געזאָגט. כ'האָב זיי געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק און ליגסט אין בעט. זיי זאָלן קומען, ווען דו וועסט פילן בעסער.

— משה! — האָט זי זיך האַסטיק אויפגעזעצט — דאָס זיינען צוויי שליחים פון דער „אינקוויזיציע"! האָסט זיי ניט באַדאַרפט לאָזן אַרי־בערטרעטן די שוועל!

— דו מיינסט, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן?...

— יאָ, זיי גראָבן און גראָבן — עמעצן צו באַגראָבן... האָסט ניט באַדאַרפט רעדן צו זיי! נאָכאַמאָל לאָז זיי ניט אַריין!

***

מען האָט חנהן אָנגעהויבן רופן צו פאַרהערן. ס'איז אויפגעמישט געוואָרן אַ בלאַט פון זיבן יאָר צוריק. זי איז דעמאָלט געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג, און איינער אַ וויסנשאַפטלער איז דאָרט אויך געווען. פאַרלאַנגט מען פון איר, זי זאָל דאָס באַשטעטיקן. זי געדענקט אָבער ניט, אַז זי זאָל אים האָבן דאָרט געזען. מען האָט איר געשטעלט נאָך פאַרשיידענע פראַגן, אויף וואָס איר לאַיער האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט אַ רעכט ניט צו ענטפערן. די פראַגע־שטעלער האָבן זי געסטראַשעט מיט אַ שווערער שטראָף — זי האָט געשוויגן. אַלע עטלעכע וואָכן איז געקומען אַ „פאַראָרדענונג", זי זאָל זיך צושטעלן. דאָס שלעפן זיך אין שטאָט אַריין, אַכצן מייל פון ים, אין שלעכטע וועטערן האָט זי אויסגעמאַטערט. זי איז דאָרט אָפּגעזעסן שעהען. אירע נערוון זיינען אָנגעשטרענגט געוואָרן, זי האָט געליטן פון שאַרפע קאָפּווייטיקן.

אַז מ'האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט אין הויז, פלעגן די צוויי עלעגאַנטע געקליידטע יונגעלייט זי אָפּוואַרטן אין גאַס און אַריינרעדן אין איר: זי זאָל „קאָאָפּערירן"; פאַר ניט ענטפערן דעם „קאָמיטעט", וועט זי פאַרשפאַרט ווערן אין טורמע.

ביינאַכט פלעגן זיך איר חלומען מאָדנע חלומות: עמעצער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ מכשפה און טוט־אָפּ כישוף. מען זוכט זי, מען יאָגט זי, מען כאַפּט זי, מען שלעפּט זי צו דער תליה... אָדער זי ליגט גאָר אין אַ קעלער פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. אַ יעזואיט אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל קוקט־אַראָפּ צו איר און פאַרלאַנגט, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון יידישן גלויבן און אָננעמען די קריסטלעכע רעליגיע. ער וואַרט אויך אויף אַן ענטפער — און זי שווייגט. מען מאַטערט זי אין אינקוויזיציע־מאַשינען — און זי שווייגט. מען פירט זי אַרויס אויף אַ פעלד. ס'איז ביינאַכט. אַ סך מענטשן זיינען דאָרט פאַרזאַמלט. דער ווינט צעבלאָזט דאָס פייער פון די שטורקאַצן, וואָס זיי האַלטן אין די הענט. מען לייגט אַן האָלץ אַרום איר. מען צינדט עס אונטער. אירע פיס הויבן אָן ברענען. ס'פייער צעעפנט רויטע, זשעדנע מיילער און שלינגט

זי שטיקערווייז. זי לאָזט אַרויס אַ געשריי און כאַפּט זיך אויף. משה שטייט אַ דערשראָקענער לעבן איר. — וואָס איז דיר, חנה, וואָס שרייסטו?

— ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַ שלעכטער חלום.

— שפּיי־אויס, אַ חלום איז אַ נאַר...

***

אַ גרויסער עולם איז געקומען צום באַנקעט פאַר די גאָלדבלאַטס. ס׳איז געווען זייער גאָלדענע חתונה. חנה האָט געשיינט ווי אַ כלה... משה האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף איר... ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פיינע פּראָגראַם, מען האָט געהאַלטן רעדעס מיט ווינטשעוואַניעס. מען האָט געזונגען מאַסן־געזאַנג. צום סוף האָט מען אַוועקגערוקט די טישן און זיך געלאָזט טאַנצן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די צייטונגען געשריבן, אַז דער הויפּט־אָנפירער פון דער „אינקוויזיציע" איז קראַנק און געפינט זיך אין שפּיטאָל.

— איר האָט אים קראַנק געמאַכט, — האָבן פריינט חנהן פאָרגע־וואָרפן...

— האָט ער זיך ניט געזאָלט אָנהויבן מיט מיר... איך בין היט־לערן אויך בייגעקומען... — האָט זי זיך באַרימט... און אין אירע אויגן האָט געלויכט אַ קלוג פייערל...

די שטייג

אַ מילך־וואָגן איז פאַרטאָג אָנגעפאָרן מיט אַ בראַזגעדיקער קלינ־גערײַ און אויפגעוועקט אײַזיקן פון שלאָף. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ניט געדענקט וואו ער איז. זײַן האַנט האָט מעכאַניש געזוכט דאָס עלעק־טרישע קנעפּל צו רופן די קראַנקן־שוועסטער, און דאָס ניט געקענט געפינען. ביסלעכווייז האָבן זיך זײַנע געדאַנקען אָנגעהויבן אויסלייטערן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאָר־וואָס אַרויס פון שפּיטאָל, וואו ער איז געווען עטלעכע וואָכן און דורכגעגאַנגען אַ שווערע אָפּעראַציע. איצט איז ער צוריק אינדערהיים, וואָס קוקט אים אויס אַ ביסל פרעמדלעך, אַזוי ווי פאַר דער צײַט וואָס ער איז דאָ ניט געווען האָט זיך עפּעס געענדערט.

אין הויז איז געווען פאַרשלאָפן־שטיל. די שוואַרצע שויבן האָבן אָנ־געהויבן גרוי ווערן. עטלעכע פלעשער האָבן זיך אָפּגעטיילט פון מילך־וואָגן, און אָנגעהויבן באַזונדער קלינגען ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעכאַפּט פון כאָר און געוואָרן סאָליסטן. עס האָבן זיך גענומען שאַרן פאַרשלאָפענע טריט. די ערשטע טירן האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען. ערגעץ האָט שוין אַ ראַדיאָ געשפּילט דזשאַז, לעבעדיק אויפמונטערנדיק. ער איז אויפגעלעגן אַ לענגערע צײַט, ניט געקאָנט מער אײַנשלאָפן.

פאַר זײַנע אויגן איז אַרויפגעשוואומען דער שפּיטאָל, דאָס אָפּעראַציע צימער. דאָקטוירים און „נוירסעס” בויגן זיך איבער אים. מען זעט בלויז אַרויס זייערע אויגן, וואָס קוקן זיך איבער פאַרדעכטיק, פאַר־זאָרגט... און רעדן אויף ׳אויגן־לשון׳, וועגן עפּעס, וואָס מען באַהאַלט פאַר אים. מען הייסט אים זיך אויפזעצן און מען הויבט־אָן „אַרײַנבויערן” אַ „נאָדל” אין זײַן רוקן־ביין. דער ווייטאָג ווערט באַלד פון עפּעס פאַרטויבט. אַ פּאָר אויגן פרעגן אים, צי ס׳איז אים געוואָרן וואַרעם אין די פיס. „יאָ”, ענטפערט ער דערשראָקן. די דאָקטוירים, וואָס בויגן זיך איבער אים, שטופּן, דאַכט זיך, איינער דעם אַנדערן ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים ניט געקענט צעטיילן... דאָס האָט ער בלויז געפילט אויסערלעך,

אויף דער הויט. אינערלעך איז ער פּלוצעם אויסגעהוילט געוואָרן. אַלץ וואָס דאָרט איז געווען, איז צוזאַמען מיט די ווייטאָגן פאַרשוואונדן.

ער איז געוואָרן לייכט און שוואַך. אָט וועט ער ערגעץ אַוועקפליען און פאַרלוירן ווערן. די קראַנקן־שוועסטער ווישט אים מיט אַ טיכל דעם שווייס פון שטערן, ער פילט דורך דעם דינעם געוועב אירע צאַרטע פינגער, וואָס גלעטן אים ווי אַ מאַמע, ווי אַ מלאך. מיט דער צווייטער האַנט האַלט זי עפּעס אַ טונקעלע זאַך איבער זיין פּנים און הייסט אים טיפער אָטעמען. אירע גוטע בלויע אויגן שוועבן איבער אים. ס׳דאַכט זיך אים, ער הערט ווי די מעסערס שניידן זיין פלייש. ער וויל עפּעס זאָגן און האָט ניט קיין כוח די ווערטער אַרויסצוברענגען, ער מאַכט מיט די ליפּן. די „נוירס״ לייגט צו איר אויער צו זיין מויל.

— אַ גוטער אויפשטאַנד דיר, מיין מאַן, — איז זיין פרוי סעלמאַ אַריינגעקומען מיט אַ גלאָז מאַראַנצן־זאַפט אין האַנט. — וואָס מאַכסטו, ווי פילסטו עפּעס ?

— אָפּגעשוואַכט.

— פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַ קרענק פילט מען אָפּגעשוואַכט. ס׳נעמט צייט ביז מען קומט צו די כוחות. די הויפּט־זאַך איז — עסן, דו דאַרפסט איצט אַ סך עסן, אָפּנעמען זיך פאַר דער גאַנצער צייט. מיין מאַמע פלעגט זאָגן: מען דערקענט אין די באַקן, ווי די ציין טוען קנאַקן. אַבי איך זע דיך שוין אַזוי ווי דו ביסט איצט. — זי האָט זיך געזעצט אויפן בעט לעבן אים. ער האָט לאַנגזאַם געזופּט דאָס זאַפט און באַ־מערקט, אַז זי קוקט אויף זיין בלייכער האַנט, וואָס ציטערט אַ ביסל האַלטנדיק דאָס גלאָז.

— ווי אַזוי ביסטו געשלאָפן די נאַכט ?

— עס האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ פאַרשיידענע חלומות: דער האָספּיטאַל, די אָפּעראַציע, די „נוירסעס״.

— אַז דיר חלומען זיך שוין „נוירסעס״, מיין מאַן, ביסטו „אָלראַיט״. זאָלסט זיך נאָר ניט האָבן דאָרט פאַרליבט אין איינער, — האָט זי אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ קאָקעטיש ווי אַמאָליקע יאָרן און פאַרזשמורעט די קיילעכדיקע סאָווע־אויגן...

אייזיק האָט דין געשמייכלט. דאָס גאַרטעלע שיטערע האָר אַרום זיין פּליך איז געווען פייכט און צעשויבערט. אין איינגעפאַלענעם פּנים האָט זיין נאָז אויסגעקוקט גרעסער, פּראָמינענטער. די באַקן־ביינער

פּאַרשאַרפּט. די גרוי־גרינלעכע אויגן נאָך אַ ביסל פאַרנעפּלט פון די מעדיצינען.

— אַזוי, אַזוי. חלומען זיך דיר שוין „בוירסעס״, — האָט זי זיך געריצט מיט אים אויפן אַמאָליקן מיידלשן שטייגער.

— גיי שוין גיי, משוגענע... — האָט אייזיק געשמייכלט אין פאַר־לעגנהייט...

— ס׳טרעפט זיך, עס זאָל זיך אַזוי ניט טרעפן. וועלכע איז עס? טאָקע די מיט די צוויי גרויסע קעלבערנע אויגן?

— וועסט זיך אַמאָל אָפּטשעפּען, צי ניין?! ווי געפעלט דיר? מאַכסט חוזק פון אַן אַלטן מאַן!

— נאַרעלע, ביי מיר ביסטו ניט אַלט. געדענקסט, ווי מען פלעגט זינגען? „ביי מיר ביסטו שיין, ביי מיר האָסטו חן״. און דו ווייסט דאָך, ווי מען זאָגט: אַלטער וויין ווערט ניט זויער. זאָלסט מיר נאָר גע־זונט זיין, — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און אים געגעבן אַ קוש... — נו, וואָס זאָל איך דיר מאַכן פאַר „ברעקפעסט״: „סקרעמבלד עגס״, „האָט-קעיקס״?

— ביידע, — האָט ער זיך געפּרוּווט אַריינאַרבעטן אין אַן אַפּע־טיט.

— אָט אַזוי רעדסטו. נעם זיך אָן מיט כוחות. יאָ, כ׳האָב דיר פאַר־געסן צו זאָגן: די קינדער האָבן נעכטן ביינאַכט אָפּגערופן, ווען דו ביסט שוין געשלאָפן.

— וואָס ווילן זיי?...

— ס׳הייסט, וואָס ווילן זיי? זיי האָבן זיך געפרעגט, וואָס דו מאַכסט, ווי דו פילסט. סעמעלע, אַ געזונט אים אין די ביינדעלעך, האָט אַריינ־געשריגן אין טעלעפאָן: — איך האָף, „גענדפאַ״ וועט שנעל געזונט ווערן — און ער האָט דיר איבערגעשיקט קושן. איי, איז דאָס אַ זיסער יונג. די גאַנצע צייט, וואָס דו ביסט געווען אין שפּיטאָל, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וואָס דו מאַכסט... און נאָר געוואָלט, מען זאָל אים נע־מען צו דיר.

אייזיק האָט נחתדיק געשמייכלט. ער האָט זייער ליב די אייניק־לעך, זיי לאָזן זיך ליב האָבן; גיסטו זיי אַ צאַצקע, זיינען זיי גליקלעך, זייער האַרץ איז נאָך ניט פאַרסמט פון ירושה־געלט... עס איז אפשר ניט שיין אַזוי צו טראַכטן, מוסרט ער זיך, ער פילט אָבער, אַז אין דעם איז דאָ אַ שטיק אמת. אייגן בלוט און פלייש... וואָלט מען דאָך גע־

מעגט דערוואַרטן וואַרעמקייט, נאָענטקייט — ווייס איך וואָס. זיי זיינען קאַלט און אָפּגעפרעמדט. די אַלע יאָרן, וואָס ער מיט זיין פרוי זיינען געווען באַגראָבן אין דער קראָם, האָט זיי ביסלעכווייז צעריסן, ביז אינ־גאַנצן דערווייטערט... נאָר ווען זיי האָבן דערהערט, ער איז קראַנק און האַלט שמאָל, זיינען זיי געקומען צו לויפן אין שפּיטאָל אַריין און זיך געשטופּט אַרום אים מיט וועלפּישע אויגן... ווי זיי וואָלטן זשעדנע געוואַרט אויף עפּעס... ווען זיי האָבן געמיינט ער שלאָפט, האָבן זיי זיך היציק אָנגעהויבן שושקען צווישן זיך, צי ער האָט ריכטקי אָנגעשריבן דעם ׳וויל׳... מען זאָל רופן דעם לאָיער, וויל זיינע שעהען זיינען געציילטע.

אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז אין אים דאָס בלוט פאַרקילט גע־וואָרן. ווען ער האָט מיט שרעק געעפנט די אויגן, זיינען זיי שטיל געוואָרן און זיס געשמייכלט צו אים... אַ הייסע כוואַליע האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין: זיי ווייסן, אַז דער סוף איז נאָענט, דער דאָקטאָר האָט זיי אַוודאי אויסגעזאָגט. דערפאַר איז אים קאַלט געוואָרן אין די פיס. ער לעשט זיך... ווען די „קעלט" וועט צוקומען צום האַרץ, וועט זיך אַלץ ענדיקן. ווי אַזוי וועט ער פילן אין די לעצטע מינוטן, סע־קונדן? און וואָס וועט זיין דערנאָך? טאָקע שוין, אויס, גאָרניט?... ער איז דאָך אַ מענטש. ער האָט דאָך אַ נשמה... עמעצער האָט געווישט דעם קאַלטן שווייס פון זיין פּנים. און „זיי" זיינען געשטאַנען אַרום זיין בעט, ווי קראָען אויף אַ שלאַכט־פעלד, וואָס וואַרטן, אַז דער סאָלדאַט זאָל זיך שוין אויפהערן רירן...

ער האָט אָנגעהויבן שווער אָטעמען. די איידעמס האָבן זיך איבער־געקוקט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ... ער האָט דערוואַרט, אַז אָט, אָט... נאָר די מינוטן פון שרעק האָבן זיך לאַנג און שווער געצויגן. זיי זיינען אָנגעוואַקסן אין שעהען און, דאַכט זיך, אין יאָרן... ער האָט געהערט, ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דער קראַנקער איז פון עפּעס שאָקירט געוואָרן און דאָס האָט פאַרערגערט זיין צושטאַנד. געווען מאָמענטן, ווען מען האָט געמיינט, ס׳איז שוין נאָך אַלעמען. פון זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פאַסיקלעך ווייסלעך, און ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן שוואַך אָטעמען. נאָך פאַרטאָג האָט ער, צו אַלעמענס איבערראַשונג, זיך אויפגעזעצט און געזאָגט, אַז ער פילט בע־סער. ס׳האַרץ חלשט אים און ער וואָלט געוואָלט נעמען עפּעס אין מויל אַריין...

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז חוץ זיין ווייב, וואָס האָט זיך דערפרייט

און אים אָנגעהויבן קושן, זיינען די קינדער געבליבן שטיין געפּלעפט, ווי ער וואָלט זיי פאַרפירט... געמאַכט אַן אָנשטעל, ער גייט שטאַרבן, און אומזיסט זיי איבערגעשראָקן... מידע, ניט אויסגעשלאָפענע, האָבן זיי געוואָרטשעט עפּעס צווישן די ציין און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. איינער פון זיינע איידעמס, דזשעק, דער יינגסטער טאָכטערס מאַן, פאַרשפּילט דעם קאָפּ אין „פערד־רעיסעס" און איז דערפאַר שטענדיק פאַרבאָדן אין חובות. דערהערט, אַז דעם שווער איז בעסער געוואָרן, איז ער געבליבן שטיין ווי מען וואָלט אים מיט עפּעס דערלאַנגט איבערן קאָפּ...

די אַנדערע האָבן זיך אויך געשאַרפט די ציין אויף אים. כאָטש טייל פאַרדינען זייער גוט, נאָר מען פאַרלעבט מער וויפל מען קאָן. די אויגן זיינען גרויס, דער אַפּעטיט איז צעשפּילט. נעמט ער און שטעלט זיי אַרויס אַ פייג, ווערט פון טויט לעבעדיק, און קלייבט זיך ערשט אָנ־הייבן לעבן.

אין אַ זוניקן פאַרמיטאָג איז אייזיק ס'ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען אין גאַס מיט סעלמאַן. זי האָט אים געפירט ביים אָרעם. די וועלט האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ניי, יום־טובדיק, ווי ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען, ווייל אַלע יאָרן איז ער געווען פאַרשפּאַרט אין דער קראָם, ווי אין אַ שטייג. פּלוצלונג... שפּאַצירט ער אין דער זוניקער גאַס, און סעלמאַ רעדט צו אים מיט אַ ציטערדיק־פרײדיק קול אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זיי זיינען געווען חתן־כלה. אים דאַכט זיך טאַקע, אַז דאָס קול ציט זיך פון ערגעץ ווייט, ווייט...

— גלויב מיר, אייזיק, אַז איך בין אַ גליקלעכע, וואָס איך זע דיך שוין אַרומגיין אין גאַס. קיינער איז איצט ניט גלייך צו מיר. אוי, האָב איך איבערגעלעבט שרעק, גאַנצע נעכט בין איך ניט געשלאָפן... ס'אַ פיין ווינטעלע, האַ? די לופט וועט דיר מאַכן אַן אַפּעטיט צום עסן. דו דאַרפסט איצט אַ סך עסן, זאָלסט צוריקקומען צו די כוחות. קאַרג בלוט האָסטו פאַרלוירן אין דער אָפּעראַציע? און וועגן דער „סטאָר" זאָלסטו זיך ניט זאָרגן. דערוויל שטייט דאָרט אַ מענטש, און דזשעק האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אַריינקומען אויף אַ פּאָר שעה און אַרויסהעלפן.

— זעסטו, דאָס ניט. איך וויל ניט, אַז דזשעק זאָל אונדז אַרויס־העלפן. זאָל ער זיך אַליין העלפן און אויפהערן „געמבלען". ער פאַר־שפּילט זיין לעבן צו די „פערד". די האָר אויפן קאָפּ זיינען ניט זיינע. אַזעלכער ווי ער טאָר ניט שטיין לעבן אַ „רעדזשיסטער!... (קאַסע).

— דו מיינסט דאָך ניט...

— איך מיין יאָ... ווייל איך געטרוי אים ניט. איך בין זיכער, אַז ער אַליין געטרויט זיך אויך ניט... מיין טאָכטער האָט זיך טאַקע „באַגראָבן״ מיט אים, אָבער דאָס איז דער ריינער אמת. ס׳איז מיר נאָר אַ רחמנות אויף די קינדער.

— ווילסט ניט — איז ניט. איך וועל אים שוין לאָזן וויסן אויף אַן איידעלן אופן, אַז מען קאָן זיך באַגיין אָן אים...

זיי זיינען געזעסן אויף אַ באַנק אין קליינעם פּאַרק, ניט ווייט פון זייער הויז. זון־פונקען פון צווישן די בלעטער, וואָס דער ווינט האָט האָט צעבלאָזן, האָבן געטאַנצט אויף זייערע צעקנייטשטע געלע פּנימער, געשפּילט זיך צווישן זייערע אויגן וואָס האָבן געפינטלט קעגן דער בלענדנדיקער ליכט, וואָס זיי האָבן אין זייער לעבן אַזוי זעלטן אַנגעזען. טאַקע, ווען האָבן זיי זיך געקענט אָוועקזעצן אין פּאַרק און באַטראַכטן גאָטס וועלט, אַז זיי האָבן אַלע יאָרן אָפּגעפּינצטערט אין דער קראָם?

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי באַדינט די „קאָס־טאָמערס״, געשלעפּט פּעק, פּאַנאַנדערגעלייגט, געוואויגן, געמאָסטן. צו די ערגסטע קונים, וואָס האָבן באַטאַפּט די סחורה, גענודיעט, דאָס האַרץ אויסגעגעסן, האָט מען געמוזט שמייכלען, בויגן זיך און דאַנקען, האַלטן אין איין דאַנקען וואָס מען מאַטערט זיך אויף דער וועלט... און נאָך באַ־דאַרפט פירן אַ בוכהאַלטעריע פאַר די, וואָס קויפן אויף באָרג. רעכענען, שרייבן, מעקן... אַריינגעכאַפּט ס׳ביסל עסן אין איילעניש הינטער דער וואַנט פון קראָם צווישן איין „קאָסטאָמער״ און אַ צווייטן. מיטן ביסן אין מויל אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ שמייכל, ווען ס׳איז עמעצער אינמיטן דער „סעודה״ אַריינגעקומען. אַז מען האָט שוין פאַרמאַכט ס׳געשעפט, האָט מען באַדאַרפט צוראַמען, אָוועקלייגן, אויסגלייכן. און שפּעט ביי־נאַכט אָוועקגעפאַלן אויפן בעט ווי געהרגעטע.

איצט זיצן זיי מיט זון־באַלויכטענע פּנימער אין פּאַרק. הערן זיך איין צום געזאַנג פון די פייגל. טרינקען זשעדנע די לופט און חלומען פון אַ פּאָר גוטע רואיקע יאָרן, וואָס זאָל זיין אַ באַלוינונג פאַרן ביי־טערן שווערן לעבן, וואָס זיי האָבן געהאַט.

— פון וואָס טראַכסטו, איציק?

— אָ, פון דער צייט, וואָס איז אַזוי שנעל אָוועקגעפלויגן, פון די אַלע שיינע טעג און יאָרן, וואָס מיר האָבן פאַרשפּילט זייענדיק פאַרשפּאַרט אין דער „שטייג״. סעלמאַ, מיר האָבן דאָך נאָך גאָרניט געלעבט אויף דער וועלט, און מיר זיינען שוין גרויע אַלטע לייט!

— זינט דו ביסט אַרויס פון האָספּיטאַל, אייזיק, רעדסטו אַזעלכע מאָדנע רייד...

— אין האָספּיטאַל האָב איך אפשר ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן צייט געהאַט צו טראַכטן. דאָרט האָבן זיך מיינע געהירן אויפגעטייעט און אַ סך זאַכן זיינען מיר קלאָר געוואָרן.

ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, ווי ער וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, און באַוואונדערט ווי הויך און טיף ער איז. ווי ווייט גאָט איז פון דער ערד, אַז ס׳איז אים אפילו ניט מיטן שכל צו דערגרייכן... וועגן דעם האָט ער נאָך געטראַכט אין שפּיטאָל, וואַרטנדיק אויפן מעסער, איינהערנדיק זיך צו די ביטערע קרעכצן פון די קראַנקע, וואָס דער טויט האָט געלויערט אויף זיי פון אַלע זייטן. די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן אַרומגעשוועבט ווי גוטע מלאכים און גע־פּרוווט באַשיצן דיליידנדיקע, צום טויט־פאַראורטיילטע. דעמאָלט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי גאָט פירט די וועלט... אָבער דערגרונטעוועון זיך צו דעם האָט ער ניט גע־קענט, דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן וויי־טאָן. ער איז מיד געוואָרן און איינגעשלאָפן.

איצט אָבער איז שוין נאָך אַלעמען. געבליבן אַ פּאָר יאָר, דאַרף מען געניסן פון זיי. די קינדער זיינען פאַלש... האָבן זיך ניט געפרייט מיט אים, ווען ס׳איז אים בעסער געוואָרן. „זי" יאָ. דער איינציקער געטרייער חבר. ניט אומזיסט, דערמאָנט ער זיך, האָט מען אַמאָל געזונגען אין יידישן טעאַטער, אַז „מאַן און ווייב איז איין לייב"... יאָ, זי איז אים נאָך געטריי געבליבן.

— סעלמאַ.

— וואָס ?

— זאָג מיר, איך בעט דיך, געדענקסט נאָך, ווי מיר האָבן גע־שפּילט אַמאָל אַ ליבע ?... — האָט ער זי אַ טאָרע געטאָן מיטן עלנבויגן...

— אייזיק! מענטשן זיצן דאָך אַרום! ווי געפעלט דיר דאָס ?! האָט זיך דערמאָנט אין דער „גאָלדענער יויך"... — האָסט זיך פאַרגעסן, אַז דו ביסט שוין אַ זיידע פון קיין עין־הרע דערוואַקסענע אייניקלעך ?

— אַז אַ זיידע, איז וואָס ? טאָר מען זיך ניט דערמאָנען אין די יונגע יאָרן ? איך געדענק נאָך אַ ליד, וואָס מיין טאַטע פלעגט זינגען :

וואו נעמט מען דעם פערד־און־וואָגן,
די יונגע יאָרן צו דעריאָגן ?...

— אייזיק! מענטשן קוקן דאָך אויף דיר. ער האָט זיך צעזונגען!...

— זאָלן זיי קוקן, וועמען אַרט עס. אדרבה, זאָלן זיי וויסן, אַז אײ־זיק האָט זיך נאָך באַצייטנס אַרויסגעכאַפּט פון דער „שטייג״. סעלמאַ, איך פאַרקויף די ביזנעס, געזונג געהאָרעוועט. מיינע קינדער וועלן מיר ניט שטעלן קיין גאָלדענע מצבה. וואו שטייט עס געשריבן, אַז מען דאַרף אַרבעטן ביז אין טויט אַריין?

— ניין, מען דאַרף אָבער ניט זיין איבערגעאײלט און אַוועקגעבן די „סטאָר״ פאַר אַ וועלכן־ניט־איז פּרייז. דאָס איז אַן אַרויפגעאַרבעטע ביז־נעס — אַ ברויט מיט אַ מעסער. עס זאָלן אַריינקומען יונגע מענטשן, אויסהאַקן אַ צוויי ווענט, קען דאָס ווערן אַ גאָר גרויסער „מאַרקעט״, אַ גאָלד־מאַין.

— ניט פאַר מיר. פאַר די יונגע, יאָ. אַזוי גיך ווי די „סטאָר״ וועט פאַרקויפט ווערן, וועלן מיר זיך נעמען אַ לאַנגן „וועקעישן״... איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט...

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרקויפן די קראָם פאַר אַ גאַנץ גוטן פּרייז. איינגעקויפט זיך נייע קליידער. אַריינגעשטעלט זיך נייע „סעטס״ ציין און געגרייט זיך אַרויסצופאָרן אין אַ האָטעל אָפּצו־רוען זיך אַ וואָך אָדער צוויי. צו די פריינט האָט אייזיק געזאָגט: — איך און מיין „אַלטיטשקע״ פאָרן אַרויס אויף אַ „האָנימון״ (האָניק־חודש) פאַר די קינדערס געלט״...

אַ נאַכט פריער, איידער זיי האָבן באַדאַרפט אַרויספאָרן אין די בערג, זיינען די זאַכן געשטאַנען איינגעפּאַקט. דורך די אָפענע פענצטער פון פראָנט־צימער האָט אַריינגעהילכט דער פאַרקער פון אויטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער, איבערלאָזנדיק הינטער זיך גרויע וואָלקנדלעך גאַז, וואָס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער אָנגעגליטער איבערגעפּאַקטער גאַס. זיי האָבן געגעסן אַ מילכיקן מאָלצייט: קאַלטן באָרשט און בלינצעס מיט סמעטענע.

— ס׳איז היינט די ריכטיקע היץ, — האָט אייזיק געווישט דעם שווייס פון פּנים און געטריבן דורכן פענצטער די גרין־זשומענדיקע פליגן.

— געדולד, מיין מאַן, בלויז איין נאַכט האָבן מיר דאָ איבערצושלאָפן. מאָרגן וועלן אויף אונדז בלאָזן קילע ווינטלעך פון די בערג. דער גלאָק וועט דרייי קלינגען דריי מאָל אַ טאָג... מיר וועלן זיצן אונטער אַ גרינעם בוים און זיך איינהערן, ווי די פייגעלעך זינגען, אָדער שפּילן אין קאָרטן...

— סעלמאַ! דו רעדסט דאָך שוין באַלד אַזוי ווי מען לייענט אין די ראָמאַנען!

— און דו מיינסט, אַז איך האָב ניט געלייענט קיין ראָמאַנען? אַזוי פיל גוטע יאָרן זאָלן מיר האָבן, וויפל ראָמאַנען איך האָב געלייענט. האַלבע נעכט פלעג איך אויפליגן און זיך וועלן דערוויסן דעם סוף. ניט איינמאָל האָב איך געוויינט און זיך געפרייט מיט דער גליקלעכער ענדע...

— יאָ, די ענדע, די ענדע... — האָט זיך אייזיק פאַרטראַכט און גע־קוקט אויף אַ פליג, וואָס איז אַריין אין אַ שפּאַרע און ניט געקאָנט צוריק אַרויסקריכן...

— אָבער איצט, אייזיק, וועלן מיר האָבן אַ לאַנגן „וועקעישן" און זיך אָפּנעמען פאַר אַלע יאָרן....

— יאָ, איצט איז געקומען אונדזער צייט, — האָט אייזיק ווי אויס־געזונגען.

— איז זאָג־זשע מיר, שרהלע (אין געהויבענע מאָמענטן רופט ער זי ביים יידישן נאָמען), איז שוין אַלץ איינגעפּאַקט?

— אַלץ איז איינגעפּאַקט, — האָט זי אים פאַרזיכערט, צעוואַשנדיק די פּאָר טעלער פון מאַלצייט. — ס'איז זייער שטיקיג אין הויז, אייזיק. לאָמיר אַראָפּגיין אין גאַס כאַפּן אַ ביסל לופט.

ווען זיי זיינען געווען גרייט אַרויסצוגיין פון הויז, האָט זיך דער־הערט אַ קלינג ביי דער טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען זייער טאָכטער גוירטי מיטן אייניקל. אירע אויגן זיינען געווען פאַרוויינט. די נאָז רויטלעך, ניט אָנגעפּודערט. — גוירטי, סעמעלע! — האָבן זיך באָבע־זיידע דערפרייט און דערשראָקן... — וואָס איז? וואָס איז געשען? — ווען גוירטי האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך אַוועקגעזעצט, האָט זי געזאָגט:

— ס'איז אויס! — אירע ליפּן האָבן געציטערט.

— וואָס איז אויס?!

— צווישן מיר און דזשעקן איז אַלץ געענדיקט! איך וועל מער ניט זיין מיט אים אונטער איין דאַך. מיט דעם „געמבלער", דעם מער־דער!

— וואָס עפּעס פּלוצלונג? — האָבן זיך די עלטערן דערשראָקן...

— פּלוצלונג?! ס'איז שוין גאָרניט פּלוצלונג. מיין אומגליק ציט זיך שוין זינט איך בין באַגראָבן געוואָרן מיט אים. וואו ער קריגט אַ דאָלאַר, פאַרשפּילט ער אים אין די „פערד", דער קאַלט־בלוטיקער גזלן. ער האָט

אַ לאַנגע צייט ניט געצאָלט די „פּעימענטס" פאַר דער „פּוירניטשור". ער האָט דאָס פאַרשפּילט אין די „רעיסעס". איצט זיינען זיי געקומען און גייען אַלץ צונעמען; די וואַש־מאַשין, די טעלעוויזשן, — אַלץ. מיין „דאַימענט"־רינג האָט ער אַרויסגעגנבעט און פאַרשפּילט. דאָס העמד פון לייב פאַרשפּילט ער! — געטוג. איצט וועט עס נעמען אַ סוף! קיי־נער קאָן מיך שוין ניט מאַכן צו גיין צוריק וואוינען מיט אים. איך וועל זיך בעסער אַ טויט אָנטאָן!

— טאָכטער, ווי אַזוי רעדסטו?

— מיין אומגליק רעדט. איך האָב גענוג געדריקט און געשטיקט אין זיך ביז איצט. איך האָב נאָך דערווייל צוויי הענט, איך וועל גיין אַר־בעטן. אָבער פאַרן קינד וועט ער מוזן צאָלן, אַניט וועט ער פוילן ביי מיר אין טורמע! אַז איר וועט מיך לאָזן דערווייל זיין ביי אייך, איז גוט. אויב ניט, וועל איך גיין צו מיינע פריינט"...

— טאָכטער, ווי אַזוי רעדסטו? דו ווייסט, אַז דו ביסט ביי מיר אַ טייערער גאַסט... צו עלטערן רעדט מען ניט אַזוי!... ווי לאַנג מיר לעבן, איז אונדזער הויז אויך דיין הויז. — האָט אייזיק געזאָגט. — מיר וועלן — — —

— און ווער טאָקע פּטור פונעם געמבלער, — איז סעלמאַ אַריין אין זיינע רייד. — איצט איז נאָך ניט צו שפּעט. ביסט נאָך יונג און שיין. קאָנסט נאָך קריגן אַ פיינעם מאַן און אָנהויבן אַ ניי גליקלעך לעבן. גיי וואַש זיך אָרום, פריש דיך אויף אַ ביסל און הער אויף וויינען, זאָל ער וויינען אויף זיין קאָפּ, דער מערדער וואָס האָט מיין קינד אומגליקלעך געמאַכט!

זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז דאָס אייניקל קוקט אויף זיי מיט פּאַדרוס, וואָס מען האָט אים ניט באַמערקט.

— יינגעלע מיינס, טרייסט מיינער, — האָט אים סעלמאַ געכאַפּט קושן. — זע נאָר ווי בלייך און דערשראָקן ער איז נעבעך, מיין אומשול־דיק יינגעלע!

גוירטי איז אַריינגעגאַנגען אין וואַש־צימער און שפּעטער אַרויסגע־קומען אַ ביסל אויפגעפרישט. די בלויע ליפּן — רויט. די נאָז — צוגע־פּודערט. אירע פאַרקאַמטע האָר זיינען אַראָפּגעהאַנגען אויף די אַקסלען, ווי דער ברייטער טייל פון אַ גלאָק. די אויגן גרין, פלאַטערדיק. ס'מויל פאַרהאַקט.

— האָסט זיכער ניט געגעסן קיין סאַפּער, גוירטי. איך האָב קאַלטן

באַרשטש. ס׳וועט דיך אָפּפרישן. נאָך געבליבן אַ פּאָר בלינצעס. סע־מעלע לעקט די פינגער פון זיי. זעץ דיך אַוועק. עס.

— איך בין ניט הונגעריק.

— דו דאַרפסט עסן.

— איך קאָן ניט.

— הויב אָן. מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט.

גוירטי איז פלוצלונג בלייך געוואָרן. זי איז האַסטיק אַרויס פון צי־מער. סעלמאַ איז איר נאָכגעלאָפן. אייזיק, וואָס האָט געהוידעט דאָס אייניקל אויף דער קני, האָט זיי פאַרזאָרגט נאָכגעקוקט...

אין טונקעלן צימער האָט פלוצלונג אַ בליץ געטאָן, ווי עפּעס אַ שד וואָלט אַרויסגעשטעלט די צונג... ס׳האָט זיך אָנגעהויבן „קאָלערן״ אַ דונער. טראָפּנס רעגן האָבן זיך געקלעפּט אויף די שויבן. ס׳אייניקל האָט זיך געטוליעט צום זיידן און מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף די לאַנגע בליציקע מעסערס, וואָס צעשניידן דעם שוואַרצן הימל. דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט און אָנגעהויבן אַזוי געדיכט און האַסטיק פאַלן, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט.

— „גרענדפּאַ״, איך האָב מורא. מאַך ליכטיק!

אייזיק האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. גוירטי איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי מען וואָלט איר דעם האַלדז איינ־געשניטן... סעלמאַ האָט זי אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער. סעמי האָט זיך געטוליעט צום זיידן. פאַרוואָס, האָט ער געפּרוּווט באַנעמען מיט זיין יונג קעפּל, איז דאָס אַזוי? אַמאָל קושט זיך זיין טאַטע מיט דער מאַמען און אַמאָל ווילן זיי זיך שלאָגן? זיי זיינען דאָך ביידע גוטע. ער האָט געטראַכט וועגן דעם מיט אָנשטרענגונג, ביז ער איז מיד געוואָרן, אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אויפן זיידן און איינגעשלאָפן.

סעלמאַ איז אַרויסגעקומען מיט פייכטע אויגן פון שלאָף־צימער.

— וואָס איז איר?

— אונדזער טאָכטער דאַרף גיין צו אַ דאָקטאָר פּטור ווערן פון אַן אומגליק כל־זמן ס׳איז נאָך צייט.

— וואָס?! — האָט זיך אייזיק געכאַפּט פאַרן קאָפּ. — ניין! איך קאָן זיך דאָס ניט גלויבן, אין אַזאַ צייט, מיט אַזאַ מאַן? ווי האָט זי געוואַגט?!

— אייזיק, דאָס קינד איז קראַנק, — האָט סעלמאַ געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול. — זי וויל מאַכן אַ סוף צו איר לעבן. זי שטייט ביים

פענצטער און נאָר זי בויגט זיך אַרויס... זי כאַפּט מיך אַרום קושן און בעט מיך, איך זאָל זיין אַ מאַמע צו איר קינד, ווען זי וועט שטאַרבן.

שפּעט ביינאַכט. ס׳האָט אויפגעהערט רעגענען. פון זיין געלעגער האָט אייזיק געזען איבער דעם קעגנאיבערדיקן מויער עטלעכע קלאָרע אויסגעוואַשענע שטערן אין הימל. מען זאָגט, אַז אויף די שטערן זיינען דאָ וועלטן מיט מענטשן מיט חיות... אַלץ אַזוי ווי ביי אונדז. אפשר זיינען די וועלטן אויבן שענערע, בעסערע? אָט האָט גאָט געמאַכט אַ זילבערנעם שטרייך אין הימל, און אַ שטערן איז געפאַלן, אַ וועלט איז אומגעקומען.... ער באַשאַפט און צעשטערט. אַ וועלט טויג ניט — איז אויסגעשטרייכט, אָפּגעמעקט. ווער ווייסט וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן מיט אונדזער וועלט? סעלמאַ איז גערעכט; זינט ער איז אַרויס פון דער קראָם און ער האָט אַ סך צייט, גייט ביי אים דער קאָפּ אויף רעדער.

דער רעגן האָט אָפּגעקילט די לופט, ס׳איז אָבער נאָך אַלץ שטיקיק. ער האָט געפּרואווט איינשלאָפן, און ניט געקאָנט.

— זיי וועלן מוזן גיין מיט דער טאָכטער צו אַ דאָקטאָר. זי איז שוין ניט קיין קינד, וואָס וועט אים העלפן שרייען אויף איר? זי איז שוין געענוג געשלאָגן און מוז פּטור ווערן פון אומגליק. „גרויסע קינדער, גרויסע צרות". דזשעק, דער אידים, איז דאָך אַמאָל געווען אַזאַ פיינער בחור, אַ גוטער פאַרדינער, און זיי האָבן זיך דאָך געליבט. האָט זיך דער טייוול, דער געלט־גייץ פאַרשטעלט אין „פּערד" און צעשטערט זייער לעבן.

הייס. מאָסקיטאָס האָבן זיך באַהאַלטן אויפן באַלקן און אויף די ווענט. זיי וואַרטן, ער זאָל איינשלאָפן, וועלן זיי מאַכן אַ סעודה פון אים. אַזוי איז אַלץ; איין באַשעפעניש עסט דאָס צווייטע. ס׳איז דאָ אַ סך קשיות צו פרעגן ביי גאָט ער איז אָבער אַזוי ווייט, אַז מען קאָן אים אפילו מיטן שכל ניט דערגרייכן...

ווייסע בערן

די לעצטע עטלעכע וואָכן פאַר דער רייזע האָבן זיך פאַר ליפּען זייער לאַנג אויסגעצויגן. טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די צייט האָט זיך איינגעאַנצן אָפּגעשטעלט און רירט זיך מער ניט פון אָרט.

מיטן געדאַנק אָבער איז ער שוין געפאָרן: געפלויגן אויף עראָפּלאַנען, געוויגט זיך אויף שיפן, אַרויסגעקוקט דורך פענצטער פון שנעללויפנדיקע באַנען אויף נייע לאַנדשאַפטן, אין נייע לענדער — ער קומט אָן אין זיין געבורטשטאָט, באַגעגנט מענטשן וואָס געדענקען אים נאָך ווען ער איז אַ יינגל געווען, „איצט" קוקן זיי אַרויף צו אים מיט רעספּעקט, באַוואונדערן דעם רייך־געקליידטן אַמעריקאַנער, וואָס מאַכט אַ וועלט־רייזע. אויסגעבליכטע, פאַרחושכטע אין זייערע אַלטע אָפּגעריסענע קליידער, קוקן זיי אויס נעבעכדיק קעגן אים. און ער מוסרט זיך פאַרוואָס ס'איז אים אַנגענעם באַוואונדערט צו ווערן פון זיי. פאַרוואָס ער פילט זיך פון דעם דערהויבן...

ער וויל זיי זאָגן, אַז ער איז ניט מער ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, וואָס האָט יאָרנלאַנג געשוויצט אין די אַמעריקאַנער פאַבריקן, ביז ער האָט אָנגעזאַמלט דאָס געלט פאַר דער רייזע, נאָר ער זאָגט דאָס ניט, לאָזט זיך באַוואונדערן, רעדט „גרויס" מיט ברייטע זשעסטן און דער סוף וועט זיין, אַז זיי וועלן פאַרלאַנגען פון אים אַמעריקאַנער ראָלאַרן, אַניט וועלן זיי אים פאַרשילטן...

ער שפּאַצירט אויף די גאַסן, וואו זיין מאַמע האָט אים געפירט אין חדר אַריין, אָטעמט־איין די לופט פון זיין קינדהייט, און ווערט צוריק יונג... — און אָט קומט ער אָן אין ישראל, שטעלט די ערשטע טריט אויף דער אויסגעבענקטער ערד, אַנדערע פאַלן צו צו איר און קושן זי...

ער גייט איבער יידישע גאַסן, אָטעמט איין דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, עכט יידישע לופט, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַ גאַנץ אַנדערן טעם, אַן אַנדערן ריח... שטעלט אָפּ יידן, דערלאַנגט זיי שלום... און כאַפּט מיט זיי אַ שמועס. עס קומען אים אַקעגן יידישן סאָלדאַטן, און ס'איז טאַקע

אמת וואָס מען האָט אים דערציילט, אַז כאָטש זיי זיינען גוטע קעמפּער, קוקן זיי אויס ווי ישיבה־בחורים, און די סאָלדאַטקעס — ווי יונגע רביצינס... ער קלעטערט אויף „הויכע יידישע בערג", באַוואונדערט דעם „טיף־בלויען יידישן הימל". — ער קומט אָן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. מיט יאָרן צוריק האָט ער דאָרט אַרויסגעקוקט מיט בענקשאַפֿט דורך פֿאַרגראַטעטע פענצ־טער פון צאַרישע טורמעס. ס'איז געווען אין דער צייט פון פעלד־געריכטן. פון זיין קאַמער האָט מען אַרויסגעפירט רעוואָלוציאָנערן צום הענגען. ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער שטריק זאָל אויך אויף זיין האַלדז פאַרציויגן ווערן, און נאָר על־פּי־נס איז ער געבליבן לעבן, און דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. „איצט" זעט ער זיך אויפן רויטן סקווער אין מאָסקווע ביי דער ערשטער מאַי־פייערונג. עס מאַרשירט דאָס פאָלק אין די צענדליגער טויזנטער, שלום־טויבן און כוואַליעס רויטע פאָנען שוועבן איבער זייערע קעפ. לאַנגע שעהען ציט זיך דער פאַראַד, מיט מוזיק, געזאַנג און טענץ. גאַנץ מאָסקווע איז אַרויס אין די גאַסן צו פייערן דעם גרויסן יום־טוב, און באַגריסן די אַלע וואָס האָבן געהאָלפן קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג...

דערוויל איז ער פאַרנומען מיט איינקויפן זאַכן אין וועג אַריין. דער געדאַנק, אַז ער וועט פליען דורכן נאָרד־פּאָל, רופט אַרויס אין אים אַ סך דערינערונגען: ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, האָט ער גע־לייענט ביכלעך וועגן לאַנגע ריזיקאַלישע עקספּעדיציעס, וואָס שיפן מאַכן דורך צום וויטן אייז־ים. טייל פאַרבלאָנדזשען און ווערן פאַרלוירן אין וועג און די וואָס קומען שוין אָן אַהין, ווערן איינגעקלעמט צווישן ריזיקע אייז־בערג, וואָס צעברעכן זיי און מען ווייסט ניט וואו דאָס געביין פון דער מאַנשאַפט איז אַהינגעקומען. דאָרט, אין דעם אייביקן ווינטער, איז אַזוי קאַלט, האָט מען באַשריבן, אַז אַ לעפל קאָכיק וואַסער ווערט פאַר־פרוירן, איידער עס דערגרייכט צום מויל... מען וואוינט דאָרט אין הייזלעך פון שניי, און עס גייען אַרום ווייסע בערן. ליפע קען זיך שוין ניט דערוואַרטן אַ פלי צו טאָן איבער יענער געגנט און דאָס אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן... ליפע איז צעברויזט פון אומגעדולד, פון דער־וואַרטונג.

פריינט זיינען זיך געקומען געזעגענען.

— הייסט עס, אַז איר פליט טאַקע דורכן נאָרד־פּאָל?

— יאָ, — האָט ליפע באַשטעטיקט מיט באַהאַלטענעם שטאָלץ, ווי דאָס וואָלט געווען אַ מין גבוראַטקייט פון זיין זייט... און צו פאַר־

דעקן דעם חשד פון געדאַנק, וואָס בויערט טאַקע אַמאָל טיף אין אים, וועגן אַ מעגלעכער געפאַר צו לאָזן זיך אין אַן עראָפּלאַן איבער אַזאַ געגנט, האָט ער שפּאַסיק צוגעגעבן — אויב ס׳וועט אויסקומען צו מאַכן אַ געצוואונגענע לאַנדונג, וועט אונדז באַגריסן אַ דעלעגאַציע פון בערן...

— פאַרוואָס עפּעס טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן? — איז פייגען, ליפּעס ווייב, ניט געפעלן זיין חכמה...

— איך מאַך אַ שפּאַס און דו נעמסט עס ערנסט.

— פאַרוואָס מאַכן אַזעלכע שפּאַסן?...

— נאַרעלע, פּראָפּאָרציאָנעל קומען־פאָר מער אומגליקן מיט אויטאָמאָבילן ווי מיט עראָפּלאַנען, טאָ וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן?...

די טאָכטער מיט איר יינגעלע, זיין אייניקל, זיינען דאָרט אויך געווען. הערנדיק דעם זיידן ריידן וועגן אַ מעגלעכער באַגעגעניש מיט ווייסע בערן (ס׳איז אויך געווען אַ קריסט צו־גאַסט, האָט ליפּע גערעדט ענגליש), זיינען זיינע אויגן געוואָרן גלאַנציק און גרויס, די אויערן פאַרשאַרפט, אָנגעשפּיצט, פאַרפלאַמט. דאָס יינגעלע האָט שוין די נאַכט ניט געקענט רואיק שלאָפן. ס׳האָט זיך אים געחלומט: דעם זיידנס עראָפּלאַן פאַלט־אַראָפּ, און עס טוען זיך אַ לאָז אויף אים ווייסע בערן מיט שאַרפע מעסערדיקע ציין און בליציקע אויגן. דער זיידע ווערט זיך קעגן זיי מיט די ליידיקע הענט, ס׳ווערט פון אים אַלץ ווייניקער און ווייניקער, ביז זיי עסן אים איינגאַנצן אויף. פון זייערע מאָרדעס קאַפּעט בלוט, און זייערע בעריש־ווייסע וואָנצעס זיינען רויט. בענילע האָט אין שלאָף געוואָרפן מיט די פויסטן, געטריבן די בערן פון זיידן און זיך אויפגעכאַפּט שרייענדיק מיט אַ געליימט קול פון שרעק. מרים, די מוטער, האָט אים קוים געקענט איינשטילן; — שאַ, שרעק זיך ניט. די מאַמע האַלט דיך אין אירע אָרעמס. וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

— בערן! — האָט ער קוים אַרויסגערעדט און געקוקט אַרום זיך מיט שרעק.

— וואָס פאַר אַ בערן?

— ווייסע בערן זיינען באַפאַלן דעם זיידן!

— ווען, וואו?

—דאָרט וואו ער איז געפלויגן. דער עראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן, און די בערן האָבן אים אויפגעגעסן.

— נאַרעלע, דאָס האָט זיך דיר געחלומט, דער זיידע איז נאָך אפילו ניט אַרויסגעפלויגן. ער איז נאָך דאָ מיט אונדז. און אַרויספליען

וועט ער אין אַ גרויסן שטאַרקן עראָפּלאַן. הויך אין די הימלען, וואו קיין בערן קענען אפילו ניט טראַכטן צוצוקומען.

— דער זיידע האָט געזאָגט, אַז דער עראָפּלאַן קען אַראָפּפאַלן דאָרט וואו די בערן לויפן אַרום.

— דאָס האָט ער געשפּאַסט, באַריש יינגל. דער עראָפּלאַן איז אַזוי געמאַכט, אַז ער האַלט זיך אין הימל ווי אַן אָדלער. ער האָט טאַקע גרויסע שטאַרקע פליגל און קען פליען ווי הויך און ווייט ער וויל, ער איז אַזוי זיכער אין הימל ווי מיר אויף דער ערד...

בענילע איז אָבער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. די געפאַר, וואָס דערוואַרט דעם זיידן, האָט אים ניט געלאָזט רוען; ער האָט געטראַכט און געטראַכט, ביז ס׳איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט אַזש אַ צינד געטאָן זיינע אויגן און ער האָט באַשלאָסן: ער ווייסט שוין וואָס צו טאָן...

דער עראָפּלאַן, וואָס איז מיט אַ שעה צוריק געפלויגן אַ צעפלאַטערטער אין די הויכע הימלען, זילבערדיק צעשטראַלט פון דער זון, פלינקער פון ווינט און העכער פון די העכסטע וואָלקנס, איז איצט געלעגן צוגעפלאַטשט צו דער ערד, אַן אויסגעלאָשענער, אַ טונקל־גרויער, פאַרהילט אין דער נאַכטיקער פינצטערניש, מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען אויף זיינע פליגל און עפּעס געטאָן צו אים. אַנדערע זיינען געקראָכן אונטער זיין בויך, וואָס מען וועט באַלד ווידער אָנפילן מיט פאַסאַזשירן און געפעק. אומהיימלעכע ווינטן האָבן געבראַכט גרוסן פון ווייטע לענדער, פון צעשטורעמטע ימען מיט געזונקענע שיפן, וואָס לאָזן איבער אַ ווייסן שוים פון אויבן, פון עראָפּלאַנען וואָס פליען איבער אייזבערג, איבער פאַרפרוירענע וויסטענישן.

אַרומגערינגלט מיט משפחה און פריינט, וואָס זיינען זיך געקומען מיט אים געזעגענען, האָט ליפּע צייטנווייז אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון וואַרט־זאַל אויף „זיין״ עראָפּלאַן, וואָס האָט געמאַניעט דאָס אויג, געצונדן די פאַנטאַזיע. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין זיין גרוי־פינצטער שוויגן זאָגט דער עראָפּלאַן: „קריכט, מענטשעלעך, פויזעט אויף מיר, איר זענט אויף אייער ערד און קענט טאָן מיט מיר וואָס איר ווילט; אַז איך וועל קומען אין מיינע הימלען אַריין, וועל איך טאָן מיט אייך וואָס איך וועל ווערן, און איר וועט זיך טוליען צו מיר ווי צעשראָקענע האָזן; אַז מיר וועט נאָר איינפאַלן, וואַרף איך אייך אַראָפּ צו די ווייסע בערן״...

צווישן די, וואָס זיינען געקומען געזעגענען זיך מיט אים, איז אויך

געווען זיין טאַטעס מרים מיט איר יינגעלע, זיין באַליבט אייניקל, בענילע, וואָס האָט אים אין סאַמע טומל געצויגן ביי דער פּאָלע:

— זיידע, זיידע!

— וואָס איז בענילע? — האָט זיך ליפּע אַראָפּגעבויגן צו אים.

— איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

— גוט, לאָמיר הערן וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן, — האָט ער געקוקט אויפן אייניקל מיט פאַרליבטע אויגן.

— איך האָב דיר געבראַכט עפּעס, מיטצונעמען אין וועג אַריין.

— זייער אַנגעלייגט, וואָס האָסטו מיר געבראַכט?

— אַ מעסער!

— אַ מעסער? פאַרוואָס עפּעס אַ מעסער?!

— פאַר די ווייסע בערן! אויב דו וועסט אַראָפּפאַלן פון עראָפּלאַן און זיי וועלן דיך באַפאַלן, זאָלסטו זיי דערלאַנגען, אַזוי, אַזוי, — האָט ער אָנגעהויבן פאָכען מיט זיין בעסט מעסערל — רעכטס און לינקס, אין אַלע זייטן, אַזש רויט געוואָרן, אונטערגעטאַנצט, אָנגעהויבן זיך וואַקלען ביז ער איז שיער ניט אומגעפאַלן, ווי ער וואָלט געקעמפט מיט אַ כאַפּטע בערן, אויסגעלייגט זיי און זיגעריש געשמייכלט צום זיידן.

— ביסט אַ טייער, געטריי אייניקל — האָט אים ליפּע געכאַפּט אויף די הענט קושן. צוגענומען ס׳מעסערל, וואָס מען האָט קוים געקענט פוטער שניידן דערמיט, און אַריינגעלייגט עס צו זיך אין בוזים־קעשענע.

— איצט קענסטו זיין רואיק, בענילע, דער זיידע האָט שוין מער קיין מורא ניט פאַר בערן!

דאָס יינגעלע האָט געלויכטן...

ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער. ווען ליפּע מיט דער גרופּע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די שטיגן פון עראָפּלאַן צו נעמען אַ בילד פאַרן אָפּפליען, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, איידער מען גיט זיך איבער צו דעם עראָפּלאַן, דעם שטאָלענעם „גולם״... זאָל בלייבן אַ גוטער אָנדענק פאַר די וואָס שטייען פעסט און זיכער מיט די פיס אויף דער ערד און פאָכען מיט די טיכלעך, וואָס פלאַטערן ווי ווייסע טויבן אין דער פינצטערניש.

אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט עקספּלאָדירט מיט ווייס־רויכיקע וואָלקענדלעך, געבלענדט און געבליצט אין די אויגן און באַלויכטן אין אַן אויגנבליק דאָס לופט־פעלד מיט די שוואַרצע רעדלעך מענטשן.

אַז דער עראָפּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן אָפּטיילן פון דער ערד, איז די

פּאַסאַזשירן געוואָרן הויל אין האַרץ, ווי עפּעס וואָלט זיך פון זיי אויך אָפּגעריסן. פאַרלירנדיק דעם באָדן אונטער זיך, האָט זיך דער שטאָלענער „גולם״ אָנגעהויבן צאַפּלען צווישן הימל און ערד, וואָס האָבן אים געצויגן אַראָפּ און אַרויף... ער האָט זיך געטאָן אַ צעהיץ, אַ צעיאָג, אַ שפּרונג מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַז ער האָט באַלד אָנגעהויבן שניידן די וואָלקנס, און איידער וואָס־ווען, איז מען געפלויגן אין אַ בלויען הימל, באַזילבערט פון מיליאָנען בלענדנדיקע שטערן און אַ העלע, שמייכלענדיקע לבנה. דער עולם איז געווען אויפגעלייגט, יום־טובדיק. אין עראָפּלאַן איז געווען וואַרעם און ליכטיק, געמיטלעך ווי ביי זיך אין דער היים. צוויי שמייכלענדיקע מיידלעך, אויפפּאַסערינס, האָבן גראַציעז אַרומגעשוועבט צווישן די פּאַסאַזשירן: אַ בלאָנדע און אַ ברונעטע. אויפן געלאָקטן קאָפּ פון דער גאָלדיק־בלאָנדער: אַ קליין שמאָל היטעלע: אַ שיפעלע צווישן זון־באַגילדטע כוואַליעס, פאַרבויגן אויף אַ זייט, גרייט זיך איבערצוקערן... דאָס „שיפעלע״ אויף דער ברונעטקעס קאָפּ איז געזונקען אין „פינצטערע וואַסערן״ — האָט ליפּע מיט זיינע „פאַנטאַזיעס״, אויסגעבריעט פאַר־קוקנדיק זיך אויף די צוויי מיידלעך...

מען האָט צוגעטראָגן אויף טאַצן אַ געשמאַקע וועטשערע, דער עולם איז געווען הונגעריק און געגעסן מיט אַפּעטיט. נאָך דער קאַווע מיט טאָרט־אייזקרעם, האָט מען פריילעך גשמועסט און געשפּאַסט. בערל, דער „הומאָריסט״ פון דער גרופּע, וואָס האָלט שטענדיק פאַרפּרעסט אַ שמייכל צווישן די ליפּן און האָט ליב אַריינצוזאָגן, איז געווען גאָר אויפ־געלייגט, געשאָטן מיט וויצן און ווערטלעך. דער עולם האָט זיך אַמוזירט מיט אים און געלאַכט.

פּלוצלונג האָט זיך דאָס בלאָנדע מיידל, די „סטיואַרדעס״, געשטעלט מיט דער פּלייצע צו דער טיר פון פּילאָט, מיטן פּנים צו די פּאַסאַזשירן. זי האָט געהאַלטן עפּעס אַ גרוי מלבוש אין האַנט און אויסגערופן — לעידיס ענד דזשענטלמען! אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך, דעמאָנסטרירן פאַר אייך ווי אַזוי אָנצוטאָן דעם „לאַיף־פּערזווירוועשר״, וואָס ליגט אונטער אייער שטול צו באַנוצן אין אַן אומגליקספאַל...

די שמייכלען זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון אַלעמענס פּנימער... אַז דאָס בלאָנדע מיידל האָט אָנגעטאָן דאָס קורצע גרויע מלבוש אויף איר דין־געטאָקטער פיגור, איז איר אויבערשטער טייל קערפּער געוואָרן אומגעלומפּערט ברייט און פאַרמלאָז.

— איך האָף, אַז מיר וועלן דאָס ניט דאַרפן באַנוצן, ס׳איז אָבער

גוט צו זיין גרייט — האָט זי פאַרגעזעצט — צוערשט דאַרף מען פאַר־מאַכן די הוקנס פון פאַרנט, ווען איר האָט שוין דעם „פריזירוועדר" אויף זיך. דערנאָך טוט אַ צי דאָס שטריקל ביי דער רעכטער זייט. נאָכדעם ציט דאָס אַנדערע שטריקל, וואָס וועט אָנצינדן אַ לעמפּעלע אויף אייער לינקן אַקסל... און צום לעצטן, פאַרגעסט ניט אַ צי טאָן דאָס מיטלסטע שטריקל — דאָס איז אַלץ... אַ דאַנק.

— אַ פלעקל אַריין, אַ פלעקל אַרויס — די מעשה איז אויס... — האָט בערל אונטערגעשטראָכן איר „לעקציע", בעת זי האָט מיט איר שטענדיקן שמייכל אָנגעהויבן אויסטאָן דאָס „מלבוש", ווען זי האָט געצויגן די שטריקלעך, האָט איר דער עולם צעטומלט נאָכגעקוקט און זיך שוין געזען אַרויספליענדיק פון עראָפּלאַן אין אַ שטורעמדיק וועטער מיט דונערן און בליצן, פאַלנדיק אין אַ צעבושעוועטן ים אַריין.

— פאַרגאַרטלט אייך מיט די פּאַסקעס, — איז אַרויסגעקומען אַ מעלדונג איבער דעם פּילאָטס טיר.

— מיר קומען איצט אַריין אין אַ וועג, וואָס איז אַ ביסל „באָמפּי" (אַ בערגיק־גרוביקער וועג פון צעאַקערטע לופט־כוואַליעס) — האָט די „סטואַרדעס" געזאָגט און נאָכגעקוקט, צי אַלע זייַנען פאַרפעסטיקט צו די שטולן. דער עראָפּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל וואַקלען. דער עולם איז געזעסן געפּלעפט, געפּרואווט פאַרציען אַ שמייכל. די גוטע וועטשערע האָט זיך געשטעלט אין האַלדז. ווי אַזוי קען מען באַוויזן צו ציען די אַלע שטריקלעך: איינס פריער, איינס שפעטער, ווען דער עראָפּלאַן שטויסט זיך צונויף מיט אַ באַרג און עקספּלאָדירט אין פלאַ־מען? טייל האָבן שוין געפילט די הוילקייט אין האַרץ פון בליינדן פאַלן ערגעץ אין אַן אָפּגרונט. דאָס לעמפּעלע אויפן אַקסל דאַרף ווייזן וואו מען געפינט זיך, דאַרף צולויכטן אויסצומיידן די שאַרקס, אויב מען פאַלט אַריין אין אַ ים, וואָס בליצן־אַרויס מיט די ציין פון אַלע זייטן. אַנדערע האָבן געזען, ווי זיי פאַלן אַריין אין שניי־בערג צווישן ווייסע בערן...

די פּנימער פון די רייזנדיקע זיינען געוואָרן גרוי, אויסגעצויגן, אויגן, נעז — פאַרשאַרפט. עמעצער האָט אַרויסגעלייגט אַ מאַפּע אויף דער קני און געוויזן, אַז מען פליט איבערן נאָרט־פּאָל. אַ צווייטער האָט געהאַלטן, אַז מען פליט אַרום דעם פּאָל. מען האָט געפרעגט די „סטו־אַרדעס", האָט זי געזאָגט, אַז מען פליט גוט... זי האָט אויסגעזען געמיט־לעך און רואיק, ווי זי וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. זי האָט

אָנגעשטעקט מיט איר רואיקייט די פּאַסאַזשירן און ניט אויפגעהערט שמייכלען. אַזאַ מיידל וועט שמייכלען אפילו, ווען דער טויט וועט זי אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס, האָט ליפּע געטראַכט, זי האָט אַוודאי שטאַרקע נערוון און איז אַזוי יונג, אַז דער טויט עקזיסטירט ניט פאַר איר. ער האָט באַמערקט, ווי דער הימל איז געוואָרן פינצטער. גרויסע טראָפּנס רעגן אָדער האָגל האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף די קיילעכדיקע פענצטערלעך.

וואָיענדיקע ווינטן האָבן זיך פון אַלע זייטן אַ לאָז געטאָן אויפן עראָפּלאַן, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרנומען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אים אַראָפּצואוואַרפן פון זייערע הימלען, דערלאַנגט אים שנעלע, האַמערדיקע קלעפּ פון אַלע זייטן, אַזוי אומגעריכט, אַז ער איז צעטומלט געוואָרן און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצווייפלען צו ראַנגלען קעגן דעם אונדערוואַרטן ברוטאַלן אָנפאַל, געשפּרונגען אַראָפּ און אַרויף, און געשליידערט געוואָרן אין אַלע זייטן, אַרומגעטאַנצט ווי אַ פילקע, געדרייט זיך ווי אַ שפּענדל אין אַ שטורעם. עטלעכע פּאַסאַזשירן זיינען געוואָרן בלאַס.

אין אַ קורצער צייט אַרום, איז דער עראָפּלאַן אַרויסגעקומען זיגע־ריש אין אַ גלאַטן וועג, באַלויכטן פון זשיראַנדעלן באַזעצט מיט פינקלדיקע שטערן. די פּאַסאַזשירן האָבן אָפּגעאָטעמט און זיך אָנגעהויבן באַרואיקן. אויסגעמאַטערטע פון דעם שווערן וועג, האָבן אייניקע איינגעדרימלט. אַנדערע האָבן אפילו אָנגעהויבן שנאַרכען.

ליפּע איז אויך איינגעשלאָפן און ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז דער עראָפּלאַן פאַלט־אַראָפּ. ער האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס רעטונג־העמד״ אויף זיך און אָנגעהויבן ציען די שטריקלעך, געוואָרן צעטומלט און אַריינ־געפאַלן אין אַ שניי־ווייסטעניש צווישן ווייסע בערן... ס׳בלוט איז אים פאַרקילט געוואָרן. ער האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם איינקלס מעסערל וואָס איז גאָר געווען לאַנג און שאַרף, ער האָט אָנגעהויבן פּאַכען, שניידן, פּאַסעווען, געהאַקט לינקס־און־רעכטס.

— מיט וועמען שלאָגט איר זיך? — האָט אים אַ שכן צוגעהאַלטן די האַנט — וואָס האָט זיך אייך געחלומט?

— אַ נאַרישער חלום... — האָט ליפּע געשמייכלט — אַמאָל זיינען גרויסע געגליכן צו קינדער...

— קעגן וואָס זאָגט איר דאָס?

— קעגן מיין אייניקל, זאָל געזונט זיין, דאָס איז אַ יינגעלע, זאָל נאָר אַ כוח אַריין אין זיינע ביינדעלעך! שיין איז דאָס און קלוג!... נאָר

אַ סך מאָל טשעפּעט ער זיך צו מיט אַזעלכע רייד, אַז ער פאַרטומלט מיר דעם קאָפּ.

— און אַז איך האָב אַן אייניקל, הערט איר — צעשמייכלט זיך נחתדיק דער שכן — איז ער נאָך קיין זעקס יאָר ניט אַלט, און רעדט ווי אַ גרויסער. אַ קעפּל האָט ער — פלאַם־פייער! „זיידע", זאָגט ער, „פאַרוואָס קען אַן עראָפּלאַן פליען, און אַ מענטש ניט. פאַרוואָס האָט אַ הונט אַן עק? פאַרוואָס און פאַרוואָס". מען דאַרף זיין אַן „איינשטיין", אים צו קענען אויף דעם אַלעם ענטפערן.

ביידע זיידעס באַווייזן די פאָטאָגראַפיעס פון די שיינע געראָטענע אייניקלעך, לויבן אויס די אייניקלעך אין הימל אַריין, ווי זיי וואָלטן זיך שוין געגאַנגען משדך זיין מיט זיי, ביידע פאַלן זיך אַריין אין די רייד, שלאָגן־איבער איינער דעם אַנדערן, הויבן־אָן איבערשרייען איינער דעם אַנדערן — די קלוגע, נאַרישע זיידעס.

און דער עראָפּלאַן שיפט זיך רואיק אין פרימאָרגנדיקן זוניקן הימל, באַגילדט פון דער אויפגייענדיקער זון.

ליפּע האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און באַטראַכט די גרופּע פּאַ־סאַזשירן, וואָס וועלן פון איצט אָן זיין צוזאַמען אויף דער רייזע אין עטלעכע לענדער. טשיקאַווע, ווי זיי וועלן הויזן צוזאַמען, האָט ער גע־טראַכט, ווייל באַלד נאָך, ביים אַריינשטייגן אין עראָפּלאַן, האָבן זיך עטלעכע שוין אַ לאָז געטאָן פאָרויס און פאַרסאָפּעטע געלאָפן צו פאַר־כאַפּן פלעצער ביי די פענצטער, צעלייגט זיך ברייט מיט זייערע זאַכן, אַז די וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעקומען האָבן געמוזט זיצן איינגעקוועטשט, אַז אַ קרענקלעך פלעמל האָט זיך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן פּיקן אין זייערע אויג... ווי די ערשטע זאָמען פון אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך שוין געגומען „אויסבריען" אָן זייער וויסן... וועט ניט די שלאַנג פון קליינלעכער ביטערקייט און פאַרכאַפּערישקייט שפּעטער אַרויסשטעקן דעם קאָפּ? — האָט ליפּע געטראַכט, ווייל ער האַלט זיך פאַר אַ טראַכטער און אַ שטיקל „פּסיכאָלאָג"...

— פאַרפעסטיקט זיך צו די שטולן. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין קאָ־פּענהאַגען — איז אַרויסגעקומען אַ מעלדונג איבער דעם פּילאָטס טיר.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דער עראָפּלאַן צעקושט מיט דער ערד, וואָס האָט אים, דאַכט זיך, געגלעט און צוגעצויגן צו זיך פון פרייד, וואָס ער איז אַרויס גאַנץ פון אַזאַ שווערן וועג, אומגעקערט זיך צו דער ערד פון וואַנען ער קומט אַרויס... די פּאַסאַזשירן זיינען שנעל

אַראָפּגעגאַנגגען פון די שטיגן, שוין געוואָלט באַטרעטן דעם זיכערן באָדן אונטער די פיס. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסגלייכן און מיט אויפגעהויבענע קעפּ געשמייכלט צו דער זוניקער שטאָט.

אַן אויטאָבוס האָט זיי געפירט דורך געדרייטע רוישיקע גאַסן און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן, רייכן האָטעל. אַ שווייצאַר מיט גאָלדענע קנעפּ, אַ שטייף־אויסגעצויגענער פון גרויס רעספּעקט, האָט געעפנט די טיר און יעדן איינעם באַזונדער סאַלוטירט מיט דער האַנט ביים היטל, ווי אַמאָל אַ צאַרישער סאָלדאַט פאַר זיין גענעראַל אָדער אָפיציר. די גרופּע — אַרבעטס־מענטשן, סטאָליאַרעס, קלאָוק־אָפּערעיטאָרס, „פּיני־שערס" (האַנט־נייערס) האָט זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט, איינגעהאַלטן זיך ניט צו לאַכן. ס׳איז זיי פּשוט געווען איבער דער טבע, וואָס מען מיינט, אַז זיי זיינען אַזעלכע גרויסע פּריצים... ליפּע האָט דווקא געהאַלטן, אַז ס׳איז רעכט אַזוי, מען דאַרף אויפנעמען מענטשן מיט כבוד, נאָר דאָס איז שוין אַ ביסל איבערגעטריבן און שלאָגט צו דער גאַל.

ליפּע האָט באַלד אין דער „לאָבי" געשיקט אַהיים אַ טעלעגראַמע, אַז ער איז בשלום אַריבער דעם נאָרט־פּאָל... און דערנאָך אין האָטעל־צימער, געשריבן אַ בריוו צו זיין פרוי און צוגעלייגט אַ בריוועלע צום אייניקל:

„מיין טייערער בענילע: איך בין אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס הייסט קאָפּענהאַגען, און איך פיל גוט. בלויז דו פעלסט מיר אויס.... און איך דאַנק דיר זייער פאַרן מעסערל. עס האָט געראַטעוועט מיין לעבן, אַזוי שנעל ווי די ווייסע בערן האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי זיך צעלאָפן ווי די האָזן. עס איז גוט צו האָבן אַ געטרייען אייניקל, וואָס פאַרזאָרגט דעם זיידן. זיי געזונט! פאָלג דער מאַמען מיט דעם טאַטן, דיין זיידע, וואָס האָט דיך ליב — ליפּע".

אין וועג

אַז נחמן איז אַרויס גאַנץ מיט זיין אויטאָמאָביל פון לאָס אַנדזשעלעס דורך דעם האָליוואוד „פרי־וועי" („פרייער וועג"), האָט ער זיך געווישט דעם שווייס פון פנים, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. זיינע אָנגעצויגענע מוסקולן האָבן אָנגעהויבן נאָכלאָזן, באַרואיקן זיך. ער האָט זיך באַקוועם איינגעזעצט ביים רעדל, וואָס ער האָט איצט לייכט, אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג, געקענט פירן מיט איין האַנט אויפן אָפענעם גלאַטן קאַליפאָרניער וועג. ער האָט גאָרניט געקענט פאַרגעסן אין וואָס פאַר אַ פלאָנטער פון פליענדיקע מאַשינען ער איז ערשט געווען: ווי אַזוי זיי האָבן זיך געיאָגט איינע לעבן די אַנדערע; דאָס בלוט איז אים פאַרקילט געוואָרן, ווי ער וואָלט געריבן עלנבויגנס מיטן מלאך־המות; ס'האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם, געשווינדלט פאַר די אויגן. און מען מוז נאָך, אין דעם בליץ־שנעל־פליענדיקן, און ערטערווייז זיגזאַגישן פלאָנטער, היטן די אויפשריפטן אין דער הויך, וואָס פירן אַריין און אַרויס אין פאַרשיידענע גאַסן און שטעטלעך אַרום דער שטאָט. פאַרשפּעטיקט מען אַ קירעווע טאָן דעם אויטאָמאָביל אויף אַ קליין טיילעכל פון אַ סעקונדע, פאָרט מען אַוועק אויף „יענער וועלט אַרויס". ניט אומזיסט רופט מען דעם וועג: „שלאַכט־הויז".

ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. די מאַשין האָט זיך אויך אָנגעהויבן „באַרואיקן". איר הויכע טעמפּעראַטור האָט אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן. אין קרישטאָל־קלאָרן הימל האָט די זון שאַרף געלויכטן. ער האָט געמוזט אָנטאָן טונקעלע גלעזער. ס'איז שוין געווען מיטאָג־שעה. ער איז געוואָרן הונגעריק און אָנגעהויבן זוכן עפּעס אַ פיינעם רעסטאָראַן. עטלעכע איז ער צו־שנעל פאַרבייגעפאָרן. ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן ביים ערשטן פּלאַץ, וואָס וועט אים אַנטקעגנקומען. אין דעם רעסטאָראַן, וואו ער איז אַריין, איז ער באַגעגנט געוואָרן מיט דזשעז־מוזיק, וואָס אַ מאַשין האָט אויסגעשפּילט. ער האָט אָפּגעגעסן, אָפּגערוט זיך, באַטראַכט דורכן פענצטער ס'פאַרשלאָפענע שטעטל, די מענטשן וואָס גייען לאַנגזאַם, ניט

געאיילט. לעבן אַ שענק שטייען עטלעכע לײדיקגייער, פּיפּקען ליולקעס, קייען טאַבאַק און שפּייען.

אין נחמנס אויערן האָט נאָך אָפּגעהילכט די רוישיקע לאָס־אַנדזשעלעס, וואָס רייסט זיך מיט אַלע כוחות צו ווערן אַ ניו־יאָרק. אין דעם שטילן רעסטאָראַן, וואו מען האָט געקאָנט הערן אַ פליג זשומען, האָבן זיך זיינע נערוון אָנגעהויבן באַרואיקן. ס׳איז אים באַפאַלן אַ מידקייט, ווי אַלע מאָל נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג. ער איז געוואָרן שלעפעריק. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז דער טאָג שטייט ניט: וואָס לענגער ער וועט זיין אין וועג, אַלץ מער געלט וועט אים צעפּטרט ווערן און זיינע פינאַנצן זיינען באַשרענקט. ער האָט זיך אַרויסגענומען פון שלאָף, געהייסן אָנגיסן געזאָלין אין דער מאַשין און איז שנעל אַרויס פון פאַרשלאָפענעם שטעטל, וואָס איז מאָמענטאַל ניט געוואָרן, ווי עס וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען.

ער איז זאַט. די מאַשין איז אָנגעפילט מיט גאַז. דער מאָטאָר אָנגעאוילט, אַז מען הערט קוים ווי ער אַרבעט. דער וועג — אַ נייער, גלאַטער, אַ ברייטער.

וואָלט ער כאָטש ביז נאַכט געוואָלט „מאַכן״ אַ צוויי הונדערט מייל. און אָט בעט שוין איינער אַ „ראַיד״ — ער פאַרט אים פאַרביי. צוגעזאָגט דער פרוי פאַרן אַוועקפאָרן, אַז ער וועט ניט אויפנעמען קיין „היטש־האַיקער״ — וועט ער האַלטן וואָרט. זי איז גערעכט: די צייטונגען שרייבן וועגן מערדערייען, וואָס גייען־אָן אויף די וועגן. די, וואָס בעטן אַ „ראַיד״, ווייזן זיך אַמאָל אַרויס צו זיין רויבער — האַלט ער טאַקע אַ שטיק אייזן לעבן זיך, ווי אַ זאַך מאַכט זיך.

דער לאַנגער גלייכער שליאַך האָט זיך אָנגעהויבן אויסבייגן, צעהוירקערן: באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. די מאַשין איז געפלויגן ווי אויף אַ כישוף־טעפּעך צווישן הימל און ערד. אַראָפּלאָזנדיק זיך אין אַ טאָל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער אַנטקעגנקומענדיקער באַרג איז אַ הויכע וואַנט, וואָס די מאַשין וועט ניט „נעמען״ און וועט זיך צוריק אַראָפּגליטשן; נאָר צוקומענדיק נעענטער, האָט זיך דער באַרג אָנגעהויבן איינבייגן אַ ביסל, און די מאַשין איז אים אַריבער. שפּעטער הייבט זיך ווידער אָן ציען אַ לאַנגער גלייכער וועג, אַ מאָנאָטאָנער, אָן איינשלעפערנדיקער. אָפּזיצנדיק עטלעכע שעה אין דער זעלבער פּאָזיציע, ווערט דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט, די אברים הייבן־אָן ווי טאָן. די צונג ווערט פאַרטריקנט. פאַרשטייפט פון ניט באַוועגן זיך. ס׳איז אים שווער צו זיצן ווי אַ שטומער: ער איז אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, אַ באַרעדעוודיקער.

ווען ער נעמט עמעצן אַריין און דעם אויטאָמאָביל, וואָלט ער אויפגעלעבט. די צייט וואָלט זיך ניט געצויגן אַזוי שווער און לאַנג. ער וואָלט ניט קיין מורא געהאַט איינצושלאָפן און זיך אויפכאַפּן אין אַ שפּיטאָל. זיינען אָבער צעשטעלט „רויבער" אויף די וועגן, און צוליב זיי מוזן ליידן אומשולדיקע, וואָס די פּיס ווערן זיי געשוואָלן אָפּשטייענדיק שעהן אין דער היץ און ער מוז זיי פאַרבייפאָרן. שאַ, דאַכט זיך גאָר, אַז ער בלייבט אָן גאַז. אָפּפאָרנדיק אַזוי פיל שעהן, האָט זיך נאָך אַלץ קיין גאַזאָלין־סטאַנציע ניט באַוויזן. פון די צעוואָרפענע פאַרם־הייזער בילן הינט אויף די פאַרביי־פאָרנדיקע מאַשינען, ווי זיי וואָלטן געסטראַשעט אָפּצורעכענען זיך למאי מען שטערט זיי דעם נאָכמיטאָגדיקן דרימל.

עס לויפט אים אַקעגן עמעצער מיט אַ פּעקל אין האַנט, בעט אַ „ראַיד", ווייזט מיטן גראָבן פינגער אויף פאָראויס. אין דעם חלק פון אַ סעקונדע האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט: נחמנס באַדויערנדיקער שמייכל האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט יענעמס בעטנדיקע אויגן, וואָס האָבן אַפּעלירט: — נעמט מיך אַריין, איר פאָרט דאָך מיט אַ ליידיקער מאַשין! — נחמנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יענער איז געבליבן שטיין אַ פאַרצווייפלטער, אַ פאַרצאָרנטער, טייטלענדיק מיט דעם פינגער צום הימל... אָבער וואָס איז ער שולדיק? אוי, וואָלט ער אים געוואָלט אַריינגעמען. ער ווייסט דאָך אָבער, מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן. און דאָס וואָס איינער זעט אויס ווי אַן אָרענטלעכער מענטש מיינט גאָרניט. וויפיל האָט ער זיך אָנגעלייענט וועגן רויבער מיט פיינע מאַניערן — ער בלייבט דאָך טאַקע אָן גאַזאָלין. דער וויַיזער ציטערט שוין אויפן געפאַר־פּונקט.

פוןביידע זייטן וועגן שפּרייטן זיך ניט־צעאַקערטע ווייסטע פעלדער: מ'הערט שוין אפילו קיין הינט ניט בילן. די היץ שטייגט. אויף די שויבן פון דער מאַשין קלעפּן זיך אַ סך צעדריקטע אינסעקטן, באַלד אַ כמאַרע פון זיי. אַ רחמנות: געפלויגן צו דער זון, און אָט — אַ קלעפּיקער טראָפּן. יאָ, ער בלייבט אָן גאַז; די מאַשין, ווייזט אויס, לויפט מיט „נערוועזער ענערגיע". ער וועט מוזן אַרויסגיין, אַוועקשטעלן זיך אויפן וועג און בעטן אַ „ראַיד" צו אַ נאָענטן טעלעפאָן אָפּצורופן אַ גאַראַדזש, מען זאָל אים קומען אַרויסנעמען. די מאַשין שלעפּט זיך שוין קוים. די היץ ברענט; דער וועג איז ווייסט. עס באַפאַלט אים אַ פּאַניק.

פון דער וועיטנס האָט פריידיק אויפגעבליצט אַ רויטע שילד פון אַ גאַזאָלין־סטאַנציע. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו דער פּאָמפּ, און „אָנגעפּאָיעט" דעם מאָטאָר. ער האָט זיך אַליין דערקוויקט מיט אַ קאַלטן טרונק אין קליינעם רעסטאָראַן, אויסגעגלייכט דעם צוזאַמענגעקנייטשטן

קערפּער, אויסגעטוישט עטלעכע פּריינטלעכע ווערטער מיטן אייגנטימער. זיין צונג איז אויפגעלעבט געוואָרן און האָט זיך אַזוי צערעדט, אַז ער האָט זי קוים געקאָנט איינהאַלטן. אַ בחור אין בלויע ענגע הויזן, וואָס האָט ניט אויסגעטאָן דעם „קאָו־באָי" קאַפּעלוש, כאָטש ס'איז געווען הייס און שטיקנדיק אין דעם ענגן רעסטאָראַנדל. ער האָט געטרונקען קאַווע און דערציילט, אַז די פּאָליציי זוכט אַרום אַ „היטש־האַיקער", וואָס האָט באַרויבט און דערמאָרדעט איינעם, וואָס האָט אים געגעבן אַ „ראַיד", איבערגעלאָזט יענעם אויף אַ פאַרוואָרפענעם וועג און אַנטלאָפן מיט זיין מאַשין.

נחמן האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. אָפּפאָרנדיק אַ פּופציק מייל, האָבן אים אָנגעהויבן אַקעגנשוועבן פאַרוויאַנעטע פעלדער, נידעריקע קאַרליק־ביימלעך מיט פאַרדאַרטע שיטערע צווייגן, שטויביק־וואָרצלדיקע קאַקטוסן צווישן בערגלעך זאַמד. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס פאָרט ער דורך אַ שטיק מדבר, וואָס ציט זיך ביז „נידעלס". די היץ האָט זיך צעשפּרייט. ער האָט אויסגעטאָן ס'רעקל. דאָס העמד האָט זיך געקלעפּט אויף אים. דאָס זאַמד צווישן די מדבר־געוויקסן האָט געבליצט אונטער דער זון ווי צעשמאָלצן זילבער. דורך די אָפענע פענצטער פון דער מאַשין האָט אַריינגעבלאָזן אַ הייסער זאַמדיקער ווינט, וואָס האָט געבריט און געשטאָכן זיין צעהיצט פּנים. פון שטערן איז אים דער שוויס גערונען אויף דער נאָז, איבער די באַקן, דערקליבן זיך אין האַלדז אַריין, געגליטשט זיך איבער זיין קלעפּיק צעפּאַרעט לייב.

פּלוצלונג האָט זיך דערנענטערט אַ מענטש אין פראָנט פון זיין מאַשין. ער האָט געטאָן אַ זעץ אויפן „ברעיק", וואָס האָט מיט אַן אויסטערלישן קוויטש מאָמענטאַל פאַרהאַמעוועט די רעדער. אין פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ דאַרער בראָנזענער מעקסיקאַנער, מיט פייער אין די אויגן. זיינע צעשפּרייטע הענט האָבן געזאָלט „פאַרהאַלטן" די מאַשין. נחמנס האַרץ האָט הויך געקלאַפּט. ס'האָט געפעלט אַ האָר, און ער וואָלט אים איבערגעפאָרן. ער איז אַרויס פונעם אויטאָמאָביל, און מיט אַ ציטערדיק קול זיך צעשריגן: — פאַרוואָס האָסטו זיך געוואָרפן פאַר די רעדער? ווילסט דערהרגעט ווערן, און מיך אַריינפירן אין אַן אומגליק? ביסט פון זינען אַראָפּ?!

— דערווייל נאָך ניט, אָבער עס האַלט דערביי, — האָט דער מעקסיקאַנער, אַ דערשראָקענער, שווער געאָטעמט. זיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געזען דעם טויט פאַר די אויגן. — איך בין פאַרצווייפלט. מיר בראָטן זיך שוין עטלעכע שעה אונטער דער זון, און קיינער

וויל זיך ניט אָפּשטעלן פאַר אונדז, ווי די מענטשן וואָס פליען פאַרביי אין זייערע מאַשינען וואָלטן גאָר קיין הערצער ניט געהאַט.

— ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער ?

— אין מיין אַלטער מאַשין. זי האָט פלוצלונג צוזאַמענגעבראָכן.

— דו ביסט דאָ מיט עמעצן ?

— יאָ, מיט מיין פרוי און קינד.

— איך זע זיי ניט, — האָט נחמן אַ פאַרבלענדטער פון דער צעפלאַ־קערטער זון געהאַלטן די האַנט איבער די אויגן.

— דאָרט זיצן זיי, — האָט אים דער מעקסיקאַנער אָנגעוויזן.

אין דער אָפענער טיר פון אַן אַלטן „פאָרד" איז געזעסן אַ מעקסיקאַנער מוטער און מיד געפּאַכעט מיט אַ טיכל אויף אַ קינדס פּנים.

נחמן האָט אַ טראַכט געטאָן — דערנאָך האָט ער ברייט געעפנט די טיר און פאַרבעטן : — קומט אַריין.

דער מעקסיקאַנער האָט פריידיק אַ געשריי געטאָן : — קאַרמען ! ! — די פרוי איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון דער היץ, אַז זי האָט זיך קוים דערשלעפּט צום מאַן, וואָס איז איר אַקעגנגעלאָפן און אַרויסגענומען דאָס קינד פון אירע הענט. דאָס קינד האָט שטיל געקרעכצט, און קוים געקענט האַלטן דעם קאָפּ אויף זיך.

נחמן האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש וואַסער פון אַ קעסטל מיט קינסט־לעכן אייז, און צוערשט מכבד געווען די פרוי. אירע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן האָבן דאַנקבאַר אַ שיין געטאָן אויף אים. זי האָט איינגענעצט אין וואַסער אַ טיכל און צוגעלייגט צום קינדס ליפּן. דאָס קינד האָט זשעדנע אָנגעהויבן זויגן. דערנאָך האָט די מוטער מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער אַרומגעווישט דעם קינדס פּנימל.

דער פאָטער האָט דאַנקבאַר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו נחמנען. דאָס קינד האָט אַ דריגע געטאָן מיט אַ פּיסל. אין דער מוטערס שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעשפּילט צווייי ברילי‌אַנטענע טרערן פון פרייד. דערנאָך האָט נחמן אַרויסגענומען דריי גרינע עפּל און איינגעטיילט צווישן זיי. די מוטער האָט פון איר עפּל אויסגעקוועטשט זאַפט דעם קינד אין מויל אַריין. אַזוי זיינען זיי אָפּגעפאָרן עטלעכע שעה. זיי האָבן פריינטלעך געשמועסט. נחמנס צונג האָט זיך צעטאַנצט, געריידט האָבן זיי אויף אַזאַ מין ענגליש, וואָס איז געווען געווירצט מיט אַ ביסל שפּאַניש, אַ ביסל יידיש — און דעררעדט מיט הענט און אויגן.

אין „בידלס" האָבן זיי זיך געזעגנט. דאָס מעקסיקאַנער ייִנגעלע,

וואָס נחמן האָט גענומען אויף די הענט, האָט דווקא געוואָלט אַראָפּרייסן זיינע ברילן. די עלטערן האָבן אים געמורסט: ער דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַרן „סיניאָר", וואָס האָט אַ גוט האַרץ. זיי האָבן באַשאָטן נחמנען מיט דאַנקען.

ער איז ווידער געפאָרן אַליין. די איינזאַמקייט האָט לאַנג און שווער צעצויגן די מיילן. דאָס גלאַטע, מאָנאָטאָנע שוועבן פונעם אויטאָמאָביל האָט אים ווידער געמאַכט שלעפעריק. אַז די אויגן האָבן זיך אים אָנ־געהויבן קלעפּן און דער קאָפּ האָט זיך אים אַ שאָקל געטאָן, איז אים באַפאַלן אַ שרעק: ער טאָר ניט פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך; אויב דער שלאָף זאָל אים בייקומען, קען ער זיך שוין קיינמאָל מער ניט אויפכאַפּן, און נאָך מיטשלעפּן עמעצן אַנדערש אויף „יענער־וועלט" אַרויס. כדי אויפצוהייטערן זיך, האָט ער אויפגעזונגען אַ פריילעך פּאָלקס־לידל. אָפּגעזונגען דאָס לידל עטלעכע מאָל, איז ער ווידער געוואָרן מיד. שפּע־טער האָט ער דערהערט אַ קול און זיך געכאַפּט, אַז דאָס רעדט ער צום רעדל פון דער מאַשין און באַשלאָסן, אַז אַזוי ווייטער פאָרן טאָר ער ניט, כאָטש ס'איז נאָך געווען פרי, איז ער אַריין אין אַ האָטעל און אי־בערגעשלאָפן די נאַכט.

אין קאַלטן, פייכטן פאַרטאָג ווידער אין וועג, נאָר ער איז שוין געווען אַרויס פון דער מדבר. ס'האָבן אים אָנגעהויבן אַקעגנפליען גרינעביימער און פאַרזייטע פעלדער, וואָס האָבן פון וויטן געבלענדט, ווי פאַרביקע טעפּיכער אונטער דער זון. די וועגן זיינען געווען גלאַטע, נייע, ברייטע. אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן אַ גאַנצן טאָג און "געמאַכט" אַ פיר הונדערט מייל. פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט. אויף די שויבן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע טראָפּנס און באַלד אָנגעהויבן פאַלן געדיכטער, האַסטיקער. ס'האָט ניט לאַנג גענומען, און דער רעגן האָט אָנגעהויבן פלייצן.

ס'איז שווער געווען צו זען דעם וועג דורך די פאַרגאָסענע שויבן. ער האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ שטעטל, וואָס ליגט אין אַ טאָל. די רעדער האָלב אין וואַסער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די פאַר־ווייניטע גאַסן־לאָמפּן און דאָס בלייכע ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון עטלעכע קראָמען. ס'איז אים באַפאַלן אַן אומעט, אַ בענקשאַפט אַהיים. ער האָט זיך דערפילט זייער עלנט אין דעם פרעמדן פאַרוואָר־פענעם שטעטל, וואָס ער ווייסט אפילו ניט ווי עס הייסט. און דער רעגן גיסט. אָפּשטעלן זיך דאָ טאָר ער ניט, כאָטש ער איז זייער מיד, ווייל

אויב דער רעגן זאָל אָנהאַלטן, קאָן אַזאַ טאָליקער ישוב פאַרגאָסן ווערן. מענטשן וועלן שווימען אין שיפלעך און רופן הילף פון דעכער. ער האָט זיך שנעל פון דאָרט אַרויסגעכאַפּט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געווען אויף דער „האַיוועי”, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף, פון וואַנען דער רעגן האָט זיך שטראָמענווייז אַראָפּגעגאָסן אין שטעטל אַריין. ער איז אַריינגעפאַלן אין שמאָלע, געדרייטע בערג, פון וואַנען מען האָט זיך ניט געקאָנט צוריקקערן. דער וועג האָט זיך געצויגן אַלץ העכער.

אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן אַ לאַנגע צייט. ס׳האָט שוין געמוזט זיין שפּעט אין דער נאַכט. אַרום אים איז אַלץ געווען ווי אויסגעשטאָרבן. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס פאַלן פון רעגן אויפן דאַך פון דער מאַ־שין, און דאָס פּלייצן פון וואַסער אין די טאָלן אַריין, און פון די טאָלן האָבן אַרויפגעקוקט בלייכע, צעשראָקענע פייערלעך. דער וועג איז געווען אַזוי שמאָל, אַז ווען צוויי מאַשינען זיינען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיי זיך שיער ניט אָנגערירט, ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגעטוליעט צו זיין וואָס ווייטער פון ברעג. אַז ער כאַפּט ניט ווילנדיק אַ קוק אין טאָל אַריין, הייבט אים אָן שווינדלען אין די אויגן, קלאַפּן ס׳האַרץ. ער האָט אָנ־געהויבן באַמערקן, אַז דער וועג ברעכט זיך איבער אויף באַרג־אַראָפּ. די מאַשין האָט זיך טאַקע אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט און אָנגעהויבן פליען מיטן כוח פון גראַוויטאַציע, ווי זי וואָלט אים געוואָלט מיט־שלעפּן אין דער ערד אַריין. ער האָט שטאַרק געדריקט מיטן פוס אויפן „ברעיק” און קוים געקענט אַ ביסל האַמעווען די רעדער, וואָס זיינען, דאַכט זיך, ניט געפאָרן, נאָר געשוואומען באַרג־אַראָפּ. אַז דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן אויסגלייכן, האָט ער מיט ציטערדיקע הענט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

פון זייער ווייט האָבן אין דער פינצטער געציטערט עטלעכע בלאַסע פינטלעך. וואָס נענטער ער איז צוגעקומען, אַלץ העלער, געדיכטער זיינען זיי געוואָרן. אַזעלכע צעשפּריצטע פייערלעך קענען אַמאָל זיין אַ שטעטל, און אַמאָל אַ מיראַזש, וואָס נאַרט־אָפּ אין פינצטערע נעכט. אַז ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט, האָט ער זיך דערפרייט: ס׳איז אַ שטאָט מיט באַלויכטענע גאַסן, מיט האָטעלן און רעסטאָראַנען, וואָס זיינען אָפן אַ גאַנצע נאַכט.

אָפּגעגעסן, איבערגעשלאָפן. פאַרטאָג ווידער אין וועג. ער האָט ליב אַרויסצופאָרן פרי, צו זען דעם איבערברוך צווישן טאָג און נאַכט, דעם געראַנגל צווישן ליכט און פינצטערניש, דאָס אַרויסקומען פון דער

זון אַ ניי־געבוירענע. פון רעגן זיינען די וועגן געווען אויסגעוואַשענע. פאַרבליבענע טראָפּנס האָבן נאָך געטריפט פון די ביימער. ס׳איז געוואָרן ליכטיקער, וואַרעמער. אין עטלעכע שעה אַרום איז די מאַשין געפאָרן אויף ווייסע זוניקע וועגן, וואָס האָבן זילבערדיק געפינקלט אין די אויגן. ווידער בערג. דאָס פאָרן ווערט אַנגעשטרענגט, אויסמאַטערנדיק. דער־פאַר אָבער נעמט עס אים אַרויס פון שלאָף. ערגער איז אויף די גלאַטע גלייכע וועגן, וואו ער קאָן מיט איין פינגער פירן ס׳רעדל, און ווערט פון גאַרניט טאָן שלעפעריק. ער איז אַרויס אַ מידער פון די בערג.

ווידער — לאַנגע, גלייכע שטרעקעס, וואָס, דאַכט זיך, זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. די אויגן שליסן זיך קעגן זיין ווילן. ער פילט, אַז ער פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיי, און הויבט זיך אָן ראַנגלען צו האַלטן זיי אָפן.

אָפּפאָרנדיק אַזוי פינף טעג, איז ער איצט זייער מיד. די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן אויפן רעדל. די וועגן, האָט זיך אים אויס־געוויזן, האָבן זיך אָנגעהויבן בייגן און קרימען. די מאַשין וואַקלט זיך. ס׳איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז, טונקל אין די אויגן. ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצושטעלן די מאַשין ביי דער רעכטער זייט פון וועג. געעפנט די טיר און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. דער גרויער הימל האָט אויס־געקוקט ווי אַ ים מיט פינצטערע כוואַליעס. אַן אויגנבליק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אַרויסגייענדיק פון דער מאַשין, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן. אַ פעסטע האַנט האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. אַ הויכער, קרעפטיקער בחור האָט אים צוגעהאַלטן. „וואָס איז אייך, איר פילט ניט גוט?״ — האָט אים דער בחור געפרעגט.

— איך בין מיד געוואָרן, כ׳בין שוין פינף טעג אין וועג. דער קאָפּ האָט זיך מיר אַ ביסל פאַרדרייט.

— וואוהין פאָרט איר? — האָט דער בחור געפרעגט.

— קיין ניו־יאָרק, — האָט נחמן געזאָגט און אויסגעצויגן די הענט, אויסגעגלייכט דעם גוף.

— איך גיי אויך קיין ניו־יאָרק, — האָט זיך דער בחור דערפרייט. — איך שטיי אָפּ שעהען און קריג ניט קיין „ראַיד״. איר זענט שטאַרק אויס־געמאַטערט. דאַרפט עמעצן, וואָס זאָל אייך העלפן טרייבן די מאַשין. זעצט זיך אַוועק. מאַכט אָפּן דעם קאָלנער, איך וועל אייך ברענגען אַ קאַלטן טרונק. — נאָך איידער נחמן האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן,

איז דער בחור געווען צוריק מיט אַ פלעשל „קאָלאַ״ — טרינקט, דאָס וועט
אייך אָפּפרישן.

נחמן האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט גענומען ס׳פלעשל. געזופּט
דעם קאַלטן דערפרישנדיקן געטראַנק און געטראַכט וואָס צו טאָן מיטן
בחור, וואָס זעט יאָ און ניט אויס פאַרדעכטיק. אַריינגעמען אים אין דער
מאַשין, טויג אָבער ניט און פאָרן אַליין האָט ער מורא, ער וועט
צוזאַמענברעכן. אין הימל זאַמלען זיך פאַרדעכטיקע וואָלקנס. לויט דער
מאַפּע איז ער זייער ווייט פון אַ שטאָט, און דער בחור שטייט פאַר אים
און וואַרט מיט געבעט אין די אויגן און אַ פיינעם אידעלן שמייכל
אויפן פנים.

— קומט אַריין, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַך קול. — מען
האָט מיך אַפילו געוואָרנט, איך זאָל ניט אַרונטעמען קיינעם אין דער
מאַשין. עס קומען לעצטנס פאָר אַ סך רויבערייען און מאָרדן אויף די
וועגן. אָבער איך האָב דערפאַר קיין מורא ניט. ביי מיר איז ניטאָ וואָס
צו נעמען. חוץ דעם האָב איך אַ רעוואָלווער מיט זיך... איר קענט
טרייבן אַ מאַשין?

— געוויס, — האָט אים דער בחור מיט פריידן באַוויזן זיינע „לייסנס״.
אַז דער בחור איז שוין געזעסן ביים רעדל, האָט ער געזאָגט: — מיין
נאָמען איז סטיוו.

— און מיין נאָמען איז וואַסערמאַן, — האָט נחמן מיט אַ דערשראָקן,
פאַרזאָרגט פנים געשמייכלט צו אים. סטיוו האָט פלינק און זיכער גע־
טריבן דעם אויטאָמאָביל. נחמן האָט באַקוועם אויסגעצויגן די פיס
און געפילט דאָס שטיק אייזן, וואָס איז דאָרט געלעגן. די אויגן האָבן
זיך קעגן זיין ווילן געטאָן אַ פאַרמאַך, און ער האָט געכאַפּט אַ געשמאַקן
דרעמל, וואָס האָט זיך צעגאָסן ווי אַ וואונדער־היילונג אין אַלע זיינע
אברים. ווי לאַנג ער איז אַזוי געשלאָפן, געדענקט ער ניט. ווען ער האָט
זיך אויפגעכאַפּט און דערזען אַ פרעמדן ביים רעדל, האָט ער זיך דער־
שראָקן, אויפן מאָמענט ניט באַנומען וואו ער איז און וואָס דאָ איז
געשען.

— איר זענט געשמאַק געשלאָפן, עס האָט זיך אייך געמוזט עפּעס
חלומען, ווייל איר האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט שרעק.

— ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די מאַשין האָט זיך אַ טרייסל
געטאָן, — האָט נחמן געפּרוּווט פאַרדעקן יענעמס חשד, אַז ער איז
נערוועז און האָט מורא פאַר אים.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. זיי זיינען געפאָרן דורך זייטיקע,

וויסטע וועגן. סטיוו האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, וואָס האָט אַ לויכט געטאָן מיט אַ רויט בלוטיק אויגל אויף די שוואַרצע שויבן. נחמן האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויפן טרייבער און דערזען, אַז יענער האָט אַ האַרטן פּראָפיל, קאַלטע אַש־קאָלירטע אויגן, ווי די נשמה וואָלט אין אים געווען אויסגעלאָשן. אַזעלכע אויגן, אַז איר טרעפט אָן ערגעץ אין דער פינצ־טער, פאַרקילט זיך דאָס בלוט אין אייך. פון דעם שמייכל, וואָס ער האָט פריער, אַפּנים מעכאַניש אַרויפגעצויגן אויף זיך, איז געבליבן אַ קאַל־טער גליוער. און פאַרוואָס פאָרט ער דורך אַזעלכע וויסטע וועגן? דאָ קען מען דערהרגענען אַ מענטשן און אים באַגראָבן, קיינער זאָל ניט וויסן וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. די נאַכט איז ווי געוואונטשן דער־פאַר; דער הימל אויסגעלאָשן. זעלטן־וואו עס טוקט זיך אַ ליכטל אין דעם ים שוואַרצקייט, ווי די וועלט וואָלט בלינד געוואָרן. מען זאָל כאָטש הערן אַ הונט בילן, וואָלט אויך היימלעכער געוואָרן. און דער בחור ביים רעדל שוויגט פאַרדעכטיק, ווי ער וואָלט עפּעס אויספּלאַנירט. פאַר־וואָס איז ער מיט אים מאָל שטום געוואָרן? פריער איז ער דאָך געווען אַזוי באַרעדעוודיק? ער קאָן יעדע מינוט אַרויסציען אַ מעסער. אַ בליץ — אַ שאַרפער וויטאָג אין האַלדז, און אַלץ איז אויס. ער וועט דאָ ליגן ערגעץ אין די זומפּן און פוילן — ווער ווייסט צי מען וועט זיינע ביינער ברענגען צו קבר־ישראל?

פּלוצעם האָט דער טרייבער אַ הויב געטאָן די האַנט. נחמן האָט גע־כאַפּט דאָס שטיק אייזן גרייט אים צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ, אויב יענער וועט אַרויסציען אַ מעסער אָדער אַ רעוואָלווער. אַזוי האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין אַ קליינעם טייל פון אַ סעקונדע. מיט אַזאַ אייזערנער רער קאָן ער אים מיט איין זעץ דעם שאַרבן איינפּלאַטשן... אויב, הייסט עס, ער וועט האָבן האַרץ דאָס צו טאָן, ווייל ער האָט נאָך אין זיין לעבן קיין פליג ניט דערהרגעט. ווי קאָן ער גאָר אַזוי גזלניש טראַכטן?... אָט האָט זיך דער בחור בלויז גלייך געמאַכט מיט דער האַנט די האָר, וואָס דער ווינט האָט דורכן פענצטער צעבלאָזן, און ס׳קאָן אויך זיין, אַז ער האָט באַמערקט דאָס שטיק אייזן, וואָס ער האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן צו ווערן זיך קעגן אים. ער האָט זייטיק געהיט יעדן ריר פון דעם בחור. סטיוו האָט געטראַכט, אַז דער־אַ מוז זיין אַ מאַניאַק, וואָס איז אפשר אַנטלאָפן פון אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע, דערהרגעט עמעצן און צוגענומען די מאַשין. ער האָט אָבער אויסגעזען ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, און מיטאַמאָל אַזאַ ענדערונג. ווייזט אויס, דאָס משוגעת איז אים באַפאַלן.

אַזוי האָבןביידע לאַנג און שווער געשוויגן אין טויט־שרעק איינער פאַרן אַנדערן, ביז זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ שטעטל. ביי דער ליכט פון אַ גאַס־לאָמפּ האָבן זיי זיך גאָר אַנדערש דערזען: סטיווס פּנים — ווי ער וואָלט אויסגעטאָן די מאַסקע פון אַ באַנדיט. ער האָט פאַר־זאָרגט געשמייכלט צו נחמנען, וואָס האָט, ווייזט אויס, אָנגעהויבן קומען צו זיך און ווערן נאָרמאַל...

צווישן גרויסע טראָקס, וואָס האָבן געוואַרט אויף די אָנטרייבער, האָט היימלעך אַרויסגעלויכטן אַ רעסטאָראַן. זיי זיינען אַריין עפּעס עסן. געזעצט זיך ביי אַ טישל מיט אַ געבליבלט טישטוך און זיך פאַרשע־ריש, פאַרזיכטיק באַטראַכט: סטיווס אויגן זיינען איצט ניט געווען גזלניש־קאַלט און אַש־גרוי, נאָר גירנלעך־בלוי. ער האָט אַן איידעלן שטערן מיט פיינע ווינקלען און אַ סענסיטיווע נאָז. אין סטיווס אויגן האָט נחמן איצט אויסגעקוקט ווי אַ רואיקער אינטעליגענטער מענטש. די פראַגע איז אָבער, צי זאָל ער ווייטער פאָרן מיט אים? אין רעס טאָראַן איז געווען הייס, אָנגערויכערט, די שויבן פאַרלאָפן. זיי האָבן שטיל און פאַרטראַכט געגעסן, און מיט פאַרגנבעטע בליקן געקוקט איינער אויפן צווייטן. אַרויסנעמענדיק דעם טייסטער צו באַצאָלן פאַרן מאָלצייט, איז פון סטיווס בוזים־קעשענע אַרויסגעפאַלן אַ צוזאַמענגעלייגט בייגעלע פּאַפּיר. אין נחמנס אויגן האָבן אַ לויכט געטאָן יידישע אותיות...

— וואָס איז דאָס?

— וואָס איז וואָס? — האָט זיך סטיוו געוואונדערט.

— דער יידישער בריוו?

— אָ, דאָס איז מיין מאַמעס אַ בריוו.

— איר זיינט דען אַ ייד?

— אַוודאי. וואָס דען האָט איר געמיינט? — האָט סטיוו פּלוצעם אַ זאָג געטאָן אויף אַ צעבראָכענעם יידיש.

נחמן האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ: — זענט איר, הייסט עס, אַ ייד?

— וואָס דען האָט איר געמיינט?

— כ׳ווייס?...

זיי האָבן זיך אַ ווייל אָנגעקוקט און אָנגעהויבן לאַכן. די קעלנערין האָט קוקנדיק אויף זיי אויך געלאַכט. פון די אַרומיקע טישלעך האָט מען אויסגעדרייט די קעפּ און געשמייכלט. זיי האָבן באַשטעלט צוויי פרישע טעפּלעך קאַווע און אַריינגעלאָזט זיך אין אַ פריינדלעכן שמועס. סטיוו האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פיינער בחור, וואָס האָט דרך־ארץ

פאַר דעם יידישן פאָלק, נאָר די צונג איז אים נעבעך געבונדן, ווען ער רעדט אַרויס אַ יידיש וואָרט...

— זאָג־זשע מיר, סטיוו, ווי איז דיין יידישער נאָמען?

— מיין יידישער נאָמען איז זלמן.

— ווי קומט סטיוו צו זלמן?

— איך ווייס ניט, אַזוי האָבן מיך די יינגלעך אין סקול גערופן.

— צוליב וואָר פאָרסטו קיין ניו־יאָרק?

— שטודירן.

— וואָס קלייבסטו זיך שטודירן?

— מעדיצין.

— פיין, זייער פיין. מיין טאָכטער האָט אויך געזאָלט שטודירן מעדיצין, נאָר זי האָט עס אויפגעגעבן, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזען ווי מ׳פּאַל־מעסט אַ מענטש... — האָט זי בעסער אָנגעהויבן שטודירן מוזיק... אָט דאָס איז זי, — האָט אים נחמן געוויזן אַ קליין פּאָטאָ־בילד. סטיווס אויגן האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון בילד. עס האָט זיך טיף אין אים עפּעס אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אַז אַזאַ מיידל האָט זיך אים אָפט געחלומט, און ער פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט אַ גליקלעכן שמייכל. דערנאָך האָט ער זי געזוכט צווישן אַ סך אַנדערע מיידלעך און ניט געקענט געפינען...

— איר האָט גאָר אַ שיינע טאָכטער.

— אַ דאַנק!...

סטיוו האָט ניט געקענט אַרויסלאָזן ס׳בילד פון דער האַנט, און זיך אַ ביסל פאַרשעמט.

זיי האָבן באַצאָלט דער קאַסירערין, וואָס האָט זיי ביידן אָפּגעמאָסטן מיט איר פאַרזשמורעטן בליק, און זיינען אַרויסגעגאַנגען צו דער מאַשין. אינדרויסן איז געווען פייכט, פינצטער און נעפּלדיק. ווען סטיוו איז שוין געזעסןביים רעדל, האָט נחמן געזאָגט, אַז ער דאַרף גיין אין וואַש־צימער. ער האָט זיך צוריקגעקערט אין רעסטאָראַן. דאָרט האָט מען אים געזאָגט, אַז דאָס וואַש־צימער איז אינדרויסן ביי דער לינקער זייט. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די טראָקס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי הייזער מיט רויטע ליכט, געפאַר־סיגנאַלן פאַר פינצטערע נעכט, ביז ער האָט געפונען דאָס פּלאַץ. אַרויסקומענדיק האָט ער זיך אונטערגעברומט אַ ניגון און פלוצלונג געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער — ניטאָ די מאַשין... ס׳האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ. ס׳איז אים געוואָרן ביטער אין

מויל. ער מוז שוין לויפן טעלעפאָנירן דער פּאָליציי — געדענקט ער אָבער ניט דעם נומער פון זיינע „לאַיסענס״. — — — — — — גע־קויפט ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק דעם אויטאָמאָביל. זיינע קליידער, וועש, וויכטיקע דאָקומענטן, — אַלץ אין דער מאַשין. הונדערט דאָלער האָט ער פאַרשלאָסן אין דעם שופלאָד ביי דער רעכטער האַנט פון רעדל... פאַרוואָס האָט ער געגלויבט דעם גנב? וואָס וועט ער איצט טאָן? אָט שטייט ער און ציטערט אין אַ דין רעקל אָן אַ הוט, אָן געלט, אָן קליידער. צו וועמען ווענדט מען זיך אין אַזאַ העק?! „גאָט וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט! — פון פאַרדראָס האָבן אים טרערן געשטיקט. ער האָט זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן צווישן די טראָקס אויפן וועג צום רעסטאָראַן צו טעלעפאָנירן פּאָליציי. אוי, זיין ווייב... זי וועט דאָס איצט טריאומפירן... און פאַרוואָס מוז זי שטענדיק בלייבן גערעכט? איצט וועט זי האָבן צו זינגען און צו זאָגן, ווייל זי האָט דאָך אים טאַקע געוואָרנט, ער זאָל ניט אַריינגעמען קיינעם אין דער מאַשין, און ער האָט איר צוגעזאָגט און ניט געהאַלטן וואָרט... שאַ, אַ מאַשין טרובעט וואו די טראָקס שטייען מיט די רויט־גרינע ליכט. ער האָט אָנגעהויבן לויפן און — דערזען זיין מאַשין...

— וואו זענט איר אַהינגעקומען? — האָט זיך סטיוו געוואונדערט.

— איך האָב שוין איבערגעקלערט.

— פאַרדרייט זיך צווישן די טראָקס, — האָט נחמן געזאָגט מיט אַ פריידיקן ציטער. — איך האָף, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין, ביסט אַ פיינער בחור, זלמן. איך בין דיר דאַנקבאַר!...

— פאַרוואָס? איך האָב גאָרניט געטאָן.

— טאַקע דערפאַר, ווייל דו האָסט גאָרניט געטאָן... און וועסט נאָך זיין אַמאָל אַ באַרימטער דאָקטאָר, וואָס אַרט דיך.

סטיוו האָט געשמייכלט: דער מענטש איז פאַרט ניט מיט אַלעמען... אָבער די טאָכטער זיינע טרעט ניט אָפּ פון אים...

— איך וואָלט אייך געוואָלט עפּעס בעטן, — האָט ער אַ דריי גע־טאָן דעם קאָפּ צו נחמנען.

— וואָס? זאָג, שעם זיך ניט.

— איך וויל אייער טאָכטערס פאָטאָגראַפיש בילד.

— דאָס בילד איז דיינס, מיט מיין אַדרעס...

זיי זיינען ווייטער געפאָרן. אין אַ שעה אַרום וועלן זיי קומען אין אַ גרעסערער שטאָט אַריין, וואו זיי וועלן איבערשלאָפן די נאַכט. סטיוו

האָט זיך צוגעפּייפּט אַ באַקאַנטן „ראָמאַנס". נחמן האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט, אַ פרייד און אַ זיכערקייט אין זיך און אין דער וועלט. די אויגן האָבן זיך אים געשלאָסן און ער האָט איינגעדרעמלט. אויפגעכאַפּט זיך, ווען די מאַשין האָט זיך פּלוצלונג האַסטיק אָפּגעשטעלט פאַר אַ רויט ליכט און ווידער איינגעדרעמלט מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל אויפן פּנים.

— „אוי, אירע שיינע אויגן האָבן מיך צוגעצויגן!" — האָט זיך סטיוו צעזונגען.

אין אַן אַנדער וועלט...

דזשימי איז געבוירן געוואָרן אין דעם קעלער וואו די פֿאַמיליע האָט געוואוינט. צו פֿינף יאָר האָט ער אַכטונג געגעבן אויף זיין קליין שוועסטערל העלען און איז געווען איר „גרויסער ברודער״. יעדן אינדער־פֿרי האָט זייער פֿאָטער אָנגעטאָן שוואַרצע ברילן און די מאַמע האָט אים אַרויסגעפֿירט ביי דער האַנט ווי אַ בלינדן. אין הויז האָט דער טאַטע קיין ברילן ניט געטראָגן און זיך פֿריי באַוועגט ווי אַ זעעוודיקער. דזשימי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דער טאַטע ווערט בלינד, אַזוי שנעל ווי ער פֿאַרלאָזט דעם פֿינצטערן קעלער און קומט אַרויס אויף דער ליכטיקער גאַס.

דזשימי איז געוואוינט געווען צום טופּען פֿון טויזנטער פֿיס איבער זיין קאָפּ (ס׳פֿענצטער פֿון קעלער האָט דערגרייכט דעם טראָטואַר), גלייך ווי אַלע מענטשן וואָלטן אויסגעטאַנצט אַזאַ מין שנעלן, איילנדיקן טאַנץ, וואָס ענדיקט זיך ביינאַכט, ווען מען דאַרף גיין שלאָפֿן.

יעדן אינדערפֿרי האָבן די עלטערן אָנגעזאָגט די קינדער, זיי זאָלן ניט אַרויסגיין פֿון קעלער, ווייל מען וועט זיי איבערפֿאָרן. דזשימי האָט טאַקע איינמאָל געזען דורכן פֿענצטער ווי אַ ייִנגל איז איבערגעפֿאָרן געוואָרן; אין איין אויגנבליק איז ער געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט און זיין פּנים האָט באַקומען דעם קאָליר ווי די טונקל־גרויע ווענט פֿון זייער קעלער.

ס׳איז מיט אַ סטראַשענדיק פּייפּעריי אָנגעפֿאָרן אַן „אַמבולאַנס״ און דעם איבערגעפֿאָרענעם צוגעכאַפּט. עמעצער האָט אָפּגעוואַשן ס׳בלוט, און די גאַס האָט ווידער פֿריילעך און הילכיק גערוישט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען. דזשימי האָט צוגערופֿן זיין שוועסטערל זי זאָל דאָס אויך זען, און ווען זי בעט אים ער זאָל מיט איר אַרויסגיין אין גאַס, דער־מאָנט ער איר דאָס איבערגעפֿאָרענע ייִנגל.

אַז דזשימי ווערט מיד נאָכצוקוקן די טויזנטער איילנדיקע פֿיס און רעדער פֿון אויטאָמאָבילן, פֿאַררייסט ער דעם קאָפּ צום הימל און קוקט ווי די וואָלקנס שוועבן.

ווען ער פֿאַרזשמורעט די אויגן קאָן ער מאַכן פֿון די וואָלקנס זילבערנע שיפֿעלעך, צעפֿלאַטערטע פֿערדלעך, קעצעלעך, הינטעלעך — אַלץ וואָס ער וויל, קאָן ער פֿון זיי מאַכן. דער הימל איז פֿול מיט שפּיל־

צייג פאַר אים... ער האַלט אַזוי לאַנג דעם קאָפּ פאַרריסן, ביז עס נעמט אים שווינדלען פאַר די אויגן. אפשר דערפאַר וואָס זיי וואוינען אין אַ פינצטערן קעלער האָט ער אַזוי שטאַרק ליב די זון און אַלץ וואָס איז ליכטיק. אַמאָל אָבער, ווערן די וואָלקנס פינצטער און אַזוי טרויעריק, ביז זיי צעווייגען זיך, זייערע טרערן פאַלן אויף די שויבן פון די פענצטער און די גאַנצע גאַס, די גאַנצע וועלט וויינט מיט זיי.

טוט אָבער די זון צוריק אַ שיין־אויף, נעמט ער זיך אָן מיטן שוועס־טערל ביי די הענט און זיי טאַנצן פון פרייד.

אַמאָל שפּילן זיי זיך אין באַהעלטעניש, אָדער זיי שפּילן זיך אין טאַטע־מאַמע: ער מאַכט צוויי רעדלעך פון די פאָדערשטע פינגער, ווי שוואַרצע ברילן אויף די אויגן און העלען פירט אים אַרום ווי אַ בלינדן. ווייטער אָבער פון דער טיר גייען זיי ניט, אויס מורא פאַר דער גאַס, וואו עס בראַזגען ריזיקע וועגענער, עס טופּען טויזנטער פיס, עס בילן צערייצטע הינט און עס קוויטשען קעץ.

איינמאָל, אַרויסקוקנדיק דורך די פאַרשמירטע פענצטער, האָט דזשי־מי געזען ווי מען צוימט אָפּ אַ טייל פון דער גאַס, דער פאַרקער פון אויטאָמאָבילן ווערט פוןביידע זייטן אָפּגעהאַקט און קינדער הויבן זיך אָן שפּילן: יינגלעך וואַרפן פּילקעס, מיידלעך טאַנצן אויף שטריק און די זון, וואָס איז געלעגן אויף די שפּיצן פון די הויכע הייזער, האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געלויכטן אויף זיי. און אַזוי ווי עס איז שוין ניט געווען קיין געפאַר איבערגעפאָרן צו ווערן, האָט ער גענומען ס׳שוועס־טערל ביי דער האַנט און איז אַרויס מיט איר פון קעלער. זיי האָבן זיך באַלד געשפּילט מיט די אַנדערע קינדער, אונטערגעטאַנצט, געשריגן און געלאַכט פון פרייד. אָפּשפּילנדיק זיך אַ שטיק צייט, זיינען זיי געוואָרן פאַרשוויצט, מיד און הונגעריק.

דזשימי מיטן שוועסטערל האָבן זיך געלאָזט צוריק אין קעלער, דער וועג האָט אָבער אויסגעקוקט פרעמד און אַנדערש ווי פריער. זיי האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען, און זיינען אַריין אין אַן אומבאַקאַנטער גאַס מיט הויכע מאַרמאָרענע הייזער. שווייצאַרן מיט גאָלדענע קנעפּ זיינען געשטאַ־נען ביים אַריינגאַנג וואָס האָט געפירט דורך חופות אויף דרעגנער.

דזשימי איז געוואָרן אומרואיק און אָנגעהויבן שנעל שפּאַנען, זוכנדיק זייער קעלער. ס׳שוועסטערל האָט אים פאַרגאַפּט און דערשראָקן נאָכ־געפאָלגט. אַ יינגל אין אַ נייעם אָנצוג איז זיי אַקעגנגעקומען און געזאָגט: „קומט אַריין וועלן מיר זיך שפּילן". ווייזט אויס אַז אים איז געווען אור־מעטיק, כאָטש ער איז געווען אַזוי רייך אָנגעטאָן, אַז אַלץ האָט גע־

בלאַנקט און געפינקלט אויף אים. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זוניקן זאַל מיט גלעזערנע ווענט. דזשימי האָט ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערזען אַזויפיל פאַרשיידענע שפילצייג: וועליסאָפעדן, אמתע פערד־לעך וואָס הירזשען, בערן און העלפאַנטן מיט לאַנגע געדרייטע נעז, האַר־מאָניקעס, פילקעס, קליינע און גאָר גרויסע פון פאַרשיידענע קאָלירן. דזשימי האָט זיך ניט געקאָנט אָפרייסן פון אַ וועליסאָפעד מיט דריי רעדלעך. דערנאָך איז ער געריטן אויף אַ פערדל וואָס האָט געוואָרפן מיטן עק און געהויבן דעם קאָפּ אַראָפּ און אַרויף. ער האָט געשפילט אויף אַ האַרמאָניקע און דערהערט ס׳ערשטע מאָל שיינע קלאַנגען וואָס ער האָט מיט די ליפּן אַרויסגעבלאָזן. ער האָט געהאַלטן גאָר אַ גרויסע האַרמאָניקע אויף דער שויס, געצויגן מיטביידע הענט און אַלץ אַרום איז געוואָרן פול מיט מוזיק, און דורך די גלעזערנע ווענט זיינען ניט פאַרבייגעפאָרן קיין וועגענער, נאָר ביימער און בלומען האָבן אַריינגעקוקט.

און כאָטש ער איז געווען אַזוי פאַרקאָכט און גליקלעך פון די אַלע שפּילצייגן, איז ער אָבער ווידער געוואָרן הונגעריק. ס׳שוועסטערל האָט געמאָנט ביי אים עסן. דעמאָלט האָט דער מאַן מיט די גאָלדענע קנעפּ, אַריינגעבראַכט אויף צוויי זילבערנע טאַצן געשמאַקע שפייזן וואָס דזשימי האָט נאָך אין זיין לעבן ניט געזען. ער מיט דער שוועסטערל האָבן זיך מיט ציטערדיקע הענט צוגעכאַפּט צו זייער טאַץ. דאָס רייכע ייִנגל האָט קוים געפירט דעם לעפל צום מויל, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּ־קומעניש. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער געשפילט, ביז דער מאַן מיט די גאָלדענע קנעפּ האָט אים מיטן שוועסטערל אָנגענומען ביי די הענט און ערגעץ אַוועקגעפירט.

שפּעט ביינאַכט זיינען די עלטערן געקומען אין דער פּאָליציי־סטאַנ־ציע, געשריגן אויף זיי, געמוסרט, געפרייט זיך, געלאַכט און זיי צוריק גענומען אין קעלער אַריין.

אַז דזשימי האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, איז אים געוואָרן טונקל אין די אויגן און שווער אויפן האַרץ. נאָכן גרויסן זוניקן זאַל וואו ער איז נעכטן געווען, האָט דער קעלער אויסגעקוקט פינצטערער און טרויעריקער ווי שטענדיק. ביז נעכטן האָט ער געמיינט אַז אַלע מענטשן לעבן אין אַזעלכע טונקעלע קעלערס ווי זיי, ווייל די זון באַהאַלט זיך ערגעץ זייער הויך אין הימל און פאַרשטעלט זיך אָפט מיט וואָלקנס. איידער ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם זוניקן זאַל מיט אַזוי פיל וואונ־דערלעכע שפּילצייג, איז ער אין קעלער אָפט געווען פריילעך, און ווען ער האָט געהאַט צו־זאַט אָפּצועסן, האָט ער געטאַנצט און געזונגען. פון

נעכטן־אָן אָבער, איז ער געוואָרן טרויעריק און באַשלאָסן צו זאָגן די עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסקלייבן פון פינצטערן קעלער ערגעץ וואו ס׳איז זוניק און פריילעך, און קינדער האָבן אַ סך שפּילצייג און בלומען וואַקסן פאַר די פענצטער.

ער איז געוואָרן אומעטיק און זיך ניט געוואָלט שפּילן מיטן שוועס־טערל.

דערנאָך האָט געהאַלטן אין איין רעגענען. די עלטערן זיינען געווען אין דער היים. דער טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ זעעוודיקער און געוואַרט די זון זאָל אַרויסקומען, ער זאָל ווידער בלינד ווערן, און די מאַמע זאָל אים ביי דער האַנט אַרויספירן.

אין אַ העלן זומער־טאָג, ווען אפילו אין קעלער האָט זיך אַריינ־געריסן אַ ביסל בלייכקייט. האָט זיך פלוצעם די זון אין הימל אויסגע־לאָשן און ס׳איז געוואָרן פינצטער ווי ביינאַכט. דזשימי מיטן שוועס־טערל האָבן זיך דערשראָקן. די עלטערן זיינען ניט געווען אינדערהיים. לאַנגע בליציקע מעסערס האָבן צעשניטן דעם שוואַרצן הימל. ס׳האָט אַ בלענד־געטאָן אין די אויגן, און באַלד איז נאָך פינצטערער געוואָרן. ס׳האָבן אויפגעריסן דונערן מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגן קנאַקעריי, וואָס איז געווען אַזוי ווי געצילט צום קעלער...

— איך האָב מורא! — האָט זיך דאָס שוועסטערל געטוליעט צו אים.

— האָב ניט קיין מורא — האָט ער זי באַרואיקט און אַליין מורא געהאַט.

— שוואַרצע קעץ מיט פייערדיקע אויגן קריכן אַרום! — האָט זי זיך פעסטער געטוליעט צו אים. איך האָב מורא, מאַך ליכטיק!

— באַלד וועל איך ליכטיק מאַכן — האָט ער אַ קוועטש געטאָן ס׳קנעפּל אין דער וואַנט. ס׳איז אָבער ניט ליכטיק געוואָרן...

— איך האָב מורא, מאַך ליכטיק! — האָט זי אָנגעהויבן וויינען.

ער האָט דערטאַפּט די שוועבעלעך וואָס זיינען געלעגן אויף דער קיך. ווען די עלטערן זיינען ניט אין דער היים, שפּילט ער זיך מיט זיי אין „ליכטיקייט". זי האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענטלעך פון פרייד ווען ס׳ערשטע שוועבעלע האָט אויפגעלויכטן.

— צינד אָן נאָך, נאָך! — האָט זי זיך געבעטן. דזשימי האָט גע־ריבן איין שוועבעלע נאָכן אַנדערן, ביז ס׳איז אין זייער קעלער אויך ליכטיק געוואָרן, זייער ליכטיק, אַזוי ווי אַ רויטע זון וואָלט אויפגע־גאַנגען...

די טרייסט

הערש מילנער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אויפן סוף־זומערדיקן הימל און געטראַכט: אויסגעברענט, אַש נאָך אַ שריפה, ס׳צינדט זיך אָן און פאַרלעשט זיך, אַזוי ווי דער מענטש: אויפגעלויכטן, געפלאַקערט, געבויט לופטשלעסער, געריסן זיך צום הימל און — אויס.

פע, דאָס איז באַנאַל, אויסגעדראָשן, — האָט ער זיך געמוסרט, — מען האָט שוין דאָס זעלבע אַזויפיל מאָל איבערגעקייט, קיין איין נייער געדאַנק קלעפט זיך ניט צו אים, ער האָט שוין ניט וואָס צו זאָגן, ער איז שוין אויך אויסגעלאָשן... דער גרעסטער טעות אין זיין לעבן איז געוועזן, וואָס ער איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער... און דאָס האָט מען שוין אויך געהערט... ווי לאַנג איז דער שיעור צו האָבן רחמנות אויף זיך, ווען אַ גאַנצע וועלט בלוטיקט? שעמען מעג ער זיך! אַזוי ווי הערש מילנער וואָלט געווען דער צענטער פון דער וועלט, און די הויפּט־פראַגע איז, צי ער איז צופרידן, צי לעבט זיך אים גוט, צי איז ער גליקלעך? און אַז ניט, דאַרף ער האַלטן אין איין וויינען אויף זיין ביטער מזל און די גאַנצע וועלט דאַרף אים צוהעלפן קלאָגן... אַ גליק וואָס זיין ווייב און פרעמדע מענטשן „הערן" ניט זיינע געדאַנקען, וואָס שטעלן אים אַרויס פונקט אין אַ פאַרקערט ליכט, ווי מען זעט אים, אפשר, ווי ער וויל מען זאָל אים זען, אין זיינע לידער און דערציילונגען...

ער האָט ווידער פאַררויכערט, דעם ווי פלטן פאַפּיראָס, כאָטש ער ווייסט אַז פון דעם קען מען קריגן אַ לונגען־פעלער. אָבער וואָס האָט ער שוין צו פאַרלירן? גרויע שלענגלעך רויך האָבן זיך זייער רירעוודיק אָנגעהויבן באַוועגן און דרייען אַרום אים, ווי זיי וואָלטן זיך זשעדנע צוגעכאַפּט צו זייער קרבן... (ביי זיין פריינט, אַ דאָקטאָר, האָט ער אַמאָל געזען אין אַ פאַרגרעסער־גלאָז אַזעלכע רירעוודיקע קענסער־באַצילן).

אין ענגן צימער, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרשטויבטע ביכער, זשורנאַלן, שטויסן אַלטע צייטונגען, איז געוואָרן טונקל. אַ פליג האָט אים אַ ביס געטאָן אויף דער נאָז, ער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, און צעטיילט אַ טיילעכל פון אַ סעקונדע אויף פינצטער און

ליכטיק. אָדער אפשר האָט ערגעץ אַ בליץ געטאָן. אין הימל האָבן זיך געזאַמלט פינצטערע וואָלקנס, ווי אַן אסיפה, פון שוואַרץ־מאַנטלדיקע גלחים. עס האָט אָנגעהויבן רעגענען, און נאָך מער דערדריקט זיין געמיט. אַ ווינט האָט באַוועגן די וועש, וואָס איז געהאַנגען קעגן זיין פענצטער אויף אַ „פייער־עסקעיפּ". אַ העמד האָט גענומען מאַכן פאַרצווייפלט מיט די נאַסע אַרבל, וואָס זיינען באַלד צעזאַמענגעשלאָסן געוואָרן, ווי ביי אַ פאַראורטיילטן פאַר דער הינריכטונג. טריפנדיקע „פיס" האָבן אָנגעהויבן קראַמהאַפּטיק „טאַנצן" אין דער לופט, ווי דער האַלדז פון זייער גוף וואָלט צוזאַמענגעצויגן געוואָרן אין אַ שטריק. יאָ, מענטשן הענגען זיך, האָט ער געטראַכט, מען לייענט גאַנץ אָפט אין די צייטונגען וועגן דעם.

דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט און צאָרנדיק געקלאַפּט אויף די טונקעלע שויבן, ווי עס וואָלט געוועזן אַ געבייזער אויף אים, אויף מילנערן, וואָס לאָזט פריי זיינע פינצטערע געדאַנקען, וואָס ער פאַרלירט דעם קאָפּ און זינקט־אַריין אַן ווידערשטאַנד אין אַ זעלבסטמאָרד־שטימונג.

דאָס ליכט, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, האָט אויפגעריסן די שוואַרצקייט פון צימער, וואָס איז צעוואָרפן געוואָרן אין שאָטנס אויף די גרויע ווענט. די וועש אינדרויסן האָט זיך געוואָרפן אין דעם פאַרשטאַרקטן רעגן. אויף די שוואַרצע שויבן זיינען צעפירט געוואָרן גרויע צייכנס, ווי עפּעס אַ געהיימע שריפט, וואָס זאָגט־אָן אַ שלעכטע בשורה. און כאָטש ער גלויבט ניט אין קיין פאַרגעפיל, איז אים דאָס האַרץ באַשוועַרט: שרעקנ־דיקע געדאַנקען, ווי שוואַרצע קראָען, פליען אַרום אין זיין קאָפּ און קראַקען, קראַקען.

ווי פילט טאַקע אַ מענטש, וואָס הענגט זיך? ווען ער שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין דער פּעטליע, ווי פילט ער אין דער לעצטער מינוט, אין דער לעצטער סעקונדע? די גאַנצע וועלט שרעק און פּיין איז קאָנ־צענטרירט אין איין אויגנבליק — אַ שרייבער, וואָס דאַרף זיין אַ פּסי־כאָלאָג, מעג זיך אַריינטראַכטן אין דעם, דאַרף זיך דערגרונטעווען צו די טיפסטע ווינקלען פון דער מענטשלעכער נשמה, און אַחוץ דעם ווייסט קיינער ניט צו וואָס ער קען דערפירט ווערן, אַמאָל גייט מען אויפן גלייכן וועג און מען פאַרבלאָנדזשעט אויף טונקעלע אומוועגן, ביז מען גליטשט זיך אויס און מען פאַלט... ער איז אין אַ געדריקטער שטימונג, און דאָס איז אפשר אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך נעכטן געקריגט מיט זיין ווייב. זי האָט אפּנים ניט געקענט מער אויסשטיין זיינע קאַפּריזן,

ניט פאַרשטאַנען, אַז אים דריקט און שטיקט עפּעס, אַז די וועלט האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף אים... אַז ער דאַרף עס אויף עמעצן אויסלאָזן. האָבן זיך זייערע ביידנס נערוון אָנגעצונדן. אין שטראָם פון קריגערישע רייד איז קיין וואָרט ניט געקומען פון האַרץ, פון קילן פאַרשטאַנד, ביז זי האָט שנעל, פיבערהאַפטיק, צוזאַמענגעקליבן אין אַ פּעקל אירע זאַכן, און פאַרהאַקט די טיר אַז די פענצטער האָבן אַזש געציטערט — אַ פרוי זאָל האָבן אַזאַ ווילדן כעס אין זיך.

ס׳דערמאָנט אים אין פּרצעס „כעס פון אַ יידענע״, וואָס לאָזט אויס איר ביטער האַרץ צום מאַן, דעם בטלן, וואָס איז פאַרטיפט אין לערנען און גיט ניט אויף פּרנסה, און צום סוף געפינט זי נאָך אויס אַז אַחוץ דעם, וואָס זי האָט ניט די וועלט, האָט זי אויך אָנגעוואוירן יענע וועלט, ווייל זי האָט געשטערט דעם מאַן אין לערנען תּורה...

ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי אַנטלויפט פון הויז נאָך אַ קריג. זי איז אַוודאי דאָס מאָל אויך אַוועק צו איר שוועסטער, אָדער צו זייערע פריינט, אים פאַרמסרן... זי וועט דאָרט איבערנעכטיקן און צוריקקומען, אַריינשאַרן זיך שטיל אין הויז. ער וועט זיך מאַכן ניט זעענדיק. דער־נאָך וועלן זיי רעדן וועגן טעגלעכע זאַכן, ווי ס׳וואָלט גאָרניט ניט געשען.

און אפשר וועט זי דאָס מאָל ניט צוריקקומען? ווער קאָן דער־גרייכן צו די טיפע ווינקלען פון אַ פרויס נשמה? שרייבער, פּסיכאָלאָגן, ריידן־איין דער וועלט, אַז זיי שפּאַרן יאָ אָן אַהין, שטעלן אָן זייער „פּראָזשעקטאָר״ אויף די טונקלסטע שפּאַרעס, און זעען אַלץ וואָס עס טוט זיך דאָרט — דאַרף מען זיי גלויבן אויפן וואָרט. ער מאַכט דאָך אויך אַזאַ אָנשטעל אין זיינע ווערק. דער אמת איז, אַז דאָס קאָן מען ניט אַזוי באַווייזן ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר.

די אויערן זיינע גיבן איצט צוריק אַרויס, ווי אַ „דיקטאָפאָן״, אָפּגעריסענע טיילן פון זייער נעכטיקן קריג:

זי: — פאַרפייניקט בין איך ביי די געוואָרן, האָב נאָך קיין איין גוטן טאָג ניט געהאַט!

ער: — מיר איז אויך ניט געווען צו וואויל.

זי: — אָפּגעפינצטערט האָב איך ביי דיר!

ער: — מיר איז אויך ניט געווען צו ליכטיק.

זי: — איך האָב אַלע יאָרן שווער געהאָרעוועט אין שאַפּ און אין הויז, און קיינמאָל קיין רעכט קליידל ניט געהאַט אָנצוטאָן!

ער: — איך בין אויך ניט געגאַנגען אין בגדי מלכות.

זי: — איך האָב ביי דיר געהונגערט, געשוואַרצט דאָס פּנים אין שפּיז־קראָמען, און ניט איינמאָל האָט מען מיר אָפּגעזאָגט צו לייען — איך בין געגאַנגען קאָכן אין רעסטאָראַנען.

ער: — ווער האָט דיך געהייסן חתונה האָבן מיט אַ שרייבער, מיט אַ יידישן שרייבער?

זי: — ווער ס'האָט מיך געהייסן? דו האָסט מיך געהייסן, האָסט צעטומלט און פאַרדרייט דעם קאָפּ פון אַ יונג מיידל מיט דיינע שיינע רייד. אין לידער האָסטו מיך באַזונגען... און איך נאַר, בין געפאַלן פאַר דעם — לידער, כאַ!

ער: — פּעסל, היט דיין צונג!

זי: — איך וועל ניט היטן, איך וועל זאָגן וואָס איך וויל. און ווען איך האָב געהאַט עטלעכע קינדער, מיין פיגור האָט פאַרלוירן די ליניעס, די גראַציע... מיינסט איך געדענק ניט? ביסטו נאָכגעלאָפן שיי־נע מיידלעך.

— ס'אַ ליגן!

זי: — ס'אַן אמת! כלומרשט פאַר אינספּיראַציע־וועגן ביסטו זיי נאָכגעלאָפן, — אינספּיראַציע, כאַ! שאַרלאַטאַנסטוואָ!

ער: — פּעסל, היט דיין צונג! דאָס גייט שוין צו וויט, ווייל דאָס איז אויסגעטראַכט, אַ פּראָדוקט פון דיין קראַנקער פאַנטאַזיע, ס'איז ניט אמת, ס'איז אַ ליגן!

זי: — ביסט אַליין אַ ליגנער, און אַ פאַלשער האַרצלאָזער מענטש דערצו. גענוג, איך וויל מער ניט ליידן פון דיר. איצט נעמט עס אַ סוף. די קינדער זיינען אויסגעגעבן, די שטריק אויפגעבונדן... און איך בין נאָך ניט אַזוי אַלט. איך וועל נאָך קריגן אַ פריינט אין לעבן, אַן אמתן פריינט...!

און זי האָט פאַרהאַקט די טיר, איבערלאָזנדיק אים מיט אַ מוסטער אין פענצטער ווי אַזוי עס וויגט זיך אַ געהאַנגענער... איי, וואָלט ער איר געוואָלט אָפּטאָן און זיך טאַקע הענגען... זי זאָל אַריינקומען און זען, ווי ער וויגט זיך אויף אַ שטריק, פאַלן צו זיינע פיס און האַקן זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. אוי, וואָלט זי געוויינט, טייכן טרערן וואָלט זי פאַרגאָסן. דאָס וואָלט געווען זיין נקמה און ווען ער זאָל קענען אַרויסקוקן פון זיין אייגענער לוויה און זען ווי מען פירט זי ביי די אָרעמס אַ פאַרחלשטע מיט רויטע אויגן פון וויינען — נאָר ער טראַכט שוין ווידער נאַרישקייטן. נאָך גוט וואָס מען קען ניט לייענען אַ מענטשנס געדאַנקען, אַניט וואָלט

ער, הערש מילנער דער שרייבער, אַ שיין פּנים געהאַט פאַר דער וועלט.

נאָך אַ לענגערער צייט אַרומדרייען זיך אין צימער, האָט ער דער־פילט, אַז ער איז גאָר הונגעריק. ער האָט נאָך היינט ניט געגעסן. אָפּגעלעבט אַ טאָג מיט שוואַרצע קאַווע און פּאַפּיראָסן, ער קען אַזוי אַרום צעשיידן דעם גוף מיט דער נשמה. ער מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין.

ער האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג איינצואָטעמען אַ ביסל פרישע לופט, אָפּקילן דעם קאָפּ, אַרויסטרייבן דעם טשאַד פון דאָרט. אַלעמאָל ווען ער נעמט אַ שפּאַציר, ווערן זיינע געדאַנקען לויטערער, און ער הויבט־אָן קלאָרער טראַכטן. אַ רעגן וואַשט־אָפּ דעם שטויב פון דער ערד, און אַ סך מאָל, דעם „שטויב" וואָס פאַלט אָן אויף דער נשמה. ער האָט אָנגעטאָן דעם רעגנמאַנטל, די קאַלאָשן, און איז אַראָפּ אין גאַס. טריפנדיקע מענטשן זיינען געלאָפן אייגעבויגן אונטערן רעגן. אַנדערע האָבן שטאָלץ און באַפעלעריש אויפגעהויבן די הענט און גערופן טעקסיס. רויטע „ניאָן־סאַינס" האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אָנגעזאַמלטע טייכלעך.

ער איז אַריין אין אַ קאַפעטעריע, געשטעלט זיך אין ריי מיט אַ טאַץ אין דער האַנט. פון בופעט האָט זיך געטראָגן אַ פאַרע מיט פאַר־שיידענע שאַרפע ריחות, וואָס האָבן געררייצט זיין אַפעטיט. זוכנדיק אַ טישל, איז פאַרבייגעגאַנגען זיינס אַ באַקאַנטער און דאַכט זיך אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ פון אים. שוין עטלעכע מאָל ווי יענער, אַז ער דערזעט אים, טראָגט ער זיך אָפּ אויס מורא אוודאי, אַז ער וועט אים פאַרשלאָגן צו קויפן זיין בוך, וואָס איז לעצטנס דערשינען. שרייב ביכער פאַר אַזעלכע יידן, האָט הערש מילנער, פאַרביטערט געטראַכט. צי דעם מאַרך פון די ביי־נער, דעם זאַפט פון דער נשמה — אַז מען דאַרף דאָס ניט, מען וויל דאָס ניט, מ׳אַנטלויפט פון אים, ווי ער וואָלט געוועזן אַ פעסט... און טייל פון זיינע באַקאַנטע יידן, וואָס זיינען ווייט ניט היימיש מיט ענגליש, באַ־קלאָגן זיך פאַר אים, אַז זיי קומט שוין אָן שווער צו לייענען יידיש — די פריש־געבאַקענע יענקיס.

ער האָט זיך געזעצט ביי אַ זייטיק טישל און אָנגעהויבן אומעטיק קייען. ער האָט פיינט צו עסן אַליין. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז אַרום אים זעט ער ניט קיין באַקאַנטע, אַחוץ יענעם יידן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון אַ יידיש בוך, און זיין ווייב האָט אים אויף די עלטערע יאָרן איבערגעלאָזט.

נאָר ער קריגט שוין ווידער רחמנות אויף זיך, דאָס טויג ניט... זיין האַלדז אָבער ווערט ווידער פאַרקלעמט. אַרום אים קלאַפּן גאָפּל־

מעסער, שפּילן אויס אַ מין פריילעכע מאָגן־סימפאָניע. ווען מענטשן וואָלטן מיט אַזאַ הונגער געלייענט ביכער, האָט ער געטראַכט, וואָלטן שרייבער געגאַנגען אין גאָלד, יידישע שרייבער אפילו וואָלטן אויך געצויגן אַ ביסל פּרנסה, און זייערע ווייבער וואָלטן געהאַט אַ גרינגער לעבן. אַז מען וויל באַרעכענען, איז זיין פּעסל דען ניט גערעכט? קאָרג פאַר־שוואַרצט איז זי ביי אים געוואָרן? אַזאַ שיינהייט ווי זי איז געווען, אַ ווענוס, וואָס נאָר אַ סקולפּטאָר מיט אַ גרויסן טאַלאַנט אָדער אַ מאָלער, קען אויסמייסטערן אַזעלכעס... האָט זי באַדאַרפט אַריינפאַלן אין זיינע הענט אַריין, און פאַרוויאַנעט ווערן פאַר דער צייט — אַזאַ מענטש ווי ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט חתונה צו האָבן און באַגראָבן אַ ווייב. נאָר אַ מענטש האָט דאָך אַ האַרץ, אַ נשמה.

דער רעגן אינדרויסן איז געוואָרן אַ ביסל שוואַכער. פאַרבייגייער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסגלייכן, נאָר דער הימל איז געווען טונקל, שווער, און געדריקט אויף זיין געמיט. ביים געדאַנק, אַז ער דאַרף צוריקגיין אין ליידיקן הויז אַריין, האָט ער דעם לעצטן ביסן שווער אַראָפּגעשלונגען.

— מעג איך מיך זעצן לעבן אייך?

ס'איז געשטאַנען פאַר אים אַ מיטליאָריקער מאַן מיט אַ טאָץ שפּייז אין דער האַנט. זיינע וואָרעם־שמייכלדיקע, און אַ ביסל פאַרשעמטע אויגן, האָבן געקוקט מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ אויף הערש מילנערן.

— יאָ, אדרבה, זיצט, איך בעט אייך.

— איר קענט מיך ניט, אָבער איך קען אייך יאָ, — האָט דער מאַן געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק די טאָץ. — איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו הערן אייערע אַ לעקציע וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

— אַ קנאַפּ פאַרגעניגן... — האָט הערש מילנער פאַרפעסטיקט די אויגנגלעזער אויף דער נאָז, וואָס ביים וואָרט „יידישע ליטעראַטור" האָבן זיי זיך אַזוי ווי אַ גליטש געטאָן...

— איך און מיין פרוי לייענען אייערע דערציילונגען און לידער. אייער לעצטע דערציילונג האָבן מיר צוויי מאָל איבערגעלייענט, און פאַרגעלייענט פאַר געסט. איר האָט אין אַזאַ קורצער זאַך אריינגעגעבן אַזוי פיל לעבן, אַזוי פיל האַרץ און נשמה. אַ שאָד, וואָס מיינע קינדער לייענען ניט קיין יידיש. איר מיינט, איך האָב זיי ניט געשיקט אין די יידישע קינדער־שולן — געשיקט, נאָר אַז זיי זיינען אַרויס פון דאָרט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון יידישן וואָרט. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ, וואָס זיי זיינען באַרויבט פון דעם גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס אייערס אַ דערציילונג אָדער אַ ליד פאַרשאַפט. און ס'בלייבן זיי אויך

פרעמד די אַנדערע ווערק פון גרויסע יידישע שרייבער.

הערש מילנערס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, זיינע אויגן האָבן זיך פריידיק געפייכט. ער האָט געפּרואווט רואיק זאָגן: — איך בין צופרידן צו הערן, אַז עס געפינען זיך נאָך גוטע יידישע לייענער. צום באַדויערן איז דאָס איצט אַ זעלטנהייט.

— איך און מיין פרוי האָבן גערעדט וועגן איך. ווען אַזאַ שרייבער ווי איר שרייבט אין ענגליש, וואָלט איר דאָך געווען אַ רייכער מאַן. אָט גייט מיין פרוי מיט דער טאַץ. ביי איר נעמט לענגער אויסצוקלייבן וואָס צו עסן ווי ביי מיר. אָ! זי וועט זיין איבערראַשט איך צו טרעפן!

— זייט באַקאַנט! איך האָב דעם כבוד פאָרצושטעלן אונדזער שריי־בער הערש מילנער. דאָס איז מיין פרוי רחל, אייערע אַן ענטוזיאַסטישע לייענערין. מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן, — האָט ער געזאָגט צו איר, העלפנדיק אַוועקשטעלן די טאַץ.

אירע אויגן האָבן זיך וואַרעם צעשמייכלט. — זייער אנגענעם, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַרערונג. הערש מילנער האָט געהאַלטן איר ווייסע, און ווי ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, גראַציעזע האַנט אין זיינער, און אַ פריידיקער ציטער איז דורכגעגאַנגען צווישן זיי — צווישן לייענער און שרייבער, וואָס דאַרפן זיין גייסטיק פאַרבונדן...

— ס׳איז פאַר אונדז אַ כבוד צו טרעפן זיך מיט איך, — האָט איר קול געקלונגען ווי מוזיק אין זיינע אויערן. דער „קנופּ״, וואָס האָט פאַר־קלעמט זיין האַלדז, איז לויז געוואָרן, פאַרשוואונדן, זיינע אויגן האָבן פריידיק אַ לייכט געטאָן און צעבליצט די ברילן. זיין שטערן האָט אויפ־געשיינט און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: — לא אַלמן ישראל, עס זיינען נאָך אַלץ דאָ טייערע יידישע לייענער, און יעדער פון זיי באַשטייט דאָך פון צענדליקער, הונדערטער אַנדערע, וואָס זיי פאַרטרעטן, אַזעלכע זיינען צוגעשיקט ווי פון הימל, צו מונטערן און קרעפטיקן דעם יידישן שרייבער, דעם יידישן קינסטלער, אויפצוהאַלטן דאָס הייליקע פייער, וואָס טאָר ניט פאַרלאָשן ווערן...

— איך וועל איצט קענען זאָגן מיינע פריינט, פאַר וועמען מיר האָבן פאַרגעלייענט אייער לעצטע דערציילונג, אַז מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט איך פערזענלעך.

— זייער אַנגענעם, און גיט זיי מיין האַרציקן גרוס, — האָט הערש מילנער געזאָגט מיט אַ פריידיקן ציטער אין קול. ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אויסגעגלייכט די צעהויקערטע פּליִיצע, אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צום רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן צום באַלקן, און ניט געוואוסט ווי

אַזוי אויסצודריקן זיין דאַנקבאַרקייט צו די ליבע מענטשן. זייערע רייד האָבן אים צוריק אויפגעלעבט, ווי אַ פרישער קוואַל, וואָס אַ דורשטיקער טרעפט אָן אין דער מדבר, און ווייסן זיי, אַז זיי האָבן אין אים אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט ?... אַז וואָס ער וועט איצט שאַפן, וועלן זיי, די טייערע לייענער, זיך מעגן אויף דעם אונטערשרייבן... און שאַפן וועט ער. עס זינגט שוין אין אים, ער פילט שוין אַ גרויסע בענקשאַפט צו דער פען.

— ס'וואָלט פאַר אונדז געווען אַ כבוד, ווען איר באַערט אונדז מיט אַ וויזיט, — האָט די פרוי ניט דרייסט געזאָגט. — מיר וועלן פאַרבעטן עט־לעכע פריינט, גוטע לייענער, וואָס וואָלטן זיך זייער געוואָלט טרעפן מיט אייך.

— איך וועל קומען מיט מיין — פרוי... — ביים וואָרט „פרוי" האָט זיך זיין צונג פאַרטשעפעט, אַ שטאַמל געטאָן און צוריק אַרויף אויפן גלייכן וועג... — איז זאָגט זשע מיר, טייערע פריינט, אַז אייער ליבע פרוי, מיין גוטע לייענעריך, הייסט רחל, ווייס איך שוין. ווי איז אייער נאָמען ?

— מיין נאָמען איז יצחק גרינגאָלד.

— זייער חשוב, פרייט מיך אייך צו קענען. יצחק איז אַ ביבלישער נאָמען. איר פאַרשטייט פון ווי ווייט מיר ציען זיך ?... אַ פאָלק, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַזוי פיל פייערן, געלאָזט זיך ברענען פאַרן ספר, וועט ניט מיט איין מאָל, מיר ניט־דיר ניט, אויפגעבן די גרויסע ירושה, די אַלטע און די נייע ליטעראַטור אונדזערע, די נייע גרויסע קלאַסיקער... זאָלן די קראָען דאָרט קראַקען, „אונטערגאַנג, אונטערגאַנג" — מיר וועלן ניט אונטערגיין !

— אָ, ניין, דאָס יידישע פאָלק לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט ברעכן ! — האָט יצחק צוגעגעבן.

ווען הערש מילנער איז אַרויס פון רעסטאָראַן איז דער הימל געווען אויסגעשטערנט. די לבנה האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן, איבערגעשיקט אַ ווייטן פריינטלעכן גרוס, און די שטערן האָבן צוגעוואונקען... אַריינ־קומענדיק אין הויז, האָט ער געטראָפן אויפן טיש פרישע בלומען... מיט אַ פיבערדיקער לוסט האָט ער זיך געזעצט שרייבן. אַ באַקאַנטע האַנט, מיט בלייכע, שלאַנגע פינגער, האָט אָנגעשטעלט אַ גלאָז מילך פאַר אים... ער האָט געהערט די שטילע באַקאַנטע טריט, וואָס האָבן אַרומגעשוועבט מיט אַ טויבן־פלאַטער, און געשריבן, געשריבן ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

אָפּגעברענט

אָשר איז געשטאַנען אין דער ריי פאַרן פענצטערל פון דער באַנק, און באַוואונדערט, ווי פלינק די בלאָנדע, שיינע קאַסירערין נעמט־אַריין און צאָלט־אויס הונדערטער, טויזנטער דאָלאַר; ווי בליץ־שנעל עס אַר־בעטן אירע ווייסע שלאַנקע פינגער — מיטן אויג ניט צו דערזען, און דער אויטאָמאַטיש־אָנגעשטעלטער שמייכל גייט ניט אַראָפּ פון אירע פלאַמיק־רויטע ליפּן, וואָס זיינען, דאַכט זיך, נאָר באַשאַפן געוואָרן געקושט צו ווערן... אַריינקומענדיק פון דער קעלט, געיאָגט פון פייכטע, וואָיענדיקע ווינטן, ווי בייזע הינט וואָלטן געריסן זיינע פּאָלעס, האָט אים די טרוקענע וואַרעמקייט אין דער באַנק אַזוי ליבלעך אַרומגענומען, אַז ער האָט אַזש פון תענוג פאַרזשמורעט די אויגן.

אויף איינער פון די מאַרמאָרנע ווענט, וואָס האָבן זיך געצויגן הויך אַרויף, ווי אין אַ טעמפּל, זיינען געהאַנגען די בילדער פון באַנק־פּרעזידענט און זיינע וויצע־פּרעזידענטן — אַלע אַזעלכע בכבודיקע לייט, מיט פאַר־טראַכטע, ערנסטע פּנימער, וואָס רופן אַרויס גרויס רעספּעקט און צוטרוי. אַריינקומענדיק פון טונקעלן, רעגנדיקן דרויסן, האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן די העלע „טאָג־ליכט”, פּרעזערווירט אין געשליפענע גלעזער פון באַגילדטע לאָמפּן, און דער דיל האָט אַ לייכט־געטאָן אַזוי שפּיגלדיק ריין — כאָטש טו דיר אויס די שיך, אײדער דו באַטרעטסט אים...

ווען אָשר איז צוגעקומען צום פענצטערל, האָט אים די בלאָנדע קאַסירערין באַגריסט מיט אַזאַ שיינעם, ליבן שמייכל, אַז אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן אַרום זיין האַרץ! — וואָס פאַר אַ גרויסער קאָנטראַסט דאָס איז געווען צום פאַרקרומטן פּנים פון זיין ווייב, וואָס איז אינדער־פרי אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט, אַ צעקנייטשטע, מיט אַ קאָפּ־ווייטיק, און אויסגעקוקט עלטער ווי זי איז.

די פּופּציק דאָלאַר, וואָס ער האָט דערלאַנגט דער קאַסירערין, זיינען שנעל, ווי מיט אַ כישוף, ניט געוואָרן צווישן אירע צאַרטע פינגער, וואָס האָבן אַזוי ווי טאַנצנדיק פאַרשריבן אין זיין ביכעלע די קיילעכדיקע סומע פון זעקס טויזנט דאָלאַר, און זי האָט מעלאָדיש אויסגעזונגען: — אַ דאַנק אייך!

אַרויסקומענדיק אַ דערוואַרעמטער פון דער באַנק, האָט אים די

קעלט אויף דער גאַס נאָך שאַרפער אַרומגעכאַפּט, נאָר אין דער בוזים־קעשענע האָט אים געוואַרעמט דאָס באַנק־ביכל, ווי אַן אמתער בוזים־פריינט, וואָס וועט אים ניט פאַרלאָזן אין אַ צייט פון נויט; אָט דאָס קליינע ביכעלע איז אויסגעוואַקסן אַרום אים ווי אַ שטאָלענער פאַנצער, וואָס וועט אים באַשיצן אין אַלע געפאַרן! שפּאַנענדיק מיט פעסטע, זיכערע טריט, ווי אויף אַן אייזערנער בריק, האָט ער זיך דערמאָנט, ווי שווער ס׳איז אים אָבער אָנגעקומען אָנצוזאַמלען אַזאַ סומע געלט, וויפל לאַנגע יאָרן ער און זיין פרוי האָבן געהאָרעוועט פאַר דעם; וויפל יונגע כוחות זיי האָבן פאַר דעם אַוועקגעגעבן — און דאָס אַלץ איז איצט מיט עטלעכע קליינינקע, „חנוודיקע” ציפערן פאַרשריבן געוואָרן מיט די געטאָקטע פינגער פון דער שיינער קאַסירערין — אוי, די קאַסירערין! זי האָט אים ערשט נאָר־וואָס באַוויזן, אַז ער איז נאָך ניט אַלט, אַז זיין האַרץ איז נאָך יונג, כאָטש ער איז שוין אַ זעכציקער. און דאָס נעמט זיך אפשר פון דעם, וואָס עס גייט אים גוט; וואָס ער און זיין פרוי זיינען ניט קיין קראַנקע מענטשן. זיי וואוינען אין אַ באַקוועם אייגן הויז, וואָס איז שוין באַלד אַ העלפט אויסגעצאָלט, און איצט, מיט אָפּגעשפּאָרטע זעקס טויזנט דאָלאַר, קאָנען זיי שוין לאָזן אַ פייגעלע אין וואַלד זאָרגן.

עס קומט אים אַנטקעגן אַ מאַן אין אַ קויטיק־צעלעכערטן מאַנטל. פון זיין באַוואָקסענעם פנים קוקן־אַרויס מעסערדיקע אויגן. ער וואָלט זיך מיט אַזעלכן ניט געוואָלט אָנטרעפן ערגעץ אין דער פינצטער. דער פאַרשוין דערנעענטערט זיך מיט דראָענדיקע טריט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף עפּעס! נאָר ער לאַכט פון אים: זיינע זעקס טויזנט דאָלאַר זיינען באַשיצט אין ביכעלע, ווי אין אַן אייזערנער קאָסע, וואָס נאָר ער אַליין האָט דעם צויבער־שליסל צו איר! — דער פאַרשוין איז אים שוין פאַרבייגעגאַנגען.

ס׳האָט אויפגעהערט רעגענען. פון די טונקעלע וואָלקנס קוקט־אַרויס אַ שטיקל בלויער הימל, ווי דער בלאָנדער קאָפּ פון דער קאַסירערין... דער וועטער־נביא האָט טאַקע געזאָגט, אַז ס׳וועט זיך היינט אויסלייטערן.

אָט איז די קאַפעטעריע, וואו ער האָט זיך באַשטעלט צו טרעפן מיט זיין ווייב, נאָך דעם ווי ער וועט אַריינלייגן דאָס געלט אין דער באַנק, וואָס איז אויף זייער ביידנס נאָמען. זיי וועלן דאָ עסן „לאָנטש” און דערנאָך זיך גיין אומקוקן וועגן קויפן אַן אויטאָמאָביל. די אַלטע מאַשין ווערט שוין צו־אָפּט קאַליע, טרינקט אַ סך אויל, זי איז געוואָרן אַן „אויל־קאָהאָליקערין” אויף דער עלטער, הוסט, כראַקעט און דעכעט מיט די זייטן. לאָס־אַנדזשעלעס איז אַ שטאָט אויף רעדלעך — אָן אַ מאַשין איז מען דאָ ווי

אָן פּיס. און אָט שײַנט שוין אויף די זון. קאַליפאָרניע דערמאָנט אים אין אַ קאַפּריזנער קאָקעטקע: „ערשט געוויינט און שוין אַ שמייכל". פון אײניקע פּאַלמען־ביימער, וואָס האָבן אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, קאַפּען די לעצטע טראָפּנס רעגן, ווי פון אויסגעצוואָגענע גרינע צעפּ.

— וואָס האָט דיר גענומען אַזוי לאַנג ?! — האָט שיינדל, זײַן ווײַב, אים געפרעגט, ווען ער איז צוגעקומען צום טיש אין דער קאַפּעטעריע, וואו זי איז געזעסן.

— לאַנג ? ביסט אוודאי געווען אומגעדולדיק, האָסט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף מיר, האָט זיך דיר אויסגעוויזן, אַז ס'נעמט לאַנג.

זײַנע באַקן זײַנען געווען רויט פון ווינט. אין זײַנע אויגן האָט געשוימט דער ווײַן פון רײַפע יאָרן.

שיינדל, זײַן ווײַב, האָט איצט אויסגעקוקט אַנדערש — גאָרנישט די זעלבע וואָס אינדערפרי, ווען זי איז אַ פאַרקרומטע, אַ קרעכצנדיקע, אַרויסגעקראָכן פון בעט: די קנייטשן אין איר פּנים, אויסגעגלעט, אויס־געפילט ווי שפּאַלטן אין אַ וואַנט... די ליפּן — ווי זי וואָלט געטרונקען רויטן ווײַן. די האָר מיט געשמאַק פאַרקעמפּט, און לויט דער מאָדע — אַ געזשיפּקע אויפן שטערן, אונטער אַ קליין קאָקעטיש היטעלע.

— שיינדל, דו שײַנסט דאָך גאָר! קוקסט־אויס ווי אַ פאַרפירערין!...

— פאַררעד מיר ניט די ציין! איך זיץ שוין דאָ אַריבער אַ שעה. מענער קוקן פאַרדעכטיק אויף אַ פרוי, וואָס זיצט אַליין!...

— הער זיך אײַן, שיינדל, אַז מען האָט דיך ניט געקאָנט אָפּרעדן פון מיר ביז אַהער —

— שוין געהערט די חכמה! מאַכן אַ „דעפּאָזיט" זאָל נעמען אַזוי לאַנג ?!

— וואָס מיינסטו ? איך בין דער אײנציקער, וואָס קומט אַרײַנלייגן געלט אין דער באַנק ? ס'שטייען דאָרט לאַנגע רייען ביז צו דער טיר. די קאַסירער אַרבעטן טאַקע שנעל — מיטן אויג ניט צו דערזען. נאָר ווייסטו וויפל הונדערטער, טויזנטער דאָלאַר זיי „הענדלען"־איבער ? — נעמט עס צײַט. נו, איצט האָבן מיר שוין אויפן ביכל די קיילעכדיקע סומע פון זעקס טויזנט דאָלאַר!... אַ גוטע פאַרזיכערונג פאַר אַ רעגנדיקן טאָג!

— האָט ער געזאָגט מיט מעטאַל אין דער שטימע.

— מיר זײַנען נאָך ווײַט פון צו זײַן גבירים, — האָט אים שיינדל אַראָפּגעשלאָגן די פליגל, ווײַל ס'האָט איר נאָך אַלץ פאַרדראָסן, וואָס זי האָט באַדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף אים.

— אַז מיר זײַנען געזונט און קאָנען אַרבעטן, זײַנען מיר גבירים,

און זעקס טויזנט דאָלער איז נאָך אַלץ אַ פיינע סומע! אונדזער הויז האָבן מיר שוין באַלד אַ העלפט אויסגעצאָלט — איז ניט געזינדיקט!

— איך זינדיק ניט. כ'האָב נאָר געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ רייכערע פון אונדז! — האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן אויפטייען פונעם פאַרדרוס, און אים ענדלעך באַשאָנקען מיט איר אייגנאַרטיקן שיינדל־שמייכל, וואָס האָט אין זיינע אויגן אַ באַזונדערן חן.

— אַט אַזוי רייד! נו, גייען מיר זיך אומקוקן וועגן אַ מאַשין?

— אַוודאי!

זיי האָבן באַקוקט פאַרשיידענע מאַשינען: עלטערע, ייִנגערע און נייע. די פאַרקויפער האָבן אַרויסגערעדט די גאַל פון זיך, נאָר די פריזן זיינען געווען אַזוי הויך, אַז ס'וואָלט זיי געמאַכט אַ צו־גרויסן לאָך אין דער קאַסע; האָבן זיי באַשלאָסן צוואַרטן: אפשר וועט זיך מאַכן אָפקויפן אַ מאַשין ביי אַ פּריוואַטער פּערזאָן.

אויף דער גאַס האָט שוין העל געשיינט די זון, נאָר די וואָלקנדלעך גאַנץ, וואָס זיינען אַרויס פון די טויזנטער טרובענדיקע אויטאָמאָבילן, האָבן קאַליע געמאַכט די מילדע קאַליפאָרניער לופט און געביסן אין האַלדז.

גייענדיק אַזוי, האָט אין אַשרס קאָפּ אויפגעטויכט אַן אַלטער געדאַנק: אפשר וואָלטן זיי גאָר געמאַכט אַ רייזע? אַזוי פיל מענטשן פאָרן איצט קיין ישראל, פוילן, סאָוועטן־פאַרבאַנד — פאַרוואָס זאָלן זיי אויך ניט פאָרן? ער וואָלט נאָך געוואָלט זען די שטאָט, וואו ער איז געבוירן געוואָרן; זען די גאַס, דאָס הויז, וואו זיין וויגל איז געשטאַנען; אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן די נייע אָרדענונג אין דער ערשטער אַרבעטער־מלוכה, וואָס ער האָט נאָך אין זיינע יונגע יאָרן געהאָלפן איר אַרונטער־וואַרפן פון זיך דעם צאַר... און אויף ווען וועט ער וואַרטן? די צייט שטייט ניט; מען ווערט עלטער. לעצטנס לויפט די צייט מיטן אויג ניט צו דערזען! — שפּרינגט אָבער אַרויס אַ צווייטער געדאַנק און מוסרט אים:

„ווען דו ביסט אַ פּראַקטישער מענטש, נעמסטו ניט און צעפּטרסט דיין ביסל שווער־אָפּגעשפּאָרט געלט!"

„וואָס איז געלט?!" — שפּאָט אַ דריטער געדאַנק, — רייכערע מענטשן שטאַרבן אַוועק און לאָזן איבער דאָס געלט אין דער באַנק. ווי לאַנג דו קאָנסט, לעב! כאַפּ אַריין!"

דער לעצטער געדאַנק געווינט די אויבערהאַנט איבער אים, און ער זאָגט צו שיינדלען.

— וויסטו גאָר וואָס איך טראַכט?

—וואָס טראַכסטו?

— איך טראַכט, מיר זאָלן מאַכן אַ רייזע!...

— אַ רייזע?! אַשר! דיין קאָפּ איז פול מיט פּלענער. איך זע, אַז דאָס באַנק־ביכל לאָזט דיך ניט רוען. נאַ דיר גאָר אַ רייזע! וואוהין ווילסטו פּלוצלונג פאָרן?

— ס'איז ניט פּלוצלונג! איך חלום שוין יאָרן דערפון: אײדער איך שטאַרב, וואָלט איך נאָך געוואָלט זיין אין מיין היים־שטאָט, מינסק. אַ סך מענטשן פאָרן איצט קיין פּוילן, ישראל, סאָוועטן־פאַרבאַנד — פאַר־וואָס זאָלן מיר אויך ניט פאָרן? איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט!

— וויסטו כאָטש, וויפל אַזאַ רייזע דאַרף אונדז אָפּקאָסטן? ס'וועט דאָך אונדז איינגאַנצן אויסליידיקן: אַז עס וועט אָנקומען אַ שלעכטע צייט, וועלן מיר בלייבן מיט דער נשמה אין דער האַנט! — האָט זי אים גע־וואָרנט. און דאָך, האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט אָנגעצונדן אַ לוסט־פייערל אין אירע אויגן צו רייזן. זיין פּלאַן האָט זי אַ ביסל צעטומלט. זי האָט זיך פאַרטראַכט...

— וואָס איז געלט? — האָט ער פילאָזאָפירט, — מען קאָן האָבן מיליאָנען און זיין אַן אָרעמאַן. אַחוץ דעם, פאַרלירט איצט דאָס געלט די ווערט מיט יעדן טאָג. ס'איז שוין באַלד געבליבן אַ דריטל פון דאָלאַר. אומזעבאַרע גנבים ליידיקן דיר אויס די קעשענעס! זע: מיר האָבן שוין באַלד אויסגעצאָלט אַ „פּאָליסי", וואָס מיר האָבן יאָרן־לאַנג איינגעצאָלט מיט אמתע, שווער־פאַרהאָרעוועטע דאָלאַרן — איצט וועסטו צוריקקריגן „קוואָטערס"! און ס'איז אַפילו ניטאָ פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן! זעסטו, אַז דו מאַכסט אַ רייזע, נעמסטו אַריין אין זיך נייע וועלטן. נייע איינדרוקן. דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס קיין „אינפלעישאַן" קאָן ניט צעשמעלצן. עס בלייבט אין דיר ווי לאַנג דו לעבסט. שיינדל, איך וואָלט אַוועקגעגעבן ווער וויסט וויפל, צו זיין נאָך אַמאָל אין מיין שטאָט מינסק!

ער האָט אַזוי לאַנג אַריינגערעדט אין איר, אַזוי לאַנג געוועקט דעם חשק צו פאָרן, ביז זי האָט געזאָגט:

— און דו מיינסט, אַז איך וואָלט ניט געוואָלט זיין אין מיין היימשטאָט אָדעס? אוי, ציט עס מיך אַהין! — האָט זי גערעדט מיט בענקשאַפט.

— אָ, אָדעס — האָט ער אויסגערופן און צוגעזונגען:

אין אָדעס, אין אָדעס, אויף דער מאָלדאַוואַנקע —
האָט געטאַנצט אַ שאַרלאַטאַן מיט אַ שאַרלאַטאַנקע!...

— אָשר! דו גייסט דאָך אויף דער גאַס, מענטשן קוקן!

— זאָלן זיי קוקן. ווּעמען אַרט עס! הער זיך איין: קיין קליינע קינדער האָבן מיר שוין ניט, אונדזער הויז איז אַ העלפט אָפּגעצאָלט. אפילו נאָך דער רייזע, וועט אונדז נאָך אויך בלייבן אַ ביסל געלט. שיינדל, מיר פאָרן!

— אָשר, דו ביסט אַ היצקאָפּ! אַט זאָגסטו, אַז מיר זיינען שוין פאַרזאָרגט פאַר אַ שלעכטער צייט, אַט גייסטו קויפן אַ נייע מאַשין, און אַט מאַכסטו גאָר אַ רייזע! — אַזעלכע זאַכן כאַפּט מען ניט, מען דאַרף זיך געלאַסן באַטראַכטן!

— וועגן דער רייזע טראַכט איך שוין יאָרן־לאַנג. און קויפן אַ מאַשין, זעסטו, קאָנען מיר ניט — פּשוט, מען שינדט דיך אָפּ לעבעדיקערהייט! וועט מען פאַרריכטן די אַלטע. טויזנטער מענטשן פאָרן אין אַלטע מאַשינען... מיר וועלן צוקויפן נייע טיילן פאַרן מאָטאָר, וועט זי ווידער שלעפּן.

ער האָט אין איר אַזוי לאַנג איינגערעדט פון דער רייזע, ביז זי האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ווייסט, אָשר? אַז דו הויבסט־אָן עמעצן צורעדן צו עפּעס, קאָנסטו אַראָפּפירן כ׳וויס אַליין ניט וועמען פון וועג...

— פאַרקערט, שיינדל מיטן חנדל, איך פיר דיך אַרויף אויף אַ וועג — אַ וועג צו נייע לענדער, נייע שטעט, נייע מענטשן!

מאַכנדיק פּלענער פאַר דער רייזע, זיינען זיי שוין געפלויגן אין עראָפּלאַנען, געפאָרן אין באַנען, געוויגט זיך אין שיפן צווישן הימל און ים און באַוואונדערט גאָטס גרויסע שיינע וועלט, וואָס איז געווען אַזוי פיל יאָרן פאַרשטעלט פאַר זיי.

ביי אַ מאָלצייט האָט שיינדל באַמערקט, אַז אָשר עסט ווייניק.

— וואָס עפּעס ביסטו מיר פּלוצלונג געוואָרן אַזאַ קליינער עסער?

— איך האָב אַ שטיקל בויך־ווייטיק.

— אַ בויך־ווייטיק פּלוצלונג? ס׳האָט זיך דאָרט אוודאי עפּעס פאַרלייגט. טרינק אַ סך הייס וואַסער מיט פּרוכט־זאַפט — וועט עס אַראָפּשווענקען.

עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג, און דער ווייטיק איז ניט אַראָפּגעשווענקט געוואָרן. ער האָט זיך נאָך פאַרשאַרפט. אָשר האָט צייטנווייז אָנגעהויבן איינגעהאַלטן אונטערצוקרעכצן. אַז ס׳האָט אים אַ ביסל אָפּגעלאָזט, האָט ער אין פיבערדיקן גרייטן זיך צו דער רייזע אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם. נאָר עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן האָבן אים די ווייטיקן

אַזוי אָנגעכאַפּט, אַז ס׳האָט אים אַזש פאַרצויגן ביים האַרץ. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן און געווישט דעם שוויס פון שטערן.

שיינדל איז געגאַנגען מיט אים צו אַ דאָקטאָר אין אַן אַרבעטער־געגנט. דאָס וואַרט־צימער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. אייניקע האָבן געמוזט שטיין. די שווערע, דעמפּיקע לופט איז אַוודאי געווען אַ געמיש פון פאַרשיידענע קראַנקע באַצילן, וואָס די פּאַציענטן האָבן אויסגעטוישט צווישן זיך. טייל האָבן זיך „צוזאַמענגערעדט״ דורך אַ הוסטעריי. נערוועזע הענט האָבן אומגעדולדיק געמישט אַלטע זשורנאַלן מיט פאַרטריקנטע געלע בלעטער.

וואַרטנדיק אויפן דאָקטאָר, האָבן אַשרן די ווייטיקן דווקא אויפגעהערט, און ער האָט געטראַכט, אפשר איז דאָס גאָרניט? מאַלע אַ מענטש האָט אַמאָל אַ בויך־ווייטיק? — האָט ער פריידיק געשטיצט דעם געדאַנק. ווען ער איז דאָ אַליין, כאַפּט ער זיך באַלד אַרויס פון דאַנען; נאָר ווי אַזוי זאָגט מען דאָס שיינדלען? זי וועט דאָך באַלד עפענען אַ מויל... אין אַלע צרות פירט זי אים אַריין: דערזען, ער גיט זיך אַ קרים, האָט זי אים באַלד געשלעפּט, ער זאָל זיך לאָזן אונטערזוכן. און איצט, ווען ער האָט איר שוין געוואָלט אָנהייבן דערקלערן, אַז ס׳קאָן זיין, ס׳איז אים גאָרניט, איז געקומען זיין „נעקסט״.

— וואָס איז אייך? — האָט אים דער דאָקטאָר געפרעגט.

— ווייטיקן אין מאָגן.

דער דאָקטאָר האָט געגראָבן די פינגער אין זיין בויך, ווי אין ווייכער גומע, געפּרואווט זיך דערקלייבן צו טיפע ווינקלען, צו זען מיט די שפּיץ־פינגער, וואָס דאָרט טוט זיך, און האָט אים עפּעס שנעל פאַרשריבן, ווייל דער וואַרט־זאַל איז געווען געפּאַקט מיט פּאַציענטן.

אין דער אַפּטייק איז אשר דערשטוינט געוואָרן, וואָס פאַר אַזאַ קליין פלעשעלע פילן זאָל מען רעכענען אַכט דאָלאַר! ער האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויפן פאַרמאַציסט, געעפנט דאָס מויל — און גאָרניט געזאָגט.

אויסגענומען די פילן און זיי האָבן אים ניט געהאָלפן — איז ער ווידער אַוועק צום דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן נאָך אַ מער קאָסטבאַרע מעדיצין. אַז ס׳איז אים פאָרט ניט בעסער געוואָרן, איז ער אַוועק צו אַן אַנדער דאָקטאָר. און פאַר די מעדיצינען האָט מען גערעכנט, ווי דאָס וואָלט געווען גאָלד מיט בריליאַנטן — געלט איז געפלויגן.

ער איז געגאַנגען צו אַ ספּעציאַליסט, וואָס נעמט פופציק דאָלאַר ביי זיך אין אָפיס. דער ספּעציאַליסט האָט אים געשיקט אין אַ לאַבאָראַטאָריע

נעמען ספּעציעלע „עקסרעיס״. אָשר האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ, וויפל דאָס האָט אָפּגעקאָסט! דאָס „בילד״, וואָס האָט אין אָשרס אויגן אויסגעזען ווי אַ סקעלעט געמאָלן מיט סאַזשע, האָט געהאַט פינצטערע ווינקלען, שאָטנדיקע קנייטשעלעך, ווי עפּעס אַ קליין טייוועלע האָט זיך דאָרט באַהאַלטן און וויל אים פאַרקירצן די יאָרן.

דער ספּעציאַליסט האָט באַטראַכט די „עקסרעי״ און געזאָגט:

— ס׳איז עפּעס אַנגעוואַקסן, וואָס מען מוז אויסשניידן.

— שניידן? — האָט זיך אָשר דערשראָקן, — קאָן מען דאָס ניט היילן מיט מעדיצין אָדער מיט אַ דיעטע? — האָט ער מיט אַ שוואַך קול געפּרואווט אָפּדינגען.

— מען דאַרף אויסשניידן.

— מוז איך דורכגיין אַן אָפּעראַציע?

— איר מוזט ניט, ס׳ווענדט זיך אין אייך...

— איך האָב זיך גאָר געקליבן צו מאַכן אַ רייזע.

— וואוהין?...

אין שפּיטאָל האָט מען פאַרלאַנגט, ער זאָל באַלד איינצאָלן צוויי הונ־דערט דאָלער. שיינדל איז אַוועק אין דער באַנק און געבראַכט דאָס געלט. זיי האָבן אויך געקראָגן אַ פּאַפּיר אונטערצושרייבן, אַז זיי ווען יעדע וואָך מאַכן איינצאָלונגען צו דעקן די דערוויילקע קאָסטן. זיי האָבן געמוזט אָפּ־געבן זייער הויז, און וויפל געלט זיי האָבן אין דער באַנק.

וואַרטנדיק אין דער „לאָבי״, ביז ס׳ועט זיך אויסליידיקן אַ בעט, האָט שיינדל געזאָגט צו אים:

— היינטיקע צייטן, אָשר, איז אַן אָפּעראַציע ניט ווי אַמאָל. מענטשן גייען דורך עטלעכע אָפּעראַציעס, און קומען אַרויס געזונט... מען גיט דיר אַ פּיל און דו דרימלסט איין; ווען דו כאַפּסט זיך אויף, איז שוין נאָך אַלעם... — דער ציטער, וואָס זי האָט געזוכט צו באַהאַלטן אין איר קול, האָט איר אָבער פאַרראַטן... ער האָט געפילט, ווי דורך איר האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיינער, גיסט זיך איבער צו אים איר ליבשאַפט און געטריישאַפט.

ער האָט אַ פאַרדעמפטן הוסט געטאָן און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זי זאָל ניט זען, ווי זיינע אויגן פייכטן זיך אַ ביסל.

מען האָט לעבן זיי פאַרבייגעפירט אַן „אויסגעשריבענעם״ פּאַציענט אין אַ רעדל־שטול. ער האָט אויסגעקוקט ווי פון טויט לעבעדיק, מיט אַ סוד אין די אויגן פון יענער וועלט...

אָשר האָט פאַרנומען זיין בעט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים אָפּערירט. נאָך דער אָפּעראַציע האָבן זיך אַנטוויקלט קאָמפּליקאַציעס — ער איז אָפּגעלעגן אַכט וואָכן אין שפּיטאָל. פאַרן בעט אַליין האָט מען גערעכנט ניין־און־צוואַנציק דאָלאַר אַ טאָג. צוויי וואָכן צייט — ווען ער האָט געשוועבט צווישן דער וועלט און יענער וועלט — האָט ער געמוזט האָבן „נוירסעס" אויף בייטאָג און ביינאַכט. ס'האָט אָפּגעקאָסט גאָלד. יעדע וואָך האָט מען שיינדלען צוגעשטעלט אַ חשבון, וואָס זי האָט טייל־ווייז געמוזט דעקן, ציענדיק געלט פון דער באַנק. דער דאָקטאָר האָט גענומען פאַר דער אָפּעראַציע פינף הונדערט דאָלאַר. זיין געהילף — צוויי הונדערט און פופציק. מען האָט גערעכנט פאַרן בלוט, וואָס מען האָט איבערגעגאָסן אין אים פון דער בלוט־באַנק, פאַר מעדיקאַמענטן, פאַר יעדער קלייניקייט — אפילו פאַר וואַטע האָט מען גערעכנט.

אָשר איז אַרויס פון שפּיטאָל אַן אָרעמאַן און אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט אפילו ניט געקאָנט טראַכטן פון גיין אַרבעטן. ס'האָט גענומען חדשים, ביז ער איז געקומען צו זיך; און ווען ער וואָלט שוין אפשר גע־קאָנט אַרבעטן, איז קיין אַרבעט ניט געווען. די נויט האָט אַ שאַרף־געטאָן אירע ציין אויף זיי. דער „בוזים־פריינט" האָט אים פאַרלאָזט. זיין „איי־זערנע קאַסע" איז אויפגעבראָכן געוואָרן, און מען ווייסט אפילו ניט ווער עס זיינען די גנבים... ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון דער „פינאַנץ־קאָמפּאַני", אַז ער מוז צאָלן די „מאָרטגעדזשעס" פאַרן הויז — אַניט וועט מען דאָס צונעמען.

— שיינדל, מיר זיינען אָפּגעברענט געוואָרן! אַרויס אָרעמע לייט! אַזוי פיל יאָרן געהאָרעוועט, געשפּאָרט און געזאַמלט, מאַכט זיך אין „דריי" — און אַלץ אַרום צעפּאַלט ווי אַ קאָרטן־שטיבל?

— אָשר, זינדיק ניט, ס'האָט געקאָנט זיין נאָך ערגער! פאַרגעסט גאָר, אַז דו ביסט שוין געשטאַנען מיט אַ פוס אויף יענער־וועלט? דאַנק גאָט, וואָס דו ביסט געבליבן לעבן!

— וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס?!

ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען אָשר האָט אַרויסגענומען די לעצטע עט־לעכע דאָלאַר פון דער באַנק. ער איז געווען אויסגעבלייכט, פאַרלוירן וואָג. ס'רעקל איז אויף אים געהאַנגען. די פיס האָבן אים נאָך אַלץ אַ ביסל געציטערט. ער האָט געשטעלט לאַנגזאַמע, פאַרזיכטיקע טריט, ווי דער באָדן וואָלט זיך געהאַלטן אין איינברעכן אונטער אים.

אַ פאַרלוירענער פריינט

צו שין דייקסעל

שלמה פלעגט צייטנווייז טראַכטן פון זיין יוגנט-פריינט מענדל און זיך וואונדערן וואו ער האָט געקענט אַהינקומען. אין דער אַלטער היים זיי־נען זיי געגאַנגען אין איין חדר. דערנאָך — געלערנט אין איין ישיבה, צוזאַמען אָנגעהויבן לייענען אַפּיקורסישע ביכלעך. אַריין אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג. און אין דער צווישן-צייט פון פּאַרטיי־אַרבעט — צוזאַמען זיך פאַרליבט אין איין יונגער קורסיסטקע, וואָס מען האָט זי גערופן „די געטין״, ווייל זי האָט געהייסן מערי און געהאַט אַ בלאַס־פאַרטרויערט פּנים מיט טרויעריקע מאַמע־אויגן, אָנגעפילט מיט צער און רחמנות, אַז זי האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ קאָפּיע פון דער הייליקער מאַמען...

זי האָט באַדאַרפט אויסקלייבן איינעם פון זיי פאַר איר באַשערטן, האָט זי אָבער אַזוי לאַנג געצויגן די שפּיל... ביז מען האָט די צוויי אַרעס־טירט, געהאַלטן אין פאַרשיידענע טורמעס, איינער האָט ניט געוואוסט וואו דער צווייטער איז אַהינגעקומען. שלמה איז געווען זיכער, אַז מענדל איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין סיביר און לעבט ניט מער. ער האָט זיך אָפט געפילט שולדיק קעגן אים, ווייל קומענדיק קיין אַמעריקע,האָט ער דאָ געטראָפן „די געטין״, און זיי האָבן חתונה געהאַט.

איינמאָל, אין אַ הייסן ניו־יאָרקער זומער־טאָג, גייענדיק אויף בראָדוועי, צווייי־און-פערציקסטע גאַס, שטופנדיק זיך צווישן אַ געדיכטער מאַסע מענטשן — ווער קומט אים גלייך אין פּנים אַריין? זיין יוגנט־פריינט מענדל... שלמה איז געבליבן שטיין צעטומלט, ווי ער וואָלט דער־זען עמעצן פון יענער־וועלט. מענדל האָט געקוקט אויף אים מיט אויפ־געריסענע אויגן. זיי האָבן זיך געוואָלט אַרומכאַפּן, פאַלן אויפן האַלדז, נאָר אין דער ענגשאַפט ניט געקענט רירן מיט די הענט.

— שלמה! וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? כ׳האָב דאָך ניט גע־וואוסט וואו דיין געביין איז אַהינגעקומען!

— דו ביסט פאַרפאַלן געוואָרן! כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין ניט צווישן די לעבעדיקע! זע נאָר, זע, מענדל מיט די ביינער!

אַז די ערשטע איבעראַשונג האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפן, פרעגט מענדל:

— וואָס מאַכסטו, ווי גייט עס דיר?

— ווי זאָל עס גיין? קיין רייכער מאַן בין איך אין אַמעריקע ניט געוואָרן. מען אַרבעט אין אַ שאָפּ און מען ראַנגלט זיך צו מאַכן אַ לעבן. וואָס טוסטו?

— דאָס זעלבע.

— וואו געפינסטו זיך?

— איך וואוין שוין יאָרן אין שיקאַגאָ. איצט בין איך געקומען צו־גאַסט קיין ניו־יאָרק.

— איך האָב אָפט געטראַכט פון דיר, געמיינט ביסט אומגעקומען ערגעץ אין אַ טורמע, אָדער פאַרפרוירן געוואָרן אין סיביר, און זע־נאָר, אַזאַ צופאַל: צווישן טויזנטער מענטשן קומסטו מיר גלייך אין פּנים אַריין!

די רייד צווישן זיי האָבן אַ שטראָם געטאָן, ווי זיי וואָלטן דורכגע־בראָכן אַ צוים, וואָס האָט זיי אַ לאַנגע צייט פאַרהאַלטן. פאַרשיידענע פּאַסירונגען זיינען שנעל אויפגעלעבט געוואָרן. פאַרבייגייער האָבן געזען ווי צווי מענטשן זיינען היציק פאַרקאָכט אין אַ שמועס, כאָטש זיי ווערן געשטופּט און געשטויסן פון אַלע זייטן.

נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע פריינט, משפּחה, האָט מענדל מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— און ׳די געטין׳ געדענקסטו נאָך...

— צי איך געדענק זי?... — האָט שלמה פאַרשולדיקט געזאָגט און ס׳האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ...

— מיר זיינען דאָך שיער ניט געגאַנגען אַ דועל איבער דיר, — האָט מענדל געלאַכט און דאַכט זיך אַ שטשירע געטאָן מיט עטלעכע פאַר־געלטע ציין אונטער דער פאַרשאַרצטער ליפּ... — זי האָט אונדז ביידע געצויגן אויף אַ שטריקל... אַפּנים אַז זי האָט הנאה געהאַט פון דער שפּיל. דו ווייסט דאָך מיר ניט זאָגן, אַז דו געדענקסט זי ניט?

— כ׳געדענק זי, אוי געדענק איך זי... ס׳הייסט, דו ווייסט גאָרניט?

— וואָס ווייס איך ניט?

— איך האָב דאָך זי דאָ געטראָפן.

— אָן אַ קאָנקורענט, פאַר זיך אַליין, — האָט ער, דאַכט זיך, אַ בייסנדיקן זאָג געטאָן, פאַרשאַרצנדיק ווידער אַ ביסל די אויבערשטע ליפּ.

— יאָ, און מיר האָבן חתונה געהאַט! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן מיט קוראַזש. — מיר האָבן שוין דריי דערוואַקסענע קינדער!

— ניין!...

— יאָ.

— וואָס איך הער!

— דאָס וואָס דו הערסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ וואונדער? מענטשן האָבן חתונה, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן ניט...

מענדל האָט צעטומלט געשמייכלט. — אַזוי, אַזוי. איז 'די געטין' דיין פרוי.

— וואָס פאַר אַ 'געטין'?! — האָט זיך שלמה פאַרענטפערט. — זי האָט געשוואָלענע פיס. זי איז זייער נערוועז... און האָט אַ שאַרפע צונג... 'געטין'. ניטאָ קיין געטער אויף דער ערד. אָבער אַזוי, אַז די נערוון לאָזן זי אָפּ, גיט נאָך אַ שיין אַמאָל יענע קורסיסטקע, וואָס מיר געדענקען.

— נו, זאָל דיר זיין מיט גליק, — האָט מענדל געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס מען האָט געקענט פאַרשיידנאַרטיק טייטשן...

— און דו ביסט דען פאַרזעסן?...

— ניין, ס'האָט זיך געפונען איינע, וואָס האָט מיך ניט בראַקירט. איך האָב שוין צוויי דערוואַקסענע זין.

— נו, זאָל אונדז ביידע זיין מיט גליק. איך בין טאַקע צופרידן וואָס דו ביסט ניט געבליבן קיין אַלטער בחור, די אַלטע בחורים זיינען ציניש און פאַרביטערט... הער זיך איין, איך וואָלט דיך איצט פאַרבעטן צו מיר אַהיים, נאָר מערי ליגט אין בעט מיט אַ 'קאָלד', און זי וועט זיך פילן אומבאַקוועם... דו מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז דו וועסט קומען צו אונדז און באַנייען די אַלטע פריינטשאַפט. איצט וועסטו שוין ביי מיר ניט פאַרפאַלן ווערן, אָ, ניין! דאָ איז ניט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, וואו מענטשן פלעגן אומגעריכט פאַרשווינדן, וואָס שטייען מיר איינמיטן גאַס און פאַר־שטעלן מענטשן דעם וועג? מען וועט דאָך אונדז אומוואַרפן. לאָמיר אַריינגיין ערגעץ אַוועקזעצן זיך, אויסטרינקען אַ טעפל קאַווע. איך האָב מיט דיר זייער אַ סך צו ריידן. ס'האָט זיך אַזוי פיל אָנגעזאַמלט, אַז איך ווייס ניט ווען מיר וועלן אַמאָל פאַרטיק ווערן.

פון די רעסטאָראַנען, נאָענט צו דער פינפטער עוועניו, וואו זיי האָבן

זיך געפונען. האָבן אַרויסגעשיינט ווייס־געדעקטע טישן מיט בלומען. פינקלדיק־געשיר, געשליפענע גלעזער און גלעזלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן. קעלנער און קעלנערינס האָבן לייכט אַרומגעשוועבט, ווי זיי וואָלטן נאָכגעפאָלגט די שטילע טענער פון דער מוזיק, וואָס האָט געגלעט און באַרואיקט די נערוון. אינעווייניק איז געווען גערוים און קיל. קיין ביי־זער אויפזעער שטייט ניט איבער דיר און טרייבט מיט די בליקן: „האָסט אָפּגעגעסן? — גיי. אַנדערע וואַרטן אויפן פּלאַץ!״

שלמה האָט געוואָלט פאַרבעטן זיין לאַנג־פאַרלוירענעם פריינט אין איינעם פון די פיינע רעסטאָראַנען, נאָר די הויכע פּרייזן האָבן אים צוריק־געהאַלטן. מענדל וואָלט אויך געוואָלט אַריינגיין אין אַזאַ עלעגאַנט פּלאַץ, וואו מען קאָן זיצן און שמועסן ווי לאַנג מען וויל, נאָר ער האָט זיך צו־ריקגעהאַלטן. איבערציילנדיק בלינד מיט די פינגער, ס׳ביסל קליינגעלט אין זיין קעשענע, וואָס האָט אים און זיין געפונענעם חבר געפירט צו איי־נעם פון די נאָענטסטע „אויטאָמאַטן״.

מענדל האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף שלמהן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שלאַנקער יונגערמאַן און איז דאָ געוואָרן דיק און שווער, שלעפּט נאָך די מידע פיס, זיינע אַמאָליקע שוואַרץ־פינקלדיקע אויגן — פאַרנעפּלט. זיין קליידונג — אָפּגעלאָזן.

און שלמה באַמערקט, אַז מענדל איז נאָך אַלץ דין און רויט־האָריק; ווי זיין קאָפּ און די ברעמען וואָלטן געברענט.

דורכגייענדיק אַ גאַס, האָט דער שווערלעכער שלמה ניט געקאָנט נאָכלויפן מענדלען. און אַ רויט ליכט האָט זיי איבערגעשניטן, צעשיידט און ער האָט מיט פאַרדרוס אַ טראַכט געטאָן: „אָט, ער האָט אים שוין ווידער פאַרלוירן״, אַ האַלבן „בלאָק״ ווייטער האָבן זיי זיך, ווי דורך אַ נס, צוריקגעפונען אינעם ווירבלדיקן מענטשן־ים.

— איך האָב געמיינט אַז כ׳האָב דיך שוין ווידער פאַרלוירן! — האָט שלמה געסאָפּעט — וואָס לויפסטו אַזוי?

— איך לויף ניט. מען שטופּט מיך. כ׳מוז מיטהאַלטן מיטן „קראַוד״. דאָ ברודערל אַז דו שפּאַנסט ניט מיט, פאַלסטו. דיר איז שווער נאָכצו־פאָלגן. וואָלסט געמעגט אָנווערן אַ פּאָר פונט.

— נו, מילא, וועגן דעם וועלן מיר נאָך ריידן. איך נעם ניט צו קיין וואָג פון וואוילטאָג... זאָג מיר בעסער, דו געדענקסט נאָך אונדזער רבין, מענדל קיינטשיק?

— אַ פראַגע צי איך געדענקט מענדל קיינטשיק!

— געדענקסט ווי ער האָט אונדז געקאַטעוועט? ער לעבט נאָך?
— ער איז שוין לאַנג טויט.
— און דיינע עלטערן?
—אומגעקומען ביי היטלערן.
— זאָג מיר, וואָס איז געוואָרן פון דיין שוועסטער, וואָס איז אַרומגע־גאַנגען מיט אַ קריסטלעכן סטודענט, ווי האָט ער געהייסן?
— זיי האָבן חתונה געהאַט. וואוינען אויך אין שיקאַגאָ און האָבן שוין דערוואַקסענע קינדער.
— כ'הער ניט, וואָס זאָגסטו?!
— דערוואַקסענע קינדער!! — האָט מענדל געשריגן. כאָטש זיי האָבן גערעדט הויך, זיינען זייערע שטימען איינגעזונקען געוואָרן אין דער בראַזגעריי פון גאַסן־פאַרקער, וואָס האָט געליאַרעמט און געהילכט ווי אַ גיהנום־אָרקעסטער.

זייערע פיס האָבן זיי אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן „אויטאָמאַט", אַראָפּ־צוגיין מיט שטיגן אין אַ ריזיקן קעלער, געדיכט אָנגעפּאַקט מיט אומ־רואיקע מענטשן, ווי אַן אויפגעברויזטע מאַסן־דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן זיך געשטעלט אין ריי פאַר דער קאַסע אויסצובייטן גרעסער געלט פאַר ניקלס, אַריינצווואַרפן אין די קליינע שפּאַלטן פון די מאַשינען אין די ווענט, וואָס גיבן אַרויס פאַרשיידענע שפּייזן, אויך מילך און קאַווע, דורך אונטערשטע טירלעך.

אָנהייבנדיק זוכן אַ פּלאַץ וואו זיך אַוועקצוזעצן, שטופּנדיק, בויערנדיק זיך אַן אָרט צווישן געדיכט־געפּאַקטן עולם, מיט די באַלאָדענע טאַצן אין די הענט — האָט אַ מענטשנכוואַליע איינגעשלונגען מענדלען.

— שוין ווידער פאַרלוירן געוואָרן! — האָט שלמה שיער אַרויס־געלאָזט פון פאַרדרוס די טאַץ פון דער האַנט. ער האָט אים שנעל אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן אין ים קעפּ און אים ניט געזען. נו, אַ מענטש האָלט אין איין פאַרלוירן ווערן. ער איז דאָך געשטאַנען לעבן אים און אָט איז ער שוין ניטאָ. פון אונטער די הענט איז ער אים ניט געוואָרן.

שלמה האָט געפונען אַ שטיקל אָרט אויף אַ טיש וואו מען קאָן עסן שטייענדיק. ער האָט אומעטיק געקייט זיין „סענדוויטש" און געזופּט די קאַלטע קאַווע.

ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון פאַרשיידענע פּנימער, נאָר ס'איז אויף זיי ניט געווען קיין סימן פון זיין פריינט מענדל — גיי געפין אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי.

שנעל אָפּגעגעסן, איז ער אַרויס אויף דער גאַס. געשטאַנען אַ לאַנגע צייט ביים אַריינגאַנג. אויב מענדל זוכט אים, וועט ער דאָך מוזן אַרויס־קומען דורך דאַנען. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער אפשר וועט ער אים דערזען צווישן אַרויסשטראָמענדיקן און אַריינשטראָמענדיקן עולם, וואָס האָבן זיך שנעל „איבערגעטאַשט" ווי קאָרטן אין די הענט פון אַ פלינקן שפּילער — נאָר מענדל איז ניטאָ, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען. אַזוי קומען אים אָפּט אַקעגן רויטהאָריקע. איצט, כאָטש גיב אַ מיליאָן פאַר אַ רויטן קאָפּ.

ער איז געוואָרן מיד אויף די פיס און צוריק אַראָפּ אין אויטאָמאַט, אויסגעקעמט מיט די אויגן יעדעס ווינקעלע וואָס איז געווען געדיכט אָנ־געפּאַקט מיט מענטשן — נאָר מענדל איז ווי אין וואַסער אַריין.

אַ מידער, אַן אַנטוישטער, האָט שלמה זיך געלאָזט צום סאָבווײ און געטראַכט, צי זאָל ער דערציילן מערין אַז ער האָט צופעליק אַנגעטראָפן איר אַמאָליקן פאַרערער און אים באַלד צוריק פאַרלוירן און אפשר זיך גאָרניט אָנהייבן מיט איר? זי וועט אים נאָך באַשולדיקן אַז ער איז נאָך איצט אויך אייפערזיכטיק און אים דערפאַר ניט איינגעלאַדן אין הויז.

ער וועט איר נאָך געבן פרישע אַמוניציע פאַר אירע נייע קריגערישע אויסברוכן. בעסער שווייגן. נאָך וואָס צערודערן אירע נערוון?

און ווען וועט ער אים שוין ווידער אַמאָל זען, זיין פריינט? ווער ווייסט? ס׳קאָן אָבער אויך זיין אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען ביידע וועלן שוין זיין גרוי און געבויגן, וועלן זיי זיך, אין אַ רוישיקער גאַס, ווידער צופעליק קומען אין פנים אַריין.